STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00911

# A HOYZ OYF GZSHIBOV

David Flinker

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Lieutenant Colonels Sidney & Elizabeth Paul*
*in memory of*
*Sophie Paul*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד פלינקער

# א הויז אויף גזשיבאָוו

די הכנסה פון דעם בוך איז באשטימט
פארן הילפס־פאָנד פון פוילישע יידן.

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו


## ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו: מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן ־ י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש
6) זרובבל: באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין: אין אַ ליטעראַרישער שטוב
8) ד״ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (איינדרוקן פון אַ רייזע)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די ייִדן־שטאָט לובלין
12) ישראל אפרת: הימלאָזע ייִדן
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר

## עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

ד״ר הלל זיידמאַן: טאָג־בוך פון וואַרשעווער געטאָ.
נח גריס: קינדער־מאַרטיראָלאָגיע
חיים גראַדע: „פּליטים" (פּאָעמעס און לידער)
פרידע זרובבל: נע־ונד (פאַרצייכנונגען פון אַ פּליטה)
ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (זכרונות פון ווילנער געטאָ)
מרדכי שטריגלער: אויסגעלאָשענע ליכט (מאַידאַנעק)
יעקב לעשטשינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
ר. שושנה־קאַהאַן: אין פייער און פלאַמען (טאָג־בוך)
ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט

## עס גרייט זיך צום דרוק:

נחום סאָקאָלאָוו: פּויליש־ייִדישע פּערזענלעכקייטן
טאַניאַ פוקס: אַ וואַנדערונג דורך אָקופּירטע לענדער
ד״ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון ייִדן אין וואַרשע
ד״ר יצחק שיפּער: ייִדן אין אַלטן פּוילן
צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו: יצחק קאַצענעלסאָן
זלמן וואַסערצוג: יאַנוש קאָרטשאַק
א. ל. שוסהיים: סילועטן און עפּיזאָדן פון גאַליציע
שמואל צעסלער: זאַבלודאָווע — די לעגענדע פון אַ ייִדיש שטעטל

דוד פלינקער

# א הויז אויף גזשיבאוו

ראָמאן

איילוסטראַציעס? 

אײַנלייטונג פון
ז. סעגאלאָוויטש

ארויסגעגעבן דורכן
צענטראל-פארבאנד פון פוילישע יידן אין ארגענטינע
פארלאגס-לייטונג: אברהם מיטלבערג
בוענאָס איירעס, 1947

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
COPYRIGHT BY
D. FLINKER, TEL AVIV

David Flinker

# A HOIS OIF GRZYBOW

(Una casa en la calle Grzybow)

Buenos Aires, 1947

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
INDUSTRIA ARGENTINA

* * *

דוד פלינקער פאַרדעקט אויף אַ רגע מיט זיינע בוך-זייטן דעם גרויסן באַרג אַש, וואָס איז פאַרבליבן פון די לעבנס, וועלכע ער באַשרייבט אין „דאָס הויז אויפן גזשיבאָוו”. ער עפנט די טירן פון אַ לעבעדיק הויז, ער פירט אונז אין די חדרים אַריין, ער ווייזט אונז די געשטאַלטן, מיר הערן זייער שפּראַך. דוד פלינקער קען די שפּראַך פון זיינע העלדן, ער ווייסט זייער נשמה און יעדעם ווינקעלע פון זייער סביבה. ער ווייסט זייערע מענטשלעכע שוואַכקייטן און ער ווייסט אויך זייערע גייסטיקע נסיונות. ער איז אַ נאָענטער פון זיי און אַן אייגענער. ער איז דער יורש פון זיי, דער יורש פון זכרונות...

די אַלע יענע יידישע שרייבערס פון פוילן, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון פייער, זיי אַלע האָבן די זעלבע ירושה און מען מוז גלייבן, אַז קיין איינער פון זיי וועט די ירושה נישט פאַרשווענדן און נישט פאַרנאַכלעסיקן. דאָס איז דאָך דאָס איינציקע וואָס עס איז אונז פאַרבליבן: דערציילן און דערמאָנען. אויף דורות איז פאַראַן צו דערציילן... אין פלינקערס בוך געפינט זיך אַ שטאַרקער הויפּט־שטריך, וועלכן מען דאַרף גוט אָנזען און אונטערשטרייכן. דאָס איז דער מאָמענט, ווי אַזוי די אַלע יידן, וועלכע יאָגן זיך אַזוי ביטער נאָך פרנסה און אויך די וועלכע ווערן רייך און גאָר רייך, ווי אַזוי די זעלבע יידן ווילן אַוועקגיין פון דער וואָכעדיקייט, ווי זיי זוכן שטענדיק דאָס ביסל גייסטיקייט אַלס דעם בעסטן שותף...

ווען נישט די גייסטיקייט וואָלט דאָך נישט געווען וועמען צו דערמאָנען.

די אַלע געראַטעוועטע יידישע שרייבער, וועלכע זענען געבוי־

רן געוואָרן אין די פאַרברענטע שטעט און שטעטלעך און זיך אויס־געהאָדעוועט אויף יענע גאַסן און געסלעך; די אַלע, וואָס האָבן זיך אָנגעהערט אין זייער יוגנט מיט אונזערע זיפצן און מיט אונזערע זמירות, זיי די יורשים פון דער פאַרפייניקטער צום טויט יידישער נשמה, זיי באַדאַרפן איצט אָפּגעבן אַ דין וחשבון פון דורות פאַר דורות...

דוד פלינקער איז איינער פון די גערעכטעוועטע יידישע שרייבער. ווען זיין הויפּט־העלד פון „דאָס הויז אויף גזשיבאָוו" ר' לייזער ווערט אַלץ רייכער און אַלץ מער פאַרפּלאָנטערט אין זיינע געשעפטן, דערפילט ער, אַז די רייכקייט דערדריקט אים, לויפט ער צום רבין:

— רבי! איך קאָן נישט דאַווענען, איך קאָן נישט לערנען, איך ווער פאַרשוואַרצט פון מיינע געשעפטן.

אויף דעם פרעגט דער רבי:

— וויפיל נפשות לעבן אַרום דיינע געשעפטן?

— ביי אַ צוויי הונדערט...

— טאָ פאַר, לייזער, אהיים און פיר וויטער דיינע געשעפטן, צו־ליב צוויי הונדערט נפשות לוינט פאַרשוואַרצט צו ווערן...

און צוליב זעקס מיליאָן קדושים לוינט אַריינצוקריכן מיט לייב און לעבן אין דעם אַש פון די פאַרברענטע און זוכן די געלייטערטע פינקען פון דער יידישער נשמה...

ז. סעגאַלאָוויטש

תל־אביב, נאָוועמבער 1946

ערשטער טייל

# א הויז אויפן גזשיבאָוו

קאפיטל 1

# אַ זכיה

אַ פאַררויטלטער פון לייכטן פרעסטל, וואָס האָט זיך היינט גע־שטעלט, אָנגעטון אין אַ שווערן ווינטער־פּאַלטן, מיט אַן אַרויפגעשטעלטן סאַמעטענעם קאָלנער, דעם האַלדז אַרומגעוויקלט מיט אַ גראָב וואָלן טוך, עפנט נאָטע שרה־לאה קאַצקערינס די טיר פון חסידים־שטיבל אויף פראַנצישקאַנער.

אַ גוטע וואַרעמקייט גייט אים אַנטקעגן און נאָטע שרה־לאה קאַצ־קערינס טוט זיך אַ רייב אַ צופרידענער דאָס קליינע שוואַרצע בערדל און זאָגט ווי צו זיך אַליין און גלייכצייטיק צו דער גאַנצער וועלט:

— אַ מחיה, ממש אַ מחיה...

נאָטע איז פון זיך צופרידן. ער קומט היינט צוריק פון רבין. איי, איי, ווי דערוואַרעמט זיך דאָרט אַ ייד די ביינער ביים רבינס טיש. איצט מעג ער שוין פאָרן אַהיים קיין קאַליביעל. די וואַרעמקייט פון רבינס טיש וועט סטאַיען אויף לאַנגע וואָכן.

— נאָטע —פלעגט מען צו אים אין קאַליביעלער בית־המדרש זאָגן— פון רבינס שטעטל פאָרסטו דאָך דורך וואַרשע, איז ווי פאַלט אַ ייד נישט איין כאָטש אַ קוק צו טון אויף ר׳ לייזערס געשעפט?

איצט וועט ער זיי זאָגן:

כ׳האָב געזען. בנאמנות, ווי געזען...

אוודאי איז עס אים נישט לייכט אָנגעקומען. אַך, די וואַרשעווער גאַסן!... אַזאַ טומל און אַזאַ גערויש שטענדיק אויף זיי, אַז זיי פּלאָנטער; זיך פאַר נאָטעס אויגן יעדעס מאָל, ווען ער קומט קיין וואַרשע, מיש;

זיך אוים און פארדרייען זיך איינע אין די אנדערע, אז א מענטש ווייסט ממש נישט, ווו זיך צו קערן און ווו צו ווענדן.

האט נאטע אנגעכאפט עפעס א יידישן יונגנמאן אין דער גאס און צו אים געזאגט:

— זייט אזוי גוט, ר׳ ייד, אפשר קאנט איר מיר ווייזן, ווו עס איז ר׳ לייזערס געשעפט.

— קומט מיט מיר — האט יענער געענטפערט — איך גיי דארט.

נאטע שרה־לאה קאצקע׳ינס האט גענומען שטעלן איילעוודיקע טריט, כדי נישט צו פארלירן זיין וועג־ווייזער און דערוויל געפונען פאר נויטיק זיך פארצושטעלן:

— איך בין פון קאליביעל... נאטע שרה־לאה קאצקערינס פון קאליביעל רופט מען מיך, שוין אפילו נישט ס׳ערשטע מאל אין ווארשע... נאר די שטאט איז אזוי גרויס אן עין הרע, אזוי פיל גאסן און אזא געפאר, אז ס׳הייבט אן מישן אין קאפ און שווינדלען פאר די אויגן... איז א יישר־כח אייך, וואס איר פירט מיך צו...

גייט מען א שפאר שטיקל וועג און דא זאגט דער יונגערמאן:

— אט דא איז עס, ר׳ ייד...

— שוין! — חידושט זיך נאטע שרה־לאה קאצקערינס פון קאליביעל און קוקט מיט פארוואונדערטע אויגן ארום זיך — אט דא טאקע?...

— נו, יא — ווערט שוין דער פרעמדער אומגעדולדיק — איר זעט דאך די שילד — גייט אריין...

נאטע האלט פעסט דעם פרעמדן יונגנמאן ביים ארבל, ווי ער וואלט מורא געהאט, אז זיין וועגווייזער וועט אים פלוצים אנטרונען ווערן, ער לייענט לאנגזאם די שילד און זאגט ווי צו זיך אליין:

— טאקע דא איז עס...

ווערט דער פרעמדער שוין גאר אומגעדולדיק. ער פרווט באפרייען זיין ארבל פון דעם יידם האנט און רעדט שוין פארדראסיק:

— נו, איך האב דאך שוין איינמאל געזאגט, אז דא. איר דארפט דאך צו ר׳ לייזערן, טא גייט אריין.

— איך? צו ר׳ לייזערן?! — קוקט נאטע מיט דערשטוינטע אויגן אויף זיין וועגווייזער — סארע עסקים האב איך, נאטע שרה־לאה קאצקע־

רינס פון קאַליביעל, מיט ר׳ לייזערן?!... אפשר קאָנט איר מיר זאָגן, ר׳ ייד?

— איך ווייס נישט, סאַרע עסקים איר האָט — קוקט דער פרעמ־דער מיט אומגעדולד אויפן זייגער — אָבער איר האָט דאָך געזאָגט, אַז איר דאַרפט...

— אַ שיינע מעשה, בנאמנות אַ שיינע מעשה! — לאָזט אָפּ דער ייד דעם יונגנמאַנס אַרבל און נעמט אין האַנט זיין קלאַפּע און גייט מיט אַמאָל איבער צו אַן אַנדער טעמע — איר זענט אַ וואַרשעווער?

— זאָל זיין אַ וואַרשעווער — ברומט דער פרעמדער שוין בייז אַרויס.

— באַלד פאַרשטאַנען — זאָגט נאָטע ווי צו זיך אַליין — שטענדיק איילן זיי זיך די וואַרשעווער, האָבן נישט קיין צייט מיט אַ ייד אַ וואָרט אַרויסצורעדן... בלאָזן זיך... מיוחסים!...

— אָבער כ׳האָב באמת קיין צייט נישט, ר׳ ייד...

— וואַרט זשע אַ מינוט... איז וועגן וואָס האָבן מיר גערעדט? אַהאַ! וועגן מיינע עסקים מיט ר׳ לייזערן!... כאַ־כאַ.. אַז כ׳וועל אַהיימ־קומען קיין קאַליביעל און וועל זיי דערציילן, אַז אַ וואַרשעווער ייד האָט מיך, נאָטע שרה־לאה קאַצקערינס פון קאַליביעל, געפרעגט וועגן מיינע עסקים מיט ר׳ לייזערן, וועט דאָך די שטאָט גיין אויף רעדער!... ווי איר זעט מיך אַ ייד, — אויף רעדער!...

ווערט שוין דער פרעמדער יונגערמאַן אַליין נייגעריק און פרעגט:

— אָבער איר האָט דאָך מיך אַליין געבעטן אייך צו ווייזן דעם וועג...

— נו, וואָס פאַרשטייט איר נישט — לאָזט אָפּ דער ייד דעם פרעמדנס קלאַפּע און נעמט מיט ביידע הענט אָן זיין שוואַרץ בערדל און רעדט מיט אַ גמרא־ניגון — אַז כ׳בין שוין דאָ אין וואַרשע, און עס איז נאָך געבליבן אַ פּאָר שעה צו דער פור, פאַרוואָס־זשע זאָל איך נישט גיין אָנקוקן מיט מיינע אייגענע אויגן ר׳ לייזערס געשעפט?!

דער פרעמדער יונגערמאַן פּרוווט מיט דער האַנט עפענען די שווערע דעמבענע טיר פון ר׳ לייזערס געשעפט.

— איין מינוט נאָך! — כאַפּט אים נאָטע ווידער אָן ביים אַרבל — אַך, יידן, יידן האָבן קיינמאָל קיין צייט נישט... זייט זשע מוחל — אויב

ס׳איז נישט קיין סוד— און איר האָט טאַקע יאָ געשעפטן מיט ר׳ לייזערן?!...

— איך אַרבעט דאָרט — זאָגט דער יונגערמאַן.

— וואָס? איר? ביי ר׳ לייזערן?!

— נו, יאָ...

— נע, נע, וואָס אין דעם וואָרשע פּאַסירט אַלצדינגז! זיי וועלן דאָך מיר נישט גלויבן אין קאַליביעל... אַזאַ מעשה! אַרבעט איר אַליין טאַקע ביי ר׳ לייזערן?!

נאָטע וואַקלט זיך אַ ווײַלע און דאַן פרעגט ער:

— כ׳מיין, אויב ס׳איז נישט קיין סוד, וואָס טוט איר דאָרט ביי ר׳ לייזערן, כ׳מיין, ס׳זאָל אייך, חלילה, נישט פאַרדריסן...

— ס׳איז נישט קיין סוד — שמייכלט דער פרעמדער יונגערמאַן— כ׳אַרבעט ביי די ביכער...

— ביי די ביכער? —גלויבט נישט נאָטע קאַליביעלער זיינע אייגענע אויערן— ביי ר׳ לייזערס ביכער?! אוווא! וואָס אין אַזאַ וואָרשע הערט מען זיך אַלץ אָן!...

נאָטע קוקט מיט לאַנגע פאַרשנדיקע בליקן אויף דעם נידעריקן דאַרן יונגנמאַנטשיק אין די ברילן. עפּעס קאָן דאָס אַלץ זיין מוח נישט תופס זיין. עפּעס איז דאָ אים קשה. אין קאָפּ שווינדלט אים, ווי ער וואָלט אַריינגעפאַלן אין סאַמע מיט פון עפּעס אַ גרוים געפאָר. ער קאָן נישט אָפּרייסן זיינע אויגן פון דעם יונגנמאַנטשיק, וואָס שטייט פאַר אים. ער צעעפנט נאָך ברייטער זיינע אויגן און פרעגט:

—און איר זעט אים, ר׳ לייזערן?

— געוויס.

— יעדן טאָג ?

— יעדן טאָג.

— און ער רעדט צו אייך?...

— ווי דען, געוויס רעדט ער...

נאָטע שרה־לאה קאָצקערינס ווערט פאַרשטומט. ער קאָן שוין מער נישט פרעגן. ער האָט שוין מער נישט וואָס צו פרעגן. אין מוח איז עפּעס אַ פּוסטקייט. אַלע שאלות זענען מיטאַמאָל אין קאָפּ, ווי צעשראָקענע פייגל אַנטרונען.

ער קוקט נאָכאַמאָל אָן דעם וואַרשעווער יונגנמאַנטשיק אָן אַ חתימת זקן, ווי ער וואָלט זיך וועלן איבערצייגן, אַז דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געזען און געהערט, איז נישט געווען עפּעס אַ חלום, אַז דאָס אַלץ האָט טאַקע פּאַסירט מיט אים, נאָטען פון קאָליביעל, אויף דער וואָר. ערשט נאָך אַ לאַנגער ווײַלע קומט ער צו זיך און זאָגט צו זיך אַליין:

— אַזאַ זכיה, אַזאַ זכיה פון אַ ייִד — צו אַרבעטן ב י י ר׳ לייזערן...

דער פּרעמדער יונגערמאַן הערט שוין נישט נאָטעס לעצטע ווערטער. ער פאַרשווינדט הינטער דער שווערער דעמבענער טיר פון ר׳ לייזערס געשעפט. נאָטע באַמערקט עס צומאָל נישט. ער איז צופיל פאַרנומען מיט דעם, וואָס ער האָט נאָר וואָס געזען און געהערט. לאַנג דרייט ער זיך אַרויף און אַראָפּ אויפן שמאָלן גזשיבאָווער טראָטואַר. ער קאָן נישט אָפּרייסן די אויגן פון דער גרויסער מעשענער שילד, אויף וועלבער עס איז מיט גויאישע אותיות אויסגעקריצט ר׳ לייזערס נאָמען.

ער קאָן נישט אָוועקרוקן זיך פון אָרט און פאַרגעסט, אַז די פור קיין קאָליביעל וועט אויף אים נישט וואַרטן און ער וועט נאָך מוזן באַצאָלן 20 קאָפּיקעס העקסעלמאַנען אויף דער נאַוואַליפּיע פאַר איבערנעבטיקן.

די פור האָט אויף נאָטען טאַקע נישט געוואַרט. ער האָט געמוזט העקסעלמאַנען באַצאָלן גאַנצע 20 קאָפּיקעס, אַ פּרוטה נישט ווייניקער, אָבער עס האָט אים נישט געאַרט.

איז ער אין אָוונט אַוועק אין שטיבל. די קעסט־אײדעמס, וואָס זענען צוזאַמען מיט אים געווען שבת ביים רבין, האָבן אים פאַרוווּנדערט געגעבן שלום־עליכם און געפרעגט:

— האַ, נאָטע... ביסט נישט געפאָרן קיין קאָליביעל?...

— ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט — האָט נאָטע געגעבן אַן אויסמיידנדיקע תשובה. ער האָט זיי נישט דערציילט וועגן זיין גיין צו ר׳ לייזערן. ער האָט נישט קיין צוטרוי געהאַט צו זיי, די וואַרשעווער קעסט־אײדעמס. זיי זענען אָפּלאַכער און האַלטן זיך פאַר מי יודע וואָס!...

אינגאַנצן אָבער נישט רעדן וועגן ר׳ לייזערן האָט ער אויך נישט געקאָנט. האָט ער גענומען זיי אויספרעגן וועגן די וואַרשעווער חסידישע

גבירים, און די יונגעלייט האָבן גלייך אָנגעהויבן דערציילן אויסטערלישע מעשיות וועגן ר׳ לייזערס עשירות און וועגן זיין חכמה און חסידות.

נאָטע איז געזעסן מיט אַ האַלב־אָפן מויל און געשלונגען די רייד. ער האָט פאַר זיך געזען שטיין דעם פרעמדן דאַרן יונגנמאַנטשיק מיט די גרויסע ברילן, אָן אַ חתימת־זקן, וואָס אַרבעט ביי ר׳ לייזערס ביכער און ער האָט צו זיך געמורמלט:

— אַזאַ זכיה, אַזאַ זכיה...

קאַפּיטל 2

# מיט 40 יאָר צוריק

נאָטע שרה־לאה קאַצקערינס איז אַריינגעפאַלן אין שטיבל אין אַ פּראָסטן מיטוואָך. האָט ער בלויז געהערט רעדן די „שנעקעס", די יונג־געלייט. ער וואָלט אָבער שוין גאָר צעדרודערט געוואָרן, ווען ער הערט רעדן די „אַלטע קאַצקער" וועגן ר׳ לייזערס עסקים.

שבת צו נאַכטס נאָך דער מלוה־מלכה איז אין חסידים־שטיבל די שטימונג גאָר אַ געהויבענע. אַ מחיהדיקע וואַרעמקייט נעמט אַרום נישט בלויז דאָס לייב, נאָר אויך דאָס נפש. דער טעם פון דער קאָכעדיקער זופּ ליגט נאָך אין מויל. די קאַלטע געפילטע פיש האָבן געשמעקט ווי פון לויתן, און דער מעד האָט געהאַט אַ טעם פון יין המשומר. אַ צעוואַרעמ־טער זינגט דער עולם די זמירות, ווי דוד המלך וואָלט מיט זיין פידעלע צונעשפּילט. די אַטלאַסענע קאַפּאָטעס און די הויכע שטריימלעך גיבן פון זיך אַרויס נשמה־יתרהדיקע ריחות. ר׳ שמחהלע חסיד פאַררויכערט דעמאָלט זיין גרויסע שוואַרצע לולקע־ציבעק, וואָס ער האָט באַקומען אַ מתנה פון ר׳ לייזערן. ער הייבט אָן צו גיין אַ „פּאַרקאַכטער" אַרויף און אַראָפּ איבערן שטיבל. דאָס פּנים פלאַמט, די באָרד און פּיאות זענען צעפלאָשעט. מען זעט בחוש, אַז ער איז איצט גאָר אין אַנדערע עולמות.

ווערט אַנטשוויגן דאָס געזאַנג. די פּנימער פון די יונגעלייט זענען קאָנצענטרירט. זייערע אויגן קאָנען זיך נישט אָפּרייסן פון ר׳ שמחהלעס צעפלאַמט פּנים.

ר׳ שמחהלע זעט נישט זייערע בעטנדיקע אויגן. ער איז נאָך אַליין פאַרטון מיט זיך. פון דער לולקע־ציבעק רייסן זיך אַרויס וואָלקנס רויך, וואָס הילן איין דעם איינגעבויגענעם ר׳ שמחהלע, ווי אין אַן עמוד העשן. מיטאַמאָל שטעלט ער זיך אָפּ ביי די יונגעלייט, קוקט אויף זיי, אָבער זיינע אויגן זעען איצט אַנדערע מענטשן, אַנדערע געשטאַלטן. די זכרונות פון אַמאָל צענעמען אים אינגאַנצן. פילן אַן אַלע זיינע אברים און חושים. ער קאָן זיי מער נישט איינהאַלטן אין זיך. די ווערטער רייסן זיך אַליין אַרויס פון זיין מויל.

— אַך, וואָס ווייסט איר, שניעקעס, וואָס ווייסט איר... אַ יום־טוב־דיקע וועלט געווען!... נישט געווען קיין וואָכעדיקייט, נישט געווען... אין קאָצק איז אַ פּראָסטער מיטוואָך געווען הייליק. קאָצק!...

דער קלאַנג פון די ווערטער „קאָצק" מאַכט אויפציטערן די הער־צער פון די חסידישע יונגעלייט. זייערע שוואַרצע אויגן צעברענען זיך, ווי דאָס פייער פון קאָצק וואָלט זיך אין זיי אָנגעצונדן.

טיילמאָל קומט ר׳ לייזער אַליין אַראָפּ נאָך דער מלוה־מלכה אין שטיבל. דאַמאָלס האָט ר׳ שמחהלע חסיד זיך ליב מיט אים אויסצו־שמועסן.

— געדענקסט נאָך לייזער יענע צייטן? געדענקסט?...

ר׳ לייזערס פּנים גלייכט זיך אויס פון די טיפע קנייטשן, עפּעס אַ קינדישער שמייכל צעלייגט זיך אין זיינע גראָע אויגן. ער זאָגט שטיל ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט:

— מען מוט זיך נישט צו פאַרגעסן, שמחהלע, מען מוט זיך...

— האַ, צייטן געווען!... —קלאַפּט שמחהלע חסיד מיטן לולקע ציבעק איבערן טיש— אַזוינע צייטן!... לייזער וואַרשעווער האָט מען דיך נאָך דאַמאָלס גערופן, געדענקסט?... געמיינט נאָך דאַמאָלס, אַז עס וועט פון דיר זיין אַ לייט... און ווי לאַנג איז עס?... ערשט מיט פערציק יאָר אינגאַנצן צוריק... געדענקסט, לייזער?...

צי ער געדענקט? אוודאי געדענקט ער, לייזער. ווי קאָן מען אַזעלכע זאַכן נישט געדענקען. דער רבי פון גער, זכרונו לברכה, איז נאָך גאָר אַ יונגערמאַן געווען. ר׳ איטשע מאיר וואַרשעווער האָט מען אים נאָך דאַ־

מאָלם גערופן. ר׳ משה חלפנס איידעם... און זיין בר פלוגתא ר׳ יעקל איז נישט עלטער געווען פון אים. אוי, אוי, וואָסערע צייטן זענען עס דאַמאָלס געווען. דאָס ליכט פון תורה האָט אין וואַרשע געשיינט. ר׳ איטשע מאיר און ר׳ יעקל. ביידע זענען געזעסן יום ולילה על התורה ועל העבודה. אַרום ביידע האָבן זיך געזאַמלט יונגעלייט — שאַרפע קעפּ, לומדים און עילויים. ביידע האָבן געלעבט אין גבירישע יידישע שטיבער.

אויף „אייביקע קעסט" איז ר׳ איטשע מאיר געזעסן אין זיין שווער ר׳ משה־חלפנס שטוב. ר׳ משה חלפן האָט געמאַכט גרויסע עסקים מיט די פּוילישע פּריצים, האָט ביי זיי געקויפט וואַלד און געבאָרגט געלט.

ר׳ שמעון, ר׳ יעקלס שווער ווידער האָט געהאַט צו טון מיט די צאַרישע שררות, מיט די קאַצאַפּישע פּולקאָווניקעס און גענערעלער. זיי האָבן זיך נאָך נישט געפילט גוט און זיכער אויף דער פּוילישער ערד. זיי האָבן געמוזט אָנקומען צו אַן אָרטיקן, וואָס זאָל זיי העלפן. זיי האָבן געוואוסט, אַז יעדער פּוילישער פּריץ האָט „זיין ייד", וואָס פירט אים די עסקים. האָבן זיי אויך אַזוי געטון און זיך אויסגעזוכט יידן, וואָס האָבן זייערע געשעפטן באַזאָרגט. איינער פון די דאָזיקע יידן איז געווען ר׳ שמעון. ער האָט צוגעשטעלט די צאַרישע שררות כל־ערליי „פּאַדריאַדן" און אפילו קאַזאַרמעס געבויט פאַר זייערע זעלנער.

פאַרנומען שטענדיק מיט זייערע געשעפטן, איז אָבער נישט ר׳ משה חלפן און נישט ר׳ שמעונען געקומען אויפן געדאַנק, חלילה, מבטל צו מאַכן זייערע איידעמס פון לערנען און אַריינצוציען זיי אין זייערע עסקים.

גאָר אין די מינוטן, ווען עס איז נישט טאָג און נישט נאַכט, פלעגט ר׳ משה חלפן אַריינקומען אין תורה־חדר פון זיין איידעם און אים כלאחר יד דערציילן פון זיינע עסקים. אין די דאָזיקע געציילטע מינוטן איז אפילו ר׳ משה חלפנס ווייב, די פּקחית שרהלע, אַריינגעקומען און שטייענדיק ביי דער טיר זיך צוגעהערט צו די שמועסן. נאָך איר איז אַריינגעקומען. די שטילע פייגעלע, ר׳ איטשע־מאירס ווייב, האָט זיך אָוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, און טיילמאָל אפילו צוגעוואָרפן אַ וואָרט.

אַזוי אַרום האָט ר׳ איטשע־מאיר זיך דערוווּסט, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, האָט געקאָנט יעדן פּריץ און זיין טועביץ, האָט זיך דער־וווּסט זייערע שוואַכקייטן און זייערע מעלות.

ר׳ משה חלפן האָט אַמאָל לאַנג גערעדט אויף די סוחרישע שמועסן מיט זיין איידעם. טיילמאָל זענען די עסקים געווען זייער פאַרוויקלט און פאַרפּלאָנטערט. ר׳ משה חלפן האָט זיך קיין עצה נישט געקאָנט געבן. זיין איידעם איז גענוג געווען צו הערן נאָר אַ ווינק און ער האָט מיט אַ וואָרט צוויי אויפגעקלערט דעם פאַרפּלאָנטערטן עסק. דאַמאָלס האָט זיך ר׳ משה חלפן גערעכט, אַז עס איז אים מיטאַמאָל ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. ער האָט שוין געוווּסט, וואָס ער האָט צו טון, ער האָט אויפגעהערט צו בלאָנדזשען אין דער פינסטער. זיין איידעם האָט אים אַרויסגעפירט אויפן גלייכן וועג.

די קלוגע שרהלע האָט זיך גאָר שטאַרק געמישט אין איר מאַנס געשעפטן. נישט שטענדיק האָט זי מסכים געווען מיט איר מאַן. אָבער ווען איר ר׳ איטשע מאיר האָט געזאָגט זיין וואָרט, האָט זי געוווּסט, אַז אַזוי דאַרף עס זיין.

ר׳ שמעון האָט זיך נישט אַנדערש געפירט מיט זיין איידעם. ער האָט אים דערציילט וועגן זיינע שמועסן און עסקים מיט די צאַרישע גענעראַלן. ר׳ יעקל האָט געהאַט אַ שאַרפן קאָפּ. אויך פאַר אים איז גענוג געווען בלויז אַ ווינק און ער האָט שוין ס׳איבעריקע אַליין פאַרשטאַנען. ער האָט פאַרשטאַנען די דרכים פון די צאַרישע שררות, ער האָט זיך פונאַנדערגעקליבן אין דער קאַץ־און־מויז־שפּיל, וואָס זיי פירן מיט די פוילישע פּריצים און ער האָט זיין שווער אין קלאָרע ווערטער געזאָגט, ווי ער האָט זיך מיט זיי צו פירן.

מיט ביידע „קעסט־איידעמס" האָט זיך דאָס יידישע וואַרשע געגרויסט, האָט באַוווּנדערט זייערע לומדות און דערציילט נסים ונפלאות פון זייער חכמה.

אָפט פלעגן זיי איינער קומען צום אַנדערן. האָט ר׳ יעקל מחדש געווען עפּעס אין לערנען, פלעגט ער עס קודם כל ברענגען צו ר׳ איטשע מאירן, און האָט ר׳ איטשע מאיר פאַרענטפערט אַ הארבן רמב"ם, איז ר׳ יעקל געווען דער ערשטער, וואָס האָט עס געהערט. שעהן לאַנג האָבן זיי זיך מפלפל געווען, האָבן זיך גענומען צו הילף די ראשונים ואחרונים און זייערע תלמידים זענען געשטאַנען און געשעפּט כוח פון דעם ליכט פון תורה, וואָס האָט אויף ביידעם פנימער געלויכטן.

ווען דער לומדישער שמועס איז געוואָרן פּאַרענדיקט, איז מען אַרי־בערגעגאַנגען צו „וועלט־זאַכן". ר' יעקל האָט דערציילט וועגן די צאַ־רישע שררות און זייערע פּלענער און ר' איטשע מאיר — וועגן די פּוי־לישע פּריצים און זייערע דאגות.

ק א פּ י ט ל 3

# צוויי מתנות

ר' איטשע מאיר און ר' יעקל האָבן אַזוי פיל פאַרברענגט צוזאַ־מען, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי קאָנען איינער אָן דעם אַנדערן נישט אויסקומען, נישט לעבן. האָט מען זיי אין שטאָט געהאַלטן פאַר ידידים נאמנים, פאַר פריינד, וואָס האָבן איינער פאַרן אַנדערן קיין שום סודות נישט. דאָס איז אָבער נאָר געווען אויבנאויפיק. זייערע תלמידים האָבן געוווּסט, אַז ר' איטשע מאיר און ר' יעקל זענען אין דער אמתן שאַרפע בר פלוגתאס, אַנטשידענע קעגנער, וואָס ווילן אַמאָל נאָך פירן צווישן זיך אַ פאַרביטערטן קאַמף.

דאָס, וואָס האָט זיי אָפּגעטיילט איינעם פון אַנדערן, איז נישט גע־ווען זייער שטענדיקער וויכוח אין לערנען. עס איז געווען אָן אַנדערע זאַך, וואָס איז געשטאַנען צווישן זיי. אַ מחיצה, וואָס האָט זיי אָפּגעטיילט איי־נעם פון דעם אַנדערן. אַ וואַנט, וואָס האָט נישט דערלאָזט צו אמתדיקער נאָענטקייט און גוטפריינדשאַפט.

ר' יעקל האָט געוווּסט, אַז תורה איז דער עיקר, איז אַלצדינג; און מיט תורה מיינט מען די גמרא, דעם רמב"ם, דעם שלחן ערוך.

ר' איטשע מאיר האָט אויך געוווּסט, אַז תורה איז דער עיקר, איז אַלצדינג, ער האָט אָבער אויך געוווּסט, אַז דער וועג צו תורה פירט דורך פּשיסכע.

פּשיסכער חסידות איז געווען די מחיצה, די וואַנט, וואָס איז גע־שטאַנען צווישן ר' איטשע מאירן און ר' יעקלען, וואָס האָט זיי אַנ־שטאָט פאַר פריינד געמאַכט פאַר אַנטשידענע קעגנער.

טײלמאָל פלעגן זיי זיך אפילו מתווכח זיין.

...63 ...th ST. B'KLYN 19, N. Y.
ULster 4-3595

א הויז אויף גזשיבאָוו

— איך פאַרשטיי אייך נישט, ר׳ איטשע מאיר —האָט ר׳ יעקל זיך אָנגערופן צו אים נאָכדעם, ווי ער האָט אויסגעהערט ר׳ איטשע מאירס אַ חידוש, וואָס האָט פאַרענטפערט עפּעס אַ גאָר „הארבן" רמב"ם— איך פאַרשטיי אייך באמת נישט... ווי נעמט איר אויף זיך אַזאַ אחריות פון אייער ביטול תורה?...

— מיינע נסיעות קיין פשיסכע זאָלן זיין ביטול תורה? — האָט ר׳ איטשע־מאיר געקוקט מיט גוטע מילדע אויגן אויף זיין קעגנער.

— יאָ, כ׳מיין טאַקע די נסיעות קיין פשיסכע. עס נעמט צו צייט, גאַנצע טעג, דער טלטול־הדרך און בכלל דער גאַנצער אופן... וואָס זוכט איר דאָרט? וואָס דאַרפט איר בכלל זוכן? אַז אַ ייד האָט זוכה געווען, אַז די גמרא שטייט פאַר אים אָפן — וואָס דאַרף ער נאָך מער?...

— זי שטייט נאָך נישט אָפן פאַר מיר, די גמרא —האָט ר׳ איטשע־מאיר געזאָגט— זי שטייט גאָר נישט אָפן...

— איז מען זיך מיגע —האָט ר׳ יעקל זיך געהאַלטן ביי ס׳זייניקע—גיט מען זיך די מי, פאַרטיפט מען זיך נאָך מער אין לערנען, אָבער וואָס האָט עס צו טון מיטן פראַווען חסידות, מיטן פאַרברענגען גאַנצע וואָכן אין פשיסכע, מיט די סעודהלעך, מיטן דערציילן זיך עפּעס מעשיות און בכלל מיט דעם גאַנצן אופן...

— איך וועל אייך זאָגן, ר׳ יעקל —האָבן ר׳ איטשע מאירס אויגן אויפגעלויכטן— אַז עס איז פינסטער אַרום, העלפט נישט דאָס עפענען די גמרא. מען מוז געפינען אַ ליכט. און דאָס ליכט האָט זיך געפונען ביים בעש"ט זכרונו לברכה און ביי ר׳ בער פון מעזריטש און שפּעטער ביי זיינע תלמידים, און איצט לייכט דאָס ליכט אין פשיסכע... מעג מען פאָרן וואָכן לאַנג אויף וועגן און אומוועגן אהין, אבי דאָס ליכט צו געפינען...

די תלמידים פון ר׳ איטשע מאיר און ר׳ יעקל האָבן זיך איינגעטיילט אין צוויי מחנות.

ר׳ יעקלס תלמידים האָבן זיך געהאַלטן שטרענג ביים דרך פון זייער רבין. ביי טאָג און ביי נאַכט זענען זיי געזעסן איבער דער גמרא און רמב"ם. זיי האָבן געוווסט, אַז די תורה איז אַלצדינג, אַז אַ חוץ דער תורה איז אַלץ

הבל הבלים. טאָר מען נישט באַלמוטשען. זיי זענען געווען שטרענג צו זיך און צו אַנדערע. אפילו אין די שבתים און ימים־טובים האָבן זיי נישט מפסיק געווען פון לערנען, און זיי האָבן געקוקט קרום אויף די תלמידים פון ר' איטשע־מאירן.

די תלמידים פון ר' איטשע־מאירן זענען געווען גאָר אַנדערע. אפילו מיטן לערנען געווען אַנדערש. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי קענען זיך גאָר־נישט מיען אפילו ביי דער גמרא, אַז זיי טוען זיך צומאָל נישט ווי ביים תורה־לערנען. זיי האָבן געלערנט מיט שמחה, ווי דאָס לערנען וואָלט אַ שפּיל צי גאָר אַ פאַרגעניגן געווען.

זיי האָבן נישט מורא געהאַט מפסיק צו זיין ביים נעמען אַ גלעזל בראָנפן... ביים גלעזל בראָנפן האָט מען דערציילט מעשיות פון בעש"ט און פון רבי ר' בער און פון חוזה און פון „ייד הקדוש"...

אויף גאַנצע וואָכן זענען זיי געפאָרן קיין פשיסכע. טיילמאָל מיט ר' איטשע מאירן אָן טיילמאָל אָן אים; זיי האָבן דאָרט פאַרברענגט אויף די אכסניות מיט די יונגעלייט פון די אַנדערע שטעט, האָבן דערציילט וועגן דער גדלות פון ר' איטשע־מאירן, האָבן זיך שעהן־לאַנג געדרייט צו הערן איין וואָרט פון ר' מרדכי יוספן, זענען נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט ר' יצחקל וואַרקער, האָבן זיך צוגעהערט צו ר' יחיאל מאירס תהילים־זאָגן און די פּנימער האָבן ביי זיי געפלאַמט, ווען דער רבי ר' בונם האָט תורה געזאָגט...

זיי זענען צוריקגעקומען צעזונגענע, מיט עפּעס אַ ניי חיות, אַלע אברים האָבן עפּעס אַרויסגעגעבן פון זיך פלואידן פון שמחה און פון לע־בנס־פרייד.

די שמחה איז געווען אָן אַנשטעקנדיקע, אַ מיטרייסנדיקע. זיי האָבן אפילו אָנגעשטעקט אַ טייל פון די שטרענגע תלמידים פון ר' יעקלען. איי־נער און נאָך איינער האָבן זיך יונגעלייט פון ר' יעקלס תורה־שטיבל אי־בערגעטראָגן צו ר' איטשע מאירן, זיי האָבן נישט געוווסט וואָס, נאָר עפּעס האָט דאָרט אַהין געצויגן. פון ר' איטשע מאירס בית המדרש האָט געשלאָגן עפּעס אַ מין וואַרעמקייט, עפּעס אַזא יום טובדיקייט, פאַר וועלכער עס זענען קיין ווערטער נישטאָ.

ר׳ יעקל האָט נישט גערעדט, אָבער זיין פּנים איז געוואָרן פאַר־כמורעט, ווען ער האָט געזען, ווי מיט יעדן טאָג טראָגט זיך נאָך עמיצער פון זיינע תלמידים איבער צו ר׳ איטשע מאירן.

איז ער שולדיק? גיט ער ווייניק צייט אָפּ זיינע תלמידים? זענען זיינע חידושים שוואַכער געוואָרן? ניין, ער קאָן זיך אַזאַ פאָרוווּרף נישט מאַכן. ווי נאָך קיינמאָל קומען ארויס זיינע פּירושים קלאָר און שאַרף, ר׳ איטשע מאיר האָט עס אים אַנומלט אַליין געזאָגט... ער זאָרגט פאַר זיינע תלמי־דים. זיין שווער האָט ערשט באַשטימט אַ שיינע סומע אויסצוהאַלטן די אָרימע לערנער מיט זייערע בני־בית... פאַרוואָס־זשע פאַרלאָזן זיי אים? אָט איז היינט אַוועק דער קליינער שמהלע און מיטגעשלעפּט מיט זיך לייזערן און יצחק־בערן... אַזעלכע דריי פייערדיקע קעפּ. אַ שאָד בנאמנות. וואָס וועט פון זיי איצט ווערן?... זיי וועלן אויפהערן לערנען און עוסק־זיין אין סעודה׳לעך, וועלן מיינען, אַז מיטן פאָרן קיין פּשיסכע איז מען יוצא...

ער האָט געהאַט תרעומות אויף ר׳ יצחק מאירן.

— וואָס מיינט ער מיט זיך? וואָס וויל ער פון מיינע יונגעלייט? וויל ער גאַנץ וואַרשע פירן קיין פּשיסכע?...

ער האָט געשיקט רופן צו זיך זיין געוועזענעם תלמיד לייזער:

— וואָס האָט מיט דיר גערעדט ר׳ איטשע מאיר?

— דעם דרך קיין פּשיסכע, רבי...

— ביסטו שוין געווען אויך אין פּשיסכע ?

— יאָ, רבי.

— און וואָס האָסטו דאָרט געפונען?

— ז י ך, רבי...

— און דיינע חברים האָסטו פאַרגעסן? און מיין לערנען פאַרגעסן?...

— חלילה, רבי. מיטן אויבערשטנס הילף וועט מען זיך אַלע טרעפן אין — פּשיסכע.

מער האָט ר׳ יעקל נישט געפרעגט. ער האָט געעפנט די גמרא און זיך באַמיט מער נישט צו טראַכטן פון פּשיסכע.

ק א פ י ט ל 4

# עס ברענט אַ פייער...

דאָס ליכט פון פשיסכע איז פּלוצים פאַרלאָשן געוואָרן. האָט זיך אַ טרויער אויסגעשפּרייט איבער די יידישע ישובים. אַ חשכות איז געווען אין די הערצער. ווער וועט וואָגן נאָך פשיסכע דאָס פאַרלאָשענע ליכט ווידער אָנצוצינדן?

ר׳ איטשע מאירס תּלמידים האָבן שווייגנדיקע און דערוואַרטנדיקע געקוקט אויף זייער רבי. און נישט בלויז זיי האָבן געוואַרט. עס זענען גע־קומען קיין וואַרשע אַלטע פשיסכער. זיי זענען געקומען אין בית־המדרש פון יונגן ר׳ איטשע מאיר, האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע שיעורים, האָבן אויס־געהערט זיינע חידושים און האָבן געוואַרט אויף ז י י ן וואָרט. עס קאָן נישט זיין, אַז דאָס יידישע ליכט איז, חלילה, אויסגעגאַנגען. עס לייכט מסתמא שוין ערגעץ־ווו. נאָר ווו? ווער אויב נישט ער, ר׳ איטשע מאיר, קאָן עס וויסען?... און אפשר דאַרף מען גאָרנישט זוכן? אפשר גייט אויף דאָס גרויסע ליכט טאַקע דאָ אין ד ע ם בית־המדרש?...

און ר׳ איטשע מאיר שווייגט. ער לערנט ווי געוועגלעך מיט זיינע תּלמידים די שיעורים, ער קומט יעדן פרייטיק ווי געוועגלעך נאָך דער מקווה צו יואַלקע שענקער אויפן שילעץ, זופּט לאַנגזאַם פון גלאָז מעד און דערציילט וועגן פשיסכע. אָבער פשיסכע איז ג ע ו ו ע ן . וואָס איז א י צ ט ? ווי לאַנג קאָן מען זיך וואַרעמען ביי דעם ליכט, וואָס איז געווען ?

דער טאָג איז אַ פראָסטיקער. יואַלקע שענקער לייגט צו גרויסע שטשאָפּעס האָלץ אין ברענענדיקן אויוון. אַן ערב־שבתדיקע וואַרעמ־קייט נעמט אַלע אַרום. דער אַלטער מעד צעפלאַמט די פּנימער. ר׳ איטשע־מאיר דערציילט פון פשיסכע. עולם קוקט זיך אַרום. האַ!... ווער וועט זיך אָננעמען מיט קוראַזש און אַ פרעג טון:

— ר׳ איטשע מאיר, אפשר איז שוין געקומען די צייט, אַז איר זאָלט אונדז עפּעס זאָגן פון נ אָ ך פשיסכע ?...

מיטאַמאָל פּראַלט זיך אויף די טיר. אַ פּאַרע פון דרויסנדיקן פראָסט יאָגט אַריין אין דער אויסגעוואַרעמטער שטוב. יאָסעלע מלמד בלייבט שטיין אין מיטן דער שטוב. ער שפּרייט אויס די הענט, פון צווישן זיין צעוואָק־סענער שוואַרצער באָרד און פּיאות קוקט אַרויס אַ קליין פון פראָסט־צעדרויטלט פּנימל. ער שרייט נישט מיט זיין קול, נאָר, חלילה, ווי אַ באַנומענער:

— אין טאַמאַשאָוו ברענט אַ פייער, און דו זיצסט נאָך אַלץ דאָ, איטשע מאיר!...

עולם בלייבט זיצן ווי געליימט. וואַלקע שענקער שטייט אין מיטן שטוב מיט אַ שטשאַפּע האָלץ אין האַנט און ווייסט נישט, וואָס ער האָט דערמיט צו טון. וואָס איז געשען מיט דעם שטענדיק שטילן יאָסעלע? אַ ייד אַ מטופּל מיט קינדער, אַ כבד פּה דערצו, האָט מען אין שטיבל קוים פאַר אים צונויפגעשאַפט עפּעס אַ מלמדות. מען זעט אים קיינמאָל נישט אַרויס צווישן עולם. זעלטן ווען עס האָט אים עמיצער געהערט עפּענען דאָס מויל. און ווי קומט צו אים אַזאַ לשון? און צו וועמען? צו וועמען רעדט ער אַזעלכע דבורים? צו ר' איטשע מאירן, אויף וועמען דער רבי ר' בונם זכרונו לברכה האָט געזאָגט, אַז ער האַלט אין האַנט דאָס ליכט פון תורה? יאָ, אין פּשיסכע איז מען היימיש, מ'טאַנצט צוזאַמען, און מען עסט צוזאַמען פון איין שיסל. פונדעסטוועגן אָבער ווייסט יעדער זיין אָרט, שטופּט זיך נישט צווישן די גרויסע; יעדער ווייסט, ווער ר' איטשע מאיר איז... וואָס־זשע איז געשען מיט דעם קליינעם יאָסעלע? איז ער נאָך חלילה ביים גלייכן געדאַנק?

נאָר ר' איטשע מאיר אַליין וווּנדערט זיך נישט. ער גיסט אָן פאַר יאָסעלע מלמד אַ גלאָז מעד.

— טרינק, יאָסעלע — זאָגט ער — טרינק...

יאָסעלע נעמט דאָס גלאָז אין זיין האַנט. די האַנט ציטערט ביי אים. ער דערמאָנט זיך מיטאַמאָל, ווער ער איז. ער איז איצט צוריק דער שטילער אָרימער מלמד, דער כבד פּה.

— וואָס האָב איך געזאָגט? וואָס האָט זיך מיט מיר געטון?

זיינע צעשראָקענע אויגן זוכן ר' איטשע מאירן. נאָר ר' איטשע מאיר שמייכלט צו אים מיט גוטע, אַלץ־פאַרשטייענדיקע אויגן.

— גרויס מוז זיין שוין דאָס פייער אין טאָמאַשאָוו, אַז אפילו דעם שטילן יאָסעלע האָט עס אַ בריגעטון. צייט אַליין צו פאָרן קיין טאָמאַשאָוו און אַליין צו זען — אַזוי באַשליסט ביי זיך ר׳ איטשע מאיר.

זונטיק באַגינען איז שוין ר׳ איטשע מאיר מיט זיינע מקורבים געזעסן אין אַ גרויסער בויד, וואָס האָט זיך געלאָזט אויפן וועג קיין טאָמאַשאָוו.

אין דער בויד איז געווען ענג און וואַרעם. צופרידענע זענען גע־זעסן די אַלטע „פשיסכער״. זייערע לאַנגע ווייסע בערד האָבן זיך געטריי־סלט ביי דעם שאָקלען זיך פון דער בויד. אין גרויסע גלעזער האָבן זיי גע־טרונקען דעם ברענענדיקען אַקאַוויט. דער בראָנפן האָט איצטער באַקומען דעם זעלבן טעם ווי אין פשיסכע.

— געלויבט דער אויבערשטער! — האָבן זיי איינער דעם אַנדערן צוגעשאָקלט— אבי ס׳איז קלאָר...

די נישט־זיכערקייט פון די לעצטע וואָכן האָט זיי געשראָקן. די סטאַדע האָט ווידער איר פּאַסטוך באַקומען. ר׳ איטשע־מאיר האָט ענדלעך געזאָגט זיין וואָרט. איצט ווייסט מען, ווו מען איז אין דער וועלט. מ׳דאַרף מער נישט בלאָנדזשען. אויפגעהערט צו טאַפּן אין דער פינסטער. טאָמאַ־שאָוו. דאָרט וועט מען קאָנען דערוואַרעמען די געפרוירענע אַלטעביינער. עס דאַכט זיך זיי, אַז שוין אויפן וועג קיין טאָמאַשאָוו פילן זיי דעם ריח פון די פשיסכער סעדער. נע, נע, עס פאָרט זיך גאָר אַנדערש, ווען מ׳ווייסט, אַז דער רבי איז דאָ...

דער יונגער עולם האָט זיך נישט געדאַרפט דערוואַרעמען פונעם אַקאַ־וויט. זייערע יונגע אויגן האָבן געברענט פון דערוואַרטונג. דער קליינער שמחהלע האָט אַריינגעשטופּט זיין האַנט אין לייזער־וואַרשעווערס גאַרטל און יצחק־בער האָט אַנגעשפּאַרט זיין קאָפּ אויף לייזערס אָרעם. און אַלע דריי האָבן אַ ציגעגעבן אַ ניגון. די טענער פון ניגון זענען געווען טרוי־עריק־פאַרטראַכטע און צוגלייך פריילעך־זאָרגלאָזע. אַזוי האָט מען געזונ־גען אין פשיסכע, אַזוי האָט מען געזונגען ביים „הייליקן ייד״, אַזוי האָט מען געזונגען ביים זעער (חוזה) אין לובלין. אַזוי וועט מען ווייטער זינגען אין טאָמאַשאָוו. אין כמלכנו, אין כמושיענו. די אַלטע פשיסכער כאַפּן אונטער דעם ניגון מורמלענדיק צו זיך:

— זע נאָר זע, די שניעקעס... פונוואַנען ווייסן זיי, ווי מען האָט געזונגען אין פּשיסכע — און זיי האָבן מיט הייזעריקע שטימען אונטער־געהאַלטן: — אין כמלכנו, אין כמושיענו...

נאָר ר׳ איטשע־מאיר האָט אַ פאַרטראַכטער אין זיך געשוויגן און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט אַפילו נישט דאָס טרויעריק־פריילעכע געזאַנג.

קאַפּיטל 5

# אין טאָמאַשאָוו

דער קליינער יאָסעלע מלמד האָט נישט געהאַט קיין טעות. אין פּשיסכע איז אויסגעגאַנגען דאָס גרויסע ליכט פון רבי ר׳ בונם, האָט דערפאַר רבי מענדעלע אָנגעצונדן אין טאָמאַשאָוו אַ העליש פייער.

האָבן יידן פון נאָענט און ווייט געצויגן צו דעם פייער. פאַרשי־דנפאַרביק איז געווען דער עולם, וואָס איז געקומען קיין טאָמאַשאָוו. אַפילו אין פּשיסכע האָט מען אַזאַ עולם נישט געזען. עס זענען געקומען נישט בלויז די אַלטע פּשיסכער, די לומדים און בעלי־מדרגות, מיט ווייסע אָדער גראָלעכע בערד. אַ יונגער עולם האָט זיך אַ שאָט־געטון קיין טאָמאַשאָוו. דער בית־המדרש, דער גרויסער הויף, די גאַנצע שטאָט איז מיטאַמאָל פול געוואָרן מיט יונגעלייטלעך, ביי וועלכע די בערדלעך האָבן נאָר וואָס גע־נומען שפּראָצן.

מיט ברייטע רחבותדיקע טריט חברותאווייז האָבן זיי געשפּרייזט אי־בער די גאַסן, פאַרטיפטע אין לעבהאַפטע שמועסן, וואָס האָבן זיך קיינמאָל נישט געענדיקט. זייערע אויגן האָבן געברענט מיט יונגנט־פייער, זייערע באַוועגונגען און זשעסטן זענען געווען האַסטיקע, ווי די ענערגיע, באַ־האַלטן לאַנגע יאָרן, האָט מיטאַמאָל אויפגעריסן אַלע טאַמעס און זוכט זיך אַן אָרט ווו אויסצולאַדעווען. אַלץ, וואָס זיי האָבן געטון, איז געמאַכט געוואָרן מיט ברען. אַזוי איז געווען ביים דאַווענען, ווען זיי זענען געלאָפן האַסטיק אַרויף און אַראָפּ איבערן בית־המדרש. אַזוי איז געווען ביים לערנען, ווען זייערע יונגע קולות האָבן זיך געריסן עפּעס אין נישט־

דערגרייכבארע וויטקייטן. אזוי איז געווען ביי די סעודהלעך, אויף וועלכע מ׳האט מער געטומלט און געזונגען, ווי געגעסן און געטרונקען.

נאר ווען די טיר פון רבינס חדר האט זיך געעפנט און עס האט זיך דערהערט דאס ריטשן פון ז ײ נ ע שטעק־לאטשן, איז מיטאמאל איינגעשטילט געווארן דער טומל און די יונגעלייטלעך האבן צעשראקענע און בלייבע זיך געגומען רוקן צו דער טיר און זיי האבן אליין נישט געוווסט, וואס זיי ווילן מער: א י ם ז ע ן אדער פאר א י ם אַ נ ט ־ ל ו י פ ן.

עס זענען אבער קיין טאמאשאוו געקומען אויך יידן פון א גאנץ אנדער סארט. פראסטע יידן. אויסגעהארעוועטע יידן. ארענדארן, וואס האבן געהאט אויסצושטיין צרות פון די פריצים, און נאר דער רבי קאן זיי העלפן. און עס זענען געקומען יידן, וואס זענען געווען מטופל מיט דערוואקסענע טעכטער, וועלכע מ׳קאן נישט אויסגעבן, ווייל עס איז קיין נדן נישטא. אפשר וועט אין זכות פון גוטן ייד קומען א ישועה. און עס זענען געקומען אפילו צעוויינטע יידענעס מיט פארוויקלטע קראנקע קינדער און אונטער דעם רבינס פארשלאסענער טיר געווארט אויף א הילף.

אזא גרויסער עולם, אן עין הרע, האט געדארפט עסן און טרינקען, אווארעמע פאטשיילע, אמאל אויך א בגד און א פאר שטיוול, און סידורים און גלאט אזוי א יידיש ספר, און רפואות און אפשפרעכענישן.

זענען דעריבער געקומען קיין טאמאשאוו יידן־סוחרים מיט זייערע קרעמלעך איינגעפאקט אין א זאק. זיי האבן פארקויפט אויפן רבינס הויף קיכלעך און אזא מין חלה, צו וועלכער „מ׳דארף זיך נישט וואשן" און אלטע בגדים און אפגעטראגענע שטיוול און סידורים און מחזורים, און חסידישע מעשיות־ביכלעך און גמראס און רפואות אויף כל־ע־ליי קרענק און קמיעס, וואס „העלפן מער ווי אלע פראפעסארן".

זיי אלע האבן זיך מיט זייערע קרעמלעך געשטופט און געשטויסן אויפן רבינס הויף און נאך גרעסער געמאכט דעם טומל.

ווען ר׳ איטשע מאירס בויד האט זיך אפגעשטעלט פארן רבינס הויף, האט א גאנצע מחנה מיט א געשריי זיך א ווארף־געטון צו דער אנגעקומענער פור.

ליזער, יצחק בער און שמחהלע האָבן קוים געמאַכט אַ וועג פאַר ר׳ איטשע מאירן, וועלכער איז געגאַנגען אַ פאַרטראַכטער, ווי ער וואָלט נישט געזען דעם אַרומיקן טומל.

באַלד זענען געקומען אַנצולויפן די אַלטע פּשיסכער מיט אויפגע־לויכטענע פּנימער:

— שלום עליכם, ר׳ איטשע מאיר — האָבן זיך פון אַלע זייטן צו אים אויסגעשטרעקט הענט — שלום עליכם. מיר האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט...

די שמחה איז געווען נישט בלויז מיט ר׳ איטשע מאירן. עפּעס אַ גענפיל פון נישט זיכערקייט איז נאָך פאַרבליבן ביי די פּשיסכער. טאַקע גרויס איז דער עולם אין טאָמאַשאָוו. אפשר נאָך גרעסער ווי אין פּשיסכע. און דאָך איז עס נישט דאָס זעלבע. אין פּשיסכע האָט מען זיך געפילט, אַז ד אָ איז ד אָ ס אָ ר ט, דאָ איז עס שטענדיק געווען, אַז ער־געץ־אַנדערש קאָן עס גאָרנישט געמאַלט זיין. אין טאָמאַשאָוו האָט מען געהאַט דאָס געפיל, אַז מען איז נ אָ ר ד אָ אויף ד ע ר ו ו י י ל ; דער גרויסער הויף האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ לאַגער, וואָס מען האָט היינט דאָ צעלייגט און מאָרגן וועט מען אים אַריבערטראָגן ערגעץ אַנדערש.

ערשט, אַז מען האָט דערזען ר׳ איטשע־מאירן, האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט אָפּשאַפן דעם לאַגער, וועט אַ סוף מאַכן צו דעם „דערווייל" און עס וועלן זיך טאַקע צוריק אָנהייבן די גוטע פּשיסכער צייטן.

ר׳ איטשע מאיר האָט זיך אויף גוט באַזעצט אין טאָמאַשאָוו. אַ וואָך נאָך אַ וואָך איז דורך און ער האָט גאָרנישט געטראַכט וועגן אַהיימ־פאָרן. האָבן אויך זיינע תּלמידים וועגן דעם נישט געקלערט און פאַרגלדע־סערט די מחנה פון די טאָמאַשאָווער יונגעלייט, וואָס האָבן אוועקגעוואָרפן אַלע וואָכעדיקע דאגות און עסקים און האָבן בכלל נישט געקאָנט פאַר־שטיין, ווי עס געפינען זיך נאָך מענטשן, וואָס פאַרברענגען טעג און נעכט מיט גאָרנישט שבגאָרנישט, פּטרן זייערע יאָרן מיט האַנדל־וואַנדל, איז דער צייט, ווען עס איז דאָ אויף דער וועלט — טאָמאַשאָוו...

ר׳ איטשע מאיר האָט אין טאָמאַשאָוו שוין אָנגעטראָפן זיין אַלטן פריינט און איינציייטיק קעגנער פון פּשיסכע — ר׳ מרדכי יוספן. דאָס מאָל זענען זיך זייערע וועגן נאָך מער פונאַנדערגעגאַנגען.

רבי מרדכי יוסף האָט געזאָגט:

— אין פשיסכע האָט געלויכטן אַ גרוים ליכט, וואָס האָט געוויזן דעם וועג. אַצינד ווייסט מען שוין דעם וועג. דאַרף מען איצט האָבן אַ פייער, הערסט, איטשע מאיר? — אַ פייער! ר' מרדכי יוסף האָט זיך אַ הייב־געטון ביי די ווערטער פון אָרט. זיין פנים איז געווען בלייך און אויסגעדאַרט, און זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן געברענט פון באַגער.

— און וואָס וועסטו טון מיטן פייער, מרדכי יוסף — האָט ר' איטשע מאיר געפרעגט.

— וואָס איך וועל טון?! — האָט ר' מרדכי יוסף אָנגעשטעלט זיינע ברענענדיקע אויגן אויף זיין פריינט פון פשיסכע — אין דעם פייער וועלן די הערצער אויסברענען דאָס גשמיות, אין די פלאַמען וועט די נשמה זיך לייטערן...

— אַ שווערן וועג האָסטו זיך אויסגעקליבן, אַ שווערן וועג, מרדכי יוסף... — האָט ר' איטשע מאיר ווי אויסגעקרעכצט.

— שווער פאַר וועמען? — האָבן זיך ר' מרדכי יוספס אויגן אָנגעצונדן.

— פאַר ייִדן — האָט ר' איטשע מאיר געזאָגט —, וואָס ווילן, אָבער וועלן נישט קאָנען דעם ברי פון פייער איבערטראָגן.

— אַזעלכע דאַרף מען נישט דאָ אין טאָמאַשאָוו. זאָלן זיי גיין! ווער האָט נאָך זיי געשיקט?! זאָל מען אפשר דאָס פייער צוליב זיי פאַרלעשן ?!

— חלילה! — האָט ר' איטשע מאיר געענטפערט — נאָר מען דאַרף זען, אַז די פלאַמען זאָלן נישט פאַרלענדן און נישט פאַרברענען, אַז דאָס פייער זאָל וואַרעמען און נישט בריען...

— פאַר דיינע וואַרשעווער קרעמערלעך זאָרגסטו, איטשע־מאיר? פאַר זיי?...

— פאַר זיי און פאַר אַלע ייִדן, מרדכי יוסף...

אויסגעזען האָט עס, אַז דער רבי פון טאָמאַשאָוו איז גענייגט צו מרדכי יוספן.

איינמאָל ביינאַכט, שוין אַ שטיק נאָך חצות געווען, האָט ער געשיקט הירש טאָמאַשאָווער זיי ביידע רופן.

אין דעם קליינעם חדר האָבן געברענט צוויי גרויסע וואַקסענע ליכט. דער רבי פון טאָמאַשאָוו איז געגאַנגען אָנגעטון אין דער זיידענער זשי־ פיצע און אין שטריימל.

שווייגנדיקע זענען זיי געשטאַנען פאַר אים. פון רעכטס ר׳ איטשע־ מאיר און פון לינקס — ר׳ מרדכי־יוסף.

ביי דער טיר איז געבליבן שטיין, ווי אַ טרייער שומר, הירש טאָ־ מאַשאָווער.

— צען יידן, נישט מער! —האָבן דעם רבינס אויגן דורכגענומען ווי מיט שפּיזן זיינע צוויי תּלמידים און איבערגעחזרט— צען יידן, נישט מער!... איך וועל מיט זיי אַרויסגיין אויף די דעכער און שרייען: „השם הוא אלקים!", (גאָט איז גאָט!) שרייען אַזוי לאַנג, ביז די וועלט וועט אויפציטערן, ביז הערצער וועלן אויפצאַפּלען, ביז די נשמות וועלן זיך היי־ ליקן... ביז משיח וועט דערהערן!...

אין חדר איז געווען אַזאַ שטילקייט, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז מ׳הערט דאָס צאַפּלען פון די צוויי וואַקסענע ליכט.

דער רבי האָט זיך אויסגעדרייט צו ר׳ איטשע מאירן:

— איך וויל נישט מער... נאָר צען יידן... ווו געפינט מען זיי, איטשע מאיר ?!

— ביי י ע ד ן ייד אין הארץ — האָט שטיל געזאָגט ר׳ איטשע מאיר.

— און דו, מרדכי יוסף, ווו ווילסטו זיי געפינען? — האָט דער רבי זיך אומגעקערט צו זיין צווייטן תּלמיד און חבר.

— איך ז ו ך ז י י! — האָט ר׳ מרדכי יוסף געענטפערט מיט אַ פעסטער שטים.

ר׳ מרדכי יוספס פּנים האָט געשיינט מיט אַ נישט ערדיש ליכט. אַט ד אָ ס וויל ער דאָך: צ ע ן יי ד ן, ו ו אָ ס ט ר אָ ג ן ד ע ם פ ל א ק ע ר.

אַרויסגייענדיק פון רבינס חדר, האָט ר׳ מרדכי יוסף זיך צוגעבויגן צו ר׳ איטשע מאירן און געפרעגט:

— האָסט געהערט?

מיטן אויבערשטנס הילף וועלן עס א ל ע  יידן  ד ע ר ה ע ר ן — האָט ר׳ איטשע מאיר אויך אזוי שטיל אָפּגעענטפערט.

ר׳ הירש טאָמאַשאָווער פאַרמאַכט הינטער זיך שאַרכלאָז די טיר.

אַ פאַרטראַכטער און טרויעריקער קנעט ר׳ הירש מיט זיין האָריקער האַנט דעם געדיכטן וואַלד פון זיין שוואַרצער באָרד. ער, הירש, איז נישט קיין בעל־מדרגות. ווי קומט ער זיך צו פאַרגלייכן צו ר׳ איטשע מאירן, וואָס די תורה שיינט אַראָפּ פון זיין פּנים, אָדער צו ר׳ מרדכי יוספן, וואָס איז אינגאַנצן אַ שטיק פייער. צי גאָר צו ר׳ יצחקל, וואָס די גוטסקייט לייכט פון זיין יעדן אבר, צי גאָר צו ר׳ יחיאל מאירן, וואָס די תמימות אין זיינע אויגן צעברעכט אַפּילו אַ האַרץ פון שטיין. און פונדעסטוועגן דאַכט זיך אים, אַז ער, הירש, ווייסט מער אפילו פאַר זיי. ער רעדט נישט, הירש. ער ווייסט, אַז ער דאַרף שווייגן. אַז זיין זאַך איז צו שווייגן. צו שטיין אויף דער וואַך  ה י נ ט ע ר  דער טיר און צו שווייגן. אָבער ער ווייסט אַלץ. אָ, ווי ער ווייסט!...

פון דער גאַנצער וועלט לויפט מען קיין טאָמאַשאָוו. פון אַלע ישובים קומען צעפּרוירענע יידן אַהער, כדי אָנצוואַרעמען זייערע ביינער ביי דעם גרויסן פייער, וואָס פלאַקערט. און זייערע הערצער ווערן אָנגעפילט מיט שמחה פון דער יום־טובדיקער וואַרעמקייט, וואָס נעמט זיי אַרום, זייערע אויגן שיינען פון גליק און די פּיס זייערע הייבן זיך אַליין צום טאַנץ, וואָס מען האָט זוכה געווען צו זיין אַ ייד.

נאָר ער, הירש, ווייסט מער פון זיי. אָט הערט ער איצט די טריט א י נ ע ו ו י י נ י ק  אין חדר. טעג און נעכט גאַנצע הערט ער  ד י  טריט. אַמאָל זענען זיי לאַנגזאַמע, שלעפּנדיקע, מידע, צעבראָכענע, ווי זיי וואָלטן שוין מער קיין כוח נישט געהאַט, ווי דאָס חיות וואָלט פון זיי אויסגעגאַנגען, ווי אָט־אָט און זיי וועלן אַוועקפאַלן...

ר׳ הירשס האַרץ קורטשעט זיך דאַמאָלס פון ווייטיק. ער וואָלט וועלן העלפן. ער וואָלט וועלן אַריינלויפן אינעווייניק און אונטערשפּאַרן, דעם כוח פון זיין אייגענעם שטאַרקן גוף אַוועקגעבן, דאָס בלוט פון זיינע אָדערן אַריינגיסן אין יענע אָפּגעשוואַכטע פּיס.

ער רירט זיך אָבער נישט פון אָרט, הירש. איין מאָל איז ער אַריין. דער רבי האָט גאָרנישט געזאָגט. נאָר זיינע געדיכטע הויכע ברעמען האָבן

זיך בלויז אַ פאַלדעוועגעטון. און דאַמאָלס איז הירשן באַפאַלן אַזאַ אימה, אַז ער איז אַ צעטראָגענער, אַן אַ וואָרט אַרויסצורעדן, אַרויס.

בייגט ער צו דעם קאָפּ צו דער פאַרמאַכטער טיר און הערט זיך צו מיט האַלב־פאַרשלאָסענע אויגן צו די פאַרחלשטע טריט. באַלד ציטערט ער אויף. עפּעס אַ נײַ חיות איז פּלוצים אין זיי אַרײַנגעטרעטן. די טריט הייבן אָן ווערן האַסטיקער און שנעלער. איצט זענען עס לויפנדיקע, רעש־דיקע טריט. זיי לויפן וואָס אַמאָל שנעלער, טראָגן זיך ווי אַ שטורעם. אָט וועלן זיי טירן אויפברעכן, מויערן דורכרײַסן, וועלן צעטרעטן און פונ־אַנדערטראָגן אַלץ, וואָס שטייט זיי אין וועג.

ר׳ הירשן באַפאַלט נאָך אַ גרעסערער פּחד, און אַ רחמנות נעמט אים אַרום, אַ רחמנות אויף א י ם א י נ ע ו ו י י נ י ק. ער, הירש, ווייסט. ער ווייסט מער פאַר אַלע. ער, הירש, ווייסט ווי ע ר לײַדט א י נ ע ו ו י י נ י ק. און ער קאָן נישט העלפן. און ער ווייסט נישט ווי אַזוי צו העלפן, און ער טאָר נישט רעדן. עס האָט אים קיינער נישט אָנגעזאָגט נישט צו רעדן. נאָר ער, הירש, ווייסט עס אַליין. ער ווייסט, אַז מ׳טאָר נישט רעדן. אָבער עס אַרט אים אויף ר׳ איטשע מאירן און אויף מרדכי יוספן און אויף ר׳ יצחקלען און אויף ר׳ יחיאל מאירן. פאַרוואָס זעען זיי נישט דאָס, וואָס ער, הירש, זעט? פאַרוואָס שווייגן זיי? פאַרוואָס העלפן זיי נישט? און וואָס וויל ער אינגאַנצן? צען ייִדן וויל ער. נישט מער, ווי צען ייִדן. צען ייִדן אַרויפצוגיין מיט זיי אויף די דעכער און רופן „השם הוא אלקים!”. רופן אַזוי לאַנג, ביז די וועלט וועט אויפציטערן. ביז די הערצער וועלן אויפצאַפּלען, ביז משיח וועט דערהערן...

ר׳ הירש רײַסט אין אוממעכטיקן כעס שטיקער פון זײַן באָרד. ווו זענען זיי די צען ייִדן? קאָן דאָס פּשיסכער חדר קיין צען ייִדן נישט געבן? ווו זענען די למד־וואָוו־צדיקים? פאַרוואָס קומען זיי נישט צולויפן אַהער קיין טאָמאַשאָוו? אויף וואָס וואַרטן זיי נאָך! צי ווייסן זיי נישט, אַז איצט איז דער שעת־הרצון?!...

פונדעסטוועגן דערטראָגן זיך פרעמדע טריט. ר׳ הירש גלייכט זיך אויס. האַ? ווער זאָל דאָס איצט קומען? אינדרויסן קרייען שוין די הענער. דער באַגינען איז שוין פאַר דער טיר. וואָס־זשע זענען דאָס פאַר אַ אורחים?...

די טיר פון קליינעם בית המדרשל עפנט זיך. עס קומען אריין ר׳ איטשע מאיר און ר׳ יחיאל מאיר און ר׳ מרדכי יוסף. נאך זיי גייט איינ־געהילט אין א ווינטערדיקן פעלץ און אין א פוטער־היטל אויפן קאפ ר׳ משה חלפן.

— שלום עליכם, משה —זאגט ר׳ הירש— א פריער גאסט...

ר׳ משה חלפן גיט א ווייז אויף דער טיר און פרעגט שטיל:

— מ׳קען ?...

— וואס איז ס׳געאייל? — פרעגט הירש.

— ס׳איז אן ענין חשוב — ענטפערט ר׳ משה חלפן.

## קאפיטל 6

# ביי די פריצים

דער ענין, צוליב וועלכן ר׳ משה חלפן איז אין מיטן דער נאכט געקומען קיין טאמאשאוו, איז טאקע געווען גאר א חשובער.

ר׳ משה חלפן, וועלכער האט געפירט גרויסע עסקים מיט די פוי־לישע פריצים, האט זינט א צייט דערפילט, אז עפעס וואס גרייט זיך. ער האט נישט געוווסט, וואס עס טוט זיך.

פון דעם פארהאלטן זיך פון זיינע גויאישע קליענטן האט ער אבער דערקענט, אז עס איז עפעס נישט גלאטיק. די פריצים זענען עפעס נער־וועז געווארן, זיי שמייכלען טיילמאל אזוי געהיימניספול און אין זייערע אויגן בליצן אויף מאדנע פייערלעך.

— עפעס זענען זיי אומרואיק געווארן, אונדזערע פריצים — האט ר׳ משה חלפן פאר זיך געטראכט — וואס זאל דאס באדייטן?

ער האט שטארק חשק געהאט א פרעג צו טון דעם אלטן גראף זא־מאיסקי. דער גראף האלט ר׳ משה חלפן פאר א בן־בית, איז זיך מיט אים מיישב אפילו וועגן ענינים, וואס האבן נישט צו טון מיט געשעפט; ר׳ משה חלפן האט זיך אפילו טיילמאל געדאכט, אז דער גראף וועט מיט אים פארפירן א שמועס וועגן עפעס אן ענין, אז ער ווארט נאר אויף זיי־נער, משהס פראגע.

ר׳ משה חלפן האָט זיך צוריקגעהאַלטן פון פרעגן. דער יידישער־זעלבסטדערהאַלטונגס־אינסטינקט האָט אים אונטערגעזאָגט:

— בעסער זיך נישט צופיל צו מישן אין די גוישע עסקים — האָט ר׳ משה חלפן געטראַכט — שלמה, דער יידישער מלך, האָט דאָך אונדז געוואָרנט: מער וויסן — מער ווייטיק״...

און זיין ווייב, די קלוגע שרהלע, האָט צו אים געזאָגט:

— זיי פאָרזיכטיק, משה, היינט מיט די עסקים, עפּעס געפעלן מיר נישט לעצטנס אונדזערע פּריצים.

ר׳ משה חלפן און זיין ווייב האָבן קיין טעות נישט געהאַט. זייער פאָרגעפיל האָט זיי נישט פאַרפירט.

העלע גרויסע בליי־לאָמפּן האָבן געברענט ביז באַגינען אין די פּריצישע פּאַלאַצן. מ׳האָט ווי געוועגלעך געשפּילט אין קאָרטן, מ׳האָט געטאַנצט ביז שפּעט אין דער נאַכט און מ׳האָט אויף פאַרטאָג זיך געגרייט צו דער יאַגד.

די משרתים האָבן פון קעלער געשלעפּט פעסער וויין און מעד. די פּריצים האָבן געסמאַקעוועט דעם אַלטן שווערן וויין, וואָס זייערע פריינט פון שכנותדיקן אונגאַרן האָבן זיי צוגעשטעלט; האָבן זיך באַרוישט מיט די לייכטע שוימעוודיקע ווייַנען פון דער זוניקער שאַמפּאַניע; האָבן אויך נישט פאַרשעמט דעם היימישן אַלטן מעד, וואָס האָט אַ ברוינער געפינקלט אין די גרויסע גלעזער.

די לאַקייען האָבן מיט רויטע, פון שלאָפלאָזיקייט מידע אויגן זיך געדרייט איבער די זאַלן און כסדר אָנגעפולט די אויסגעלייזדיקטע גרויסע זילבערנע בעכערס.

פון דעם אויסגעטרונקענעם וויין און מעד האָבן די פּנימער פון די אַלטע פּריצים געפלאַמט, זייערע אויגן האָבן צוריק באַקומען זייער אַמאָליקן יוגנט־ברען און וואָס אַמאָל העכער און העכער האָבן געקלונגען די שטימען:

— נישט דערלעבן וועלן זיי, די מאָסקאַלעס!...

— אונדזער הייליקע ערד וועלן מיר זיי נישט אוועקגעבן. די פּאַגאַנעס!... (געצענדינער).

די יונגעלייט זענען שוין געווען גרייט צו נעמען די שווערד אין האנט און ארויסרייטן אויף די פערד.

אָבער די אַלטע לייט האָבן זיי צוריקגעהאַלטן:

— יונג בלוט איז היים און קאָכעדיק, אָבער שכל האָבן די זקנים... נישטאָ היינט די אַמאָליקע צייטן, ווען ערלעכע ריטער האָבן צווישן זיך געקעמפט אָפן און פריי, אויפן פרייען פעלד. היינט איז דער שונא כיטרע, ער מיינט נישט ערלעך צו קעמפן, נאָר אָפּצונאַרן, באַשווינדלען, פון הינ־טערוויילעכטס, ווי אַ רויבער, צו דערלאַנגען מיט אַ מעסער אין רוקן... מוז מען דעריבער זיין טאָפּלט פאָרזיכטיק, דאַרף מען יעדן שריט באַ־טראַכטן, אָפּוועגן, פון אַלע זייטן זיך גוט אַרומקוקן...

— און דערצו נאָך, ווען אייגענע העלפן צו דעם שונא... — שרייט אויס אַ הייזעריקע שטימע.

— אַ חרפּה און בושה!...

— נידער מיט דעם פאַררעטער וויעלאָפּאָלסקי! — שרייט אויס אַ גרופּע יונגע פּריצים — נידער!

דער אַלטער גראַף זאַמאיסקי שטעלט זיך שווער אויף פון אָרט, ער רעדט רואיק, אָבער אַנטשלאָסן:

— נישט וואַגן זאָל עמיצער אַזוי רעדן אויף מיין פריינט וויעלאָ־פּאָלסקי!... נישט וואַגן, זאָג איך, נישט וואַגן!...

אַ יונגער פּוילישער פּריץ, אָנגעשפּאַרט מיט איין האַנט אויף זיין שווערד, דערנענטערט זיך צום אַלטן גראַף. ער שרייט אויס:

— וויעלאָפּאָלסקי האָט פאַרראַטן!... אַלע ווייסן...

— אַלע ווייסן — צינדן זיך אָן דעם אַלטן זאַמאיסקיס אויגן — אַז וויעלאָפּאָלסקי האָט אין איין פינגער מער שכל ווי דו אין קאָפּ — און ער גיט צו — איך וועל מאָרגן ביי אים זיין און מיט אים רעדן!...

די צעהיצטע געמיטער שטילן זיך איין. פאַר דעם אַלטן זאַמאיסקין בייגן אַלע מיט דרך־ארץ דעם קאָפּ. ער איז איינער פון די אַלטע ריטער, וואָס שעצט נישט הויך דעם שכל און דער עיקר איז ביי אים דער האָנאָר...

צומאָרגנס זיצט דער אַלטער זאַמאיסקי אין קאַבינעט פון זיין פריינט דעם מאַרגראַביע וויעלאָפּאָלסקי.

וויעלאָפּאָלסקי ווייסט, אַז איצט ווערט אַנטשידן זיין גורל, אַז איצט וועט ווערן קלאָר, צי אַלע זיינע ברייטע שטאַטסמענערישע פּלענער וועלן אָננעמען בלוט און פלייש, אָדער זיי וועלן צעפאַלן ווי שטויב.

פון אים, פון דעם אַלטן זאַמאיסקי, איז עס אָפּהענגיק. זיין וואָרט, זיין יאָ אָדער „ניין" וועט אַנטשיידן. ער, וויעלאָפּאָלסקי, וויל נישט זיין קיין נאַרישער עניו. ער, וויעלאָפּאָלסקי, ווייסט, אַז נאָר ער אַליין איז ראוי צו זיין דער פירער פון דעם פּוילישן קעניגרייך, נאָר ער קאָן עס נאָך ראַטעווען, נאָר ער זעט, וואָס עס איז דאָ צו טון. נאָר ער ווייסט די שוואַכקייטן פון צאַר, נאָר ער קאָן פאַרהאַנדלען מיט די שררות פון פּעטערבורג, נאָר ער, אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז זיינע ברידער, די פּריצים, גלויבן אים נישט. זיי גלויבן נישט דעם שכל. זיי גלויבן נישט זיין שטאַטסמענערישע חכמה. פאַר זיי איז וויכטיקער דער האָנאָר פון זיין פריינט זאַמאיסקי, וואָס זיצט דאָ נעבן אים און קאָן שווערלעך באַגרייפן זיינע רייד און זיינע פּלענער...

וויעלאָפּאָלסקיס גראָע דורכדרינגענדיקע אויגן קוקן אויף דעם שווערלייביקן זאַמאיסקי, ער ווייסט, אַז ס'האָט נישט קיין צוועק צו וועלן קעמפן מיטן גראַף. עס פאַרדריסט אים און גלייכצייטיק טוט אים אויך הנאה. טיף אין זיין בלוט איז ער דאָך דער זעלבער פּריץ, ווי זיין; טיף אין האַרץ איז דאָך אויך ביי אים דער „האָנאָר" מער ווערט ווי דער פאַרשטאַנד. ער מוז געווינען זאַמאיסקין.

וויעלאָפּאָלסקי איז אַ רעאַלער פּאָליטיקער. עס איז זיין איינציקער שאַנס אַריבערצוציען זאַמאיסקין אויף זיין זייט. אַלע זיינע טאַלענטן און פעאיקייטן שטרענגט ער אָן אַריינצוהאַמערן אין זאַמאיסקיס שווערן קאָפּ זיינע פּלענער און אידעען.

— מאָסקווע — רעדט וויעלאָפּאָלסקי — געפינט זיך איצט אין אויפברויז פון אַלע אירע כוחות. זי שפּרייזט איבער טויטע און לעבעדיקע. זי ווייסט נישט פון קיין אָפּהאַלט און קיין שטערונג. זי האַלט אויסגעשפּרייט איין אָרעם אויפן מזרח און דער ענגלענדער ציטערט שוין אין שרעק פאַר אינדיע, און דער צווייטער אָרעם דערנענטערט זיך וואָס אַמאָל מער צו קאָנסטאַנטינאָפּאָל און דעם סולטאַנס מאַכט קראַכט... און כדי דעם סול־

טאנס כוח צו נישט־צו־מאכען, איז איצט דער צאר אזוי גוט און זארגט אזוי שטארק פאר זיינע „געליבטע ברידער", די סלאווען אויפן באלקאן...

— יא, יא — שאקלט דער אלטער זאמאיסקי צו מיטן קאפ און פארשטייט נישט, וואס מ'דרייט אים א קאפ מיט די בולגארן אין דער צייט, ווען ער איז אהערגעקומען זיך דורכרעדן וועגן היימישע ענינים.

— און דעריבער —זעצט פאר וויעלאפאלסקי— האבן מיר איצט א גליקלעכן שאנס. און טאמער נוצן מיר אים נישט אויס, ווער ווייסט, צי וועט זיך נאכאמאל מאכן אזא געלעגנהייט...

— וואס איז דער שאנס? — פרעגט זאמאיסקי.

— אט וואס —זאגט וויעלאפאלסקי—. אין פעטערבורג בלאזן איצט ליבעראלע ווינטן. אין קייזערלעכן הויף רעדט מען איצטער נישט וועגן עפעס אנדערש, ווי וועגן דער פרייהייט פון די ברידער־בולגארן. אבער זיי ווייסן דארט אין פעטערבורג, אז מ'וועט זיי נישט גלויבן, כל־זמן זיי וועלן אין דער זעלבער צייט אונטערדריקן זייערע נאענטסטע סלאווישע ברידער — די פאליאקן.

— איז וואס־זשע ווילן זיי? — פרעגט ווידער זאמאיסקי.

— דעריבער —רעדט היים וויעלאפאלסקי— איז איצט דער צאר גענייגט צו דערהאלטן ביים לעבן דאס קעניגרייך פון פוילן, דעריבער וועט דער מעכטיקער ארעם פון מאסקווע גרייט זיין אונדז צו שיצן און פאר־טיידיקן...

— און דער ליטווישער שטיין וועט נישט ארויסגענומען ווערן פון דער פוילישער קרוין? —קוקט זאמאיסקי שארף אן זיין יונגנט־פריינט— און מיר וועלן זיין די באלעבאטים אויף אונדזער ערד אין דער רוס...

— אין דער פאליטיק —קאן דער קלוגער מארגראביע נישט אויס־האלטן דעם שווערן בליק פון זאמאיסקין— מוז מען זיך רעכענען מיט דעם, וואס עס איז מעגלעך צו דערגרייכן.

זאמאיסקי רייסט אים שארף איבער:

— א שלאכטשיץ מאכט נישט קיין פאליטיק. א שלאכטשיץ שטארבט פאר דער ערד פון זיינע אבות...

וויעלאָפּאָלסקי פּילט זיך מיטאַמאָל אָנמעכטיק. ער ווייסט שוין, אַז אומזיסט איז זיין רעדן. אומזיסט זיינע אַרגומענטן און זיינע שטאַטס־מענערישע פעאיקייטן. פונדעסטוועגן פּרוווט ער נאָך ראַטעווען:

— דער גרויס־פירשט קאָנסטאַנטין וויל זיך מיט דיר זען.

— גוט — איז מסכים זאַמאַיסקי.

דאָס באַגעגעניש מיטן גרויס־פירשט ענדיקט זיך שנעל. דער גרויס־פירשט פאַרזיכערט דעם אַלטן פּוילישן גראַף, אַז ער און זיין ברודער דער צאַר זענען אויפריכטיקע פריינט פון פּוילישן פאָלק, אַז אויב נאָר די פראַגע פון ליטע און רוס וועט נישט שטיין אין וועג, וועט דאָס קעניגרייך פון פּוילן ווידער אויפבליען...

זאַמאַיסקיס ענטפער איז דער זעלבער וואָס פריער:

— אַ שלאַכטשיץ האַנדלט נישט מיט דער ירושה פון זיינע אָבות!...

אין די פּריצישע פּאַלאַצן טרינקט מען פאַרן געזונט פון דעם אומ־באַפלעקטן ריטער זאַמאַיסקי, און מען גרייט זיך...

יעדע נאַכט קומען פּאַר אסיפות. די אַנטייל־נעמער זענען נישט בלויז פּריצים. נייע ציטן זענען געקומען. און נייע זאָרגן. דאָס פּויערים־פאָלק האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. עס האָט מער נישט קיין דרך־ארץ פאַרן האַר אין הימל און פאַרן האַר אויף דער ערד. דערווייל שווייגט נאָך דאָס פּוי־ערים־פאָלק. דערווייל קושט עס נאָך געהאָרכזאַם די האַנט פון פּריץ, אָבער דער בליק אין די אויגן איז אַ ווידערשפּעניקער. און די פאַרשאָלטענע מאַסקאַלעס ווייסן עס. אוודאי וועלן שטאָלצע שלאַכטשיצעס נישט פאַלן אַזוי נידעריק און פּרווון רופן צו זייערע אסיפות זייערע פערד־פּאַראַבקעס. אָבער די „קופּצעס" פון וואַרשע מוז מען רופן. מען מוז זיך זעצן מיט זיי אפילו ביי איין טיש. מען מוז זיין איידל און פיין צו זיי און אפילו זיי דערלויבן צו זאָגן זייער מיינונג. פאַרפאַלן. וואָס זאָל מען טון. ציטן אַזעלכע. פון ציט צו ציט האָט זיך אויף די אסיפות אויך באַוויזן אַ ייד אין אַ לאַנגער זיידענער זשופּיצע און אַ קאַלפּאַק אויפן קאָפּ.

די יונגע פּריצים האָבן געמורמלט:

— וואָס? מיט זשידעס גיין!...

אָבער די אַלטע לייט האָבן זיי שטיל־געמאַכט און געזאָגט:

— דער ראבין מייזעלש איז א גאטספארכטיקער און קלוגער מאן און זיין עצה מעג מען הערן.

דער רב פון ווארשע ר' בעריש מייזעלש איז מיטן גאנצן הארצן געווען אויף דער זייט פון די, וואס האבן צוגעגרייט דעם אויפשטאנד.

ער איז געקומען קיין ווארשע פון קראקע. דארט האט מען קיין מאסקאלעס נישט געזען, נאר פיינט האט מען זיי נאכמער געהאט, ווי אין ווארשע. זיי, די מאסקאלעס, זענען נישט בלויז רשעים, נאר אויך טמאים. עס איז א מצוה זיי צו פארטרייבן.

אויף די אסיפות האט מען פיל גערעדט וועגן דעם, צי די קופצעס און די יידן וועלן צושטיין. און צי זיי וועלן בארגן געלט, אן וועלכן מ'קאן זיך גארנישט באגיין. דערוויל האבן סיי די ערשטע און סיי די אנדערע זיך נישט געאיילט מיטן געבן געלט.

— משה —האט שרהלע איינגעטענהט מיט איר מאן ר' משה חלפן— דער עסק געפעלט מיר נישט. איך וועל נישט לאזן געבן די „רענדלעך".

ר' בעריש מייזעלש האט געשיקט רופן צו זיך משה חלפן, האט זיך מיט אים איינגעשלאסן אין חדר מיוחד און אים געגעבן צו פאר־שטיין, אז פאר דער טובה פון די יידן און פאר דער טובה פון דער מדינה טאר מען נישט שטיין פונדערווייטנס.

ר' משה חלפן האט אבער געשוויגן.

— נו, וואס איז? — האט ר' בעריש מייזעלש געפרעגט.

— איר פארשטייט, רבי —האט ר' משה חלפן זיך באמת נישט פונגע בכבוד צו זיין דעם ווארשעווער רב— די אשה האט זיך איינגע־שפארט און איך מוז פריער רעדן מיט מיין איידעם.

— איך האב אים שוין לאנג נישט געזען, ר' איטשע מאירן —האט זיך ר' בעריש אנגערופן— איך האב זיך שוין געקליבן אריבערצוגיין צו אים...

— מיין איידעם איז אין טאמאשאוו —האט ר' משה חלפן זיך דערפרייט, וואס ער קאן איצט מיטאמאל אראפווארפן פון זיך די אחריות — און בכלל ווענדט זיך אלץ אן דעם, וואס עס וועט זאגן דער רבי פון טאמאשאוו...

רבי בעריש מייזעלש איז אַליין קיין חסיד נישט געווען. אָבער ער האָט געקאָנט ר׳ איטשע־מאירן און געזאָגט צו זיינע נאָענטע, אַז אויף דעם יונגנמאַן מוז מען זיך פאַרלאָזן.

— איך וועל שרייבן אַ בריוו צום רבין פון טאָמאַשאָוו — האָט ר׳ בעריש מייזעלש געזאָגט — און איך וויל, אַז איר, ר׳ משה, זאָלט אַליין זיין דער שליח.

— גוט רבי — האָט ר׳ משה חלפן געענטפערט — איך וועל גלייך פאָרן.

* *
*

אין דעם קליינעם הדרל פון רבין פון טאָמאַשאָוו שטייט אַ שווייגנדיקע די גאַנצע חבריא. דער רבי שטייט אַן איבערגעבויגענער איבער דעם בריוו, וואָס ר׳ משה חלפן האָט געבראַכט. ער בייגט צו די אויגן צו די צוויי גרויסע וואַקסענע ליכט און לייענט לאַנג דעם בריוו, לייענט שטיל, קוקט זיך איין אין יעדן אות און קרעכצט שווער.

ער לייגט איין שפּעטער דעם בריוו, שטופּט אים אַריין אין דער־טאַש פון דער זשיפּיצע און זאָגט:

— דער רב פון וואַרשע האָט געפּסקנט. זאָלסט שרייבן צום עולם, איטשע מאיר, און אויך — בשמי (אין מיין נאָמען).

די חבריא וואַרט. אפשר וועט ער נאָך עפּעס זאָגן. יאָ, ער זאָגט נאָך:

— פאָר לחיים ולשלום, איטשע מאיר, און דו, משה...

שווייגנדיקע גייען אַלע אַרויס. נאָר ר׳ הערש טאָמאַשאָווער בלייבט ווי שטענדיק שטיין הינטער דער טיר.

* *
*

אין דעם גרויסן עס־צימער פון ר׳ משה חלפן זיצן די פּריצים. מען האָט שוין וועגן אַלעם דורכגערעדט און אָפּגעשמועסט. דער רעיענט (נאָטאַר) האָט שוין אָנגעשריבן אַלע פּאַפּירן, אין וועלכע עס ווערט קלאָר געזאָגט, אַז די הייזער אויף דער סענאַטאָרן־גאַס, ווו עס געפינט זיך דאָס ראַטהויז, ווערן איינגעהאַלטן אַלס משכון ביי ר׳ משה חלפן פאַר דעם

געלט, וואָס ער האָט געבאָרגט.ביידע צדדים לייגן די חתימות. איצט דאַרף מען נאָר געבן ס׳געלט. אין א ווינקל שטייט א פעסל מיט גאָלד. נאָר שרהלע האָט זיך אויף דעם פעסל אוועקגעזעצט און זאָגט:

— איך וויל נישט!... איך וועל נישט לאָזן...

דאַמאָלס קומט אַריין איטשע מאיר אין די שטעק־לאַטשן און ווייסע זאָקן. זיין פּנים שיינט עפּעס מיט אַזאַ ליכטיקייט ,אַז די פּריצים שטעלן זיך דערשראָקענע אויף פון זייערע ערטער.

ר׳ איטשע מאיר גייט צו צו זיין שווינגער און זאָגט צו איר גאַנץ שטיל:

— אויב דער רבי פון טאָמאַשאָוו איז מסכים...

דאַמאָלס שטעלט זיך שרהלע אויף אָן א וואָרט און קוקט נאָר א טרויעריקע אויף איר איידעם.

קאַפּיטל 7

## קאַצק

שרהלע האָט נישט געהאַט קיין צייט צו באַדויערן דאָס פעסל מיט די גאָלדענע רענדלעך, וואָס מ׳האָט ביי איר אוועקגענומען. זי האָט נישט געהאַט קיין צייט צו מאַכן פאַרוואורפן איר מאַן ר׳ משה חלפן, וואָס איז געוואָרן בדיל־הדל. זי האָט געהאַט שווערערע און ביטערערע דאגות. ר׳ איטשע מאיר האָט זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן. און דער רבי פון טאָמאַשאָוו האָט זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן. קאַזאַקן האָבן זיי געזוכט. אין תפיסה, חלילה, האָט מען זיי געוואָלט נעמען פאַר דעם בריוו, וואָס איר איידעם האָט געשריבן.

נעכט גאַנצע איז זי געזעסן מיט איר טאָכטער פייגעלע, ר׳ איטשע מאירס ווייב, איבערן תהילים און טרערן פאַרגאָסן.

— זאָל דאָס פאַרלוירענע געלט — האָט זי שטיל תפלה־געטון — זיין א כפרה פאַר ר׳ איטשע מאירן און פאַר דעם רבין פון טאָמאַשאָוו און פאַר אַלע יידן.

און איינמאָל אין מיטן דער נאַכט — דער פראָסט האָט געבריט — האָט זיך אַ שטילער קלאַפּ דערהערט ביי דער טיר.

פייגעלע האָט אויפגעהויבן אירע פאַרוויינטע אויגן פון תהילים און שרהלע האָט געזאָגט צו איר מאַן:

— משה, דו הערסט?... מ׳קלאַפּט...

ר׳ משה חלפן האָט אַוועקגעלייגט אַ רויטע גרויסע פאַטשיילע אויפן אָפּענעם זוהר, האָט גענומען אַ ליכט אין האַנט און איז צוגעגאַנגען צו דער טיר.

— ווער איז?

— עפן, משה, עפן...

ר׳ משה חלפן דערקענט די שטים. ער נעמט איילִיק אַראָפּ די ריגלען און די שלעסער.

ר׳ הירש טאָמאַשאָווער בלייבט שטיין אין מיטן שטוב אין אַ שווער־ דער בורקע, פון וועלכער עס פאַלן אַראָפּ אויף דער ערד פאַרפרוירענע שטיקער שניי.

שרהלע ברענגט אַריין אַ זודיקן סאַמאָוואַר און גיסט אָן פאַר ר׳ הערשן אַ גלאָז קאָכעדיקע טיי.

— נו, געלויבט השם יתברך — זאָגט ר׳ הירש טאָמאַשאָווער — זיי זענען שוין בשלום אָנגעקומען קיין בראָד.

— אַזוי זאָל דער אויבערשטער אונדז ווייטער העלפן — גלייכט זיך אוים ר׳ משה חלפנס פּנים — נו, שרהלע, וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ כּיבוד טיי?... אַ קוואָרט בראָנפן גיב אַריין און קיכלעך... ווי דען, צוליב אַזאַ בשורה, אַזאַ בשורה...

— און קיין בראָד וועלן זיי נישט קומען די קאָזאַקן? — ציטערט לייכט פייגעלעס קול.

— ר׳ איטשע מאירס אשה מעג זיין רואיק — גיסט זיך אָן ר׳ הירש אַ שפּאָר גלעזל אָקאָוויט — קיין בראָד וועלן זיי נישט קומען. דאָרט האָבן זיי קיין שליטה נישט. דאָרט אין בראָד איז קירהם מלכות (עסטרייך)... נו, לחיים, משה, לחיים...

— לחיים, הירש, לחיים טובים — טרינקט אויך ר׳ משה — און וואָס מאַכט דער רבי פון טאָמאַשאָוו?

— ווי זיין שטייגער —ענטפערט קורץ ר׳ הירש— דו ווייסט דאָך, משה, — זיין דרך... בערג אַזעלכע...

— און ר׳ איטשע מאיר? — פרעגט שרהלע.

ער האָט די גמרא —גיסט זיך ר׳ הירש אָן אַ צוויים גלעזל— וואָס גייט אים אָן די וועלט, אַז די גמרא שטייט פאַר אים אָפן... אַזוי האָט ער געזאָגט, דער רבי פון טאָמאַשאָוו... פאַר מיין איטשע מאירן שטייט די גמרא אָפן...

— און ער האָט עפּעס באַפּוילן, ר׳ איטשע מאיר?... רעדט שרהלע פאַר דער לייכט־פאַררויטלטער פּייגעלע.

— אוודאי האָט ער באַפוילן —נעמט ר׳ הירש אָן אייקיכל אין האַנט — „זאָלסט זאָגן, הירש, אין שטוב, אַז מען זאָל נישט זאָרגן... נאָר נישט זאָרגן... מיטן אויבערשטנס הילף וועט אַלץ גוט ווערן...

— אָבער וואָס וועט זיין דער תכלית —פאַרמאַכט ר׳ משה חלפן דעם זוהר— פון דעם זיצן אין אויסלאַנד? ווי לאַנג קאָן דער עולם וואַרטן?...

— ווענן דעם בין איך דאָך אַהערגעקומען, משה —זאָגט ר׳ הירש טאָמאַשאָווער— אוודאי איז עס קיין תכלית נישט. זאָלן די וואַרשעווער גבירים גיין צו די פּאַניעס... ר׳ יצחקל וועט זיי שוין זאָגן, וואָס עס איז דאָ צו טון...

— נו, יאָ, הירש, מ׳וועט מוזן מאָרגן עפּעס טון —איז מסכים ר׳ משה חלפן— און איצט מוזטו דאָך שוין מיד זיין, הירש... נאָך אַזאַ וועג... האָסט געמאַכט אַ געלעגער, שרהלע?...

— ווי דען —זאָגט שרהלע— זייט מוחל, אין דער אַלקאָוו, ר׳ הירש...

די וואַרשעווער גבירים האָבן געטון וואָס מ׳דאַרף. זיי האָבן געטראָפן צו די הויכע צאַרישע שררות, וואָס זענען געזעסן אין וואַרשע נאָכדעם ווי זיי האָבן אונטערדריקט דעם „מיאַטיעזש”.

דער רבי פון טאָמאַשאָוו און ר׳ איטשע מאיר האָבן באַקומען אַנדערע נעמען (פאַמיליע־נעמען). זיי זענען אַזוי אַרום געוואָרן נייע־געבוירענע מענטשן און געקאָנט צוריקקומען אין צאַרס מדינה.

ר׳ איטשע מאיר איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע, נאָר קיין טאָ־

מאַשאָוו איז אַ סכנה געווען צוריקצוקערן. די שטאָט איז צו קליין, קאָן מען נישט זיין שטענדיק אַנגעוויזן אויפן חסד פון „פּאוויאַטאָווי נאַטשאַלניק".

ר' מרדכי יוסף האָט געוואָלט, אַז מ'זאָל אוועק ווייט. ווייט פון די גרויסע שטעט און זייערע הבלים. ווייט פון דעם טומל און פון יאַריד. איי, ס'וועט זיין שווער פאַר אַ פּשוטן ייד אַהינצוקומען, נו, ווער דאַרף דען זיי?...

— ווער דאַרף די קרעמערלעך און זייער געפּילדער —האָט ר' מרדכי יוסף געטענהט— ווער דאַרף די גבירים און זייער געלט?... זאָלן זיי פאָרן קיין קוזמיר. דאָרט וועלן זיי באַקומען סגולות און ברכות. מיר האָבן דאָ עפּעס אַנדערש צו טון...

ר' איטשע מאיר האָט אָבער אַנדערש געהאַלטן:

— אויב שוין משנה מקום זיין, זאָל עס זיין אין דער נאָענט פון די יידישע ישובים, בשכנות טאַקע פון ווארשע... שוואַכע דורות היינט און די צייטן זענען אומרואיקע און מיט פּרנסה ווערט וואָס אַמאָל שווערער. קאָן מען נישט פאַרלאַנגען פון יידן אַזאַ לאַנגן טלטול הדרך...

— זאָלן זיי נישט קומען, דיינע ווארשעווער קרעמערלעך —האָבן ר' מרדכי יוספס אויגן אויפגעבליצט— ווער דאַרף זיי דען?...

— ווער ווייסט —האָט ר' איטשע מאיר געזאָגט— ו ע מ ע ן מ'דאַרף? ווער קאָן עס וויסן? און ווער קאָן דאָס זיין אַ פּוסק איבער אַ יידישער נשמה? און ווער קאָן זיין אַ שופט איבער אַ צעבראָכן יידיש האַרץ?...

— איז ווו זאָגסטו, איטשע מאיר? — האָט דער רבי פון טאָמאַשאָוו צונויפגעדריקט זיינע הויכע ברעמען.

— יאָסל קאָצקער איז היינט געקומען —רופט זיך אָן הירש טאָמאַשאָווער— ער זאָגט, אַז ס'איז אַ יידישע שטאָט...

— הירש! היים שפּאַנען פערד און וואָגן קיין קאָצק!...

אַזוי האָט דאָס פייער, וואָס איז אָנגעצונדן געוואָרן אין טאָמאַשאָוו, אויפגעפלאַקערט אין קאָצק.

האָבן לאַנגע שרעגנעס פון פויערישע פורלעך געצויגן קיין קאָצק. פון אַלע שטעטלעך אַרום זענען יידן געקומען. און אויך פון דערוויטן

האָבן געצויגן גרויסע בוידן, אָנגעפולטע מיט יונגעלייט און אַלטע פּשוט־בער. טאָג און נאַכט האָט דער טראַקט, וואָס פירט קיין קאָצק, נישט גערוט.

דאָס שטעטל איז געוואָרן נישט צו דערקאָנען. אַלע שטיבער זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אכסניות. פון אַלע פענסטער האָבן זיך נעטראָגן פריילעכע געזאַנגען.

— וואָס פרייען זיך אַזוי די זשידקעס? —האָבען געפרעגט די פּויערים, וואָס זענען געקומען אין שטאָט מיט קאָרן און ווייץ, מיט הינער און אייער— וואָס איז ביי זיי פאַר אַ שמחה?

— אַ נייער ראַבין איז צו זיי געקומען —האָבן די שטאָטישע גויים זיי אויפגעקלערט— אַ הייליקער מאַן זאָגט מען...

יונגעלייט האָבן פאַרלאָזן זייערע ווייבער און קינדער, זענען וואָכן נאָכאַנאַנד געזעסן אין קאָצק און נישט געענטפערט אויף די שטרענגע בריוו פון די שווער און שוויגער.

זענען בייזע שוועֶרם מיט אָנגעכמורעטע פּנימער געקומען צופאָרן קיין קאָצק מיט דער כוונה „ביי די אויערן” אַוועקצושלעפן זייערע איידעמס, וואָס האָבן פאַרגעסן אָן זייערע שטיבער. האָט אָבער קאָצק אויך זיי פאַרכאַפּט. עפּעס האָט מען דאָרט אָן אַלע זאָרג און דאגות פאַרגעסן. עס איז געוואָרן אַזוי לייכט אויפן האַרץ און אַזוי וואַרעם אין אַלע אברים, אַז מ'האָט פשוט נישט געקאָנט זיך פון אָרט רירן. אויף אַ טאָג זענען זיי געקומען, אויף איין שבת, די יוסטע תבואה־סוחרים און די אייביק פאַרפאָרעטע וואַלד־קופּצעס — בלויז דעם יונגאַטש, דעם איידעם אַהיימ־שלעפּן. אָבער ווי קאָן מען אַוועקפאָרן פון אַזאַ מחיהדיקער יידישקייט? ווי קאָן מען זיך אַרויסרייסן פון אַזאַ וואַרעמקייט, וואָס צענעמט אַלע אברים? אָט זיצט ביים גרויסן טיש ר' איטשע מאיר מיט זיינע וואָר־שעווער יונגעלייט. דער גמרא־ניגון דערוועקט בענקשאַפטן פון דער יוגנט. די פיס אַליין שלעפּן זיך צו צו ר' איטשע מאירס טיש. מ'עפנט אויף אַ גמרא, דער קאָפּ איז מיד, די אויגן קלעפּן זיך. וואָס דען, אַז מ'איז יומם ולילה אַריינגעטון אין האַנדל־וואַנדל, ווערט פאַרגרעבט דאָס האַרץ און פאַרשטאָפּט דער מוח. עס ווערט אַ רחמנות אויף זיך, אויף אַ לעבן, וואָס מ'האָט פאַרטאַכלעוועט. און ר' איטשע־מאירס ניגון דערגרייכט אַלץ טיפער און טיפער, דאָס האַרץ ווערט פון דעם ניגון צעבראָכן. און אַז אַ

יידם האַרץ ווערט צעבראָכן, פֿאַלן אַוועק אַלע גראַבקייטן, שיילן זיך אָפּ די שאָלעכץ און דאַמאָלס הייבט אָן דער מוח ווערן לייכט און קלאָר און עס ווערט ליכטיק אין די אויגן און פון מויל רייסט זיך אַרויס דער אַלטער האַלב־פֿאַרגעסענער גמרא־ניגון.

ביי דער טיר שטייט ר׳ מרדכי יוסף. ער שטייט אַרומגערינגלט פֿון זיינע מענטשן. ער רעדט, ווי שטענדיק מיט די הענט און פיס. מ׳זעט, אַז עס ברענט אַ שטיק פייער. לייגט מען צו אַן אויער און עס טוט אַ ברי... פֿאַר אַ פֿאַרפֿרוירן האַרץ איז גוט אַזאַ ברי...

ביים אויוון זיצט ר׳ יחיאל מאיר גאַסטינינער. ער זאָגט תהילים. וואָרט ביי וואָרט זאָגט ער און יעדעס וואָרט איז אַ געוויין, און אַ געבעט, און אַ לויב און אַ געזאַנג. שוין צוליב אַזאַ תהילים־זאָגן מעג מען קומען קיין קאָצק, איז ווערט צו זיין אַ ייד.

איז דען אַ וואונדער, וואָס נאָך חצות נעמט אַרום אַזאַ שמחה דעם עולם? נעמט מען צובּיסלעך אָקאָוויט און די פיס הייבן זיך אַליין צום טאַנץ. דער סטאַטעטשנער וואַלד־סוחר וואַלט אַליין זיך אַריינגעריסן אין טאַנצנדיקן ראָד. נאָר דער יונגאַטש, דער איידעם, וועט דאָך אים שפּע־טער זאָגן:

— און איר, שווער, ווילט אַוועק פון קאָצק?...

באַלד אָבער פֿאַרגעסט ער אָן דעם איידעם, ער פֿאַרגעסט אָן דעם אַלעם, צוליב וואָס ער איז געקומען, ער פֿאַרגעסט אָן דעם וואַלד, וואָס ער דאַרף מאָרגן קויפן ביים פּריץ, ער פֿאַרגעסט, אַז אינדערהיים וואַרטן אויף אים די שרייבערס מיט זייערע פּנימער און פֿאַרשמאָלצענע חשבו־נות, ער איז אין סאַמע מיט פון ראָד, די אויגן האַלב־פֿאַרשלאָסן און פילט אפילו נישט, ווי די פיס הייבן זיך אַליין...

העכער פון אַלע טאַנצט „שאול מתנגד". ערשט מיט עטלעכע וואָכן צוריק איז ער געקומען קיין קאָצק, געקומען אַהיימנעמען זיין איידעם, דעם קליינעם לייבל.

אַ קאַלטער מתנגד געווען ר׳ שאול. אפילו קאָצק האָט אים נישט צעוואָרעמט.

— שוין זאָלסטו מיט מיר פֿאָרן, לייבל, שוין — האָט ער געשריען צו זיין איידעם.

— פון מיינטשוועגן קאָנט איר אויך דאָ בלייבן! — האָט דער קליינער לייבל זיך איינגעשפּאַרט.

— איך?! —האָט ר׳ שאול אַ לאַך־געטון—. איך? באַלד וועסטו זען, ווי איך וועל אַ רעד טון מיט דיין רבין!...

און ער האָט געהאַלטן וואָרט, ר׳ שאול מתנגד. ער האָט הירש טאַמאַשאָווער אַ שאַר אָוועקגעטון אין אַ זייט און איז אַריין אינעווייניק.

— פאַרוואָס לאָזט איר נישט מיין לייבל פאָרן אהיים?! — איז ער אַרויס מיט אַ מתנגדיש געבייזער.

— אהיים? —האָט דער קאָצקער איבערגעפרעגט—. אהיים? ווינעמט זיך צו אַ ייד צו וויסן — ווו ס׳איז ז י י ן היים?...

פון די רייד איז שאול מתנגד אַ שרעק באַפאַלן.

— זייט מיר מוחל, רבי — האָט ער געשטאַמלט.

— גיי אַריין צו מיין איטשע מאירן און צו ברוך קוספּן און צו יחיאל מאירן, אפשר וועסטו ביי זיי זיך דערוויסן, ווו ד י י ן היים איז...

איצט דרייט ער זיך אין ראָד, שאול מתנגד און לייבעלע זיין איידעם פרעגט אים פון צייט צו צייט:

— שווער, אפשר שוין צייט אהיימצופאָרן?

— שווייג, עזות־פנים — זאָגט האַלב אין געבייזער, האַלב מיט אַ שמייכל שאול מתנגד—, איי, איי, קאָצק!...

## קאַפּיטל 8

# אַ בריוול פון אַ שווער

איבערן שמאָלן הויף פאַרן רבינס בית־המדרש דרייט זיך אַרויף און אַראָפּ לייזער וואַרשעווער. איין האַנט איז אים פאַרשטעקט אין גאַרטל און מיט דער אַנדערער רייסט ער זיין קורץ צעשויבערט בלאָנד בערדל, ווי ער וואָלט צווישן אירע האָר עפּעס געזוכט און בשום אופן נישט געקאָנט געפינען. אַ לייכט ווינטל שפּילט זיך מיט זיינע פּיאות, לויפט אים נאָך, צעשפּרייט די פּאָלעס פון זיין לאַנגער שוואַרצער אַלפּאַגענער זשיפּיצע, ווי צוויי פליגלען. דאָס ווינטל איז ווײַלעריש איינגעשפּאַרט, דרייט

זיך אוים צו אים אמאָל פון פאָרנט און אמאָל פון הינטן. ווער ווייסט, וואָס א ווינטל וויל האָבן אין הויף פון קאָצקער בית־המדרש פון א יונ־גנמאַן. אפשר וויל עס זיך מיט אים רייצן און אפשר וויל עס זיך מיט אים א שפּיל טון. און אפשר גאָר מיינט עס די דאגות פון א ייִנגליש בנים צו פאַריאָגן. ווער ווייסט... נאָר לייזער פילט עס צומאָל נישט. זיינע בלאָע אויגן, וואָס קענען אזוי קינדיש און זאָרגלאָז שמייכלען, זענען איצט ערנסט, פאַרטראַכט, קאָנצענטרירט אין זיך, ווי אויגן פון א זקן.

— לייזער, לייזער! — האָט אים זיין חבר שמחהלע שוין עטלעכע מאָל גערופן — ווי לאַנג וועסטו זיך ארומטראָגן מיט דיינע נארישע טראַכטעניש!... קום צום שיעור!

— איך וועל קומען! — ענטפערט אים אָפּ קורץ לייזער — און שפּאַנט ווייטער אהין און צוריק איבערן הויף.

— לייזער! — גייט צו אים צו זיין צווייטער חבר יצחק בער און גיט אים א קלאַפּ איבער דער פּלייצע — וואָס חשבונסטו היינט אזוי לאַנג מיט זיך?!.. וואָס ווילסטו, אז ר' איטשע מאיר זאָל אויף דיר וואַרטן?...

— וואַרט נישט אויף מיר — קוקן לייזערס בלאָע אויגן אָן א זייט — איך וועל אליין טרעפן — און זיינע טריט ווערן וואָס אמאָל איילעוודי־קער, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אז מען זאָל אים נישט פאַרהאַלטן.

איינמאָל און נאָכאמאָל נעמט ער ארוים פון טאַש דאָס בריוול, וואָס לייבעלע „פּאָטשטער" האָט אים היינט געבראַכט פון וואַרשע און ער פילט, ווי די משא אויף זיינע פּלייצעס ווערט וואָס אמאָל שווערער און שווערער. א לאַנגן בריוו האָט צו אים געשריבן זיין שווער ר' גרשון, דער תבואה־סוחר פון דער גנאַינע־גאַס.

„... דו ווייסט, לייזער — און דערויף וועט מעיד זיין גאַנץ וואַרשע — אזוי הייבט אָן ר' גרשון זיין בריוו נאָך דעם געציקלטן טיטל צו זיין איידעם — אז איך האָב געטון אלץ, וואָס א טאַטע דאַרף טון פאַר זיין קינד. איך האָב דיך און דיין הויז־געזינד אויסגעהאַלטן מיט כבוד. אין די תנאים האָב איך בפירוש געשריבן, אז איך בין זיך מתחייב אויסצו־האַלטן דיך און דיין הויז־געזינד במשך דריי יאָר. קום איך דיר, לייזער, דערמאָנען, אז דער טערמין איז שוין לאַנג פאַריבער, אז שוין זעקס יאָר

זינט דו און דיין הויזגעזינד געפינען זיך אין מיין שטוב און עסן מיין ברויט"...

ליזער דערפילט עפעס א ברי ביים האַרץ. דריי יאָר, הייסט עס, עסט ער און זיין אשה און זיינע קינדער לחם חסד. וואָס האָט זיך מיט אים געטון? פאַרוואָס האָט ער אָן דעם נישט געדענקט? ווי אַזוי האָט ער געקאָנט אָן דעם פאַרגעסן?

ליזער שטעלט זיך אָפּ און ליענט ווייטער:

... דו וועסט מודה זיין, ליזער, אַז איך האָב דיר ערשט היינט וועגן דעם דערמאָנט, הגם מיט פרנסה ווערט בעוונותינו הרבים וואָס אַמאָל שווערער. איך האָב געמיינט, אַז דו ווילסט לערנען און איך האָב זיך געפרייט, וואָס דו ביסט אַ תלמיד פון ר׳ איטשע מאירן. אָבער דיין אויפפירן זיך אין דער לעצטער צייט געפעלט מיר כלל נישט. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז נישט צו תורה גלוסט דיין האַרץ, נאָר צו הפקרות רחמנא ליצלן. וואָרום ווי איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַ יידישער יונגערמאַן זאָל שוין קרוב אַ האַלב יאָר זיך נישט האָבן באַוויזן פאַר זיין הויזגע־זינד. פאַר פסח ביסטו אַוועקגעפאָרן קיין קאָצק און איצט איז שוין באַלד ראש־השנה. האָסטו דורך דער צייט אַמאָל געשריבן לזוגתך? האָסטו זיך כאָטש נאָכגעפרעגט, וואָס דיין זון לוי מאַכט?... און בכלל וואָס איז דאָס פאַר אַ דרך פאַר אַ ייד צו זיין חדשים גאַנצע אָן זיינע בני־בית — ווי פאַרט זיך דאָס מיט יידישקייט?...

אַ רויטקייט שלאָגט אַרויס אויף ליזערס פנים. ער דערמאָנט זיך אָן די הייסע פאַרעדיקע נעכט אויף יאָסלס אכסניא. נעכט, אין וועלכע עס איז אוממעגלעך איינצושלאָפן. נעכט, אין וועלכע דאָס בלוט קאָכט און זידט. אין קאָפּ קומען מוראדיקע רעיונות. פאַר די אויגן טאַנצן אַזעלכע אויסטערלישע געשטאַלטן, מיט משונהדיקע גופים. ער פאַרמאַכט די אויגן, ליזער. ער וויל נישט קוקן אויף די אַנטבלויזטע גופים. אָבער זיי רייסן אים אויף די אויגן מיט געלעכטער, די גופים, לויפן אים נאָך, רינגלען אים אַרום, שטופּן זיך אויף אים, באַרירן אים מיט נאַקעטע הענט און פיס און טייוואָל ווערט ליזערס שרעק נאָך גרעסער, ווען ער דער־קענט צווישן די אויסטערלישע געשטאַלטן זיין האָדעסל...

ער לויפט דאַמאָלס, ליזער, אין בית המדרש, וויינט זיך אויס

דאָס האַרץ ביים חובת הלבבות, און טיילמאָל העלפט נישט דאָס לויפן, די זינדיקע מחשבות דערגרייכן אויך אין בית המדרש.

לייזער פילט, אַז עס ווערט אים שווער צו אָטעמען. ער דערלייענט קוים די לעצטע שורות:

„... על כן בין איך דיר מודיע, אַז באַלד נאָך סוכות האָסטו דו און זוגתך און דיינע קינדער, זאָלן געזונט זיין, מער קיין אָרט נישט אין מיין הויז. דו ביסט אַ מאַן און אַ טאַטע — ביסטו מחויב פאַר זיי צו זאָרגן. דיין נדן מיט די פּראָצענטער טרעפן אָן פופצן הונדערט און 73 רובל מיט 45 קאָפּיקעס. דאָס געלט ליגט גרייט פאַר דיר. אפשר ווען דו וועסט זיך נעמען צום מסחר און וועסט דערפילן דעם עול פון פרנסה, וועסטו אָנהויבן פאַרשטיין, וואָס עס פּאַסט פאַר אַ ייד און וואָס נישט...‟

לייזערן ווערט ענג. עס דאַכט זיך אים, אַז ער האָט פאַרבלאָנדזשעט עפּעס אין אַ פינסטערן וואַלד. ער ווייסט נישט ווו אויס און ווו איין. וואָס וויל מען פון אים האָבן? וואָס וועט ער טון? ווי אַזוי וועט ער מפרנס זיין אַ ווייב און קינדער?

עס ווערט אים אַ רחמנות אויף זיך אַליין. ווי גליקלעך איז ער געווען, ווען ער איז געווען אין ר׳ איטשע מאירס בית־המדרש. ווי ליב זענען אים איצט זיינע חברים שמחהלע און יצחק בער. ווי טייער איז אים איצט יעדער טאָג און יעדע מינוט, וואָס ער האָט פאַרברענגט אין קאָצק!... איצט איז אַ סוף צו דעם אַלעם. איצט שטופּט מען אים אין האַנט עפּעס פופצן הונדערט און 73 קערבלעך מיט 45 קאָפּיקעס. וואָס וועט ער טון דערמיט? ווי אַזוי גייט מען עפּעס האַנדלען? קויפן און פאַר־קויפן? וואָס? וועמען?

ער לויפט נאָך שנעלער איבערן הויף. ער וויל אַנטלויפן, ער וויל זיך אויסבאַהאַלטן. ער וויל... ער ווייסט אַליין נישט וואָס ער וויל.

— וואָס לויפט עפּעס אַזוי אַ יונגערמאַן —שטעלט אים אָפּ דער אַלטער ר׳ חיים מלמד, —האַ? וואָס איז דאָס געאייל?

ר׳ חיים מלמד איז שוין אַ ייד פון קרוב שמונים אָן עין הרע, אָבער ער גייט נאָך גלייך ווי אַ יונגערמאַן און קאָן זיך נאָך פאַרמעסטן מיט אַ קוואַרטל אָקאָוויט מיט די שניעקעס. מיט אַ יאָר דרייסיק, ווען זיין ווייב צירל איז אים אָוועקגעשטאָרבן, האָט ער חתונה־געמאַכט זיינע צוויי

בוגרותן אין אוועקגעוואָרפן דאָס מלמדות. זיינע תלמידים האָט ער איינ־געטיילט הלק כחלק צווישן זיינע צוויי איידעמס. דאָס איז געווען דער נדן, וואָס ער האָט זיי געגעבן.

די פּאָטערס פון די תלמידים האָבן זיך אפילו געפּרוווט אנטקעגנשטעלן.

— וואָס הייסט — האָבן זיי געטענהט — איר טיילט אייך, ר׳ חיים, מיט אונדזערע קינדער? מיר האָבן דאָך אויך עפּעס צו זאָגן...

— איר האָט גאָרנישט וואָס צו זאָגן — האָט ר׳ חיים זיך אויף זיי אָנגעבייזערט — די חז״ל זאָגן בפירוש, אז מען לערנט מיט אַ ייד תורה, איז אזוי גוט, ווי מען האָט אים געבוירן... די תלמידים באַלאַנגען הייסט עס צו מיר, איז עס מיין זאַך און עס איז מיין נדן פאַר מיינע טעכטער זאָלן געזונט זיין. האָ? אפשר וועט איר מיר גאָר פאַרווערן נדן צו געבן?!

קעגן אזאַ ארגומענט איז שווער געווען זיך אַנטקעגנצושטעלן. ר׳ חיים האָט איינגעטיילט זיין מלמדות. און פון דאַמאָלס אָן זיצט ער אין פּשיסכע, שפּעטער אין טאָמאַשאָוו און נאָכדעם אין קאָצק. אָבער ביים נאָמען מלמד איז ער געבליבן און פאַר די יונגעלייט האָט ער ליב צו דערציילן וועגן זיינע אַמאָליקע תלמידים.

ר׳ חיים מלמד נעמט ארויס דאָס טאַבאַק־פּושקעלע, נעמט אָן אַ גארשט טאַבאַק, צעהוסט זיך און זיינע אויגן באַטאַפּן פאַרשנדיק דעם צעטומלטן לייזער.

— האָ? — פרעגט ער — וואָס איז דאָס פאַר אַ מחשבות? דאָס חקרנען מיט זיך אַליין איז קיין תכלית נישט, יונגערמאַן...

לייזער ווייסט נישט, וואָס צו ענטפערן. וואָס קאָן ער זאָגן חיים מלמד? קאָן ער אים דערציילן וועגן די רעיונות, וואָס פּייניקן אים?

ר׳ חיים מלמד שאָקלט מיטן קאָפּ און זאָגט:

— דו געפעלסט מיר נישט, לייזער. אָבער טאַקע ממש נישט... אזאַ ארומדרייען זיך פּוסט און פּאַסט איז קיין דרך נישט...

פּאַלט לייזערן איין: אפשר זיך שואל עצה זיין מיט ר׳ חיימען, נאָך פון די אַלטע פּשיסכער, ר׳ חיים, אין פּשיסכע איז דאָך געווען דער מקור פון חכמה. שטאַמלענדיק רעדט לייזער ארויס האַלב־פאַרשעמט:

— כ׳מיין, ר׳ חיים... ווי אזוי איז מען דאָס מפרנס ס׳בני־בית?...

— העהעהע! —לאַכט אויפֿן קול ר׳ חיים מלמד און נעמט אַ צווייטן שמעק־טאַבאַק— זע נאַר, זע ווען וואָס הײַנטיקע יונגעלייט זאָרגן !...

לייזער שטייט אַ צעטומלטער. וואָס האָט ער דאָס געזאָגט פֿאַר אַ נאַרישקייט, וואָס ר׳ חיים מלמד חוזקט אַזוי אָפּ פֿון אים?

ר׳ חיים קוקט אויף אים לאַנג, באַטאַפּט אים מיט זײַנע בליקן פֿון אַלע זייטן און זאָגט מיט ביטול:

— מ׳שטיינס געזאָגט... און ד אָ ס פּאַרט קיין קאַצק!...

ווערט לייזער נאָך מער געפֿאַלן בײַ זיך. ער ציבּט נערוועז מיט די פֿינגער דאָס בלאָנדע בערדל און אין די אויגן שטייען אים טרערן.

ר׳ חיים לייגט אַרויף זײַן פֿון טאַבאַק געלבלעכע האַנט אויף לייזערס פּלייצע און זאָגט האַלב מיט ביטול האַלב מיט רחמנות:

— פּרנסה!... — אויך מיר אַ דאגה!... מ׳שאַפֿט זיך אַ מלמדות און — פּטור!...

לייזערן ווערט מיטאַמאָל ליכטיק אין די אויגן. ער פֿילט, ווי אַ שווערע משא וואָלט אים אַראָפּגעפֿאַלן פֿון די פּלייצעס.

— אַ מלמדות און — פּטור!... חזרט ער איבער צו זיך אַליין.

וואָס איז זיך דאָ באמת וואָס צו דאגהן... אויף סוכות פֿאָרט ער בלי נדר אַהיים. אין שטיבל וועט מען אים צוהעלפֿן. מ׳וועט אים שאַפֿן אַ מלמדות און עס וועט נעמען אַ סוף צו אַלע זאָרגן.

— אָבער וואָס וועט זאָגן דער שווער, ר׳ גרשון דער תבואה־סוחר? עס וועט דאָך אים נישט פּאַסן?

מילא, זאָל אים נישט פּאַסן! זאָל ער קרימען מיט דער נאָז!... וואָס גייט עס אים, לייזערן, אָן... נאָר וואָס דען האָט ער געוואָלט, דער שווער? מאַכן זיך אַ קרעמל? האָבן צו טון טאָג און נאַכט מיט קונים, מיט מעסטן און ווענן, מיט ציילן געלט? אַ מלמדות איז גאָר עפּעס אַנדערש. קודם כל זיצט מען ווײַטער בײַ דער גמרא. און דער קאָפּ איז נישט פֿאַרדרייט מיט כּלערליי נאַרישקייטן. און בײַנאַכט קאָן מען גיין אין שטיבל און פֿירן זיך אַזוי ווי געוועןֿ!...

לייזער וויל זאָגן אַ יישר־כּוח ר׳ חיימען. באמת אַ טײַערע עצה.

נאָר ר׳ חיים מלמד שטייט שוין אין צווייטן ווינקל פון שמאָלן הויף און טענהט עפּעס מיט אַ צווייטן יונגנמאַן.

לייזער דערמאָנט זיך איצט, אַז ער קאָן פּאַרשפּעטיקן צו ר׳ איטשע מאירס שיעור. ער הייבט אָן גיין שנעלער און רעדט צו זיך:

— ווי דען, אַ מלמדות און — פּטור!...

## קאַפּיטל 9

## „ביים געזעגענען"

שוין עטלעכע טעג, ווי לייזער דרייט זיך אַרום אָן אומרואיקער אין בית־המדרש. עס איז שוין נאָך יום כיפּור. וועט ער נאָך באַוויזן אַהיימ־צוקומען אויף סוכּות? איצט, ווען ער איז שוין פּאַרטיק מיט זיך, ווען ער ווייסט שוין, וואָס ער האָט צו טון, ווען ער פרייט זיך מיטן געדאַנק פון אַ מלמדות, שרעקט אים שוין נישט דאָס פּאָרן אהיים. פּאַרקערט, איצט וויל ער וואָס שנעלער אַהיימקומען צו דער פרוי און קינדער. ער וויל שוין וואָס פריער האָבן דערציילט האָדעסלען, אַז ער ווערט אם ירצה השם אַ מלמד. ער וויל שוין האָבן מודיע געווען דאָס נייעס זיין שווער, ר׳ גרשון דעם תבואה־סוחר. ער ווייסט, אַז עס וועט אינדערהיים נישט גלאַט אָפּגיין. ר׳ גרשון וועט קלאַפּן אין טיש און שרייען, האָדעסל וועט אַרומגיין מיט פאַרוויינטע אויגן. פּאַרפאַלן. מען מוז עס וואָס שנעלער דורכקומען.

דאָס פּאָרן אהיים איז אָבער אין קאָצק נישט פון די פּשוטע זאַכן. זיין שווער, ר׳ גרשון דער תבואה־סוחר אויף גנאַינע גאַס, וועט עס נישט קאָנען פאַרשטיין. ער פאָרט „נעבעך" קיין קוזמיר און דאָרט „נעמט מען שלום" און מען „געזעגנט" זיך, ווען נאָר מען וויל. אין קאָצק אָבער איז עפּעס אַנדעריש. טעג גאַנצע און אַמאָל וואָכן לאַנגע איז „אינעווייניק" פאַרשלאָסן. ר׳ הירש טאָמאַשאָווער שטייט ביי דער פאַרשלאָסענער טיר. דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן דער טיר שטייט ער אַזוי טאָג און נאַכט, ר׳ הירש, דער געטרייער שומר. ר׳ הירש טאָמאַשאָווער שטייט ביי דער פאַרמאַכטער טיר און היט. הירשס היטן די טיר איז אייגנטלעך איבע־

ריק. ווער וועט וואָגן אַליין אַריינצוגיין. אפילו ווען די טיר איז אָפן, אפילו ווען דער רבי געזעגנט, ציטערט העגט און פיס ביים איבערטרעטן די שוועל פון רבינס חדר. היינט־זשע ווער וועט זיך איינשטעלן, חלילה, אַליין די טיר צו עפענען? ר' הירש ווייסט דאָס זייער גוט, פונדעסטוועגן ווייסט ער אויך, אַז זיין זאַך איז צו שטיין ביי דער טיר און היטן.

ר' איטשע בלאָס, דער גרויסער וואַלד־סוחר פון גער און דעם רבינס מחותן, גייט אַלע מאָל צו צו הירשן און פרעגט אים שטיל:

— וואָס וועט זיין, הירש?

ר' הירש ציט מיט די אַקסלען און זאָגט:

— ווער ווייסט, איטשע...

אין אַ ווינקל ליגן שוין ר' איטשעס חפצים איינגעפּאַקט, פאַרדעקט מיט אַ שווערער שובע. ער האָט נאָך אַ לאַנגן וועג דורכצומאַכן אהיים. אין דער יום־טוב רוקט אָן. און אַ חוץ דעם דאַרף ער נאָך זיין ביים כראַביע באַטאַצקי אונטערצושרייבן דעם קאָנטראַקט וועגן דעם גרויסן גריצער וואַלד, און דאָ קאָן מען שוין זינט עטלעכע טעג נישט אָנקומען...

ער האָט זיך שוין געזעגנט מיט אַלע. מיט ר' איטשע מאירן און מיט ר' מרדכי יוספן און מיט ר' יחיאל מאירן און מיט דער רביצין אויך, אָבער צי ער וועט פאָרן, ווייסט ער בכלל נישט.

— אפשר וועל איך, מחותן, אַריינגיין און פרעגן — זאָגט צו אים די רביצין. זי ווייסט, אַז איר מחותן איילט זיך, אַז ער האָט צו דער־ליידיקן וויכטיקע עסקים, און אַז דער וועג קיין גער איז אַ ווייטער, און זי וויל אים העלפן.

— חס־וחלילה! — דערשרעקט זיך ר' איטשע גערער פאַרן בלויזן געדאַנק.

ער געדענקט גאַנץ גוט דעם פסק, וואָס ער האָט באַקומען אויף דער חתונה פון זיין טאָכטער. ער האָט זיך דאַמאָלס געפילט גאָר גע־הויבן, דער רייכער וואַלד־סוחר. אַ קלייניקייט עפּעס: ווערן מחותן מיטן רבי פון קאָצק. טייל מאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז די דאָזיקע מחותנים־שאַפט איז נישט מער ווי אַ חלום, אַז באַלד וועט ער זיך איבערוועקן און פון דער מחותנימשאַפט וועט נישט זיין קיין זכר. ביז צו דער חתונה האָט ער אויף יעדן שבת געשיקט מתנות קיין קאָצק. אוודאי האָט ער גע־

מיינט דערמיט מהנה צו זיין זיין חתן. ער האָט אָבער געהאַט דערביי נאָך א מיין. א באַהאַלטענעם מיין. ער האָט געוואָלט זיך אַליין איבערצייגן, אַז דער שידוך מיטן רבין פון קאָצק איז טאַקע אויף דער וואר. אַז ער, איטשע גערער, א סוחר מיט וואַלד, וואָס האָט גאַנצע יאָרן צו טון מיט צעלאָזענע פּריצים און זייערע עסקים, האָט פונדעסטוועגן זוכה געווען צו ווערן דער מחותן פון קאָצק. און אין הארץ האָט נאָך געטליעט עפּעס א נישט דרייסטע האָפענונג. אפשר וועט דער רבי אמאָל אָפּענטפערן אויף די אַלע מתנות. אָפּענטפּערן ווי א מחותן. געענטפערט אָבער האָט שטענדיק די רביצן. זי האָט געלאָזט גריסן ר׳ איטשען זייער פריינטלעך.

נישט יעדעם מאָל האָט זי געקאָנט צוריקשיקן דער כלה א מתנה; נאָר אויף פּסח און אויף סוכות און אויף פּורים האָט זי געשיקט דער כלה א גאָלדענעם רינג, צי א גאָלדענעם בראַנסאַלעט און אמאָל אויך א טייערן שטיין. אָבער דערפאַר האָט זי נישט פאַרגעסן יעדעם מאָל מיט־צושיקן מיטן שליח אַן אָנגעהויבענע פלאַש וויין און אַן אָנגעהויבענע גרויסע חלה און צוגעגעבן:

— און לְמען השם פאַרגעסט נישט צו אָנזאָגן אונדזער מחותן ר׳ איטשען, אַז פון דער פלאַש האָט דער רבי שבת קידוש געמאַכט און אי־בער דער חלה האָט ער ביים טיש געמאַכט א ברכה...

ר׳ איטשע האָט מיטן רבינס וויין און חלה זיך שטאַרק געפרייט, האָט עס געהאַלטן אויף פריייטיק־צו־נאַכטס צו דער סעודה, נאָר טיף אין הארין האָט ער זיך געפילט אַנטטוישט. ער האָט אומזיסט דערוואַרט א גרוס פון א י ם אַליין.

מיט גרויס שמחה און האַרץ־קלאַפּעניש איז ער געקומען קיין קאָצק צו דער חתונה. ער איז געקומען מיט זיין גרויסער פאַרצווייגטער משפּחה און מיט אַלע „מענטשן" פון זיינע וועלדער. הויכע צעוואַקסענע יידן מיט לאַנגע שוואַרצע בערד זענען זיי אַלע געווען. די זיידענע זשופּיצעס זענען אויף זייערע פונאַנדערגעוואַקסענע גופים ענג געווען, די הויכע שטריימלען אויף די קעפּ האָבן זיי געמאַכט נאָך העכער. אָבער ווען זיי זענען אריינ־געקומען אין שלום־שטיבל, אין דעם חדר, וו דער עולם וואַרט אויפן רבין, האָבן זיי זיך ווי צוזאַמענגעקאָרטשעט; זיי האָבן זיך גלייך געמאַכט די בערד און פּיאות, האָבן ענגער איינגעצויגן די זיידענע גאַרטלען און זיי־

ערע אויגן זענען מיט שרעק און ציטערניש געהאנגען אויף דער תּאָר־מאַכטער טיר.

שעהנלאַנג האָבן זיי געוואַרט און די טיר האָט זיך נישט געעפנט.

ר׳ איטשעס אויגן האָבן אומרואיק געפינטלט. וואָס איז געשען? האָט ער זיך נישט חלילה מיט עפּעס פאַרזינדיקט? צי האָט מען נישט אַמאָל געטריבן פון אים אַ חוזק? צי איז ער טאַקע אויף דער וואָר דער מחותן פון קאָצק?

די רביצן קומט אַריין אַ צעשמייכלטע אין אַ זילבער־בלאָ קלייד און אַ זילבער־בלאָע קופּקע. זי אַליין איז מכבד אירע טייערע מחותנים מיט לעקעך און ווייַן.

זי גייט צו צו ר׳ איטשען. זי ווייסט, וואָס עס טוט אים וויי. און זי זאָגט צו אים שטיל:

— זייט נישט באַזאָרגט, ר׳ איטשע... מיר זענען דאָך שוין משפּחה, מעג מען דאָך רעדן אָפן... יאָ, עס איז נישט לייכט צו זיין אַ מהותן פון קאָצק — און זי גיט צו מיט אַ האַלב־גליקלעכן און האַלב־טרויעריקן שמייכל — און אויך רביצן פון קאָצק איז נישט לייכט צו זיין...

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט מען אַזוי געוואַרט און די טיר איז געווען פאַרשלאָסן. די כלה איז געווען איינגעהילט אין ווייסן און זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. ר׳ איטשע האָט זיך אָנגעשפּאַרט ביים פענ־סטער און נישט געהערט, וואָס מ׳רעדט צו אים. די רביצן האָט עטלעכע מאָל אָנגעקלאַפּט און קיין תשובה נישט באַקומען. בילקע קלעזמער האָט שוין נישט געהאַט קיין כוח צו האַלטן די פידל גרייט ביי דער גאָמבע. ערשט דאַמאָלס האָט זיך די טיר געעפנט. דער צונויפגעפּרעסטער עולם האָט זיך צעפּאַליעט. בילקע קלעזמער האָט אויפגעשפּילט אַ פריילעכס.

— וואָס באַלמוטשעט מען? — דעם רבינס אויגן האָבן געקוקט אַרום זיך פאַרחידושט, ווי זיי וואָלטן נישט געוווסט, וואָס דאָ קומט פאָר.

ר׳ איטשע האָט אויפגעלעבט. זיינע אויגן האָבן אויפגעשיינט און פון זיין מויל האָבן זיך, ווי נישט ווילנדיק, אַרויסגעריסן ווערטער, וואָס האָבן לאַנג אין אים געיערט:

— „שוין, מחותן, מ׳גייט גלייך צו דער חופּה״.

האָט דער רבי זיך אויסגעדרייט צו ר׳ איטשע מאירן און מיט אַ פאַרחידושט קול געזאָגט:

— סאַראַ מחותן בין איך צו אים?!... און נאָך העכער צוגעגעבן צו זיין תלמיד ר׳ איטשע מאיר ווארשעווער:

— אַ שיין לייט איז פון מיר געוואָרן, יאָ, איטשע־מאיר, אַז זיי זענען שוין מ י י נ ע מחותנים...

ר׳ איטשען האָט ביים הארץ אַ ברי געטון. און פון דאַמאָלס אָן היט ער זיך צו געבן עפּעס אָנצוהערן זיין מחותנימשאַפט. דעריבער האָט ער זיך אַזוי דערשראָקן, ווען די רביצן האָט אים פאַרגעשלאָגן אים צו־צוהעלפן, אַז דער רבי זאָל אים געזעגענען.

די רביצן האָט אים פאַרשטאַנען און טרויעריק צו אים געשמייכלט:

— וואָס זאָל מען טון... ס׳לעבן אין קאָצק איז נישט לייכט...

— ס׳מאַכט נישט, רביצן — האָט ר׳ איטשע געזאָגט — ווער ווייסט, אפשר איז גלייכער צו בלייבן יום־טוב דאָ — און ער האָט צוזאַמענגענו־מען זיינע חפצים און די ברוינע שובע און מיט דער רביצן אַרוים אין אירע חדרים.

לייזער איז צוגעגאַנגען צו ר׳ הירש טאָמאַשאָווער. ער האָט אפילו געזען, ווי הירש האָט געצויגן מיט די אַקסלען אויף ר׳ איטשעס שאלה. פינדעסטוועגן האָט ער זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן פון אַ פרעג טון:

— ווי מיינט איר, ר׳ הירש?...

— וואָס איז אויף דיר אַזאַ געאייל, לייזער? די גרויסע עסקים?

— דער שווער... — האָט לייזער פאַרלעגן געשמייכלט.

— הע־הע — האָט הירש טאָמאַשאָווער געקוקט מיט ביטול אויף לייזערן — פאַר גרשון דעם תבואה־סוחר האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן?...

— ר׳האָט מיר אָפּגעזאָגט די קעסט — האָט לייזער געפילט ווי אַ רויטקייט שלאָגט אים אַרויס אויפן פּנים און דערפון געהאַט נאָך מער פאַרדרוס — אַ בריוו פון אים דערהאַלטן...

— אַהאַ! — האָט הירש טאָמאַשאָווער ווי צו זיך אַרויסגערעדט און זיין שטים האָט שוין געקלונגען מיט מיטגעפיל — איז וואָס מיינסטו?...

— כ׳קלער אפשר אַ מלמדות — זאָגט לייזער און וואַרט אויף הירשס הסכמה.

נאָר הירש ענטפערט נישט און זאָגט קורץ:
— וואַרט אין בית־המדרש. אפשר...

קאַפּיטל 10

# אַ קאַצקער סוחר

עס גייט אַריבער אַ שעה און נאָך אַ שעה. דער בית־המדרש איז האַלב ליידיק. נאָר אין אַ ווינקל שטייען עטלעכע יונגע חסידים און שמועסן: ביים גרויסן לענגלעכן טיש זיצן צוויי־דריי עלטערע יידן איבער ספרים.

מיטאַמאָל דערהערט זיך עפּעס אַ ריטשן פון לאַטשן אויף דעם דיל. די יונגע לייט רייסן אין שרעק איבער דעם שמועס. די יידן ביים טיש שטעלן זיך אויף.

אַ פּליסטערן לויפט דורך דעם בית־המדרש:

— דער רבי. — און אין דעם פּליסטערן איז פאַראַן ליבע און שרעק צוזאַמענגעפּאַרט.

מיט אימפּעט פּראַלט זיך אויף די טיר. ווי אַ שטורעם־ווינט וואָלט זיך אַריינגעריסן. דער עולם רוקט זיך הינטערווייילעכטס צו דער אַרויס־גאַנג־טיר. אויך לייזער וויל אַרויס צוזאַמען מיט אַלע, נאָר די פיס זענען אים געלעמט. ער קאָן זיך נישט רירן פון אָרט.

דער רבי בלייבט שטיין אין מיטן בית־המדרש. ער איז דאָס מאָל אָנגעטאָן אין אַ נייער אַטלאַסענער זשיפּיצע. דאָס גרויסע שטריימל פאַר־דעקט אים אַ האַלב פּנים, נאָר די אויגן, גרויסע אויפגעריסענע, זענען ווי צוויי טיפע אָפּגרינטן.

הינטער אים שטייט דער געטרייער שומר ר' הירש טאָמאַשאָווער.

— דו זעסט, הירש, ווי זיי אַנטלויפן פון מיר — ווייזט ער אָן אויפן אויסגעליידיקטן בית־המדרש.

— כ'זע, רבי, כ'זע...

— און ווייסטו, פאַרוואָס זיי אַנטלויפן? ווייסטו כאָטש?

— כ'ווייס נישט, רבי, כ'ווייס נישט...

— אַ רבי, וואָס זאָל זיי גלעטן, דאַרפֿן זיי, גלעטן... און איך קאָן נישט גלעטן!... איך וויל נישט גלעטן!... ווייסטו, וואָס איך וויל, הירש?

— כ׳ווייס נישט, רבי, כ׳ווייס נישט...

— מיט שפּיזן ביז צום האַרץ דערגרייכן!... אַז עס זאָל אויפֿצאַפּלען דאָס האַרץ, אויפֿציטערן!... הערסט, הירש?

— כ׳הער, רבי, כ׳הער...

— און זיי דאַרפֿן אַ רבי צו זייערע עסקים!... איטשע גערער איילט זיך צו זיין פּריץ!... נו, בין איך מחויב אויך דאָס צו וויסן, הירש?...

— כ׳ווייס נישט, רבי, כ׳ווייס נישט...

— וואָס־זשע ווייסטו, הירש?

— כ׳ווייס גאָרנישט, גאָרנישט...

— דו מיינסט, אַז אַ רבי דאַרף דערגרייכן אין די הימלען? האַ? אַזוי מיינסטו?...

— וואָס קאָן איך מיינען, רבי...

— און מיר אין קאָצק מיינען אַנדערש. מיר זענען קליין און ני־דעריק. ווי קומט מען אין הימל? כ׳ווייס נישט דעם וועג. זאָלן די הימלען זיך אַראָפּנידערן צו אונדז צו דער ערד!... דאָס וויל מען אין קאָצק, דאָס!... הערסט, הירש?...

— כ׳הער, רבי, כ׳הער.

לייזער שטייט אַנטקעגנאיבער דעם רבין. אַן אימה קלעמט אים ביים האַרץ. עס דאַכט זיך אים, אַז ס׳בית־המדרש איז פֿול מיט מלאכים ושרפֿים און אַז נישט צו הירש טאָמאַשאָווער, נאָר צו זיי רעדט דער רבי, מיט זיי ראַנגלט ער זיך, זיי וויל ער צווינגען, אַז די הימלען זאָלן אַראָפּנידערן אויף דער ערד. פֿאַר שרעק קאָן ער נישט אָטעמען. ער וויל אַנטלויפֿן. ער וויל זיך באַהאַלטן. ער קאָן נישט קוקן אין די צוויי אָפּגרינטן, וואָס קוקן אַרויס פֿון רבינס אויגן. אַוועק, אַוועק פֿונדאַנען. ווי קומט ער, לייזער, מיט זיינע נאַרישע דאגות צום רבין?... אַוועק, אַוועק...

אָבער די פֿיס זענען צוגעשמידט צו דער ערד. ער קאָן נישט רירן מיט קיין אבר. און ער קאָן די אויגן נישט אָפּרייסן פֿון רבינס בליק.

דער רבי מאַכט צוויי טריט צום בעלעמער. ער שפּאַרט זיך אָן מיט

ביידע הענט אויפן בעלעמער. דער קאָפּ פאַלט אַראָפּ נידעריקער, און לענט זיך אָן אויף די צוויי ווייסע הענט.

מיט אַ געענדערטער, מיד־צעבראָכענער שטים רעדט ער צו הירשן:

— עס טוט וויי, הירש, עס טוט וויי. עס טוט וויי אין האַרץ. און עס טוט וויי אומעטום. נישטאָ קיין אָרט, וואָס זאָל נישט וויי טון, נישטאָ קיין אָרט, הירש...

לייזער פילט ווי עפּעס אַ גרויס רחמנות נעמט אים אַרום. עס דאַכט זיך אים, ווי אַלע לאַסטן פון דער וועלט ליגן אויף די פּלייצעס פון דעם ייד, וואָס שטייט אָנגעשפּאַרט אויף דעם בעלעמער. און עס איז נישטאָ קיינער, וואָס זאָל די משא אַראָפּנעמען, נישטאָ קיינער. איינער אַליין מוז ער עס אויסטראָגן, איינער אַליין.

פון לייזערס אויגן גיסן זיך טרערן. גיסן זיך אויף זיין פּנים און אויף זיין באָרד. ער וויל די טרערן אָפּווישן, אָבער די הענט זענען געלעמט. ער וויל כאָטש דעם קאָפּ אָפּווענדן, אָבער ער קאָן אויך מיטן קאָפּ נישט רירן.

מיטאַמאָל גלייכט זיך די געשטאַלט ביים בעלעמער אויס. ער זעט איצט לייזערן, זעט זיינע טרערן. דעם רבינס אויגן זענען איצט איין שטיק פייער. אַזוי דאַכט זיך לייזערן. זיי בריען אים אינגאַנצן דורך. זיי דער־גרונטעווען ביז זיינע טיפענישן. לייזערן דאַכט זיך, ווי פאַרן רבינס אויגן איז נישטאָ קיין שום באַהעלטעניש, ווי זיי קוקן גלייך אין זיין האַרץ, קוקן און זעען אַלץ...

און דאַמאָלס נעמט לייזערן אַרום אויך אַ רחמנות אויף זיך. און ער ווייסט שוין אַליין נישט, פאַרוואָס ער וויינט. צוליבן רבינס צער אָדער צוליב זיין אייגענער נישטיקייט.

— ווער איז דער? — ווייזט אָן דער רבי אויף לייזערן.

— לייזער װאַרשעווער — זאָגט אים הירש טאָמאַשאָווער.

— וואָס ווילסטו? — פרעגט אים דער רבי.

לייזער מאַכט עפּעס מיטן מויל, אָבער קיין קול קומט פון זיינע ליפּן נישט אַרויס.

— גרשון דער תבואה־סוחר האָט אים אָפּגעזאָגט די קעסט —קומט הירש טאָמאַשאָווער צו הילף—, ער קלערט וועגן אַ מלמדות...

— וואָס וויל ער, הירש?

— א מלמדות — חזרט איבער הירש.

— א מלמד ווילסטו ווערן —-לייזער פילט ווי דעם רבינס אויגן וואָלטן אים איצטער אויסגעטון מוטער־נאַקעט— אנדערע לערנען וויל־סטו, און אליין קענסטו שוין?!...

— ער... פּרוווט הירש טאַמאַשאָווער אויפקלערן.

— וואָס? ער? אנדערע לערנען מיינסטו וויל ער? גאָר זיך אליין מיינט ער דאָך! א מלמד זיין און — פּטור, האַ? אזוי מיינסטו? מורא אַרויסצוגיין אין שטאָט, מורא צו זען, וואָס עס טוט זיך ארום? מורא די אייגענע פּאָלע זיך איינצוריכטן, האַ?...

לייזער שווייגט. וואָס קאָן ער זאָגן, וואָס ווייסט ער צו זאָגן. עס שווייגט אויך הירש טאַמאַשאָווער. ער זעט שוין, אז פון מלמדות וועט גאָרנישט זיין.

— אין קאָצק —נעמט אָן דעם רבינס שטים עפּעס א מעטאַלענעם קלאַנג— האָט מען נישט קיין מורא זיך די פּאָלע איינצוריכטן— אין קאָצק טאָר מען נישט האָבן קיין מורא צו פאַרלירן דעם ספּאָדעק. מלמדים וועלן זיי ביי מיר זיין! ניין! מ׳דאַרף נישט קיין מלמדים! און א סוחר שטייט דיר נישט אָן צו זיין, לייזער וואַרשעווער!...

לייזער פילט, ווי די ערד וואָלט זיך פאַר אים געעפנט. ער פילט זיין גאַנצע פאַרלוירנקייט. ער וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן, עפּעס בעטן, אָבער אין האַלדז שטיקט אים.

הירש טאַמאַשאָווער האָט אויף אים רחמנות, ער שטעלט זיך פאַר אים איין און זאָגט:

— ער ווייסט נישט ווו און ווען...

— וואָס זאָל ער ווייסן? —פרעגט אים דער רבי א פאַרחידושטער— מ׳גייט אַרום אויפן פּלאַץ דאָרט ביי דער תפילה...

— גזשיבאָוו — וואַרפט צו הירש טאַמאַשאָווער.

— און מ׳קויפט אביסל אייזן און מ׳ווערט א סוחר.

— נו, גיי שוין גיי —ש ט ו פּ ט  ה י ר ש  ט אָ מ אַ ש אָ ו ו ע ר לייזערן אוועק— האָסט דאָך געהערט...

אַ צעבראָכענער, אַ צעריבענער קומט לייזער ארויס אויפן הויף; זיינע חברים דערשרעקן זיך פאַר זיין אויסזען.

יצחק בער און שמחהלע לאָזן זייער חבר אויף אַ שעה נישט אליין.

— לייזער —קלאַפּט אים יצחק בער אויף דער פּלייצע— שטעל אַ קוואָרט מער, אָבער טאַקע טוב ומיטיב, ווערסט דאָך עפּעס אַ סוחר!...

— מילא מעד מוז מען אוודאי טרינקען —איז מסכים דער קליינער שמחהלע— נאָר דער עיקר, לייזער, זאָלסט צוליב דיינע געשעפטן נישט פאַרגעסן אָן קאָצק!...

— מיינע געשעפטן — שאָקלט לייזער אַ פאַרלוירענער מיטן קאָפּ.

— פּע! —שרייט אויף אים אָן יצחק בער— עצבות גאָר!...

— גלויב מיר, לייזער —טרייסט אים דער גוטער שמחהלע— אַז אפילו אין קראָם קאָן מען זיין אַ ייד...

זיי טרייסטן אים, די צוויי חברים. אין האַרצן אָבער באַדויערן זיי אים. אַ רחמנות, נעבעך, אויף דעם לייזערן. אַזאַ שווערע משא האָט מען אים אויף די פּלייצעס אַרויפגעלייגט, אַ משא כבדה. אַרומשלעפּן זיך וועט ער נעבעך מוזן איבערן גזשיבאָוו, אַרום עפּעס אייזנס וועט ער זיך מוזן פאַרען, פאַרהאַרעוועט זיין אַ גאַנצן טאָג מיט חשבונות און נאָך אַזעלכע עסקים, וועט זיך מוזן פּאַטשקען מיט געלט... סאַראַ טעם האָט אַזאַ לעבן... נישט מ'קאָן זיצן אַ ווינטער אין קאָצק, נישט מ'קאָן האָבן אַ ריינעם קאָפּ ביי ר' איטשע מאירס שיעור, נישט מ'קאָן האָבן אַ פרייע מינוט אַ טראַכט צו טון וועגן דעם אמתן תכלית פון אַ ייד.

— נאָך גוט —טראַכט מיט שרעק דער קליינער שמחהלע— וואָס איך בין דאַמאָלס אין בית־המדרש נישט געווען. ווער ווייסט, צי מ'וואָלט מיר דאָס „פּעקל" נישט צוגעוואָרפן...

באַלד אָבער כאַפּט ער זיך, אַז אַזוי טאָר אַ ייד נישט טראַכטן. וואָס הייסט? צופרידן זיין דערפון, וואָס זיין חבר און ידיד האָט באַקומען צו־געוואָרפן דאָס „פּעקל" —שעם זיך, שמחהלע! פּע!... — דאָס האָסטו געלערנט אין קאָצק?...

שמחהלע קרעכצט שווער אָפּ. ער איז נאָך גאָר קיין לייט נישט. לגמרי נישט. היינט ביינאַכט וועט ער זיך אַראָפּכאַפּן אין בית־המדרש און זיך אוועקזעצן ביים חובת־הלבבות...

שמחהלע שמייכלט צו לייזערן, ער וויל אים פארגיטיקן פאר די מחשבות זרות און זאָגט צו אים:

— נישט געזאָרגט, לייזער, נאָר נישט געזאָרגט.

אנדערע מחשבות באפאלן יצחק בערן. ער פרעגט זיך אליין:

— וואָס וואָלסטו געטון, יצחק בער, ווען דו ביסט אויף לייזערס אָרט? ווען מ'ווארפט דיר צו דאָס „פעקל"? ווען מ'הייסט דיך גיין אויף גזשיבאָוו און האנדלען מיט אייזן?... הא, יצחק בער? וואָלסט געהאט כוח זיך אנטקעגנצושטעלן?... אפשר האָט מען נאָר געוואַרט אויף דעם, וואָס וואגט זיך אנטקעגנצושטעלן? אפשר וויל מען מיט דעם, וואָס וואגט ארויף אויף די דעכער, אפשר? אָבער דו וואָלסט מודה גע־האט, יצחק בער, דו ביסט א פחדן, יצחק בער, א פחדן... פאר דיין אָרע־מער הויט ציטערסטו און דו וואָלסט קיין פיפס נישט געטון... הירש טאָ־מאשאָווער וואָלט אויך פאר דיר געמוזט רעדן...

יצחק בער ווערט טרויעריק. ער ווייסט אליין נישט, אויף וועמען ער האָט רחמנות. אויף לייזערן, נעבעך, צי אויף זיך אליין דעם פחדן?...

— אָבער מיט עצבות, יצחק בער —זאָגט ער צו זיך אליין— וועסטו גאָרנישט מאכן — און ער ווענדט זיך צו לייזערן:

— נו, וואָס באַלמוטשעסטו, לייזער!... דארפסט דאָך עפּעם „שטעלן" מעד!...

— לייכט־פארדרויטלטע פון דעם אלטן מעד, וואָס זיסל דער קאַצ־קער וויין־סוחר האָט זיי געגעבן, גייען זיי אלע דריי אוועק צו דער אכסניא פון ר' איטשע מאיר.

לייזער דערציילט מיט א ציטערדיקער שטימע, וואָס זיינע אויגן האָבן זוכה געהאט צו זען אין בית־המדרש. ער טרייסלט זיך פאר שרעק איבערהזורנדיק דעם רבינס רייד און הייבט אָן שטאמלען איבערגעבנדיק, ווי דער רבי האָט אים, לייזערן, געהייסן זיך נעמען צום מסחר.

ר' איטשע מאיר הערט שווייגנדיק. נאָר דער בליק פון זיינע אויגן ווערט וואָס אמאָל טיפער. באלד אָבער צעשמייכלט ער זיך ווידער מיט זיין גוטן שמייכל הערנדיק וועגן דעם „פעקל", וואָס מ'האָט לייזערן צו־געוואָרפן אויפן גזשיבאָוו.

— האָסט שוין פארפאקט דאָס פעקל? — פרעגט ער לייזערן.

— ניין...

— ביסט דאָך גאָר קיין זריז נישט —ליינט ר' איטשע מאיר ארויף זיין האַנט אויף לייזערס אָרעם— גיי־זשע גלייך אויף דער אכסניא או נעם זיך אין וועג. געדענק, אז פון היינט אָן ביסטו דער קאָצקער סוחר!...

קאַפּיטל 11

# ר' גרשון דער תבואה־סוחר

די ווענט פון דער סוכה אין דעם גרויסן הויף אויף גנאינע גאַס זענען שוין צוזאַמענגעשטעלט און צונויפגעקלאַפּט. משהלע און ישראליק, די צוויי משרתים פון דעם תבואה־סוחר ר' גרשון, ווישן זיך צופרידן מיט די הענט דעם שווייס פון זייערע מגושמדיק רויטע פּנימער פון דאַרפס־שקצים.

משהלע שפּאַרט אָן זיינע געזונטע אויסגעפּראַצעוועטע פון שלעפּן די תבואה־זעק פּלייצעס אָן דער וואַנט פון דער סוכה און זאָגט מיט הנאה צו זיין חבר:

—הא!... א פיין סוכהלע!...

ישראליק מעסט אָפּ מיט א געניט אויג די אויפגעשטעלטע ווענט און גיט אויך זיין הסכמה:

— א קאמיעניצע, נישט א סוכה!... ווי כ'בין א ייד!...

ר' גרשון דער תבואה־סוחר שטייט נעבן זיין סוכה. די פּאָלעס פון זיין ברוינעם פּלושענעם שלאַפראָק האָבן זיך פונאַנדערגעשפּרייט. דאָס הויכע סאַמעטענע קאפּל איז פאררוקט אָן א זייט. ר' גרשון קוקט נישט אויף די ווענט פון דער סוכה. וואָס זענען דען די ווענט פון א סוכה? א פּאָר נאַקעטע ברעטער, וואָס קוקן נאַריש אין דער הויך... דער עיקר איז דער גרינער קאָפּ פון דער סוכה. ערשט ווען מען גיט די נאַקעטע ברעטער א קאָפּ, באַקומט די סוכה חיות, טרעט אריין אין איר א נשמה, ווערט א סוכה — א סוכה...

אָן א זייט ליגט אָנגעלייגט א קופּע גרינע יונגע צווייגן, וואָס וואַרטן אויף זייער תיקון צו באַשיינען די יידישע סוכה.

— ישראליק! משהלע! — גיט ר' גרשון ענדלעך א קאָמאַנדעווע — דעם סכך!...

ר׳ גרשונסביידע משרתים טוען זיך מיט אימפעט א וואָרף צו דעם בערגל יונגע גרינע צווייגן און מיטאמאָל ווערט דאָס בערגל גרינס אָנגע־טון אויף די שפיצן פון די נאַקעטע ברעטער. די סוכה באַקומט א באַ־וואַקסענעם גרינעם קאָפּ. און פון די זייטן העגנען אַראָפּ צווייגן, ווי גרינע לאַנגע לאָקן.

— נישט מיט אזא אימפּעט! בייזערט זיך ר׳ גרשון — וויפיל מאָל האָב איך אייך געלערנט די דינים פון א סוכה!...

משהלע און ישראליק בלייבן העגנען אויף די ווענט פון דער סוכה מיט פאַרשעמטע, אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. וואָס וויל ער פון זיי האָבן, דער אַלטער? פון דערפרי ביז אויף דער נאַכט שלעפּן זיי אויף די פּלייצעס זייערע שווערע זעק מיט תבואה. זאָלן זיי נאָך אפשר געדענקען די דינים זיינע!...

— כ׳ווייס נישט, וואָס ער וויל —טוט פאַר זיך א בורטשע ישראליק

— דאָ איז אים צו פינסטער און דאָ צו ליכטיק...

— כאַפּט זיי דער רוח, די לאַמדזשוכעס! — גיט משהלע האַלב־ברוגז און האַלב מיט באַוווּנדערונג א ברום.

א קיל ווינטל גלעט די פאַרשוויצטע פּנימער פון ר׳ גרשונס משרתים, ווי עס וואָלט זיי איבערגעבעטן פאַר זייער „אַלטנס״ בייזערן זיך:

— פאַרפאַלן... מען מוז ליידן... עס איז נישט לייכט צו זיין א ייד...

א צעוואַרעמטע שיקט די זון אַראָפּ קושן אויף זייערע מגושמדיקע פּנימער, אויף וועלכע שטיקלעך גרינס האָבן זיך צוגעקלעפּט.

ר׳ גרשון איז שטאַרק פאַרטון מיטן סכך לייגן, פונדעסטוועגן דרייט ער זיך פון מאָל צו מאָל אוים צום טויער און מורמלט שטיל פאַר זיך:

— ער איז נישט געקומען, דער יונגאַטש!... שוין ערב סוכות נאָך מיטאָג און דאָס איידעמל מיינס איז נאָך אַלץ נישטאָ...

פאַר כעס אויף לייזערן שרייט ער אָן אויף זיינע מענטשן:

— רעד צו סטעפּאַנס!... א קעלער וועט עס זיין נישט א סוכה!...

משהלע ווינקט זיך איבער מיט ישראליקן:

— וואָס נעמט אים היינט אזוי די כאַלעריע, דעם אַלטן תרח?

— ווייסט נישט —רוימט אים ישראליק איין מיט א צופרידענעם שמייכל—, לייזער האָט אים אָנגעפייפט. ער קלערט גאַרנישט אהיימקומען.

עס טוט זיי הנאה, וואָס ר׳ גרשונען „נעמט די באַלעריע״, וואָס זיין איידעם לייזער פירט אים ביי דער נאָז.

זיי האָבן איינגנטלעך גאָרנישט צו זייער באַלעבאָס. זיי וויסן און האַלטן עם פאַר ריכטיק, אַז ער, ר׳ גרשון, זאָל אויף זיי שרייען און מיט זיי קאָמאַנדעווען. ר׳ גרשון איז אַ נגיד, איז אַ גרויסער תבואה־סוחר, האָט צו טון מיט פּריצים און מיט נאַטשאַלסטווא, פּאָרט צום רבין, זיצט שבת א גאַנצן טאָג און יעדן אָוונט אין מיטן דער וואָך איבער אַזעלכע גרויסע ספרים מיט אַזעלכע קליינע פּיטשינקע אותיותלעך, אַז מ׳קוקט אין זיי אַריין, הייבט אָן שווינדלען פאַר די אויגן. און זיי וואָס זענען? דאָרפס־יונגען. קענען קוים דאַווענען. שמחת־תורה, אַז מען רופט זיי אויף צו דער עליה, קלאַפּט ביי יעדן פון זיי דאָס האַרץ, ווי ביי אַ גזלן. אונטער דער נאָז שטאַמלען זיי קוים אַרויס די ברכה איבערן ספר און אָטעמען פרייער אָפּ, ווען זיי טוען אויס דעם טלית.

ביינאַכט, ווען זיי ליגן שוין אין די בעטן נאָך אַ גאַנצן טאָג אַר־בעט אין דער פינסטערער אַלקאווע נעבען גרויסן שפּייכלער, האָבן זיי ליב פאַרן איינשלאָפן זיך דורכשמועסן וועגן ר׳ גרשונס מסחרים, און שטענדיק קומען זיי צו דעם זעלבן אויספיר:

— נאָר ווי דען —קרעכצט־אָפּ משהלע— ווו תורה איז חכמה... וואָס וואָלטן מיר ביידע געטון, ווען ר׳ גרשון נעמט אונדז נישט צו זיך?

— געשטאָרבן פאַר הונגער —ענטפערט אָפּ ישראליק— אָדער וויי־טער געלעגן אין צרות ביי יאָסעלע אַרענדאַר...

ניין, זיי האָבן גאָרנישט צו ר׳ גרשונען. זיי זענען אפילו מיט אים שטאָלץ. הגם משרתים, פילן זיי זיך פּאָרט ווי בני־בית און עס דאַכט זיך זיי, אַז זיי האָבן אויך עפּעס אַ חלק אין די גרויסע מסחרים. פונ־דעסטוועגן האָבן זיי ליב געהאַט צו הערן, ווען ר׳ גרשונען האָט זיך עפּעס נישט איינגעגעבן, ווען עמיצער האָט זיך אים אַנטקעגנגעשטעלט און זיך אויסגעלאַכט פון זיינע געשרייען. מיט יאָרן שפּעטער וואָלטן געשליפענע ציינגלעך פון יידישע סטודענטן זיי אויפגעקלערט קלאָר און דייטלעך, אַז ר׳ גרשון איז זייער קלאַסן־שונא, אַז דאָס, וואָס זיי האָבן אים פיינט און פרייען זיך מיט זיינע דורכפאַלן, איז אַ גוטע און געזונטע דערשיינונג ביי יעדן האָרעפּאַשניק און נאָך אַזעלכע קלוגע זאַכן. אָבער דאַמאָלס, אין

דער צייט פון קאַצק, האָט מען אויף דער גנאַינע גאַס פון וואַרשע נישט געוווּסט פון אַזעלכע זאַכן. עס איז דאַמאָלס קיינעם נישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז ר׳ גרשון איז אַ „קלאַסן־שונא", און אַז מען איז אים מחויב פיינט צו האָבן. זיינע משרתים האָבן אים, חלילה, נישט פיינט געהאַט. וואָס איז ער, ר׳ גרשון, חלילה, נישט קיין ייִד? הלוואַי אויף אונדז גע־זאָגט!... נאָר וואָס דען? הנאה האָבן זיי פאַרט געהאַט, ווען עמיצער האָט אים „אָנגעפּייפּט". זיי האָבן נישט געוווּסט פאַרוואָס און זיי האָבן נישט געמאַטערט זייערע קעפּ צו וועלן וויסן פאַרוואָס, נאָר די אויגן האָבן ביי זיי אויפגעשיינט, ווען ר׳ גרשון האָט זיך יעדעס מאָל אַ דריי־אויס־געטון צום טויער און געזען, אַז לייזער איז אַלץ נישטאָ...

אין ר׳ גרשונען איז געוואַקסן דער כעס. די סוכה איז שוין פאַר־טיק. דער סכך איז שוין ברוך השם געדעקט. פון זיין קיך און פון אַלע אַנדערע ייִדישע קיכן אין גרויסן הויף טראָגן זיך די געשמאַקע ריחות פון די געפילטע פיש און געגנזנס. חדר־ייִנגלעך לויפן אַרום איבערן הויף מיט אויסגעצוואָגנע קעפּלעך און שפּילן זיך אין באַהעלטעניש אין די סוכות. יונגע ייִדישע ווייבלעך גייען דורך דעם הויף מיט פאַרפאַרטע פנימער, האַלב־יום־טובדיק, האַלב־וואָכעדיק אָנגעטון, לייגן אויס ווייסע טישטעכער איבער די סוכות, שטעלן אויס די זילבערנע לייכטערס, פאַר־הענגען די נאַקעטע סוכה־ווענט מיט קאָלירטע פּלושענע טישטעכער. נאָר זיין הדסל זעט מען נישט צווישן זיי. אַ פאַרשעמטע זיצט זי אין שטוב מיט די צוויי קליינע קינדערלעך. פאַר חרפּה קאָן זי דעם קאָפּ פאַר מענטשן נישט ווייזן. שוין באַלד אַ האַלב יאָר ווי איר מאַן איז נישטאָ, האָט צו־מאָל אַ בריוו נישט געשריבן. איז ער אַנטלאָפן פון זיין ווייב? אַנטלאָפן פון זיין הדסל?

ר׳ גרשון פילט, ווי עס ווערט אים ענג ביים האַרץ, ווי דאָס בלוט קומט אין פּנים.

— און ער איז נאָר אַ חסיד! אַ חסיד צו מיינע צרות... קוזמיר פּאַסט אים נישט, נאָר קאָצק וויל ער, קאָצק!...

— באַלד נאָך דער חתונה —רעדט צו זיך ר׳ גרשון— האָב איך אים ביים קאַרק באַדאַרפט אָננעמען. געוואָלט אים מיטנעמען קיין קוזמיר, האָט ער זיך אויסגעלאַכט, דער עזות־פּנים!...

— ניין, —האָט ר׳ גרשון ביי זיך באַשלאָסן— באַלד נאָך סוכות

אם ירצה השם, לאָז איך אַלץ איבער און פאַר אראָפּ קיין קאָצק. אַ סוף מוז עס נעמען, אַ סוף!... אַ גט זאָל ער געבן, דער עוכר ישראל, אַ גט!...

ר' גרשון איז אַזוי איבערגענומען מיט זיין באַשלוס, אַז ער זעט נישט, ווי נעבען אים שטייט זיין טאָכטער הדסל, אַ צעשמייכלטע, אַ שעמעוודיק־גליקלעך־באַררויטלטע און רעדט צו אים:

— טאַטע... טאַטע... לייזער איז אין שטוב...

— האַ? וואָס? — קאָן ר' גרשון נישט קומען צו זיך פון איבעראַשונג, באַלד אָבער באַהערשט ער זיך און זאָגט מיט אַ כלומרשט גלייכגילטיק־שטרענגער שטימע:

— אַז מען דאַרף אַ סוכה, האָט דער „קאָצקער" נישט געזאָרגט. מוז יאָך צוהיטן...

שטרענג איז געווען ר' גרשונס קול, אָבער זיינע אויגן האָבן ווארעם און צאַרט ארומגענומען זיין טאָכטערס שיינענדיק געזיכט.

הדסל האָט זיך נאָך שטאַרקער פאַררויטלט און מיט אַ פאַרנומען פּנים גענומען אויסלייגן דאָס ווייסע טישטעך איבערן לאַנגן שמאָלן סוכה־טיש.

קאַפּיטל 11

# מופתים

ליכטיק ברענען די ליכט אין די צוועלף זילבערנע לייכטער, ווי די צאָל פון די שבטים, אין דער גרויסער סוכה. אַ גרויסער בלייך־לאָמפּ, וואָס הענגט איבערן טיש, גיט צו עפּעס אַ מהיהדיקע ווארעמקייט. אויף די ווענט, ארומגעהאָנגענע מיט קאָלירטע פּלושענע טישטעכער, קאָלערן זיך שאַטנס. אויף דעם ווייסן טישטעך שטייען גרויסע און קליינע זילבערנע בעכער. אַ קאַראַפקע פון געבלימלטן גלאָז, אָנגעפילט מיט זיסן בראָנפן, שפּיגלט זיך ווילעריש אין דער ווארעמער ליכטיקייט. ווי אַ קאַפּריזנע בת־יחידה זעט זי אויס, די קאַראַפקע, ארומגערינגלט פון פאַרכמורעטע גראָע ווײַן־פלעשער. דער גאַנצער טיש איז באַדעקט פון כלערליי טעלער, קליינע און גרויסע און גאָר פּיטשינקע. אַ זיידן קאָלירט געוועב באַדעקט די גרויסע חלות.

אויבן־אָן ביים טיש זיצט ר' גרשון. אין אַ ברייטער אַטלאַסענער־

קאַפּאָטע מיט אַ ברוינעם סויבל שטריימל אויפן קאָפּ, זיצט ער אַ רויִק צעשמייכלטער. שווער אין אים צו דערקאָנען דעם פאַרכמורעטן תבואה־סוחר, וואָס האַלט אין איין שרייען אויף די משרתים. עפּעס אַ נישט־ערדיקע רואיקייט ליגט איצט אויף זיין פּנים, אַלע פאַלדן פון זיין שטערן האָבן זיך אויסגעגליכט, די אויגן קוקן איצט אַרום זיך, יונגע, וואַרעמע, צוגעלאָזטע.

פון ביידע זייטן טיש זיצן אויסגעזעצט אורחים. אויך זיי טראָגן זיידענע זשיפּיצעס, אָפּגעטראָגענע, דאָ און דאָרט פאַרלאַטעטע, די האָר פון זייערע שטריימלעך זענען פון אַלטקייט צוזאַמענגעפאַלן, אָבער אויף די פּנימער זייערע ליגט אויסגעלייגט אַזאַ אויסגערוטקייט און מנוחה, ווי זיי וואָלטן באמת געווען אורחים, איינגעלאַדענע צו אַ טיש פון אַ פריינד, און נישט קבצנים אָן אַ היים און אָן אַ שטוב, וואָס גייען איבער דער מדינה און וואָס האָבן ביים מערב־דאַווענען אין שטיבל נאָך נישט גע־ווסט, ביי וועמענס טיש זיי וועלן זיצן. ווייטער, צו דער טיר־צו, זיצן ביידע משרתים, משהלע און ישראליק. זייערע פּנימער זענען נאָך רויטער, ווי ביי טאָג. לאַנג האָבן זיי זיך מיט זייף געריבן די פּנימער לכבוד יום־טוב. שווערע טוכענע קאַפּאָטעס טראָגן זיי און טוכענע טונקעלע קאַש־קעטן. זיי זענען טויט־הונגעריק און קוקן מיט גרויס דרך־ארץ צו ר׳ גרשונען, וואָס זיצט האַרט נעבן די גרויסע שמעקנדיקע חלות און טוט פונדעסטוועגן צומאָל אַ בליק נישט אויף זיי.

אין דער אָפענער טיר פון דער סוכה שטייען, אין יום־טובדיק ווייסע זיידענע קליידער אָנגעטון, ר׳ גרשונס ווייב און איר טאָכטער האָדעסל, צוזאַמען מיט די צוויי דינסטן. זיי וואַרטן, אַז ר׳ גרשון זאָל מאַכן קידוש.

נאָר ר׳ גרשון מאַכט נישט קידוש. נעבען אים שטייט איין נישט־פאַרנומענע שטול. די שטול וואַרט אויף ר׳ גרשונס איידעם. נאָר לייזערן זעט מען אַלץ נישט. ר׳ גרשון האָט שוין אָפּגעזאָגט די אושפּיזין, ער האָט שוין אויסגעפרעגט די אורחים, פון וואַנען זיי קומען און וואָס עס מאַכן דאָרט די יידן און לייזערן זעט מען אַלץ נישט.

ר׳ גרשון עפנט אויף אַ מדרש, אָבער ער פאַרשטייט נישט, וואָס ער לערנט. דער איינגעשטילטער פאַרדרוס אויף לייזערן דערוועקט זיך ווידער.

— וואָס מיינט ער מיט זיך, דער שניעק?! פון קוזמירער שטיבל

איז מען שוין לאַנג אַהיימגעקומען, נאָר זיי, די „קאַצקער", זענען נאָך אַלץ נישט פאַרטיק. און עס אַרט אים נישט, אַז דאָ זיצן ביים טיש אורחים, וואָס זענען מסתמא הונגעריק...

ער וויל זיך אויפשטעלן און מאַכן קידוש. אָבער ער טוט אַ קוק אויף זיין טאָכטער און בלייבט זיצן.

— אַ רחמנות, נעבעך, אויף האָדעסלען... זי האָט זיך שוין גענוג אָנגעליטן, אַז זי זאָל נאָך האָבן אַ פאַרשטערטן יום־טוב.

איבריגנס, די ליכט זענען גרויסע. אין דער סוכה איז וואַרעם. דער הימל איז אַן אויסגעשטערנטער, נישטאָ וואָס מורא צו האָבן פאַר אַ רעגן. איז וואָס־זשע זאָל מען זיך איילן.

פאַרטיפט זיך ר' גרשון נאָך מער אין מדרש און זינגט זיך שטיל אונטער.

כאַפּן די אורחים אונטער דאָס געזאַנג און ברומען צו שטיל אין אַ טרויעריק־יום־טובדיקער ניגון טראָגט זיך אַרום איבערן גרויסן הויף, אָנגעפולט מיט תבואה־שפּייכלערס און אַנדערע סחורות. דער ניגון זאָגט אַן דעם וואָכעדיקן אַרום, אַז די צייט פון מנוחה האָט אַראָפּגענידערט אויף דער וועלט.

— גוט יום־טוב, יידן, גוט יום־טוב — אַ צעשמייכלטער קומט ליי־זער ענדלעך אַריין אין סוכה און פאַרנעמט די שטול, וואָס האָט אויף אים לאַנג געוואַרט.

ר' גרשון מאַכט קידוש. מיט אַ צעצויגענעם ניגון זינגט ער אויס די פּסוקים און עס דאַכט זיך, אַז אין דער מינוט ווערט אַלץ געהייליקט, עס ווערט געהייליקט דער טיש און די כלים און אפילו די גשמיותדיקע אכילה.

דאָס וואַשן גייט צו שנעל. די דינסטן ברענגען אויף גרויסע פּאַל־מיסקעס די יום־טובדיקע פיש. עולם דערפילט ערשט, אַז מען איז אויס־געהונגערט. שטיל איז ביים טיש, נאָך אַ גאַנצן טאָג פאַרען זיך ביי דער סוכה און ביים אתרוג און לולב, נאָך די אושפּיזין און נאָכן קידוש, קומט איצט דאָס גשמיות צום וואָרט און פאָדערט זיינע רעכט.

אַ קורץ זמרל איז מפסיק צווישן די פיש און הייסער יוך און דערנאָך פאַרן פלייש...

נאָכן צימעס הייסט ר׳ גרשון דערלאַנגען מעד. א וואַרעמע מידקייט צעלייגט זיך איבערן גוף. ביי משהלען און ישראליקן קלעפּן זיך די אויגן.

ר׳ גרשון פאַרדרייבערט זיין יום־טובדיקע לולקע־ציבעק. געדיכטע קנוילן רויך שוועבן איבער דער סוכה. ערשט דאַמאָלס צעשמועסט זיך ר׳ גרשון מיט זיין איידעם.

— וואָס האָט מען עס געשמועסט אין דיין קאָצק וועגן דער לעצטער גזירה?

דער טאָן, מיט וועלכן די ווערטער ווערן אַרויסגעזאָגט, קלינגען מיט ביטול און מיט נייגער.

לייזער ווייסט נישט, וועגן וואָס עס גייט. אַך, די קוזמירער חסידים, זיי מיינען, אַז אין קאָצק האָט מען ניט עפּעס אַנדערש וואָס צו טאָן, ווי צו זאָרגן וועגן די גוישע שטותים און הבלים.

— אַז דער רבי —ציט לייזער מיט די אַקסלען— איז דאָ מיט אונדז, וואָס קאָנען משטיינס־געזאָגט אויפטון די גזירות פון די רשעים...

— נע, נע —גלעט זיך בנעימותדיק די באָרד ר׳ גרשון און קוקט מיט א גרינגשעצנדיקן שמייכל אויף זיין „קאָצקער" איידעם — פונדעסטוועגן, אַז עס ווערט „עפּעס וואָס" קומען אַלע צולויפן קיין קוזמיר...

— אַלע... —טוט א קנייטש מיטן שטערן ר׳ לייזער— אַלע אַרענדאַרן און גנאַינער סוחרים... אויך מיר א זאַך!...

— פאַר אַזעלכע רייד דאַרף מען אַזאַ עזות־פּנים מקיים פּסק זיין — טראַכט ר׳ גרשון— קאָצקער מחוצפים!...

נאָר ר׳ גרשון טראַכט וועגן דעם אָן כעס. די יום־טובדיקע סעודה האָט אים עפּעס אַזוי זיס מיד געמאַכט. די וואַרעמקייט אַרום יאָגט אַרויס פון זיין האַרץ יעדן שפּור פון בייזקייט. אָבער דאָס איז נישט אַלץ. ר׳ גרשון ווייסט, אַז דאָס מאָל מעג ער אויסהערן די עזותדיקע רייד פון די קאָצקער. דאָס מאָל פילט ער זיך שטאַרקער פאַר זיי. ער האָט אין דער האַנט עפּעס אַזוינס, וואָס וועט שוין זיין איידעמל שטיל מאַכן. און ער זאָגט מיט א גוטמוטיקן שמייכל:

— פון ווען אָן איז ר׳ איטשע מאיר וואַרשעווער ביי דיר געוואָרן א גנאַינער סוחר?... העז...

— וואָס הייסט? — פרעגט לייזער, פילנדיק אַז זיין שווער שפּילט זיך מיט אים.

— און אפשר איז ר׳ יצחקל ווארקער גאָר געוואָרן אַן ארענדאר?— מאַכט זיך ר׳ גרשון ווי ער וואָלט נישט געהערט זיין איידעמס שאלה.

— אָבער ווי קומט דאָס... — פּרוווט לייזער זיך ווערן.

—עס קומט, עס קומט —לאָזט אים ר׳ גרשון נישט קומען צום וואָרט— אָבער אַז איר דאַרט אין קאָצק זענט גאַנצע טעג פאַרנומען מיט בראָנפן טרינקען און גלאָט מיט דברים בטלים...

— נו, לאָז געמאַך, גרשון —מישט זיך אריין זיין ווייב, וואָס איז נאָך דער סעודה אראָפּגעקומען צוזאַמען מיט דער טאָכטער אין סוכה, כדי שטייענדיק פון דערוויטנס איינעטעמען אין זיך דעם ריח פון יום־טוב— האָסט שוין היינט נישט וועגן וואָס אַנדערש צו רעדן...

— איז פונוואַנען זאָלט איר וויסן —מאַכט זיך גרשון נישט הערן זיין אשהס באַמערקונג און ציט ברייט פון דער פּיפּקע— וואָס עס טוט זיך ביי יידן? און פון דעם גענעראַל פּאַסקעוויטש ימח שמו האָסטו דאַרט אין קאָצק נישט געהערט?

— נישט געהערט — איז זיך לייזער מודה.

— און אַז ער, דער גענעראַל פּאַסקעוויטש ימח שמו —רעדט ווייטער רואיק און געלאַסן ר׳ גרשון— האָט גוזר געווען, אַז אַלע יידן זאָלן זיך מוזן אָנטון „דייטש" און אָפּשערן באָרד און פאות, האָסטו אויך נישט געהערט? האַ?

— נישט געהערט — לאָזט לייזער נידעריק אַראָפּ דעם קאָפּ.

— און אַז די גזירה איז שוין געלעגן אונטערגעשריבן ביי דעם גענעראַל ימח שמו וזכרו אין שופלאָד, האָסט דאָך אוודאי נישט געהערט? האַ?

דאָס מאָל האָט ר׳ גרשון שוין נישט געוואַרט אויף זיין איידעמס תשובה. לייזער איז שוין געזעסן אַ דערשלאָגענער. נאָר די אורחים האָבן זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און אויסגערופן:

— וואָס רעדט איר, ר׳ גרשון! אַזאַ מעשה נורא! און אין שטאָט האָט מען גאָרנישט געוווסט.

— ס׳איז גוט! —האָט ר׳ גרשון גאָר ברייטלעך געזופּט פון גלאָז

מעד— וואָס האָט איר געמיינט, אַזעלכע זאַכן פֿויקט מען אויס איבער־די גאַסן!... — און ווענדנדיק זיך צו לייזערן, האָט ער צוגעגעבן:

— נאָר אַז מען זיצט חדשים גאַנצע אין קאָצק און מען איז אַזוי פֿאַרנומען, אַז עס איז אַפֿילו נישט דאָ צייט אַ בריוול אהיימצושרייבן און אַז דער גאַנצער כלל ישראל, וואָס פֿאַרט נישט קיין קאָצק, איז ביי דיר אַרענדאַרן און גנאַינער סוחרים, מוז מען על כל פּנים וועגן דעם וויסן...

לייזער האָט נישט געענטפֿערט. וואָס זאָל ער ענטפֿערן? אַז דער קוזמירער האָט אים פֿאַרט „געפּאַקט".

די אורחים ביים טיש האָבן לכבוד אַזאַ וואַזשנע נייעס זיך אָנגע־גאָסן פֿרישע גלעזער מעד און אַפֿילו משהלע און ישראליק האָבן פֿון גרויס נייגער אויפֿגעריסן די אויגן און מיט די פּויסטן פֿאַרטריבן די שלעפֿער־דיקייט.

— איז וואָס־זשע איז געשען, ר' גרשון? דערציילט!...

— אַצינד מוז מען שוין דערציילן —האָט ר' גרשון מיט אַ חוזק־שמייכל אָפּגעמאָסטן זיין שוויגנדיקן איידעם— איצט, אַז דער רבי פֿון קוזמיר, ר' כאַסקעלע זאָל לעבן, האָט זיך אַריינגעמישט, מעג מען שוין אַלץ דערציילן.

הכלל, וואָס איז דאָ אַ סך צו רעדן. יואלקע פּאַדריאַטשיק האָט דער־ערשטער געבערענגט די נייעס. ר' כאַסקעלע קוזמירער, אונדזער רבי זאָל לעבן, האָט באַלד געזאָגט:

— מען דאַרף זיך נעמען צום תהילים...

נאָר ר' איטשע מאיר און ר' יצחקל האָבן געזאָגט:

— אַז עס וועט נישט זיין קיין עצה, וועלן מיר קומען צו אייך, אַז איר זאָלט עפֿענען אייער תהילים... נאָר פֿריער וועט מען פּרוון מיט די „דייטשן" און מיט די פּריצים און דער עיקר מיט געלט.

מילא, זאָלן זיי פּרוון. מ'קאָן נישט זאָגן: ר' איטשע מאיר און ר' יצחקל האָבן געטון אַלץ, וואָס מען דאַרף ביי אַזאַ ענין טון. זיי זענען גע־לאָפֿן צו די דייטשן און די דייטשן זענען געלאָפֿן צו די פּריצים און געלט האָט מען געגעבן פֿון אַלע זייטן און די פּריצים זענען געלאָפֿן צום סאַמע גענעראַל אין שלאָס. דער רשע, ימח־שמו, האָט אָבער פֿון גאָרנישט גע־

וואַלט הערן. ער האָט אפילו קיין געלט נישט געוואָלט נעמען און אויף די שליחים האָט ער זיך אָנגעבייזערט און געשריען:

— ביט פּאַ סיעמו! (אַזוי מוז עס זיין).

דאַמאָלס האָבן ר׳ איטשע מאיר און ר׳ יצחקל איינגעזען, אַז עס איז שלעכט, אַז דער שטן האָט זיך רחמנא ליצלן „פאַרליבט" און אַז מען מוז האָבן גרוים רחמים. האָבן זיי געשיקט אַ שליח מיוחד קיין קוזמיר און באַפוילן אים זאָל לעבן אַזוי צו זאָגן:

— דער רבי פון קוזמיר מוז עפענען זיין תהילים.

האָט דער רבי פון קוזמיר אויסגעהערט די רייד פון שליח און גע־לאָזט ענטפערן:

אם ירצה השם איבעראַכטאָג שבת־צו־נאַכטס שרייב איך תנאים מיט מיין יינגסטער טאָכטער זאָל געזונט זיין, וועל איך קומען קיין וואַר־שע און דאַמאָלס וועט מען זען.

וכך הוה. דאָנערשטיק פאַרנאַכט איז דער רבי זאָל לעבן מיט דער גאַנצער משפחה אָראָפּגעקומען קיין וואַרשע. ער איז פאַרפאָרן צו שלמה־בערן אין דער אַלט־שטאָט. מען האָט זיך געגרייט צו די תנאים. די רביצן זאָל לעבן איז, ווי איר ווייסט, אַ גרויסע בריה אין באַקן און די קוזמיר־קיכלעך זענען אַ שם־דבר. איז זי אַ גאַנצע נאַכט געשטאַנען און געבאַקן די קיכלעך און לעקעכס פאַר די תנאים, ווי עס דאַרף צו זיין.

און דער רבי האָט זיך געפירט אויף זיין דרך. ערשט צומאָרגנס, פרייטיק אינדערפרי, האָט ער זיך גענומען צו דער עבודה. ביי אַ קליין טישל איז ער געזעסן, וואָרט נאָך וואָרט האָט ער הויך אויפן קול געזאָגט תהילים און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון די הייליקע אויגן. עס זענען געקומען חסידים. אויך איך בין געווען. דער רבי האָט צו קיינעם נישט גערעדט, ער האָט בלויז דערלאַנגט די האַנט צום שלום. ער האָט נישט מפסיק געווען פון תהילים, און די טרערן זענען בסדר געפלאָסן. און מיר אַלע האָבן מיטגעוויינט.

ערשט עס קומט אַריין נאַטע פון קאַנסקע וואָליע. איר קאָנט דאָך נאָטען... אַ ייד, וואָס קאָן קוים קוים אַ שטיקל עין־יעקב דורכהאַרעווען, אָבער צום רבין צוגעבונדן בלב ונפש.

— גוט, וואָס דו ביסט געקומען, נאַטע — זאָגט צו אים דער רבי.

שטייען מיר אַלע אַרום און ווייסן שוין, אַז „עס איז נישט גלאַט".

און דער רבי חזרט איבער:

— גוט, וואָס דו ביסט געקומען. כ'האָב אויף דיר געוואַרט.

געהערט דבורים? דער רבי פון קוזמיר האָט געוואַרט אויף נאָטע פון קאַנסקע וואָליע, נו, פאַרשטייט מען דאָך, אַז די זאַך איז נישט פּשוט.

און דער רבי זאָגט:

— נאָטע, קענסט גוייאיש?

— כ'קאָן רבי — ענטפערט נאָטע.

— וועסט גיין מיט מיין שליחות?

— כ'וועל גיין, רבי.

— אין שלאָס דאָ נעבען דער ווייסל —זאָגט דער רבי— וווינט אַ גענעראַל. צו אים זאָלסטו גיין, נאָטע.

— מ'וועט דאָך מיך, אַ ייד, צו אים נישט אַריינלאָזן, רבי.

— וועסט דאָרט שטיין אַזוי לאַנג, ביז מ'וועט דיך רופן.

— און אַז מ'וועט מיך רופן, וואָס זאָל איך טון.

— אַז מ'וועט דיך רופן, נאָטע, זאָלסט אים אַזוי זאָגן: דער רבי פון קוזמיר האָט מיך געשיקט צו דיר זאָגן, אַז אויב דו וועסט נישט אָפּזיצן פון די יידן און דו וועסט נישט צערייסן די גזירה, וועסט דו און דיין הויז־געזינד האָבן אַ שוואַרצן סוף.

— ער וועט דאָך מיך הרגענען, דער גענעראַל — האָט ביי נאָטען געקלאַפּט איין צאָן אָן אַנדערן פאַר שרעק.

— נעם מיין שטעקן, נאָטע, און דו וועסט נישט מורא האָבן.

האָט נאָטע גענומען דעם שטעקן און געוואָלט גיין. נאָר דער רבי האָט אים אָפּגעהאַלטן.

— וואַרט, נאָטע. האָסט שוין געדאַוונט, נאָטע?

— יאָ, רבי.

— גיי־זשע אַריין צו דער רביצן און הייס דיר געבן קיכלעך. אַ סך קיכלעך. טאָמער וועסטו לאַנג וואַרטן, וועט דאָך דיר ס'האַרץ אַנטגיין.

איז נאָטע אַריין צו דער רביצן און געזאָגט:

— דער רבי האָט געהייסן, אַז איר זאָלט מיר געבן אַ סך קיכלעך.

האָט די רביצן אָנגעשטאָפּט נאָטעס קעשענעס מיט קיכלעך און ער איז אוועק טון זיין שליחות.

לאַנג האָט ער זיך געדרייט אַהין און צוריק פאַרן שלאָס. הויכע שררות זענען אַריין און אַרויס מיט שווערדן און עפּאָלעטן. נאָטע האָט געציטערט פאַר שרעק, האָט ער זיך אָנגעלענט אויפן רבינס שטעקן און די מורא איז אוועק פון זיין האַרץ.

ער האָט נישט געהאַט וואָס צו טון, נאָטע. האָט ער פון אויסנווייניק געזאָגט תהילים. מיט גרויס כוונה האָט ער געזאָגט תהילים און ווען ער האָט זיך דערמאָנט אָן רבינס טרערן, האָט ער אויך גענומען וויינען.

האָבן די ערלים בייז געקוקט אויף דעם וויינענדיקן ייִד, אָבער זיי האָבן קיין בייז אים נישט געטון. קיין שליטה, קענטיק נישט געהאַט. או, די שעהן זענען געלאָפן. נאָטע האַלט זיך קוים פון מידקייט אויף די פיס און דאָס האַרץ איז אים אַנטרונען, האָט ער זיך דערמאָנט אָן דער רביצנס קיכלעך און איין קיכל נאָכן אַנדערן געצויגן פון די טאַשן.

איז פון שלאָס אַרויס עפּעס אַן ערלטע און ביי דער האַנט געפירט זייערס אַ ילד. האָט די ערלית און דאָס קינד, זעט אויס, צום ערשטן מאָל געזען אַ ייִד מיט פּיאות, האָבן זיי זיך נעבן אים אָפּגעשטעלט און נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון נאָטען, וואָס האָט געגעסן קיכלעך און דערביי געוויינט.

מיטאַמאָל האָט אויך דאָס קינד זיך שטאַרק צעוויינט. האָט די ערלית עס גענומען באַרואיקן. אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. דאָס קינד האָט זיך נאָך העכער צעוויינט. איז די ערלית מיטן קינד צוריק אַריין אין שלאָס. דאָס קינד האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען און דאָס ילד איז געווען אַ בת־יחידה פון גענעראַל. זענען אַלע שרים צוזאַמענגעקומען און געפּרוווט דאָס קינד באַרואיקן און נישט געקאָנט. האָט מען געשיקט נאָך כּלערליי רופאים און זיי האָבן נישט געוווסט, וואָס צו טון. ביז איינער פון זיי האָט געזאָגט:

— דעם קינד האָט פאַרשמעקט עפּעס אַ מאכל און מען דאַרף דערגיין וואָס פאַר אַ מאכל.

וואָט מען גענומען די ערלית אויף אַ פאַרהער און זי האָט דער־

ציילט, אז פארן טויער פון שלאָס שטייט עפּעס א ושיד מיט א באָרד און פּיאות, עסט און וויינט...

זענען צוויי חיילים מיט שווערדן אראָפּ צום טויער און גענומען נאָטען צום גענעראַל.

— וואָס האָסטו געטון פארן שלאָס? —האָט אים דער גענעראַל געפרעגט— און סארא כישוף האָסטו געטון מיין טאָכטער מיט דיין עסן?!

האָט נאָטע זיך אָנגעלענט אויפן רבינס שטעקן, האָט ארויסגענומען א קיכל פון טאַש און געזאָגט:

— אָט דאָס האָב איך געגעסן, אדוני גענעראַל.

האָבן די רופאים געהייסן דאָס קיכל געבן צו עסן דעם גענעראַלס טאָכטער און זי האָט זיך גלייך בארואיקט.

האָט דער גענעראַל פארשטאַנען, אז די זאַך איז נישט פּשוט און אריינגענומען נאָטען אין א חדר מיוחד און אים געפרעגט:

— ווער ביסטו און וואָס ווילסטו דאָ פארן שלאָס?

האָט נאָטע גאָר שטארק זיך אָנגעשפּארט אויפן רבינס שטעקן און לגמרי אָן פּחד געענטפערט:

— איך בין נאָטע פון קאָנסקע וואָליע, דער רבי פון קוזמיר האָט מיך צו דיר געשיקט און אזוי האָט ער מיר געהייסן צו דיר זאָגן: אויב דו וועסט, אדוני גענעראַל, פון די יידן נישט אָפּזיצן און די גזירה נישט צערייסן, וועסט דו און דיין הויז־געזינד האָבן א שווארצן סוף.

דאַמאָלס האָט דער גענעראַל געעפנט זיין שופלאָד און האָט פאר די אויגן פון נאָטען פון קאָנסקע וואָליע צעריסן די גזירה.

הארט פאר ליכט־צינדן איז נאָטע צוריקגעקומען צום רבין.

דעם רבינס טרערן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט א שמייכל געטון און געזאָגט:

— נאָך גוט, נאָטע, וואָס דו האָסט מיטגענומען די רביצנס קיכלעך.

— מער האָט ער נישט געפרעגט און נישט געזאָגט —האָט ר' גרשון פארענדיקט— זעסטו, לייזער, אויך קוזמיר קאָן עפּעס אויפטון...

## קאפיטל 12

# יצחק בער קומט צו הילף לייזערן

— גוט יום־טוב, ר׳ גרשון!... גוט יום־טוב, לייזער!... גוט יום־טוב ייִדן!...

— דו, יצחק בער? — האָט לייזער זיך דערפרייט מיט זיין חבר פון קאָצק.

— קום צום טיש — האָט אָן חשק ר׳ גרשון איינגעלאַדן זיין איידעמס חבר.

— א פיינע מעשה, זייער א פיינע מעשה —האָט יצחק בער צוזעצנדיק זיך צום טיש, ווי נישט ווילנדיק א זאָג־געטון —. נאָר...

— נאָר וואָס? — האָט ר׳ גרשון בייז איבערגעפרעגט.

— נאָר עס איז נישט אונדזער נוסח —האָט יצחק בער זיך געמאכט נישט באַמערקן ר׳ גרשונס כעס—. נישט אונדזער נוסח...

— און וואָס איז קאָצקער נוסח? —האָט פון זיך א וואָרף־געטאָן ר׳ גרשון—— קאָצקער נוסח איז צוצוווארפן יעדע צרה קוזמיר?! האָ?!

— נישט שטענדיק, נישט שטענדיק —האָט געלאַסן גערעדט יצחק בער— אמאָל הייסט מען אין קאָצק: קוזמיר. איז דאַמאָלס קוזמיר... און אמאָל האָט קאָצק אַנדערע דרכים. מיט שכל... נישט דווקא מופתים... כע־כע...

— אוודאי איצט, ווען דער אויבערשטער האָט געהאָלפן. זענען זיי בריות, די קאָצקער —האָט ר׳ גרשון זיך אָנגעצונדן— אצינד קאָנען זיי דרייען מיט דער נאָז: מופתים... אָבער אז עס קומט צו עפּעס, וואָס זאָגט איר?!...

— אז עס קומט צו עפּעס —טוט יצחק בער א שמייכל צו לייזערן— קאָן אונדזער ר׳ איטשע מאיר זיך אליין אויך אן עצה געבן, אוי קאָן ער!...

לייזער קוקט מיט צעשמייכלטע אויגן איבערן טיש, אָ, ווי גוט איז צו האָבן יצחק בערן ביי דער זייט. זיין שווער האָט מיט זיין קוזמיר

אים, לייזערן, געוואָלט מאַכן צו אַש און צו שטויב. איצט וועט אים שוין יצחק בער ווייזן...

פון פעטן מעד און פון יצחק בערס רייד ווערט דאָס פּנים פון ר׳ גרשון גאָר רויט. ער נעמט אין האַנט זיין צוואָקסענע גראָלעכע באָרד און פּרעגט האַלב־שפּאַטיש האַלב־ערנסט:

— אַ הארבן רמב״ם פּאַרענטפערן? דאָס ווייסט מען...

— אַ האַרבער רמב״ם איז אויך אַן ענין — ענטפערט יצחק בער — נאָר צי געדענקט איר, נישט, יידן, ווי די פּושעים, דער עפּשטיין און מיט דעם גלות ראָזען האָבן איינגעלייגט וועלטן, אַז אין די חדרים זאָל מען לערנען גויאיש.

— אוודאי געדענקט מען — האָבן די אורחים ביים טיש געזאָגט — וואָס הייסט, אַזאַ גזירה רחמנא ליצלן...

— יאָ, יאָ — האָט צוגעשאָקלט ר׳ גרשון — די גרעסטע צרות האָט מען פון די אייגענע פּושעים... דעם גרויספּירשט אַליין שוין געהאַט אויף זייער זייט...

— אוואַ! אוואַ! — האָבן די אורחים ביים טיש מיט די הענט גע־קנאָטן זייערע בערד — דעם קניאַז!...

— ישראליק — האָט משהלע, ר׳ גרשונס משרת, אונטערן טיש אַ שטאַרך געטון זיין חבר — דאָ רעדט מען וועגן אַ קניאַז און ער פּאָפּט!...

— ווער פּאָפּט, וואָס פּאָפּט! — רייסט ישראליק נאָך ברייטער אויף די אויגן —, כ׳האָב געהערט פּונקט ווי דו — דער קניאַז!...

— איז דאַמאָלס קיין פּיטערבורג געפאָרן — האָט יצחק בער דער־ציילט — דער גרויסער יידישער שר ר׳ משה מאָנטיפיאָרי...

— איך האָב אים געזען — האָט ר׳ גרשון זיך אָפּגערופן — אויף דער גאַס געזען פאָרן... אין אַ קאָטש אַ גילדענער און פיר ווייסע פערד ווי די לייבן...

— מ׳זאָגט — רופט זיך אָן איין אורח — אַז ר׳איז ממש אַ קניאַז...

— וואָס הייסט גלאַט אַ קניאַז — זאָגט אַ צווייטער אורח — ר׳איז דאָרט אין זיין מלוכה איבער אַלע קניאַזן...

— און מ׳זאָגט — גיט צו ר׳ גרשון — אַז דער מלך אין ענגעל־לאַנד זעצט זיך נישט צום טיש אָן אים...

— נו, און טריפות? — פרעגט עמיצער.

— וואָס הייסט? — גלעט ר׳ גרשון זיין באָרד — ר׳האָט זיין שוחט און זיינע כשרע גילדענע כלים און דאָס אַלץ ווערט געבערענגט בחצר המלכות, ווען ער גייט צום מלך אויף מיטאָג...

— טאַקע, אַן אָפּגעהיטענער ייד? — קאָן זיך איין אורח נישט צו גלויבן.

— אַ צדיק תמים — פּסקנט אָפּ קורץ ר׳ גרשון — און דערצו אַ קניאַז!...

— אַ כאָלעריע אויף די גויים! — שרייט אוים משהלע משרת פון עק טיש — מיר האָבן אויך אַ קניאַז — און פון גרוים איבערגענומענ־שאַפט טוט ער ישראַליקן אַ זעץ איבער דער פּלייצע, אַז עם הילכט אָפּ אין דער סוכה.

— איז ר׳ משה מאָנטיפיאָרי — קומט ענדלעך יצחק בער צום וואָרט — געבליבן עטלעכע טעג אין וואַרשע. אָפּרוען זיך. און צוזאַמען מיט אים איז אויך געווען זיין רבי און זיין שוחט, דאָקטאָר לעווי...

— וואָס הייסט אַ רבי און אַ שוחט און אַ דאָקטאָר — וווּנדערט זיך אַן אורח — ווי פּאָרט זיך עפּעס...

— אויף אַ קניאַז פרעגט מען נישט קיין קשיות — מאַכט אים שטיל זיין שכן — נישט קשה מעגסט זיך פאַרלאָזן...

— האָבן זיי, די וואַרשעווער גבירים און פּושעים, זיך שטאַרק דער־פרייט מיט אַזאַ חשובן גאַסט. געמאַכט פאַר אים סעודות און בעלער און יומם ולילה פון אים נישט אָפּגעטרעטן... און אים איינגערעדט, אַז די גזירה איז חלילה אַ ישועה פאַר יידן...

— פּושעים! עוכרים! — האָט דער עולם ביים טיש זיך צעקאָכט.

— שווער געווען פאַר ר׳ איטשע מאירן און פאַר יצחקלען זיך צו דערשלאָגן צום שר... דער עפּשטיין און ראָזען האָבן מורא געהאַט צוצו־לאָזן. ערשט, אַז זיי האָבן געמיינט, אַז דער שר און דער דאָקטאָר האַלטן שוין מיט זיי, זענען ר׳ איטשע מאיר און ר׳ יצחקל אָנגעקומען צום שר.

— האָט ר׳ משה מאָנטיפיאָרי אויסגעהערט ר׳ יצחקלס רייד און געזאָגט:

— איך בין נישט קיין למדן... איך ווייס נישט ווי דער דין איז... נאָר מיט מיר פאָרט מיט מיין רב לעווי, זאָל ער פּסקענען.

— און דער דאָקטאָר לעווי האָט שוין געהאַלטן מיט די פּושעים און געזאָגט:

— יידן דאַרפן קענען פרעמדע לשונות... אָט האָט מרדכי געקאָנט די גויאישע לשונות און אַזוי אַרום דערציילט אסתרן די רייד פון בגתן ותרש...

האָט ר׳ איטשע מאיר אויסגעהערט די ווערטער פון שרם דאָקטאָר און זיך צעשמייכלט.

— וואָס שמייכלט איר, רבי — האָט דער דאָקטאָר לעווי געפרעגט — צי איז נישט ריכטיק, וואָס איך זאָג?

— זייער ריכטיק — האָט ר׳ איטשע מאיר געענטפערט — נאָר פון אייערע ווערטער דרינגט אַרויס פונקט קאַפּויער...

— וואָס הייסט? — האָט נישט פאַרשטאַנען דער דאָקטאָר.

און ר׳ איטשע מאיר האָט געזאָגט:

— ווען די גויים וואָלטן געוווּסט, אַז יידן לערנען זייערע לשונות, וואָלטן בגתן און תרש זיך געהיטן פאַר מרדכין און נישט גערעדט, וואָס מ׳דאַרף נישט...

— איר האָט רעכט, רבי — האָט דעם שרם דאָקטאָר געזאָגט — אָבער ווער וועט פאָרט גיין צו די מלכים ושרים, אויב יידן וועלן נישט קאָנען די גויאישע לשונות...

— דערויף איז דאָ אונדזער שר ר׳ משה און איר זיין יועץ — האָט געענטפערט ר׳ איטשע מאיר — און יידן אין בתי־מדרשים וועלן מתפּלל זיין, אַז איר זאָלט לעבן הונדערט און צוואַנציק יאָר און פאַר אונדז זיך משתדל זיין...

— און אַזוי — האָט יצחק בער פאַרענדיקט — האָט ר׳ איטשע מאיר אָן מופתים מבטל געמאַכט די גזירה...

ביים טיש איז געוואָרן שטיל. ר׳ גרשון דער תבואה־סוחר האָט נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל מאַכן מיט דעם קאַצקער עזות־פּנים יצחק בער. די מעשה איז געווען אַ שיינע. און ר׳ איטשע מאיר האָט גערעדט שיינע און קלוגע רייד. און דער שר מאָנטיפיאָרי האָט טאַקע מבטל גע־

מאַכט די ביטערע גזירה. נאָר פון דער אַנדערער זייט — צי האָט דער־שניעק יצחק בער מיט זיין מעשה נישט געמיינט צו מינערן דאָס גדלות פון קוזמיר? אויב אַזוי קומט דאָך אים דעם יונגאַטש די אויערן אויס־צורייסן. די יום טובדיקע סעודה האָט אָבער ר׳ גרשונען געמאַכט מיד און פרידלעך געשטימט.

— וואָס איז צו רעדן — האָט ער געטראַכט — קאָצק און קוזמיר... יעדער האָט זיך זיין דרך... ווי קומען מיר פּראָסטע מענטשן זיך צו זיי צו מישן — און ער האָט ווידער אָנגעפולט די גלעזער מיט שווערן פעטן מעד.

פון די שכנותדיקע סוכות האָט זיך דערטראָגן אַ פריילעך געזאַנג. האָט איינער פון די אורחים אונטערגעכאַפּט דעם ניגון און באַלד האָט דער גאַנצער טיש מיטגעזונגען. עס איז געווען גוט אויפן האַרץ. עס איז גוט צו זיין אַ ייד. עס איז גוט, וואָס ס׳איז פאַראַן קוזמיר, און עס איז גוט, וואָס ר׳ כאַסקעלע האָט זיין תהילימל. און עס איז גוט, וואָס דערנעבן האָט צעלייגט זיין געצעלט רבי מענדעלע קאָצקער. און עס איז גוט, וואָס רבי איטשע מאיר קאָן רעדן אַזעלכע קלוגע רייד. און עס איז גוט, וואָס עס איז דאָ אַ יידישער קניאַז, וואָס איז אַן אָפּגעהיטענער ייד, וואָס פּאָרט איבער דער וועלט מיט אַ רב און אַ שוחט און דערלאָזט נישט יידן אַן עוולה צו טון.

אַלע שטעלן זיך אויף פון טיש. הענט פלעכטן זיך אין הענט. אַקסל ביי אַקסל טאַנצן יידן. אין דער סוכה איז ענג, טאַנצט מען אַרויס אין ברייטן הויף אויף דער גנאַינע גאַס. פון אַלע סוכות טאַנצן אַריין אין ראָד יידן. נישטאָ מער „קאָצקער" און נישטאָ מער „קוזמירער", נישטאָ מער „וואַרקער" און נישטאָ מער „מאַגילניצע". אין איין ראָד געפלאָכטן, אין אַן אויסגעשטערנטער סוכה־נאַכט טראָגט זיך וואָס אַמאָל העכער אַ פריילעכער געזאַנג —

וואָס מיר זענען,<br>
זענען מיר,<br>
אָבער יידן<br>
זענען מיר...

## קאפיטל 13

# דער פשיסכער שיכור

יום־טוב און חול־המועד און די „אנדערע טעג” האט לייזער זיך געפירט אזוי ווי א קאצקער דארף זיך פירן. גאנצע טעג און האלבע נעכט פארברענגט אין שטיבל. צו טון איז געווען א סך. קודם כל דאס דאווענען. די מתנגדים האבן אפילו געשריען, אז די קאצקער דאווענען כמעט נישט און צווישן א יא און ניין טוען זיי „א כאפ־אריין” דאס דאווענען. פונ־דעסטוועגן האט דאס „אריינכאפן” אויך פארנומען צייט. דאס „קידוש־מאכן” האט, פארשטייט זיך, לענגער געדויערט. „קעסט־קינדער” האבן ברוך השם, נישט געפעלט און יעדעס קעסט־קינד האט א שווער און ביי יעדן שווער איז א מצווה „ארויסצורייסן”, איז מען געגאנגען פון איין קעסט־איידעם צום אנדערן, מען איז אליין אריין אין קיך — די באלע־באסטע און דינסטן האבן אביסל אין שרעק און אביסל מיט דרך־ארץ און אביסל מיט נייגער זיך אוועקגערוקט אן א זייט— און — מען האט זיך געלאזט ווילגיין. מען האט ארויסגענומען די פיש און די יויך און דאס פלייש און דאס צימעס; מען האט אפילו דאס איינגעמאכטס, אויף וועלכן די באלעבאסטע מיט אירע שניר און טעכטער האבן א גאנצן זו־מער געהארעוועט, נישט פארשוינט און מיט דעם גאנצן „רויב” איז מען אוועק צו א צווייטן.

און ביים צווייטן האט זיך דאס זעלבע איבערגעחזרט. געווען אפילו באלעבאסטעס, וואס האבן זיך געפלייסט און באצייטנס ארויסגעטראגן א טייל פון די יום־טוב׳דיקע מאכלים אויפן בוידעם, אז עס זאל כאטש עפעס בלייבן צו דער סעודה. מילא, ווען דעם האבן זיך די קאצקער יונ־געלייט נישט געאמפערט. ערשט, אז מען האט שוין געהאט אנגעזאמלט א „שלל” פון אלע שטיבער אויף דער גאס, איז עולם מיטן כל טוב אוועק צו יאסעלע מלמד און אוועקגעגעבן דאס אלץ זיין אשה מיט די ווערטער:

— נו, מען דארף זיך גרייטן צו דער סעודה.

יאסעלע מלמד האט שוין געהאט דערויף א חזקה און זיינע תלמי־דים האבן ערב יום־טוב זיך געפארעט צו מאכן וואס גרעסער די סוכה.

## אַ הויז אויף גזשיבאָוו

די מלמדיכע האָט נאָר אַ טייל פון „רויב" דערלאַנגט צו דער סעודה און דאָס איבעריקע געהאַלטן אויף נאָך יום־טוב.

דער עולם איז אָבער געווען צופרידן.

— יאָסל — האָבן די יונגעלייט צו אים ביים עסן געזאָגט — דו האָסט דאָך באמת אָנגעגרייט אַ סעודה כיד המלך...

— מערני מלכים — האָבן אַלע מסכים געווען.

אין דער טיר פון סוכה איז געשטאַנען פּעסיע די מלמדיכע, די גרויסע קופּקע פּאַררוקט אויפן שטערן און אָנגעקוואָלן פון נחת. אין דער מינוט האָט זיך איר באמת געדאַכט, אַז דאָס האָט זי זוכה געווען אָנצוגרייטן אַ סעודה פאַר די חסידים, אַז זי האָט די פיש געפילט און די יויך געקאָכט און דאָס געגנזנס געבראָטן און דאָס צימעס געפּרעגלט, זי מיט אירע אייגענע הענט. און זי האָט זיך פרום צעשאָקלט און מיט פאַרטרערטע פון גליק אויגן געזאָגט:

— עסט געזונט, יידן...

די קאַצקער האָבן זיך שנעל אָפּגעפּאַרטיקט מיט דער סעודה. סוף כל סוף איז דאָך דאָס גאַנצע מין אכילה אַ גראָבע זאַך. פאַר גוים איז אַ תכלית אָפּצוגעבן זיך מיטן חומר, אָנצושטאָפּן זיך די בייכער און פראַלן פאַר זאַטקייט. אַ ייד האָט עפּעס אַנדערש צו טון. אַ ייד עסט נישט, נאָר „עסט אָפּ". פאַרטיקט זיך אָפּ איינס צוויי מיט דער אכילה, גיט אָפּ דעם חומר דאָס, וואָס עס קומט אים און גיט זיך אָפּ מיטן אמתן תכלית.

פאַרשטייט זיך, אַז די עובדה איז שוין נישט קיין לייכטע. אויך דעם יידס גוף ציט צו גשמיות. האָבן יידן געפונען אַן עצה. מיט תעניתים און סיגופים געוווינט מען אָפּ דעם גוף פון אַלע הבלים. דאָס איז אַ לייכטער וועג. אין קאָצק אָבער האָט מען געהאַלטן פון אַ שווערערן וועג. דער וועג פון תעניתים פירט צו עצבות און אָנגעברוגזטע און פאַרכמאַרעטע יידן ברענגען צום רבונו של עולם שיקט זיך עפּעס נישט. מיט שמחה דינען גאָט איז פיל שווערער. זאָגן זיך די קאָצקער נישט אָפּ פון אַ סעודה און פון בראָנפן און פון אַלע אַנדערע זאַכן, וואָס האָבן צו טון מיטן חומר, אָבער זיי מאַכן דערפון אַ סעודת־מצווה, פון יוצא־זוועגן „כאַפּט מען אַריין" דאָס עסן, אָבער דער עיקר איז מען עוסק מיט די ענינים, וואָס האָבן צו טון מיט אַ ייד, מען זאָגט נאָך די תורה, וואָס מ'האָט געהערט

אין קאַצק, און מען חזרט איבער די רייד פון פשיסכער זכרונו לברכה. פון אזעלכע רייד ווערט דאָס האַרץ פון אַ ייד אָנגעפילט מיט שמחה. אוודאי איז עס אַ גרויסע פרייד צו זיין אַ ייד, אָבער גלייכצייטיק איז עס אַ גרויס אחריות און אַ שווערע משא. איז דעריבער די שמחה אויסגעמישט מיט טרויער, מיט צעבראָכנקייט, וואָס מען איז אַזוי ווייט פון שלימות. רייסט זיך פון די הערצער אַרויס אַ טרויעריק־פריילעכער ניגון. נעמען זיך די קאַצקער אַרום, האַנט ביי האַנט און אַקסל ביי אַקסל. אַז יידן האַלטן זיך צוזאַמען, פילן זיי זיך פעסטער, זיכערער, פריילעכער. און דאַמאָלס הייבן זיך די פיס אַליין און מען טאַנצט וואָס אַמאָל שטאַרקער און מיט מער דביקות. קומען אָן חסידים פון אַנדערע שטיבלעך. ווערט שוין גאָר ענג אין דער סוכה. טאַנצט מען אַרויס פון דער סוכה אין הויף אַריין. און דאַמאָלס הייבט אָן „וויוועו" דער „פשיסכער שיכור", ר' הערשעלע.

ר' הערשעלע איז שוין ווייט נישט קיין יונגערמאַן. די ברוין־רויט־לעכע באָרד איז שוין זינט יאָרן גראָ, אָבער מיט די יונגעלייט האַלט ער זיך, ווי ער וואָלט נאָך געווען איינער פון זיי. ער איז דער פשיסכער שיכור, אַזוי האָט מען אים „געהייסן" און אַזוי איז ער. און געהייסן האָט מען אים צוליב אַ מעשה שהיה. אַלטע פשיסכער האָבן וועגן דעם נישט גערן גערעדט, נאָר זיך דורכגעוואונקען מיט אָנצוהערענישן און רמזים — אָנדייַ־טונגען. דער רבי ר' בונם איז געפאָרן קיין וואַרקע. אויף אַ שמחה גע־פאָרן. זענען מיט אים מיטגעפאָרן אַלע זיינע תלמידים און אַ גרויסער עולם חסידים. בעת דער סעודה האָט ער געזאָגט תורה. געזאָגט אַזוי הויך און אַזוי טיף, אַז נאָר איין ר' מענדעלע האָט עס געקאָנט פאַרשטיין. און אַז עס איז געקומען צום וויין, האָט דער רבי יעדן פון זיינע תלמידים דערלאַנגט וויין. נאָר אָן זיין גרעסטן תלמיד ווי פאַרגעסן. ר' מענדעלע פון טאָמאַשאָוו האָט קיין וויין פון רבין נ י ש ט באַקומען. האָט דער עולם זיך אַרומגעקוקט און פאַרשטאַנען, אַז עס איז נישט פשוט.

דער טאָג איז געווען אַ הייסער. איז נאָכן בענטשן דער רבי פון פשיסכע אַריין מיט ר' מענדעלע אין אַ שייער, וואָס איז געווען אויסגע־לייגט מיט פרישן שמעקעדיקן היי. זיי האָבן זיך פאַרשלאָסן אין שייער און אַלע האָבן געמיינט, אַז זיי זענען דאָרט אַליין. אָבער זיי זענען דאָרט אַליין נ י ש ט געווען. הערשעלע איז נאָך דאַמאָלס אַ גאָר יונגע קאַזע

גנעוועזן. האָט ער זיך באַהאַלטן אונטערן היי און געוואָלט הערן און געוואָלט זען און געוואָלט וויסן.

און ער האָט געהערט ווי דער גרויסער פּשיסכער תּלמיד האָט געזאָגט:

— איך איינער אַליין האָב פאַרשטאַנען אייער תּורה.

— איך ווייס — האָט דער רבי געענטפערט.

— און אַז מיר האָט איר ביים טיש פאַרגעסן — האָט ר׳ מענדעלע זיך געקלאָגט.

— כ׳האָב דיך געזען — האָט דער רבי געענטפערט.

— אָבער ווייַן האָט איר געגעבן זיי — האָט ר׳ מענדעלעס שטים געקלונגען מיט פאַרדראָס.

— מ׳קאָן נישט האָבן אַלץ — האָט הערשעלע דערהערט דעם רבינס ענטפער.

וואָס ווייטער איז געשען, געדענקט נישט הערשעלע. עפּעס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ר׳ מענדעלע איז נישט מסכים מיטן רבין, אַמפּערט זיך, וויל נישט נאָכגעבן.

איז הערשעלע אַריינגעפאַלן אין כעס. וואָס הייסט עס זיך אַמפּערן מיטן רבין פון פּשיסכע. — איז ער אַרויסגעשפּרונגען פון אונטערן היי און אַ געשריי געטון אויף ר׳ מענדעלע:

— שווייג!

האָט דער רבי אָנגעקוקט דעם אויפגעקאָכטן הערשעלע און צו אים ווי מיט אַ שטילער בעטנדיקער שטימע געזאָגט:

— נישט דיין זאַך, הערשעלע, מיש זיך נישט...

נאָר הערשעלע האָט שוין נישט געוווּסט, וואָס מיט אים טוט זיך און ער האָט נאָכאַמאָל אַ געשריי געטון:

— שווייג!...

און דאַמאָלס האָט דער רבי פון פּשיסכע צו אים געזאָגט:

— גיי, הערשעלע, טרינקען...

פון דאַמאָלס אָן איז הערשעלע געוואָרן דער פּשיסכער שיכור. ער איז שפּעטער געוואָרן אַ הייסער קאָצקער חסיד, אָבער מיטן פלעשל זיך מער נישט געשיידט.

און ווען דער עולם טאַנצט נעבן יאָסעלע מלמדס סוכּה אויפן הויף, שטעלט זיך הערשעלע שיכּור אַוועק אין מיט פון ראָד און הייבט אָן זינגען אויף גויאיש:

הולאַלישמי וו׳ניעדזיעלע,
פּילישמי ווודקע יאַק נאַ וועסעלע.

און דער עולם ענטפערט:

מי הולאַיעם,
מי הולאַיעם,
ואתּה תּשמע מן השמים!...

(מיר האָבן געהוליעט זונטיק, געטרונקען ווי אויף אַ חתונה. דער רעפרען: מיר הוליען ואתּה...).

הערשעלע שיכּור צעשטעלט ווילעריש די פּיס, נעמט זיך אָן ביי די זייטן און צעזינגט זיך נאָך העכער:

הולאַלישמי וו׳פּאַניעדזיאַלעק,
פּילישמי ווודקע צאַלי אַנטאַלעק.

(מירן געהוליעט מאָנטיק, געטרונקען בראָנפן אַ פעסל)

פּאַטשן אין די הענטלעך די קינדער אויפן הויף און זינגען צו:

מי הולאַיעם,
מי הולאַיעם,
ואתּה תּשמע מן השמים!...

אַזוי זינגט ער וועגן יעדן טאָג פון דער וואָך, ער רימט זיך, אַז ער האָט שוין ס׳גאַנצע פאַרמעגן פאַרטרונקען, ס׳לעצטע העמד שוין אפילו פאַרטרונקען, ער טרינקט שוין אַזוי ווי „באַרטעק און וואויטעק"... אָבער ניין!... אַ ייד מוז אפילו ביים טרינקען געדענקען —

באַ טשעבאַ, טשעבאַ זנאַטש
אי באָגאַ שיען באַטש.

(ווייל מ׳דאַרף, מ׳דאַרף וויסן און פאַר גאָט מורא האָבן).

דאַמאָלס כאַפּט אַ שמחה אַרום אַלע. אַ ייד, אפילו אַ שיכּור, אפילו ווען ער האָט שוין ס׳לעצטע העמד פאַרטרונקען, געדענקט פאָרט, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט און דער גאַנצער הויף ברעכט אויס אין אַ מעכטיק געזאַנג:

מי הולאיעם,<br>
מי הולאיעם,<br>
ואתה תשמע מן השמים!

און אזוי גייט אוועק אַ שעה נאָך אַ שעה. דער גאַנצער הויף יידע־נעם פּלעסקעט שוין מיט די הענט. אפילו דער אַלטער סטרוזש וואַלענטי טאַנצט אין ראָד מיטן בעזעם אין דער האַנט. ערשט זעט מען זיך אַרום, אַז עס איז שוין מנחה־צייט. רייסט מען איבער דעם טאַנץ און מ'גייט אין שטיבל. מען איילט זיך שטאַרק ביי דער מנחה און מ'איילט זיך נישט וויייניקער ביים מעריב. גייט מען ווידער קידוש מאַכן צו אַ צווייטן ייד און ערשט אַ שטיק נאָך חצות. דערמאָנט מען זיך, אַז מ'דאַרף אהיימגיין.

אזוי האָט לייזער פאַרברענגט דעם יום־טוב און דעם חול־המועד און שמחת־תורה. ר' גרשון דער תבואה־סוחר האָט אַ חוץ אין דער ערשטער נאַכט יום־טוב ווייניק ווען געזען זיין איידעם. אויך האָדעסל, לייזער'ס וויב, האָט אין די טעג געהאַט ווייניק מהזקות מיט איר מאַן. אָבער עס האָט איר נישט געאַרט. אזוי איז עס דאָס לעבן. אזוי פירן זיך יידן. עס איז איר נישט איינגעפאַלן, אַז עס קאָן אַנדערש זיין, אַז עס איז געמאָלט אַן אַנדער לעבן און זי האָט, חלילה, נישט מהרהר געווען.

## קאַפּיטל 14

# אינדערוואַכן

ערשט אסרו חג נאָך מעריב האָט ר' גרשון געהאַט אַ געלעגנהייט צו רעדן מיט זיין איידעם.

אין דער גרויסער עס־שטוב האָט ליכטיק געברענט דער בליץ־לאָמפּ. אויבנאָן ביים ברייטן דעמבענעם טיש, באַדעקט מיט אַ טונקל גע־בלימלט טישטעך, איז געזעסן ר' גרשון, פאַרלייגט אַ פּאָר ברילן איבער די אויערן און איז געווען פאַרטיפט אין זיינע סוחרישע חשבונות.

פון ביידע זייטן טיש אין דער מיט זענען געזעסן ר' גרשונס וויב און זיין טאָכטער און אויף לאַנגע שפּיזלען געשטריקט זאָקן. ביים צווייטן

עק טיש, פארדעקט מיט א קליין ווייס טישטעך, האט לייזער פארענדיקט זיין אוונט־ברויט.

אין שטוב איז געווען שטיל. אלע האבן געוווסט, אז איצט רוקט אן דער אנטשיידנדיקער מאמענט, אז באלד וועט קומען צו אן ערנסטן שמועס צווישן שווער און איידעם. האדעסלם הארץ האט האסטיק גע־קלאפט. זי האט מורא געהאט פאר דעם שמועס און זי האט שוין געוואלט, אז אלץ זאל זיין אריבער.

לייזער האט הויך געבענטשט און ר׳ גרשון מיט זיין הויז־געזינד האבן הויך נאכגעזאגט אמן.

ערשט ווען לייזער האט געענדיקט דאס בענטשן, האט ר׳ גרשון אויסגעטון די ברילן, האט זיי אוועקגעלייגט אויף די חשבונות, וואס זענען פאר אים געלעגן און געזאגט:

— איך האב דיר שוין אפילו געשריבן, נאר כ׳האב נאכאמאל נאכ־געקוקט די חשבונות. עס קומט דיר פופצנהונדערט און 73 רובל און 45 קאפיקעס... דאס איז דער נדן און דער פראצענט, לייזער...

אלע ביים טיש האבן געשוויגן. ביים פייער פון דעם בליי־לאמפ האט געזשימעט דאס נאכט־פייגעלע.

ר׳ גרשון האט גענומען די ברילן אין דער האנט און ווייטער גע־רעדט:

— מסתמא געדענקסטו דאך, לייזער, וואס איך האב דיר געשריבן... דיינע קעסט האבן זיך נאך מיט 3 יאר צוריק געענדיקט. מיין איך, אז שוין צייט צו טראכטן פון עפעס א תכלית...

ר׳ גרשון האט געווארט אויף זיין איידעמס תשובה. אזוי ווי אבער לייזער האט ווייטער געשוויגן, האט ער קורץ געפרעגט:

— איז וואס קלערסטו, לייזער, צו טון?

— כ׳וויל זיך נעמען צו מסחר — האט לייזער גלייך און אן שום וואקלענישן געענטפערט.

די דאזיקע קלארע תשובה איז פאר אלעמען אנגעקומען אומדער־ווארט. פאר איבערראשונג האבן די ווייבער אויפגעהערט צו שטריקן. ר׳ גרשון האט זיך געפילט אביסל אנטטוישט. ער האט זיך געגרייט צו א שווערן קאמף. ער איז געווען זיכער, אז דער איידעם וועט אזוי לייכט

נישט וועלן אויפגעבן דאָס קאָצקער חסידות. ער האָט שוין אפילו זיך גע־האָט צוגעגרייט צו מוסר־רייד, וואָס ער וועט לייזערן זאָגן. ער האָט גע־וואָלט צו אים רעדן זייער שאַרף און געוואָלט אים ברענגען ראיות פון דער גמרא און מדרש, אַז אַ ייד דאַרף קודם כל זאָרגן מפרנס צו זיין זיין הויזגעזינד. איצט זענען די אַלע רייד איבעריק. אומזיסט האָט ער זיך צוגעגרייט צו די קלוגע רייד פון די הייליקע תנאים ואמוראים. אומזיסט האָט ער אויסגעטון די ברילן. לייזער אַליין האָט חשק צו ווערן אַ סוחר.

ר׳ גרשונס שטים האָט געקלונגען קיל און אַנטוישט, ווען ער האָט נעפרעגט:

— מיט וואָס מיינסטו צו האַנדלען, לייזער?

די שאלה איז געווען אַ ריין רעטאָרישע. ר׳ גרשון האָט אַליין גע־ווּסט די תשובה. וואָס ווייסט אַ יונגערמאַן פון שטיבל און בית־המדרש וועגן מסחר? וואָס קאָן ער, נעבעך, וויסן? עס איז דער חוב פון שווער אים צו ווייזן אַ וועג. אים צו לערנען. אים צו זאָגן וואָס יאָ און וואָס נישט. ר׳ גרשון האָט זיך, חלילה, פון דעם חוב נישט אָפּגעזאָגט. אוודאי וועט ער לייזערן העלפן מיט וואָס נאָר ער קאָן. עס איז דאָך זיין קינד. ער האָט שוין אפילו גרייט אַ פּלאַן פאַר לייזערן. אויב ער האָט געפרעגט, וואָס לייזער טראַכט צו טון, איז עס נאָר געווען, כדי צו הערן, אַז זיין איידעם ווייסט נישט און וואַרט אויף זיינע, גרשונס, עצות און אָנווייזונגען.

ר׳ גרשונען איז אָבער אין דעם אָוונט באַשערט געווען איבערצור־לעבן כסדרדיקע איבעראַשונגען און אַנטוישונגען, וואָרום לייזער האָט איין מינוט נישט געקלערט און גלייך אָן שום שהיות געענטפערט:

— מיט אייזן. כ׳וועל האַנדלען מיט אייזן אויפן גזשיבאָוו.

די ווייבער ביים טיש האָבן איננאַנצן פאַרגעסן אָן זייער מלאכה. נאָך איבעראַשטער איז געבליבן זיצן ר׳ גרשון.

— קוק זיי נאָר אָן, די קאָצקער! —האָט ער ביי זיך געטראַכט— זיי ווייסן שוין נאָר נישט אויף וואָס זיי גייען!... אויף מסחר ווילן זיי שוין אויך זיין מבינים!... נו!...

ער האָט אָבער נישט אַרויסגעוויזן זיין אומצופרידנהייט און אַנט־טוישונג. ער האָט צוריק אָנגעטון די ברילן, כדי צייט צו האָבן צו קומען

צו זיך פון דער איבערראַשונג. ער האָט איגנאָרירט זיין איידעמס באַשלוס, ווי ער וואָלט אים אינגאַנצן נישט געהערט און געלאָזן באַזאָכט גע־זאָגט:

— זעסטו, ליזער, אַז אַ יונגערמאַן נעמט זיך צו מסחר, איז אַמ־גלייכסטן זיך אַרומצוקוקן אין דער בראַנזשע פון טאַטן אָדער פון שווער. דאָ קאָן מען צוהעלפן מיט אַן עצה און מיט אַ גוט וואָרט ביי סוחרים. איז דעריבער מיין איך, אַז דאָס גלייכסטע וועט זיין פאַר דיר, ליזער, צו האַנדלען מיט תבואה. דו פאַרשטייסט...

— עס קאָן אַנדערש נישט זיין —האָט ליזער איבערגעריסן זיין שווער— אייזן און אויפן גזשיבאָוו...

— נע, נע — האָט ר׳ גרשון אַ צעטומלטער צוריק אויסגעטון די ברילן — כ׳האָב גאָר נישט געוווסט, אַז דו ביסט אַזאַ בקי אין הלכות מסחר, ליזער, נישט געוווסט... נע, נע...

דאָ האָט זיך האָדעסל געפּרוווט אַריינמישן:

— כ׳מיין, ליזער —האָט זי געזאָגט— אַז אין די ענינים מעגסטו זיך פאַרלאָזן אויפן טאַטן...

— מען האָט אַזוי געהייסן! —האָט ליזער געזאָגט אומגעדולדיק— איז דאָך נישט שייך קיין מיישב זיין...

— געהייסן? —האָט ר׳ גרשון איבערגעפרעגט— ווער האָט גע־הייסן?

— אין קאָצק! — האָט ליזער קורץ געענטפערט.

— אין קאָצק? — האָט ר׳ גרשון איבערגעפרעגט.

אין דער פראַגע איז געלעגן אי חוזק, אי פאַרדראָס, אי שטוינונג. דער קוזמירער חסיד אין אים האָט געלאַכט אין זיך צופרידן. בע־בע־בע... אַבי זיי מאַכן דעם אָנשטעל, די קאָצקער, אַז ביי זיי שוועבט מען נאָר אין די הימלען. אַז מען האָט גאָרנישט אין זינען דעם חומר און די גשמיות... נע, נע... עס הייבט זיך גאָרנישט אָן. מ׳גייט, זעט זיך, אויך אין קוזמירס דרכים... עמך ישראל צריכים פּרנסה... גיט מען שוין, הייסט עס, עצות יונגעלייט, הייסט מען זיי שוין האַנדלען... קריכט מען נישט שטענדיק אין הימל... בע־בע־בע...

דער קוזמירער חסיד איז צופרידן געווען, האָט אַ הנאה געהאַט פון דעם עסק, האָט געפילט אַ מין שאַדן־פרייד, וואָס אויף קאָצק לאָזט זיך ענדלעך אַראָפּ צום עולם התחתון. ר׳ גרשון איז אָבער נישט בלויז געווען אַ קוזמירער חסיד. ער איז אויך געווען אַ געטרייער טאַטע צו זיינע קינדער. און ער האָט זיך געפילט שווער געטראָפן:

— וואָס הייסט? ווי שיקט זיך דאָס? און מיך פרעגט מען שוין גאָרנישט? מיט אייזן זאָל ער האַנדלען און נישט פירן מיין מסחר?!

און אויף דער צונג זענען אים שוין געלעגן האַרבע ווערטער:

— אַ גראָשן וועל איך דיר נישט געבן, אַ גראָשן נישט! אַז דו וועסט פאַרטאַכלעווען דעם נדן, צו וועמען וועסטו גיין? צו וועמען? קיין קאָצק? צי צו מיר?...

ער האָט מיט געוואַלד איין זיך געשטיקט די דאָזיקע ווערטער פון כעס. די באַהאַלטענע מורא פאַר קאָצק האָט אים פאַרמאַכט דאָס מויל. גלייכער נישט אָנצוהייבן מיט קאָצק... ווער ווייסט, וואָס עפּעס אַן איבעריק וואָרט קאָן טון... דער קוזמירער, זאָל לעבן, וואָרנט דאָך אויך זיינע חסידים, „נישט אָנצוהייבן״ מיט א י ם, נישט דערצערנען א י ם...

צו הילף איז ר׳ גרשונען געקומען דער סוחרישער אינסטינקט, וואָס האָט אים אונטערגעזאָגט:

— וועסט גאָרנישט מאַכן, גרשון. איז גלייכער צו מאַכן דעם אָנשטעל, אַז דו ביסט צופרידן...

נאָר געשטוינט האָט ער. וואָס איז דאָס מיט דעם קאָצק? וואָס וויל ער? וואָס מיינט ער מיט זיינע אויסטערלישע דרכים? און ער האָט גע־לאָזן און כמעט גלייכגילטיק גערעדט:

— מילא — האָט ער געזאָגט — אויב מ׳האָט דיך אַזוי געהייסן, וויל איך אַנדערש נישט זאָגן... אמונת חכמים איז דער עיקר... נאָר כ׳מיין, ווי קומט עס עפּעס? כ׳האָב געמיינט, אַז אין קאָצק מישט מען זיך נישט אין מסחר...

האָט לייזער גענומען דערציילן. ער האָט דערציילט, אַז ער, לייזער, האָט געהאַט ביי זיך אָפּגעמאַכט צו ווערן אַ מלמד.

— אַ מלמד! — האָט ר׳ גרשון אַ קלאַפּ געטון אין טיש פאַר כעס — איך וואָלט דיר געוויזן אַ מלמד!...

ליזער האָט געשמייכלט און געזאָגט:
— כ'וויים נישט, וואָס דער שוער שרייט. עס ציט מיך נאָך איצט צו מלמדות, נאָר אַז עס איז נישט באַשערט...
און ער האָט דערציילט ווי דער קאַצקער איז אַריין אין בית־המדרש, ווי דער עולם איז זיך אין שרעק צעלאָפן, נאָר ער, לייזער, האָט זיך דער־פילט אַזוי שוואַך, אַז ער האָט זיך פון אָרט נישט געקאָנט רירן. דער רבי איז געבליבן שטיין ביים בעלעמער און גערעדט אַזעלכע פּחדימדיקע ווער־טער, אַז די ציין האָבן ביי אים, לייזערן, געקלאַפּט פאַר שרעק. און דאַ־מאָלס האָט דער רבי אים דערזען און געפרעגט וואָס ער וויל.
ער, לייזער, האָט פאַר שרעק נישט געקאָנט אַ וואָרט אַרויסרעדן, נאָר ר' הירש טאָמאַשאָווער האָט אים אַרויסגעהאָלפן און געזאָגט וועגן מלמדות...
— משוגע מיינע שונאים!... — האָט ר' גרשון זיך אַ ריס געטון פון אָרט.
לייזער האָט ווייטער גערעדט. ער האָט דערציילט ווי דער רבי האָט אים געהייסן זיך נעמען צום מסחר מיט אייזן אויף דעם פּלאַץ נעבן דער תיפלה...
די ווייבער ביים טיש האָבן די שפּיזן מיט די נישט פאַרענדיקטע זאַכן אַרויסגעלאָזט פון די הענט. זיי האָבן געקוקט מיט שרעק און גע־רידטקייט אויף לייזערן. אויך ר' גרשון האָט פון די אויסטערלישע רייד געפילט עפּעס אַ ציטער דורכלויפן איבער די ביינער און געזאָגט:
— נו, לייזער, זאָל זיין מיט מזל. מאָרגן מערצשעם, נאָכן דאַווענען, וועל איך מיט דיר אַריבערגיין צו ר' שכנא אויף דער באַגנע. מיר זענען אַלטע ידידים און ער וועט פאַר מיין איידעם עפּעס טון...

## קאַפּיטל 15

# ר' שכנא

מיט אַ שניי־ווייסער ברייט־צעקעמטער באָרד, מיט אַ פּאָר גאָלדענע שפּאַקולן אויף דער לאַנגער אָדלער־נאָז, אין הויכן טוכענעם קאַשקעט מיט

אַ גלאַנציקן לעדערנעם דאַשעק, אַרומגענומען מיט אַ לאַנגן מאַט־זיידע־נעם כאַלאַט, אָנגעשפּאַרט אויף אַ זילבערנעם שטעקל פלעגט ר׳ שכנא יעדן פאַרנאַכט אַרויספאָרן הינטער דער שטאָט שעפּן „פרישע לופט״.

יעדן טאָג פלעגט ר׳ שכנא פאָרן איבער די יידישע גאַסן אין וואַרשע אין זיין קאַטש, געשפּאַנט אין דריי פערד און יעדעס מאָל פלעגן די ווייבער אויף גנאַינע און גזשיבאָוו און טוואַרדע און טשעפּלע אַוועקשטעלן זיך ביי די פענסטער און קוקן אויף דעם קאַטש, ווי זיי וואָלטן אים צום ערשטן מאָל אין לעבן געזען.

און יעדעס מאָל פלעגן זיי רעדן איינע צו דער אַנדערער די זעלבע ווערטער:

— ר׳ שכנאס קאַטש...

און נישט בלויז ווייבער, אויך יידן, טאַטעס פון קינדער מיט דאגות און צרות, האָבן נאָכגעקוקט דעם קאַטש און אין די וואָנצעס צו זיך גע־שמייכלט:

— ר׳ שכנא...

און די גויאישע סטרוזשעס האָבן געצויגן די היטלען פון די קעפּ און זיך טיף געבויגן, און אפילו די סטראַזשניקעס און קאָמיסאַרן האָבן ר׳ שכנאַן סאַלוטירט.

— זשידאָווסקי קשיאָנזשע (יידישער פירשט) — האָבן די גויים מיט דרך ארץ גערעדט צווישן זיך.

אויף דער באַנגע גאַס איז געווען די רעזידענץ פון דעם דאָזיקן „יידישן פירשט״. דאָ האָט ער געהאַט זיינע הייזער, און זיינע עסקים און זיין גרויסן הויף, וווּ עס האָבן געלעבט זיינע זין און טעכטער און שנורן, און אייניקלעך און אוראייניקלעך און קרובים און מקורבים און שריי־בער און גלאַט אַזוי שמשים. דאָ אין דעם הויף האָבן זיך בייטאָג און ביי־נאַכט געדרייט שליחים פון קוזמיר, און חסידים און רבנים און דיינים. איבער זיי אַלע האָט ר׳ שכנא געהערשט, טאַקע ווי אין אַ הויף פון אַ קשיאָנזשע. פונדעסטוועגן איז געווען איין אָרט, וווּ ר׳ שכנא איז געשטאַ־נען צוגלייך מיט אַלע יידן אַ הכנעהדיקער און געהאָרכזאַמער. דאָס איז געווען די טיר, וואָס האָט געפירט צום רבינס חדר.

דער רבי פון ר׳ שכנא איז געווען ר׳ כאסקעלע פון קוזמיר. פאר אים האט ר׳ שכנא געבויגן זיין קאפ. אין זיין חדר איז ר׳ שכנא געוואָרן אויס יידישער פירשט און איז געווען א פשוטער ייד, ווי די מלמדים און סוחרימלעך, ווי די דאָרפס־גייער און אָרענדאַרן. צוזאמען מיט זיי איז ער געשטאנען און געוואַרט, אז די טיר זאָל זיך עפענען און דער רבי זאָל אָנהייבן „שלום צו נעמען!"

דאָס האט אויף דער באַנגע גאַס ארויסגערופן נאָך א גרעסערן דרך ארץ צו ר׳ שכנא.

ר׳ שכנא איז שוין געווען אַן אַלטער ייד. ער האָט שוין זינט יאָרן זיך אויפגעהערט צו מישן אין זיינע גרויסע עסקים. זעלטן פלעגט ער זיך באווייזן אין זיינע סקלאדעס. ס׳רוב טאָג האָט ער פאַרברענגט אין זיינע הדרים. אָנגעטון אין א געבלימלטן זיידענעם שלאַפראָק מיט א הויכן סאמעטענעם קאפּל אויפן קאָפּ, האָט ער אויפגענומען זיינע געסט, רבנים פון דער פּראָווינץ, ידידים פון ווארשע, אַלטע חסידים.

דער רויך פון די לולקע־ציבעכם און דער געשמאַק פון טייערע ציגאַרן האָבן אָנגעפולט אַלע חדרים און די שמועסן זענען געווען גאָר הויכע וועגן חסידות און גוטע יידן, מכוח תורה און אירע חידושים.

און אַלטע חסידים האָבן צווישן זיך געשמועסט:

— ס׳געלט האָט אים נישט מגושם געמאַכט... אזא ידיעה אין חסידות... נע, נע...

און לומדים האָבן צו זיך גערעדט:

— ווער וואָלט זיך געגלויבט, אז ר׳ שכנא קאָן זאָגן גאָר א פשטל, געהערט א מעשה...

דאָס פירן זיך אָבער מעשה פריץ האָט אַרויסגערופן א ברומען צווישן עולם קאַצקער.

האָבן די קוזמירער חסידים זיי געענטפערט:

— א חוצפה דאָס איז צו רעדן אויף ר׳ שכנאן... ווען ער פאַרט קיין קאַצק, וואָלט שוין ביי אייך אַלץ רעכט געווען? האָ?

— מוחל, מוחל... —האָבן די קאַצקער געצויגן מיט די אַקסלען— אין קאַצק דאַרף מען נישט קיין קאַטשן. אין קאַצק זוכט מען א צעבראָכן יידיש האַרץ...

— געפעלט אייך נישט ר' שכנא —האָבן זיך זיינע אָנהענגער צע־קאָכט— מילא איז נישט, אָבער אונדז געפעלט ער שוין גאָר. און טאַקע אַלע יידן אויך. ווער וואָלט חתונה געמאַכט די אָרימע יידישע כלות? און ווער וואָלט געזאָרגט פאַר די יתומים נעבעך? און ווער טראַכט וועגן דער תלמוד־תורה און וועגן דער מקווה און וועגן וואָס נישט, אויב נישט ר' שכנא.

— יאָ, דאָס נעמט אים קיינער נישט צו —האָבן די קאָצקער גע־מוזט מודה זיין— אָבער נאָך וואָס דאַרף ער דעם קאָטש און ווי קומט אַ ייד וואָס זאָל זיך פאַרדרייען אַ קאָפּ מיט פערד?

— ס'איז טאַקע אַ הארבע קשיא —האָבן די קוזמירער חסידים כלומרשט מסכים געווען— איז אפשר וואָלט איר אַרויסגעגאַנגען צו ר' שכנאַן און אים אַליין אַ פרעג געטון?...

זיי האָבן געוווסט גוט די קוזמירער, וואָס זיי מיינען דערמיט. זיי האָבן געוווסט, אַז אין קאָצק האָט מען אָנגעזאָגט: „השמר והזהר" — נישט „צו טשעפּען" דעם „יידישן פּריץ".

— וויכטיקערע דאגות „אַזש צו גיין צו אים" — האָבן די קאָצקער זיך געפּרוווט צוריקציען בכבוד.

די קוזמירער האָבן אָבער נישט אָפּגעלאָזט און זייערע קעגנער צו־געדריקט צום וואַנט.

— וואָס, עס שטייט אייך נישט אָן? —האָבן זיי געזאָגט— אָבער זעט איר, אייער קאָצק שטייט שוין יאָ אָן צו שיקן עקסטרא שליחים צו ר' שכנאַן מכוח אַ שידוך...

אויף דעם אַרגומענט איז באמת שוין קיין תשובה נישט געווען צו געפינען און די קוזמירער זענען טאַקע אַרויס אַלס זיגער.

שווער געווען באמת צו האָבן טענות צו ר' שכנאַן. אַ מלכותדיק הויז, האָט זיך משדך געווען מיט אַלע גוטע יידן פון לאַנד, די זין, איי־דעמס זיצן איבער דער גמרא און פאָרן צום רבין. ווילן נישט וויסן פון די אַלע עסקים און מסחרים. און ר' שכנא שטערט זיי נישט, חלילה. ער אַליין ווייזט זיך אויך שוין זעלטן אין געשעפט. פאַרמעגנס גאַנצע גיט ער אַוועק אויף הכנסת כלה און אויף יתומים און אויף אַלע אַנדערע יידישע זאַכן. הלוואי אויף אַלע יידן געזאָגט אַזאַ הויז.

מילא, מעג מען אים מוחל זיין, וואָס ער רירט זיך נישט ארוים פון שטוב אָן דעם קאָטש מיט דריי פערד אין דער שפיץ.

דערשראָקן און נייגעריק צוגלייך האָט לייזער זיך געלאָזט פון זיין שווער פירן איבער די גרויסע חדרים פון ר׳ שכנאס דירה.

— עס איז דיין איידעם? — האָט ר׳ שכנא לאַנג און אויפמערקזאַם באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס לייזערן — פון די קאָצקער, דאַכט זיך, העי?

— יאָ — האָט ר׳ גרשון געענטפערט — ער וויל זיך איצט נעמען צום מסחר...

— נעמט אים צו זיך אין געשעפט — האָט ר׳ שכנא געזאָגט — נו, יאָ, עס איז אַ גלייכע זאַך.

— ניין — האָט ר׳ גרשון זיך געפילט נישט באַקוועם — איך האָב אַזוי געקלערט, נאָר אין קאָצק האָט מען אים געהייסן האַנדלען מיט אייזן...

— אַזוי גאָר? מיט אייזן? — האָט זיך ר׳ שכנא געחידושט — האָט מען שוין אין קאָצק אויך צו טון מיט עסקים?

לייזערן האָט זיך געדאַכט, אַז אין ר׳ שכנאס שטים קלינגט עפּעס אַ נאָטע פון גרינגשעצונג. האָט ער צום ערשטן מאָל געעפנט דאָס מויל און געזאָגט:

— נישט איך און נישט מיינסגלייכן ווייסט, מיט וואָס מ׳האָט אין קאָצק צו טון, נאָר אַזוי האָט מען מיך געהייסן.

— אָ, הייס, הייס — האָט ר׳ שכנא געשמייכלט — אַזוי דאַרף עס זיין, יונגעלייט...

ר׳ גרשון האָט לייכטער אָפּגעעטעמט. ר׳ שכנא האָט זיך נישט באַ־לייזדיקט. געגלייבט צו גאָט. מיט די קאָצקער איז שווער דורכצוקומען.

ר׳ שכנא האָט נאָכאַמאָל מיט דורכדרינגענדיקע אויגן אַרומגענו־מען לייזערן און נאָך אַ ווײַלע שווייגן געפרעגט:

— ווי הייסטו?

— לייזער.

— הער זשע, לייזער. איך וויל דיר געבן אַן עצה. ניין, ניין, שרעק זיך נישט — האָט ר׳ שכנא זיך ווידער צעשמייכלט — נישט אין חסידות. אין חסידות ווייסט עטץ יונגעלייט מער פאַר די אַלטע יידן... נאָר אין מסחר...

ר׳ שכנא האָט פאַררויכערט אַ ציגאַר, האָט אַרויסגעלאָזן אַ געדיכטן שמעקעדיקן קנויל רויך און געזאָגט:

— אין מסחר, לייזער, טאָר מען נישט זיין צו היים... וואָס קעלטער עס איז דער קאָפּ, איז אַלץ בעסער, און איידער מ׳טוט עפּעס, איז גלייכער צוויי מאָל זיך מיישב זיין.

— נו צוליב דעם בין איך דאָך געקומען מיט אים צו אייך, ר׳ שכנא — האָט ר׳ גרשון צוגעוואָרפן.

האָט ר׳ שכנא זיך לאַנג פאַרטראַכט און דערנאָך געזאָגט:

— אַז דו וואָלסט מיך געפרעגט, גרשון, וואָלט איך געזאָגט: תבואה. דיין מסחר. מ׳פילט זיך באַלד ווי אין דער היים. נאָר אַז מען האָט אין קאָצק געזאָגט אייזן, גייט דאָך נישט צו מאַכן. נו, גוט, וועל איך אים שוין זען צוהיטן... — און ער האָט זיך געווענדט צו לייזערן:

— גיי אַראָפּ אין געשעפט צו שמעלקען. איך וועל אים שוין זאָגן, אַז ער זאָל דיר קיין עוולה נישט טון און זאָל אונדז ביידע זיין צו מזל, וואָרום איך קריג דאָך אויך צו אַ פרישן קונה.

אַזוי אַרום איז לייזער געוואָרן ר׳ שכנאס סוחר.

קאַפּיטל 16

## שמעלקע שמדניק

— דו ביסט עס מיין נייער סוחר? — האָט שמעלקע מיט אַ שפּאָטישן בליק אָפּגעמאָסטן לייזערן, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים אין ר׳ שכנאס גרויסן סקלאַד מיט צעשראָקענע אויגן און פון גרויס צעטומלטקייט זיך געציפּט דאָס שיטערע בלאָנדע בערדל.

— יאָ! — האָט לייזער אַראָפּגעלאָזט די אויגן, זעענדיק ווי שמעלקע קוקט אויף אים מיט ביטול.

— איז סאַרע סחורה ווילסטו קויפן? — האָט שמעלקע געפרעגט, וויסנדיק זייער גוט, אַז לייזער ווייסט צומאָל נישט וואָס צו וועלן.

— איך ווייס נישט — האָט לייזער געפילט, אַז אַ רויטקייט שלאָגט אַרויס אויף זיין פּנים — ר׳ שכנא האָט געזאָגט...

— נו, גוט, גוט! —האט שמעלקע אים שארף איבערגעריסן— א יאר אויף מיינע שונאים, פארע סוחרים ר׳ שכנא שיקט מיר צו!...

— כ׳מיין... — האט לייזער עפעס געשטאמלט.

— מיין אהין, מיין אהער —האט אים שמעלקע נישט געלאזט קור־מען צום ווארט— אין „שטיבל” וועסטו מיינען!... דא זאלסטו הערן, וואס מ׳רעדט צו דיר!... ווארט!...

א הויכער ברייטפלייציקער מיט א געדיכטער רויטער באָרד, וואס האט אויסגעזען, ווי א ברענענדיקער וואלד, איז שמעלקע געשטאנען אי־בערן צעטומלטן לייזערן און מיט אים קאמאנדעוועט:

— גיב אוועק דאס געלט ר׳ כילקע קאסיר און ווארט!...

לייזער האט געפאלגט, וואס מ׳האט אים געהייסן. ער איז אוועק צו ר׳ כילקע קאסיר און האט מיט ציטערנדיקע הענט אים אויסגעציילט די 1573 רובל, וואס ער האט באקומען פון זיין שווער ר׳ גרשון נדן מיט פראצענט.

דער אלטער ר׳ כילקע האט רחמנות באקומען אויף לייזערן און אים געטרייסט:

— וועסט זיך צוגעוווינען, לייזער, צו אלעם מוז מען זיך געוווינען... און ווו האסטו דאס געשעפט?

— אויפן גזשיבאוו —איז לייזער געווען דאנקבאר ר׳ כילקען, וואס ער רעדט צו אים, ווי צו זיינס גלייכן— נעבען דער תיפלע...

— א נישט קשהדיקער פלאץ! —האט ר׳ כילקע געשאקלט מעשה מבין מיט זיין ווייסער באָרד— נו, זאל זיין מיט הצלחה, לייזער...

— און וואס זאל איך איצט טון? — האט לייזער אנגעשטעלט א פאר פארלוירענע בעטנדיקע אויגן אויפן אלטן כילקע.

— **זעץ זיך צו, לייזער —האט אים כילקע געזאגט—** און ווארט. שמעלקע וועט דיך שוין רופן...

האט לייזער אויסגעזוכט זיך אין גרויסן סקלאד עפעס א פארווארפן שטיל ווינקל און זיך צוגעזעצט.

לאנג איז אויסגעקומען לייזערן צו ווארטן. ער האט געהאט צייט זיך ארומצוקוקן. ער האט ערשט איצט געזען, וואסערע גרויסע מסחרים

דאָ ווערן געפירט. וויפל סוחרים, וויפל „מענטשן"!... און אומעטום איז דאָ שמעלקע. פון אומעטום שטאַרט אַרויס זיין רויטע ברענענדיקע באָרד.

פון אַלע זייטן הערט מען נאָר רופן:

—ר׳ שמעלקע, זייט אַזוי גוט...

— כ׳האָב געהייסן וואַרטן! — קוקט זיך שמעלקע צומאָל נישט אום אויף דעם אַלטן סוחר.

— אפשר וועט איר מוחל זיין, ר׳ שמעלקע — קומט צו אַ צוויי־טער ייד און רעדט מיט הכנעה.

— וואָס ווילט איר? —בייזערט זיך שמעלקע— כ׳האָב דאָך שוין געזאָגט דעם פּרייז!

— כ׳וועל נישט קאָנען לייזען —בעט זיך דער ייד— די „קאָנ־קורענטן"...

— וואָס מיינט איר, ס׳איז ביי אייך אויפן יאַריד אין סאָבין! — שאָקלט זיך שמעלקע אָפּ און גייט ווייטער.

— ר׳ שמעלקע —וויל אים פאַרהאַלטן ביים אַרבל גיטעלע די אייזן־סוחרטע פון גאַרוואָלין— כ׳וועל דאָך פאַרשפּעטיקן די פּאָטשט...

— באַלד, באַלד! —רייסט זיך שמעלקע אַרויס פון אירע הענט— כ׳קאָן דאָך מיך נישט צערייסן.

גרויס איז דער טומל אַרום. לייזער פילט זיך פאַרלוירן אין דעם טומל. אַ שוויים באַדעקט זיין שטערן. ווי וועט ער זיך קאָנען אין דעם טומל אַן עצה געבן? יאָ, אַ שווערע לאַסט האָט מען אויף אים אין קאָפּ אַרויפגעלייגט. ער איז, חלילה, נישט מהרהר. מסתמא דאַרף אַזוי זיין. און ער חזרט איבער די ווערטער, מיט וועלכע די קאָצקער האַלטן זיך אונטער אין שווערע מינוטן:

— פאַרפאַלן. מען דאַרף זיך אונטערגאַרטלען!

ער פאַרמאַכט פון די אויגן. ער וויל זיך דערמאָנען דעם לעצטן תורה־שמועס פון ר׳ איטשע מאירן. אָבער ער קאָן נישט. דער מוח איז ביי אים אויסגעליידיקט. פון אַלע זייטן דערטראָגן זיך צו זיינע אויערן קולות:

— ר׳ שמעלקע!... ר׳ שמעלקע!...

— א וועלט אזא —טראכט זיך לייזער— דאכט זיך אָרנטלעכע יידן, אָפּגעהיטענע יידן... קאָנען זיך פונדעסטוועגן נישט אָפּהיטן פון חניפה... ר׳ שמעלקע, ר׳ שמעלקע... און הינטער די אויגן האָט ער ביי זיי אַן אנדער נאָמען... מעג מען אזוי צוליב פרנסה וועגן?...

פלוצים ברעכט אוים א געשריי, א געוואלד, א שיכור גראָב קול שרייט:

— שמעלקע שמדניק! איך וועל דיר אַלע ציין אויסהאַקן, שמדניק איינער!... א רוח אין ד...

לייזער רייסט זיך אויף פון אָרט. אַלע סוחרים און מענטשן רוקן זיך אוועק צעשראָקענע אָן א זייט. אין מיטן סקלאַד שטייט דער שיכורער פיניע מיט ווילד פאַרלאָפענע אויגן און שרייט:

— שמעלקע שמדניק!...

שמעלקעס רויטע באָרד טוט זיך א צעוויג, זיינע לאַנגע האָריקע הענט גיבן א כאַפּ אין דער הויך דעם שיכורן פיניע.

פיניע צאַפּלט א הענגענדיקער אין דער לופטן, באלד זעט מען, ווי ער פאַלט אַרוים פון דער טיר און ער כאָרכלט שווער:

— שמד... שמדניק!...

עס איז שטיל אין סקלאַד. יעדער באמיט זיך נישט צו קוקן אויף שמעלקעס זייט, אָבער לייזערן דאכט זיך, אז אין יעדנס אויגן פינקלט עפּעס א פייערל פון צופרידנקייט:

— זאָל ער וויסן, דער שמדניק..

שמעלקע נעמט זיך נישט איבער מיט פיניעס געשרייען. זאָל ער שרייען דער שיכור. עס וועט אים גאָרנישט העלפן. ער, שמעלקע, איז היינט שוין אַן אָנגעזעענער ווארשעווער באַלעבאָס. ער איז דער כל ולך אין ר׳ שכנאַס עסקים. ער וווינט אויף טוואַרדע גאַס אין פיר שטובן מיט א קיך, ווי עס פּאַסט פאַר א ייד א נגיד. בלומע־קיילע, זיין ווייב, פירט א שיינע יידישע שטוב, גיט שיינע נדבות די גבאיטעס און האַלט מלמדים צו אירע זעקס בנים. שמעלקע אליין פירט זיך אויך לייטיש. קומט ביי־נאַכט אין קוזמיר״„שטיבל״ און צאָלט חודש־געלט ר׳ נאַטקען, אז ער זאָל לערנען מיט אים עין־יעקב; גייט שבת אין א זיידענער זשופּיצע און האָט לעצטנס זיך אפילו געקויפט א שטריימל; פאָרט אויף ראש־השנה און

יום־כיפור צום רבין און לאָזט אַ שיין „לעצט־געלט" פאַר די גבאים און שמשים.

ניין! מ'קאָן נישט האָבן קיין טענות צו שמעלקען. אַ לייט געוואָרן, גאָר נישט צו דערקענען. פונדעסטוועגן, ווען ער איז נישטאָ און ווען עס זענען נישטאָ זיינע טעלער־לעקער און שמשים, רופט מען אים אויפן גזשיבאָוו און אויף טווארדע און אויף טשעפּלע נישט אַנדערש ווי שמעלקע שמדניק.

און אפילו זיין אייגן ווייב, בלומע קיילע, צעהאַקט נישט איין מאָל אַ טעלער אויף זיין קאָפּ און צעשרייט זיך היסטעריש:

— שמדניק איינער!...

און דאַמאָלס פאַרגעסט שמעלקע, אַז ער איז דער פירער פון ר' שכנאס עסקים, און ער וווינט אין פיר שטיבער מיט אַ קיך, ווי עס פּאַסט פאַר אַ ייד אַ נגיד, אַז ער האַלט פיינע מלמדים צו זיינע בנים און אַז שדכנים דרייען זיך שוין ביי אים, אַז ער גייט אין אַ זיידענער זשיפּיצע און האָט זיך געקויפט שוין אפילו אַ שטריימל. ער פאַרגעסט אָן דעם אַלעם. בלומע קיילעס געשריי דערמאָנט אים אָן די אַלטע גוטע צייטן, ווען ער איז נאָך געווען אַ פרייער פויגל, ווען ער איז נאָך געווען אַ שמייסער־יונג ביי ר' שכנאן און איז ביינאַכט געלאָפן צו די שיקסעס און יידישע דינסט־מוידן אין ר' שכנאס גרויסן הויף.

— פאַרמאַך דעם קל וחומר! —לאָזט ער אָפּ אַ פּלאַסק איבער בלומע קיילעס פּנים— דו פּליאַק איינע!

— אַ בראָך איז צו מיר! —צעשרייט זיך נאָך העכער בלומע קיילע— ער וועט דאָך מיך ממיתן, דער שמדניק! איך וועל לויפן צו ר' שכנאן!...

— לויף, לויף —דערלאַנגט איר שמעלקע מיט דער פויסט איבער דער פּלייצע— היינט קאָנסטו לויפן!... עס איז שוין נישט די אַמאָליקע צייט!...

## קאפיטל 17

# בלומע קיילעס חופה...

בלומע קיילע דערמאָנט זיך אָן יענער נאכט, ווען אירע געשרייען האָבן אויפגעוועקט ר׳ שכנאן און דער גאנצער כעס אירער פארשווינדט. א שמייכל צעלייגט זיך אויף איר פנים און זי זאָגט כמעט צארט:

— געדענקסטו, שמעלקע שמדניק, געדענקסטו...

— אוי געדענק איך! —הייבט אויך שמעלקע אָן צו שמייכלען— דו מכשפה!...

א פייערדיקע מויד איז זי דאמאָלס געווען, בלומע קיילע. אָבער ער, שמעלקע, איז אויך נישט געווען אבי ווער!... הע־הע!.. וואָס מ׳האָט אין אמאָליקע צייטן אָפגעטון!... ווי זיי זענען צו אים געלאָפן, די שיקסעס און דינסט־מוידן פון ר׳ שכנאס גרויסן הויף. נו, האָט אים אויך בלומע קיילע ארייגעלאָזט צו זיך אין אַלקאָוו. נאָר זי האָט זיך איינגעשפארט:

—א חופה, שמעלקע, מוז מען שטעלן!...

— דאָס איז נישט מיין בראנזשע! — האָט שמעלקע זיך ווילדעריש צעלאכט און האָט זי נאָך פעסטער ארומגענומען. געמיינט שוין פטור פון דער חופה־אָנשיקעניש, נאָר איינמאָל ביינאכט, נעמט זי כליפען די מכשפה.

— שטיל זיי! —גיט איר שמעלקע בייז א שטורך— מ׳שלאָפט דאָך שוין...

הייבט זי אָן וויינען שוין גאָר אויפן קול:

— ווי און ווינד איז צו מיינע יונגע יאָרן... —כליפעט זי, בלומע קיילע.

— שווייג זאָג איך דיר! —דערשרעקט זיך שמעלקע— ר׳ שכנא וועט זיך דאָך איבערוועקן.

דאמאָלס צעשרייט זי זיך שוין גאָר אויפן הויכן שטיגער:

— ווי, ווי איז צו מיר און מיינע יאָרן!...

— שריי אויף די ציין —ברומט בייז שמעלקע— ס׳גאנצע הויז וועט דאָך אויפשטיין — און ער וויל זיך אָפטראָגן.

נאָר בלומע קיילע האַלט אים פעסט, קלאַמערט זיך אָן אים, וויקלט זיך איין אַרום אים.

— גיין, שמדניק איינער! —שרייט זי— דו וועסט נישט גיין!...

דערלאַנגט איר שמעלקע איין „פלאַסק" און נאָך איינעם.

— לאָז מיך! —פּרוווט ער זיך פון אירע הענט אַרויסרייסן— משוגע מיינע שונאים.

— ער וועט מיך דערהרגענען, דער שמדניק! —שרייט בלומע קיי־לע— געוואַלד, יידן!

אין קאָרידאָר הערט זיך אַ שאָרך פון לאַטשן. שמעלקע דערהערט ר' שכנאס טריט, אַנגסטן באַדעקן אים. אַ קאַלטער שוויים מאַכט אים ציטערן.

— דערבאַרים זיך —בעט ער זיך— ר' שכנא...

נאָר בלומע קיילע קלאַמערט זיך נאָך פעסטער אָן אים און כליפּעט:

— וויי, וויי...

אין אַ ברייטן זיידענעם שלאָפראָק, אין שטעק־לאַטשן מיט אַ ווייס קאפּל אויפן קאָפּ און אין דער האַנט אַ זילבערנער לייכטער מיט אַ ברע־נענדיק ליכט קומט אַריין אין דער פינסטערער אַלקאָווער ר' שכנא.

ערשט דאַמאָלס לאָזט בלומע קיילע אָפּ שמעלקען און פאַרדעקט זיך כליפּנדיק מיט ביידע הענט דאָס פּנים.

דער הויכער ברייטפּלייציקער מיט דעם רויטן קאָפּ האָר שמעלקע שטייט פאַר ר' שכנאן אַ פאַרלוירענער און צעטרייסלטער.

— עוכר ישראל! — הערט זיך אָן אָפּקלאַנג פון אַ פּאַטש.

ר' שכנא ווייסט נישט וואָס צו טון מיטן לייכטער, וואָס ער האַלט אין איין האַנט. בלומע קיילע שטרעקט אויס איר נאַקעטע האַנט און נעמט צו פון איר באַלעבאָס דעם לייכטער. זי גראָבט איין איר פּנים אין קישן און כליפּעט און ר' שכנא גיט איין פּאַטש און נאָך איינעם שמעלקען.

—עוכר ישראל —רעדט ער שווער— אַ יידישע טאָכטער!...

פון צעטומלעניש פאַרלירט ר' שכנא פון פוס אַ שטעק־לאַטש, בייגט ער זיך אַראָפּ, נעמט דעם לאַטש אין האַנט און אַזוי קלאַפּט ער אַריין אין שמעלקעס צעפלאַמט פּנים.

— אַזאַ עוכר ישראל, אַזאַ!...

שמעלקע קאָן מיט איין האַנט צעטראָגן צען ר׳ שכנא׳ס. אַזא גע־דאַנק קומט אים אָבער צומאָל נישט אין קאָפּ. שווייגנדיק פאַרנעמט ער ר׳ שכנאס פּעטש און קאָן פון שרעק אַ וואָרט נישט אַרויסרעדן.

סוף כל סוף ווערט ר׳ שכנא מיד, דאַמאָלס זאָגט ער צו שמעלקען:

— קום!

שמעלקע גייט אים געהאָרכזאַם נאָך אין אַ שטוב פול מיט ספרים:

— דאָ וועסטו זיין —פאַרשליסט אים ר׳ שכנא— מאָרגן אם ירצה השם וועט מען שטעלן די חופּה.

## קאַפּיטל 18

# פּיניע שמייסער

נישט איין חופה האָט מען צומאָרגנס געשטעלט, נאָר צוויי.

ר׳ שכנאס צווייטע דינסט־מויד, פּעסיע ביילע, האָט געזאָגט צו ר׳ שכנאס צווייטן שמיים־יונג, פּיניע:

— בלומע קיילע וועט שטעלן אַ חופּה, און יאָך? נישט דערלעבן זאָלן עס מיינע שונאים! כ׳גיי גלייך דערציילן ר׳ שכנאן...

פּיניע האָט זי צו ר׳ שכנאן נישט געלאָזט גיין. ער אַליין איז אַוועק צו אים מיט דער בייטש אין דער האַנט.

—וואָס ווילסטו, פּיניע?

— כ׳מיין —שטאַמלט פּיניע— אַז שמעלקע שטעלט אַ חופּה, וואָלט איך אויך געוואָלט...

— מיט וועמען? — שמייכלט ר׳ שכנא.

— מיט פּעסיע ביילע — לאָזט פּיניע אַראָפּ די אויגן.

— און זי — פרעגט ר׳ שכנא.

— זי האָט מיך געשיקט —רעדט שוין גאָר שטיל פּיניע— איינגע־שפּאַרט זיך... דווקא צוזאַמען מיט בלומע קיילע...

— נו, זאָל דיר זיין צו מזל, פּיניע —איז ר׳ שכנא מסכים— וועט מען אם ירצה השם שטעלן טאַקע צוויי חופּות.

ר׳ שכנא האָט בײדע כּלות געגעבן גלײַכע נדנים. מ׳האָט געשטעלט צװײ חופּות. ר׳ שכנא האָט זיך זײער משמח געװען, האָט געהײסן ברענגען צו דער סעודת־מצוה דעם גאָר אַלטן װײַן פון קעלער און אױבן־אָן זענען געזעסן בײדע חתנים אין שטײפע טוכענע קאַפּאָטעס און געקוקט צעטומלטע אױף דעם גרױסן חסידישן עולם, װאָס ר׳ שכנא האָט פאַרבעטן. די פּנימער פון בײדע חתנים האָבן געפלאַמט פון רײַבן זיך מיט זײף, פון די קעלישקעס אַלטן װײַן און מעד. נאָר דאָס פּנים פון שמעלקען איז געװען פאַרלאָפן, װי אָנגעשװאָלן פון די פּעטש, װאָס ר׳ שכנא האָט אים דערלאַנגט.

אין אײן נאַכט האָבן בלומע קײלע און פּעסיע בײלע געשטעלט זײער חופּה. נאָר דאָס מזל זײערס איז געװען פאַרשידן.

שמעלקע האָט זיך שנעל גענומען „אױסמענטשלען״. ער איז געװאָרן אױס שמײסער, ער איז אַרײַן אין געשעפט און געהאַט צו טון מיט סוחרים און עסקים. פּיניע אָבער איז װײַטער געבליבן זיצן אױף דער קעלניע.

— פּיניע־אָקס! —האָט צו אים פּעסיע בײלע געטענהט— זער נאָר װי שמעלקעלע שמדניק װערט לײַט און דו? אַ בראָך איז צו מײַנע יאָרן!...

— איז װאָס װילסטו? —האָט פּיניע געפרעגט— מסתמא איז זײַן מזל...

— מזל שמזל —האָט פּעסיע בײלע געזאָגט— גײ צו ר׳ שכנאן, גײ, אָקס אײנער!...

איז פּיניע אַװעק צו ר׳ שכנאן.

— װאָס האָסטו געװאָלט, פּיניע?

— כ׳מײן, פּעסיע בײלע... זי דערגײט די יאָרן. הלמאי שמעלקע איז געװאָרן לײַט און איך...

— ברענג זי אַהער, פּיניע —האָט ר׳ שכנא געזאָגט— װעל איך איר זאָגן הלמאי.

איז פּיניע מיט פּעסיע בײלען געקומען צו ר׳ שכנאן און מיט דרך ארץ געװאַרט.

— פּיניע —האָט ר׳ שכנא געזאָגט— גײ צום „סטאַטעק״ און װער געװױר, צי עס איז אָנגעקומען סחורה.

— שוין! —איז פיניע געלאָפן.

— עס איז אָנגעקומען! — איז פיניע צוריקגעקומען א פאַר־שוויצטער.

— סאַרע סחורה? — האָט ר׳ שכנא געפרעגט.

— כ׳ווייס נישט —האָט פיניע געזאָגט— איך לויף שוין!...

אין א שעה אַרום איז ער צוריקגעקומען.

— אייזן! —האָט ער א צופרידענער זיך געווישט דעם שוויים פון פנים— אייזן, ר׳ שכנא, איז געקומען.

— אָבער וואָסער אייזן? שטאַבעס? טשוועקעס? — האָט ר׳ שכנא געוואָלט ווּיסן.

— כ׳ווייס נישט, ר׳ שכנא —האָט פיניע געעפנט צעחידושט די אויגן— איך וועל טון א לויף צו...

— מען דאַרף נישט —האָט אים ר׳ שכנא צוריקגעהאַלטן— דו ביסט זיך שוין גענוג אָנגעלאָפן, וואַרט, זאָל איצט גיין שמעלקע.

און שמעלקע איז צוריקגעקומען און דערציילט, וויפל שטאַבעס עס זענען אָנגעקומען און וויפל טשוועקעס און אַז די רייפן זענען גע־פאַלן שלעכט, און אַז אויף די האַמערס וואַרטן שוין די קונים...

— איצט פאַרשטייסטו שוין, פעסיע ביילע, פאַרוואָס שמעלקע איז אין געשעפט —זאָגט צו איר ר׳ שכנא— און דיין פיניע ביי די פערד וועט אויך ברוך השם האָבן פרנסה.

פעסיע ביילע האָט אָבער נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט איר ביטער מזל, האָט זי פיניען געיאָדעט אַזוי לאַנג, ביז ער איז אַוועק אין שענק און שפּעטער א שיכורער זיך געוואָרפן אויף שמעלקען און גע־שריען: „שמעלקע שמדניק".

שמעלקע האָט זיך נישט איבערגענומען מיט די רייד פון פיניע שיכור. ער האָט אים גענומען ביים קאָלנער און אַרויסגעוואָרפן. שמעלקע האָט געהאַט וויכטיקערע עסקים. ביסלעכווייז איז ער געוואָרן ר׳ שכנאס רעכטע האַנט. איז געוואָרן דער גאַנצער כל ולך אין ר׳ שכנאס אייזן־סקלאַדעס. און בלומע קיילע האָט געטון אַלץ, כדי צו מאַכן אים פאַר לייט. אין ר׳ שכנאס הויז האָט זי זיך צוגעזען, ווי אַזוי מען דאַרף זיך

פירן, ווי אַזוי מען דאַרף גרייטן צום טיש און איינשטעלן דאָס מעבל און מאַכן ליים פון די קינדער.

— שמעלקע, געדענק, ווער דו ביסט — האָט זי צו אים גערעדט — גיי אין „שטיבל”, קוק אַריין אין אַ יידיש ספר, פאָר מיט ר׳ שבנאַן צום רבין...

שמעלקע האָט געפאָלגט און מ׳האָט אים שוין אויף דער גאַס געזאָגט:

— גוט מאָרגן, ר׳ שמעלקע...

נאָר פון צייט צו צייט האָט שמעלקע נישט אויסגעהאַלטן. דער שמדניק האָט זיך דערוועקט. ער איז אין אָוונט אַוועק אין דער אַלט־שטאָט נעבן דער ווייסל. שפּעט ביינאַכט איז ער צוריקגעקומען. ס׳האָט פון אים געשמעקט פון בראָנפן און געטראָגן האָבן זיך פון אים פאַר־דעכטיקע ריחות פון ביליקן שמעק־זייף...

האָט בלומע קיילע זיך געריסן די האָר פון קאָפּ, צעבראָכן טעלערס אויף זיין קאָפּ און געוואַלדעוועט:

— שמעלקע שמדניק — האָט זי געשריען — די גאַנצע שטאָט איז מיך מקנא! נאָר איך אַליין ווייס מיין בראָך!... שוין ווידער אין די שענ־קען און ביי די שיקסעס!...

— שווייג! — האָט שמעלקע מיט נישט זיכערע הענט אַראָפּגעצויגן פון זיך די שטיוול — וואָס ווייסטו?...

— הלואי וואָלט איך נישט געוווּסט — האָט בלומע קיילע גע־יאָמערט — אוי, הלואי וואָלט איך נישט געוווּסט!...

קאַפּיטל 19

## צירעלע

אַ מידער, האַלב־שיכורער האָט שמעלקע זיך געוואָרפן אויפן בעט. ער האָט מיט די קישנס זיך צוגעדעקט דעם קאָפּ, כדי נישט צו הערן דעם ווייבס געשרייען. ער האָט זיך געפילט שולדיק. נישט קענען בלומע קיילען.

— גיי צו אלדי רוחות! —האָט ער געטראַכט— שרייט ווי אַ געשאָכטן קאַלב. ער האָט זיך געפילט שולדיק קעגן עמיצען אַנדערש.

פאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען צירעלע, ר׳ שכנאס יינגסטע טאָכטער.

אַ קעלט לויפט דורך שמעלקעס ביינער. ער דערמאָנט זיך יענעם אויפדערנאַכט, ווען דאָס „משוגעת" איז אים באַפאַלן. ער איז פאַרביי־געגאַנגען ר׳ שכנאס גרויסע דירה. די טיר פון צירעלעס שטוב איז געווען עטוואָס געעפנט. אַ שוואַכע שיין פון אַ בלאָען לאָמפּ האָט געוואָרפן אַ מאַטן שיין אויף דער שטוב.

ער האָט דערזען צירעלעס בעט. צירעלע איז איינגעשלאָפן. די קאָלדרע האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון בעט. אַ בליאַסק פון ווייס מיידליש לייב האָט שמעלקען אַ בלענד געטון אין די אויגן. זיין האַרץ האָט גענומען האַסטיק קלאַפּן. אין קאָפּ האָט אים גענומען רוישן. אַזאַ נאָגנדיקער באַגער האָט אים אַרומגעכאַפּט. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז זי, צירעלען, האָט ער שטענדיק געזוכט ביי די אַלע שיקסעס און מוידן. געזוכט און נישט געפונען. ער איז שוין דאַמאָלס געווען אַ טאַטע פון דערוואַקסענע קינדער. מ׳האָט אים שוין אין שטאָט גערופן ר׳ שמעלקע, נאָר דאַמאָלס איז אים אַלץ איינס געווען. זאָל מען אים אין גיהנום בראָטן אויף פייער. נאָר איצט  מ ו ז  ער. וואָס מוז ער, האָט ער נישט געוווסט. עפּעס אַ הייסער שטראָם איז אים דורכגעלאָפן פון קאָפּ ביז די פּיס. שטיל ווי אַ קאַץ האָט ער זיך אַריינגעשאַרט אין דער שטילער האַלבטונקעלער שטוב. ער האָט זיך אַזוי שטיל צוגעשאַרט צום בעט. אַן איבערגעבויגענער איז ער געבליבן שטיין איבער דעם נאַקעטן מיידלישן לייב. עס האָט אים פאַרפעלט אָטעם. די אויגן זענען אים ווי אַרויס פון די לעכער און זיינע הענט האָבן זיך געריסן צו דעם נאַקעטן לייב און זיין מויל האָט איינגעזופּט אין זיך אַזעלכע שיכורע ריחות. אָט, אָט וועט ער אַ ווילדער זיך וואַרפן אויף דעם פאַרשלאָפענעם לייב.

צירעלע האָט לאַנגזאַם געעפנט די לאַנגע ברעמען. אין אירע גרויסע בלאָע אויגן זענען נאָך געלעגן אַלע צאַרטע מיידלישע חלומות. פּלוצים האָט זי אָנגעטראָפן אויף שמעלקעס בלוט־פאַרלאָפענע אויגן. אויגן פול־

מיט משוגעת און רציחה. זי האָט אַ הויכן קינדישן קוויטש געטון. באַלד נאָך איינעם.

שמעלקע איז אין שרעק צוריקגעשפּרונגען. צירעלע האָט געשריען און זיך געוואָרפן ווילד אויפן בעט. די שטוב־מענטשן זענען אָנגעלאָפן. אַלע זענען געווען אַזוי צעטומלט דערשראָקן, אַז עס איז קיינעם נישט איינגעפאַלן צו וועלן וויסן, וואָס שמעלקע טוט דאָ. מ'האָט געמיינט, אַז אויף צירעלעס געשריי איז אויך ער, שמעלקע, געקומען צו לויפן צוזאַמען מיט אַלע.

צירעלע איז „געווען פאַרביי". זי איז געווען ווילד און דערשראָקן. אַ פאַרמעגן האָט עס ר' שכנאן אָפּגעקאָסט. פּראָפעסאָרן פון ווין אַזש האָט מען אַראָפּגעבראַכט. ערשט וויפל צדקה האָט ר' שכנא צעטיילט. נאָר רבי כאַסקעלע קוזמירער האָט ר' שכנאן צוגעזאָגט:

— וועסט מיט מזל פירן דיין טאָכטער צו דער חופּה.

און אַזוי איז געשען. אַ האַלב יאָר שפּעטער האָט מען צירעלען אַ געזונטע, אַ שיינענדיקע געפירט צו דער חופּה מיטן ראַספּשעס זון, יאָסעלע.

צי האָט צירעלע געוווסט, וואָס עס איז מיט איר געשען און פאַר־וואָס זי איז קראַנק געווען? ער, שמעלקע, ווייסט עס נישט. ער מיידט זי אויס אויף ווי וויט ער קאָן. נאָר דאַכטן דאַכט זיך אים, אַז יעדעס מאָל, ווען זי דערזעט אים, שלאָגט עפּעס ווי אַ רויטקייט אַרויס אויף איר פּנים.

פיל יאָרן זענען שוין פון דאַמאָלס אַוועק. צירעלע איז שוין לאַנג נאָך חתונה און ביז היינט נעבעך קיין קינד נישט.

— וואָס דען, אַזאַ נפש ווי דער אויסגעוויקטער יאָסעלע... — גיט אַזש שמעלקע אַ קריץ מיט די ציין— וואָס מ'האָט איר אָנגעהאָנגען!...

טיילמאָל דאַכט זיך שמעלקען, אַז אין צירעלעס אויגן זעט ער עפּעס אַ בענקשאַפט. אַ בענקשאַפט נאָך וואָס? נאָך אַ קינד מסתמא. און אפשר נאָך עפּעס? נאָך זיין רויטער ברענענדיקער באָרד?... אָ, ביי אים וואָלט זי אַנדערש אויסגעזען, ביי אים וואָלט די מאַטקייט פאַרשווונדן פון אירע באַקן...

פון דעם געדאַנק קאָכט אויף ביי שמעלקען דאָס טריפענע בלוט. און ער לויפט אַוועק אין שענק. שיכורט מיט די טריפענע שיקסעס און

קומט אהיים אזא ברודיקער און טמאדיקער, אז עס ווילט זיך אים שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט.

בלומע קיילע הערט נישט אויף צו שעלטן. נאָר ער, שמעלקע, הערט זי נישט. די אויגן קלעפּן זיך אים פון בראַנפן און „ארומטליקען" זיך מיט די שיקסעס. פּלוצלינג דערמאָנט ער זיך אָן לייזערן. עס נעמט אים ארום א שנאה צו די אלע אויסגעוויקטע יאַסעלעך, צו די אלע שלימזלדיקע יונגעלייטלעך, וואָס האלטן אין איין אראָפּלאָזן די אויגן און טויגן צו גאָרנישט.

— כאַפּט זיי דער רוח! —סיקעט ער דורך די ציין— אלע די אטלאַ־סענע יידעלעך. קאָן קיין צוויי נישט ציילן — אויך מיר א סוחר... לייזער...

— און אפשר זענען זיי גאָרנישט אַזעלכע כשרע נשמות —פּאַלט שמעלקען איין— אזא לייזער... ווער ווייסט, וואָס שטעקט אין אים!... וואָס אזא לאַמדזשוך קאָן אַליין אויסשאַקלען!... ווייסט זיי דער רוח... און א טריפענע מטבע וואָלט אים פארשמעקט? האָ?...

שמעלקע שנאָרכט און פייפט מיט דער נאָז און מויל, נאָר בלומע קיילע ווערט נישט מיד פון שעלטן...

קאַפּיטל 19

## דער נסיון

די ערשטע צייטן נאָר האָט דער מסחר לייזערן געשראָקן. נאָר שנעל האָט ער נישט בלויז זיך אויפגעהערט צו שרעקן, נאָר די זאַך האָט אים אָנגעהויבן געפעלן. אָפט האָט זיך לייזער געכאַפּט זיצנדיק אין שטיבל, אַז זיינע מחשבות וואַנדערן גאָר צווישן אייזנס כלעריי. טיילמאָל זענען געשען מיט אים נאָך ערגערע זאַכן. טיילמאָל האָט ער אפילו אין מיטן דאַוונען נישט געהאַט גאָר ריינע מחשבות. מעשה שטן איז אים גאָר דאַמאָלס אין מיטן „שמונה־עשרה" איינגעפאַלן עפּעס א גוט עסק.

לייזער האָט זיך דערפון געפילט זייער נידערגעשלאָגן. ער האָט זיך געשעמט צו קוקן אין די אויגן פון זיינע חברים. עס האָט זיך אים אויך

געדאַכט, אַז יצחק בער און שמחהלע ווייסן דאָס אַלץ און אַז זיי דער־ווייטערן זיך דעריבער פון אים.

לייזער האָט דאַמאָלס מיט גרויס כוונה מתפלל געווען און אַהיימ־קומענדיק אין אָוונט, הגם ער איז זייער מיד געווען, האָט ער זיך גע־שטאַרקט און געזעסן ביז שפּעט ביינאַכט איבער דער גמרא. דאָס לערנען האָט אָבער שוין נישט געהאַט דעם טעם פון אַמאָל. יעדעס מאָל האָט ער געמוזט פון זיך אָפּיאָגן צו טראַכטן וועגן די אַלע עסקים, מיט וועלכע ער האָט געהאַט אַ גאַנצן טאָג צו טון.

לייזער איז אַוועק צו ר׳ איטשע מאירן און זיך פאַר אים שטאַרק באַקלאָגט.

— עס איז נישט גוט מיט מיר — האָט ער געזאָגט — איך ווער וואָס אַמאָל שוואַכער אין יידישקייט... איך קאָן שוין רעכט נישט דאַווענען און לערנען.

ר׳ איטשע מאיר האָט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל באַרואיקט לייזערן:

— זיי נישט באַזאָרגט, לייזער — האָט ער אַרויפגעלייגט זיין ווייכע האַנט אויף לייזערס פּלייצע — עס איז נאָר אַזוי אין אָנהייב. שפּעטער וועסטו זיך צוגעוווינען צו ביידע זאַכן: צו מסחר און יידישקייט.

— זאָל איך ווייטער...

— אוודאי — האָט ר׳ איטשע מאיר מילד צו אים גערעדט — מ׳האָט דאָך דיר אין קאָפּ אַזוי געהייסן. זאָג מיר בעסער, ווי גייען דיינע עסקים?

— ברוך השם — האָט לייזער געענטפערט — עס איז דאָ פיל צו טון און מיט יעדן טאָג ווערט אָן עין הרע מער...

— איז אפשר זאָלסטו עמיצן נעמען צו הילף? בונם פון טוואַרדע און הענעך פון אייזערן־טויער מוזן שוין אַראָפּ פון די קעסט...

— גוט — האָט לייזער מסכים געווען — איך וועל מיט זיי אי־בעררעדן.

און אַזוי איז הענעך געוואָרן קאַסיר און בונם שרייבער ביי לייזערן.

צווישן די אייזן־סוחרים אין וואַרשע האָט מען אָנגעהויבן דערמאָ־נען לייזערס נאָמען.

— גרשונס איידעם ווערט לייט — האָט מען געשמועסט אויפן גזשי־באָוו — זעסטו, דאָס קאָפּ־פאָרן האָט אים גאָרנישט פאַרשאַט.

אויך שמעלקען האָט לייזער אָנגעהויבן וואָס אַמאָל מער געפעלן.

— א „לאַמדזשוך" — האָט ער צו זיך געזאָגט — און פאַרט א מענטש!... אפשר האָט זי רעכט, בלומע קיילע, וואָס זי טרייבט די בנים אין חדר.

און איינמאָל האָט ער לייזערן פארהאלטן און צו אים געזאָגט:

— לייזער, איך האָב מיט דיר עפּעס וויכטיקס צו רעדן.

— גוט — האָט לייזער געענטפערט.

— נאָר דאָ אין געשעפט איז נישט באַקוועם — האָט שמעלקע א מאַך געטון מיט דער האַנט — אַזאַ טומל אַרום. קום אַרויף צו מיר אין אָוונט. ביי א גלעזל טיי שמועסט זיך גאָר אַנדערש.

— איך וועל אַרויפקומען — האָט לייזער גלייך מסכים געווען.

שמעלקע האָט לייזערן אויפגענומען גאָר פריינטלעך אין זיין גרוי־סער עס־שטוב מיטן ווענעציקע פענסטער.

בלומע קיילע האָט דערלאַנגט טיי מיט איינגעמאַכטס.

— נו, ווי גייט עס דיר, לייזער? — האָט שמעלקע געזופּט געלאָסן די טיי מעשה באַלעבאַטיש און מיט א שאַרפן פאַרשנדיקן בליק באַטראַכט לייזערן.

— ברוך השם! — האָט לייזער געענטפערט אַזוי ווי אַלע יידן ענט־פערן אויף אַזעלכע שטייגער שאלות.

— כ'ווייס, כ'ווייס — האָט שמעלקע זיך צעשמייכלט — כ'האָב גאָרנישט געוווסט, אַז דו טויגסט אַזוי צום עסק...

— אַז דער אויבערשטער העלפט — האָט לייזער נישט געוואָלט פאַרגרעסערן זיין פאַרדינסט, הגם שמעלקעס ווערטער האָבן אים א שטאַר־קע הנאה געטון.

— דער אויבערשטער איז א באַזונדער ענין — האָט שמעלקע גע־זאָגט — נאָר מ'מוז אַליין אויך עפּעס צו טון... נישט וואָר?

— אוודאי — האָט לייזער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איז מיר טאַקע איינגעפאַלן — האָט שמעלקע לאַנגזאַם געצויגן די ווערטער, ווי ער האָט עס געזען ביי ר' שכנאן, ווען ער האָט גערעדט וועגן מסחר — מיט דיר א רעד צו טון. פאַרשטייסטו מיך, אַז דו ווייסט האָבן שכל, קאָן מען מאַכן גאָר גרויסע עסקים!...

— איך וועל זיך באַמיִען — האָט לייזער נישט געוווּסט, צו וואָס שמעלקע ציט.

— אַזוי האָב יאָך ליב! —האָט שמעלקע אַ קלאַפּ געטון לייזערן איבער דער פּלייצע— יאָך האָב שטענדיק געזאָגט, אַז אַ גמרא־קעפּל איז נישט קיין „באָוול"!...

— נע, נע —האָט לייזער זיך עטוואָס צוריקגערוקט נישט צו באַ־קומען אַ צווייטן זעץ אין פּלייצע— איז וואָס איז דער עסק?

שמעלקע אָבער האָט, קענטיק, גאָר נישט געהאַלטן פאַר פּאַסיק גלייך צוצוטרעטן צו דעם מסחר, און ער האָט אָנגעהויבן ווי פון אַ זייט.

— פאַרשטייסטו לייזער— האָט ער גערעדט שטיל, ווי ער וואָלט לייזערן אָנפאַרטרויט עפּעס אַ סוד— ר' שכנא זאָל געזונט זיין איז שוין אַלט, זיצט ער אין שטוב און ווייסט צומאָל נישט, וואָס אין געשעפט טוט זיך. און די קינדער, נו, דו זעסט דאָך אַליין... קנייטשן זיך, איינער האָט גרעסערע פּיאות פאַרן צווייטן, רבי אַהין, רבי אַהער... ס'געשעפט ליגט זיי אין דער לינקער פּיאה, נאָר נאָך געלט זענען זיי דאָ!... אַוודאי!...

שמעלקע האָט פון סאַמאָוואַר, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש, אָנגעגאָסן לייזערן און זיך אַ צווייט גלאָז טיי.

— פאַרזוך דאָס איינגעמאַכטס, לייזער, בלומע קיילע איז אַ מזיק אויף איינגעמאַכטס —באַלד האָט ער אָנגעהויבן נאָך שטילער רעדן— און ס'געשעפט איז גאָר נישט איי איי... הערסט, לייזער, יאָך ווייס, וואָס יאָך רעד... גאָר נישט איי איי...

— וואָס רעדט איר, ר' שמעלקע — האָט לייזער זיך דערשראָקן.

— שאַ שטיל, לייזער —האָט שמעלקע צוגעלייגט צוויי פינגער צום מויל— דאָס זאָג יאָך נאָר דיר... אַלע מיינען, אַז ר' שכנא איז נאָך אַלץ אַ מיליאָנשטשיק... אַ קלייניקייט עפּעס, פאָרט אין קאָטש מיט דריי קאַש־טאַנעס „נאַ שפּיץ", נאָר יאָך אַליין ווייס דעם בראָך!... יאָך אַליין...

לייזער איז געזעסן אַ צעטומלטער און דערשראָקענער.

— ר' שכנא... ר' שכנא... —האָט אים געדווישט אין קאָפּ— ווי קאָן דאָס זיין... אַזאַ עשירות... און נאָך וואָס דערציילט ער מיר? וואָס וויל ער פון מיר!...

— און איך האָרעווע, און האָרעווע! —האָט שמעלקע זיך אָראָפּ־גערעדט פון האַרץ— ווייס נישט פון קיין טאָג און קיין נאַכט... די גאַנצע יאָרן אַזוי... מען מוז זיין אומעטום. אַליין אַליין... פאַרלאָזט, פאַרגלעטן, צוזאַמענקלעפּן!... ווי דען? אפשר לאָזן, חלילה, ר׳ שכנאן פאַלן? מילא, וואָס עס וועט זיין נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר — זאָל זיין... אָבער אַזוי לאַנג ווי ר׳ שכנא זאָל געזונט זיין איז דאָ, וועל איך מיין קאָפּ געבן, אַז אַלץ מוז בלייבן אַזוי ווי געווען — מיט דעם קאָטש און מיט דריי קאַשטאַנעס!...

שמעלקע האָט זיך מיט אַ גרויס רויט טוך אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן און צובייגנדיק זיך צו לייזערן, גענומען רעדן האַסטיקער:

— און מ׳ווערט עלטער, נישטאָ שוין, לייזער, די אַמאָליקע כוחות, נישטאָ... און די קינדער וואַקסן אונטער... די בנים טרייב יאָך מיט שטע־קנס אין חדר... און די מיידן דאַרף מען באַלד מאַכן פאַר כלות... מ׳מוז דאָך זיך אויך אין זין האָבן!.. וואָס וועט זיין פון מיין גאַנצער האָרע־וואַניע?! בלומע קיילע איז דאָך כשר גערעכט. „שמעלקע שמייסער — זאָגט זי— וועסטו בלייבן, הא־!...״

— הע, הע... —ברומט עפּעס לייזער אונטער דער נאָז פון גרויס צעטומלעניש.

— איז פאַרשטייסטו מיך די זאַך אַזוי —האָט שמעלקע שוין גאָר שטיל גערעדט— קלערט מען דאָך וועגן אַ תכלית... האַנדלט מען צו פון דער זייט... מיט צוויי־דריי מענטשן, וואָס קאָנען האַלטן ס׳מויל... און, ברוך השם, מען דערלייגט נישט...

— וואָס... — האָט לייזער געוואָלט עפּעס זאָגן.

— הכלל, איז מיר איינגעפאַלן —האָט אים שמעלקע נישט געלאָזט רעדן— אַז מיט דיר, לייזער, קאָן מען אויך מאַכן אַן עסק... אויף מיינע קינדער געזאָגט אַזאַ קאָפּ!... פאַרשטייסטו מיך, לייזער, איך וועל דיר רעכענען בזיל־הזול... דו וועסט מאַכן זשמעניעס מיט געלד!...

— אַ שותף צו די גניבות —איז מיטאַמאָל לייזערן קלאָר געוואָרן אין קאָפּ— כ׳זאָל זיין שותף... אַזוי...

לייזער האָט אָפּגעהוסט, שווער איז אים אָנגעקומען יעדעס וואָרט אַרויסצורעדן:

— ניין — האָט ער געזאָגט— נישט פאַר מיר...

— נישט פאַר דיר? —האָט שמעלקע נאָך נישט רעכט פאַרשטאַנען— פאַר אַ גביר וויל איך דיך מאַכן, לייזער— פאַר אַן אדיר!...

— ניין... נישט פאַר מיר...

— ווילסטו, הייסט עס, נישט —האָט שמעלקעס רויטע באָרד זיך צעברענט— ווילסט נישט? לאַמדזשוך בלייבט לאַמדזשוך —האָט ער מיט פאַראַכטונג אויסגעשפּיגן— אַן עבירה מיט די פאַרכעס צו רעדן!...

לייזער האָט זיך אויפגעשטעלט:

— נו, צייט אויף מיר — האָט ער געזאָגט.

— וואַרט, לייזער! —האָט אים שמעלקע פאַרהאַלטן— מילא אַ קאַפּ אויף דיר אַרויפצוזעצן בין איך נישט משה־מחויב. ווילסט נישט, איז נישט... נאָר איין זאַך וויל איך דיר זאָגן, ס'מויל זאָלסטו האַלטן, ס'מויל!...

לייזער האָט געשוויגן.

— זאָל דיך גאָט באַשירמען! —האָבן שמעלקעס אויגן געשפּריצט מיט פייער— אפשר ווילסטו גיין מסרן!... די קישקעס וועל איך דיר אַרויסזעצן, די קישקעס!... דו ווייסט ווי איך הייס? שמעלקע שמדניק הייס איך! זאָלסט געדענקען!...

אַהיימקומענדיק האָט לייזער אין זיין אייגענער שטוב זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. ער האָט זיך נישט צוגערירט צום עסן און שפּעטער געעפנט די גמרא און די אותיות זענען אים פאַר די אויגן געשפּרונגען.

— וואָס איז דיר, לייזער? —האָט איהם האָדעסל געפרעגט— נישט געזונט?

— גאָרנישט, גאָרנישט —האָט לייזער אַ צעטראָגענער געענטפערט— גיי שלאָפן.

ער האָט זיך אויך געלייגט אין בעט, אָבער ער איז געלעגן וואַך. וואָס טוט מען? ווי אַזוי גייט מען אַרויס פון דער קלעם? וועגן דעם שותפות, וואָס שמעלקע האָט אים אָנגעשלאָגן, האָט ער נישט געטראַכט. אַזוי טיף איז ער נאָך נישט געפאַלן, צו ווערן אַ גנב. דער נסיון איז באַשטאַנען אין עפּעס אַנדערש. וואָס טוט מען מיט ר' שכנאַן? דאַרף ער גיין אַרויף צו אים דערציילן? שמעלקע וועט האַלטן וואָרט. ער וועט טון אַזוי ווי ער האָט געזאָגט. ער וועט אים דערלאַנגען מיט אַ מעסער. נו, און דעריבער?

זאָל ער שווייגן? זאָל ער וויסן פון דער גנבה און שווייגן? ס'איז דאָס זעלבע ווי זיין שמעלקעס שותף... שמעלקע וויל געלט און ער, לייזער, שווייגט אוים מורא...

— גוט —האָט לייזער מיט זיך אליין איינגעטענהט— בין איך דען מחויב אַלץ צו וויסן? לאָמיר דאַכטן, אַז שמעלקע וואָלט מיט מיר נישט גערעדט... וואָס בין איך, ר' שכנאס שומר? זאָל ער אַליין היטן זיינע עסקים!...

באַלד אָבער האָט עפּעס אַ צווייטע שטים גענומען אין אים רעדן:

— לייזער, לייזער!... וואָס איז פון דיר געוואָרן? אַזוי מורא האָבן פאַר דעם אייגענעם ביסל ביינער? פאַר שמעלקען האָסטו מורא און פאַרן לא תגנוב שרעקסטו זיך שוין נישט, האַ?...

אַ גאַנצע נאַכט האָט לייזער זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער אַנדערער. מאָדנע חלומות האָבן זיך אים געחלומט. עס האָט זיך אים גע־דאַכט, אַז דער רבי פון קאָצק שטייט איבער אים, שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ און זאָגט:

— לייזער וואַרשעווער!... אַ קאָצקער סוחר ווילסטו זיין און פאַר אַ נסיון האָסטו מורא?...

באַגינען האָט לייזער גענומען טלית און תפילין און איז אוועק אין שטיבל.

ער האָט געדאַוונט לענגער ווי שטענדיק און יצחק בערן האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט טרערן אין לייזערס אויגן.

— וואָס איז, לייזער? — האָט ער אים געפרעגט.

— זיי מתפּלל פאַר מיר, יצחק בער — האָט לייזער טרויעריק גע־זאָגט.

— וואָס איז? — האָט יצחק בער איבערגעפרעגט.

— כ'דאַרף רחמים, אַז כ'זאָל האָבן כוח... —האָט לייזער געענט־פערט— און אַז איך וועל האָבן כוח, דאַרף איך ערשט רחמים...

— האַלט מען זיך אָן קאָצקער גאַרטל און מ'גייט — האָט יצחק בער שאַרף געזאָגט.

לייזער איז אוועק צו ר' שכנאן.

אַרומגערינגלט פון אַלטע חסידים, איז ר׳ שכנא געזעסן ביי זיין טיש, געריוכערט די גרויסע פון שוואַרצן העלפאַנט־ביין לולקע־ציבעק און געווען פאַרטון אין אַ שאַרפן חסידישן שמועס.

— דאַכט זיך, גרשונס איידעם? —האָט ר׳ שכנא לייזערן דערקענט— האָסט עפּעס געוואָלט?

— מיט אייך רעדן, ר׳ שכנא.

— נו — איז ר׳ שכנא געבליבן זיצן, ווי ער וואָלט דערמיט געזאָגט, אַז לייזער קאָן רעדן דאָ אויפן אָרט.

— געוואָלט רעדן מיט אייך אַליין — האָט לייזער געזאָגט.

— ר׳ שכנא איז אַריין מיט לייזערן אין אַן אַנדער חדר.

— וואָס האָסטו געוואָלט, יונגערמאַן? —און נישט וואַרטנדיק אויף לייזערס תשובה צוגעגעבן— קאָנסטו נישט צאָלן צום טערמין? מילא, כ׳וועל זאָגן שמעלקען, אַז ער זאָל צוואַרטן...

— ניין, נישט דאָס... — האָט לייזער נישט געוווסט ווי אַזוי אָנצוהייבן.

— געהאַט היזקות? קאָנסטו בכלל נישט צאָלן? —האָט ר׳ שכנא געוואָלט לייזערן אַרויסהעלפן— ס׳מאַכט נישט... ביסט נאָך יונג... ביי אונז וועט מען נישט דריקן...

— ביי מיר איז גאָט צו דאַנקען אַלץ כשורה —האָט לייזער האַסטיק געזאָגט— נאָר איך בין געקומען אייך, ר׳ שכנא, וואָרענען...

— מיך? וואָרענען? — האָט ר׳ שכנא אויפגעהויבן זיינע געדיכטע ברעמען.

— אַז שמעלקע פירט עפּעס געשעפטן אָן אַ זייט —האָט לייזער נאָך האַסטיקער פון זיך אַרויסגעוואָרפן— אַז איר, ר׳ שכנא, מוזט אַראָפּ אין געשעפט, כדי...

— גענוג, גענוג, יונגערמאַן —האָט ר׳ שכנא שאַרף געזאָגט— מיך וואָרענען ביסטו געקומען? מיר זאָגן, וואָס כ׳האָב צו טון?! האַ?!...

— כ׳האָב געהאַלטן זיך פאַר מחויב... —האָט לייזער אַ פאַרלוירענער געשטאַמלט— שמעלקע...

— שמעלקע איז שוין ביי מיר אַ יאָר דרייסיק, יונגערמאַן, און וואָס שמעלקע איז און ווער שמעלקע איז, קומסטו מיר זאָגן? קענסט גיין, יונ־גערמאַן, קענסט גיין...

לייזער איז ארויס אַ צעטראָגענער פון ר׳ שכנאַן. ער האָט נישט געוווסט, וואָס ר׳ שכנא מיינט. צי גלויבט ער אַזוי אין זיין שמעלקע? ווייל ער נישט פאַרנעמען לשון הרע אויף אַ ייד? אָדער איז ער שוין אַזוי אין שמעלקעס הענט, אַז ער האָט מורא פאַר אים?

און אפשר האָט ר׳ שכנא נאָר אַזוי גערעדט, און ער וועט איצט אַראָפּזעצן שמעלקען?

לייזער האָט אויף די אַלע שאלות זיך קיין ענטפער נישט געקאָנט געבן.

— כ׳האָב ס׳מייניקע געטון —האָט ער צו זיך געזאָגט— און וואָס ר׳ שכנא וועט טון, איז שוין זיין זאַך.

— ר׳ שכנא האָט, זעט אויס, גאָרנישט געטון. שמעלקע איז געווען דער זעלבער, וואָס פריער און האָט, קענטיק, אפילו נישט געוווסט פון לייזערס וויזיט ביי ר׳ שכנאַן.

לייזער האָט אויפגעהערט צו זיין ר׳ שכנאס קונה. צו די עסקים האָט עס אים נישט געשאַט. פאַרקערט. אויפן גזשיבאָוו האָט מען גענומען רעדן פון לייזערן ווי פון אַ גרויסן סוחר.

— וואָס איז, לייזער, וואָס דו האָסט אויפגעהערט צו האַנדלען ביי ר׳ שכנאַן —האָט אים געפרעגט זיין שווער ר׳ גרשון— כ׳האָב גערעדט מיט שמעלקען, האָט ער מיר רעכט נישט געענטפערט.

— עס איז גלייכער אַזוי— האָט לייזער נישט געהאַט קיין חשק מער צו רעדן— שולדיק בין איך ר׳ שכנאַן גאָרנישט געבליבן.

— ס׳האָט געהאָלפן דער קאָצקער גאַרטל? — האָט לייזערן געפרעגט יצחק בער.

— געהאָלפן —האָט לייזער געענטפערט— כ׳האָב ס׳מייניקע געטון, נאָר דעם יעניקן, וואָס כ׳האָב געוואָלט העלפן, האָט עס נישט געהאָלפן...

## קאַפּיטל 20

# די „קאַליע"

— וואָס הערט זיך אויף דער וועלט, הירש?

— דער רבי איז געזעסן ביי זיין קליין טישל און מיטביידע הענט זיך אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ.

ר' הירש טאָמאַשאָווער איז געשטאַנעןביים טישל און אים געענט־פערט:

— אין ווארשע בויט מען א קאַליע (באַן).

— א קאַליע? —האָט דער רבי פון קאָצק איבערגעפרעגט— וואָס ווילן זיי מאַכן מיט דער קאַליע, הירש?

— זיי ווילן זיך מאַכן קירצער דעם וועג — זאָגט הירש טאָמאַ־שאָווער.

— קירצער דעם וועג ווילן זיי מאכן? —חזרט איבער דער רבי הירשס ווערטער מיט א פארחידושט קול— דעם וועג — וווהין?

— כ'ווייס נישט, רבי — ציטערט הירשס שטים.

— דו ווייסט נישט, הירש — ווערט דעם רבינס קול אָנגעפילט מיט טרויער— און ווער ווייסט? ווער?

הירש טאָמאַשאָווער שווייגט. אַז דער רבי פרעגט זיך אַליין, וואָס קאָן ער, הירש, ענטפערן.

— קירצער דעם וועג —חזרט איבער ווי פאר זיך דער רבי— אזוי האָסטו געזאָגט, הירש? קירצער דעם וועג?...

— יאָ, רבי.

— אָבער וואָס איז דאָס געאייל?! —שטורעמט אויף דעם רבינס קול— זאָג, הירש, צו וואָס איילן זיי זיך, הירש?

— כ'ווייס נישט, רבי, כ'ווייס נישט...

— דו ווייסט נישט, יעך ווייס נישט, קיינער ווייסט נישט —פאַלט עפּעס ווי אראָפּ דעם רבינס קול— ווער זענען זיי, די בויער פון דיין קאַ־ליע, הירש?...

— מ'זאָגט גאָר הויכע שררות, כראביעס און אינזשעניערן אזש פון קיר"ה מדינה... נאָר איינער...

— ווער איז דער איינער, הירש?

— כ׳ווייס — רעדט שטיל הירש טאָמאַשאָווער — מ׳זאָגט, אַ משומד רחמנא ליצלן... בלאַך רופט ער זיך, פון די וואַרשעווער בלאַכס... אַ מלומד אין די ספרים היצוניים, שמועסט מען, האָט אים די סטרא אחרא אָנגע־קריגן...

— וויל ער דאָס פון יידישקייט אזוי אנטלויפן? — רעדט שארף דער רבי — אזש מיט דער קאַליע מיינט ער צו אנטלויפן?...

— כ׳ווייס נישט, רבי, כ׳ווייס נישט — שאָקלט מיטן קאָפּ הירש טאָמאַשאָווער.

די טיר בייגט זיך אויף האַלב.

— ווער איז, הירש?

— ר׳ יחיאל מאיר איז עס — זאָגט הירש טאָמאַשאָווער.

— קום אריין, יחיאל מאיר מיינער, קום — קלינגט מיטאַמאָל פריי־לעכער דעם רבינס שטים — האָסט געהערט, וואָס הירש דערציילט? דער בלאַך וויל מיט דער קאַליע פון יידן אנטלויפן. ר׳מיינט, אז מ׳קאָן אנט־לויפן, דער טיפּש.

דער גוטער ר׳ יחיאל מאיר וויל אויף יעדן נפש מישראל געפינען אַ זכות, זאָגט ער:

— געהערט, אַז ר׳גיט יידן צו פאַרדינען אין זיינע עסקים... יידן מיט בערד און פיאות... שעמט זיך נישט מיט זיי פאַר די פּריצים... רעדט צו זיי אויף יידיש לשון...

— ביסט אים דן לכף זכות, יחיאל מאיר מיינער? — שטעלט זיך אויף דער רבי פון זיין אָרט — און אפשר וויל ער זיי מיט יידיש לשון אין דער גוישער גאָס פאַרנאַרן?...

נאָר דער גוטער ר׳ יחיאל מאיר, וואָס איז אזוי שטרענג און האַרט צו זיך אליין, וויל פאָרט ראַטעווען פון שאול תחתיות אַ זינדיק יידיש נפש און ער זאָגט:

— געהערט, אַז אַ יידיש האַרץ איז ביי אים... אַ קרוב זיינער — אויך פון די וואַרשעווער בלאַכס — האָט ביי אים געאַרבעט און כדי אים צו געפעלן, אים איינמאָל מודיע געווען, אַז ער קומט נאָר וואָס, השם ישמרנו, פון גלח... האָט דער בלאַך זיך אויפגעשטעלט און זיך צעשריגן:

„ארוים פון מיין שטוב, משומד!"... „היינט שאַץ אָפּ אַ יידיש נפש! גע־הערט...

— וואָס נאָך האָסטו געהערט, יחיאל מאיר מיינער? — ווערט מילד דעם רבינס בליק.

— געהערט —רעדט ווייטער יחיאל גאַסטינינער— אַז יום־כפור צו כל נדרי קומען זיי זיך צונויף, די משומדים, צו אים, בלאָכן, אין שטוב...

— און וואָס ווילן זיי דאָרט?

— כ'וויים נישט... טוען גאָרנישט... זיצן און שווייגן... כ'וויים נישט, קיינער ווייסט נישט... זיצן און שווייגן...

— און מיטן שווייגן מיינען זיי תשובה?! —שרייט אויס דער רבי— קאַליעס וועלן זיי מאַכן פאַר די גויים און צו כל נדרי, ווען אַ וועלט אַ גאַנצע שרייט פאַר פּחד געוואַלד, וועלן זיי גאָר שווייגן?!

ר' יחיאל מאיר ציטערט אינגאַנצן און ער זאָגט שטיל:

— כ'וויים נישט, רבי, כ'וויים נישט...

אין חדר ווערט שטיל. ר' הירשן דאַכט זיך, אַז זיין האַרץ קלאַפּט מיט אַזאַ רעש, ווי מ'וואָלט מיט האַמערס געקלאַפּט.

פּלוצלינג זאָגט צו אים דער רבי:

— און וואָס נאָך הערט זיך אויף דער וועלט?

— ר' שכנא פון דער באַגנע גאַס אין וואַרשע איז אַזוי אומגעריכט אוועק... אַ רחמנות, נעבעך, אויף די קינדער... ס'הויז צעפאַלט... און מיט דעם שמעלקע...

באַלד אָבער כאַפּט ער זיך, אַז אפשר וועט עס זיין לשון־הרע, וואָס ער וויל זאָגן, און גייט איבער צו אַן אַנדער ענין:

— אונזער לייזער איז אויפגעריכט געוואָרן... אַ חשוב געוואָרן ביי דעם בלאָכן... רירט זיך נישט אָן אים... מאַכט גאָר גרויסע עסקים ביי דער קאַליע, לייזער...

—לייזער? — פרעגט אים דער רבי.

— יאָ, לייזער וואַרשעווער —רעדט ווייטער הירש טאָמאַשאָווער— גרשון דעם תבואה־סוחרס איידעם... געוואָרן גאָר אַ לייט, לייזער...

— אַ סך געלט? — פרעגט דער רבי.

— יאָ, א סך —זאָגט הירש טאָמאַשאָווער— וואקסט אָן עין הרע פון טאָג צו טאָג, זאָגט מען...

— געלט, געלט!... — שרייט אוים דער רבי — ווי קאָנען זיי דאָס!... ווי מיאוסן זיי זיך נישט!... מוקצה מחמת מיאוס!...

— יידן דארפן פּרנסה... — קרעכצט שווער ר׳ יחיאל מאיר.

— דו קרעכצסט, יחיאל מאיר מיינער! —ליינט ארויף דער רבי זיינע ביידע אויסגעדארטע הענט אויף יחיאל מאירם אָרעמס— און איך זאָג דיר, אז די גאַנצע וועלט זייערע איז נישט ווערט, אז מ׳זאָל אויף איר א קרעכץ טון!...

## קאַפּיטל 21

# דאָס אומגליק

אין זיין ברייטער פאָטער־שטול, ביי דער אָפענער גמרא, מיט דער לולקע־ציבעק אין דער האנט איז ר׳ שכנא איינגעשלאָפן. איינגעשלאָפן אויף אייביק.

די אַלטע משרתת מירעלע, וואָס האָט יעדן פאַרטאָג אריינגעבראכט איר באַלעבאָס א גלאָז טיי מיט מילך, האָט די ערשטע דערזען דאָס אומגליק.

ווי שטענדיק האָט זי, אָוועקשטעלנדיק דאָס גלאָז טיי ביי ר׳ שכנאס קליין טישל, געזאָגט:

— גוט מאָרגן, באַלעבאָס.

נאָר ר׳ שכנא האָט נישט געענטפערט. שוין פערציק יאָר, ווי מירעלע איז געוווינט צו הערן יעדן פאַרטאָג ר׳ שכנאס ענטפער: „גוט מאָרגן, גוט יאָר, וואָס מאכסטו, מירעלע?” איז זי געבליבן שטיין און נישט געוווּסט, וואָס מיט זיך צו טון. זי האָט נישט געוווּסט, ווי אזוי אָנצוהייבן דעם טאָג אָן ר׳ שכנאס „גוט מאָרגן”. איז זי געשטאַנען פאר איר באַלעבאָס, וואָס איז האלב־געלעגן און האלב־געזעסן אין זיין שטול און איר שטים האָט ווי געמאָנט.

מיטאַמאָל האָט מירעלעס האַרץ אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן. מיט ציטערנדיקע פינגער האָט זי פּריער באַרירט די לולקע־ציבעק און דערנאָך האָט זי אַ ריר געטון ר׳ שכנאַס האַנט. די האַנט איז געווען קאַלט.

און דאַמאָלס איז מירעלע אַרויסגעלאָפן פון שטוב מיט אַ געשריי:

— יידן, ראַטעוועט!...

זענען אָנגעלאָפן די שטוב־מענטשן, האָט מען געבראַנגט פעלדשערס און דאָקטוירים. עס איז נישט געווען מער וועמען צו ראַטעווען.

לייזער איז געשטאַנען אין זיין געשעפט אויפן גזשיבאָוו, גרייט אוועקצוגיין אין ביורא פון בלאַכן. בונעם קאַסיר איז מיטאַמאָל אַריינגעפאַלן אַ צעשטרייטער.

— ר׳ שכנא איז נישטאָ — האָט ער קוים געקאָנט אויסרעדן.

האָט לייזער אוועקגעלייגט זיין שטעקן מיטן זילבערנעם הענטל און געשיקט אַ מענטש צו בלאַכן אים זאָגן, אַז ר׳ שכנא איז נישטאָ און עס איז היינט נישט קיין זמן צו האָבן צו טון מיט די עסקים פון דער קאַליע.

לייזער האָט פאַרמאַכט דאָס געשעפט און איז אַוועק צוזאַמען מיט זיינע מענטשן אויף דער באַנגע גאַס און אַזוי האָבן געטון אַלע אַנדערע יידן אין וואַרשע. אויף גזשיבאָוו און אויף טוואַרדע, אויף גראַניטשנע און פאַרן אייזערנעם טויער, אַפילו אויף די ווייטע פראַנציסקאַנער און נאַלעווקעס, אויף דזשיקע און אויף מילע, האָבן סוחרים פאַרמאַכט זייערע קראָמען און בעלי־מלאכות האָבן פאַרלאָזט זייערע ווערקשטאַטן און זענען אַוועק מיט די ווייבער און קינדער אויף דער באַנגע גאַס צו ר׳ שכנאַס פאַריתומטע הויז.

פון אַלע אַרומיקע שטעטלעך זענען געקומען רבנים און רביים, חסידים און לומדים צו באַגלייטן ר׳ שכנאַן אין זיין לעצטן וועג. ר׳ שכנאַס קאַשטאַנעס זענען ביז לעצט געבליבן טריי זייער באַלעבאָס. מיט אַ שוואַרצן טוך באַדעקט, האָבן זיי געפירט די עגלה...

לאַנג, לאַנג וועלן יידן אין וואַרשע גערעדט וועגן ר׳ שכנאַס לוויה, וועגן די רביים, וואָס זענען געקומען מיט זייערע חסידים און וועגן די הספדים, ביי וועלכע אַלטע יידן האָבן געוויינט און ווייבער זענען געפאַלן אין חלשות. אָבער נאָך פאַר די שלשים איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט

אויפגעציטערט די גאַנצע יידישע עדה אין וואַרשע און וואָס האָט געמאַכט פאַרגעסן אַן ר׳ שכנאס לוויה.

נאָכן טויט פון ר׳ שכנאן האָט זיך אין שמעלקע שמדניק דערוועקט זיין טריפה בלוט.

— איצט —האָט ער צו זיך געזאָגט— מוז צירעלע זיין מיין. איצט!... כ׳האָב זיי אַלע אין דער האַנט!... איצט וועט מען זען, ווער שמעלקע איז!...

שמעלקע האָט געפיבערט. נאָכגייענדיק די לוויה, האָט שוין דאָס טריפהנע בלוט אין אים געקאָכט. דאָס נאַקעטע ליב פון ר׳ שכנאס יינגס־טער טאָכטער, וואָס ער האָט מיט 10 יאָר צוריק געזען, איז איצט גע־שטאַנען פאַר זיינע אויגן. עפּעס אַ הייסער זידיקער שטראָם איז אים דורכ־געלאָפן איבערן גאַנצן ליב און אים געשטאָכן אין די שפּיץ־פינגער פון די פיס.

ווען ער איז אין אָוונט צוריקגעקומען נאָך דער לוויה, האָט בלומע קיילע מיט פאַרוויינטע אויגן געגרייט צום טיש, צוכליפּענדיק:

— אוי ר׳ שכנא... אוי אַ צדיק אַ ייד!...

— אַוועק פון מיינע אויגן! —האָט שמעלקע זיך אויף איר אַ וואָרף געטון— אַוועק!

— משוגע געוואָרן! —האָט בלומע קיילע נישט פאַרשטאַנען, וואָס מיט איר מאַן קומט פאָר— שמעלקע שמדניק!

— אַוועק! —האָט זיך אין שמעלקעס אויגן אָנגעצונדן אַ רוצחיש פייער— אַוועק, זאָג איך דיר! כ׳פּלעט דיר גלייך דעם קאָפּ!...

בלומע קיילע האָט אפילו געוואָלט דערלאַנגען איר מאַן מיט אַ טע־לער אין קאָפּ, ווי זי פּלעגט עס טון, ווען ער איז אהיימגעקומען פון די שיקסעס זיינע אויף דער אַלטשטאָט. נאָר שמעלקעס רוצחישע אויגן האָבן געהאַט אַזאַ גלאַנץ, אַז זי האָט זיך אויף אַן אמת דערשראָקן און פאַרהאַקט הינטער זיך די טיר.

שמעלקע איז געוועזן הונגעריק. ער האָט די לאַכמעס ברויט און פּע־נעצעס פלייש זיך געשטופּט אין מויל און פאַרטרונקען מיט אָקאָוויט.

— אין דער ערד אַריין מיט דער מכשפה! —האָט ער צו זיך גע־רעדט— זי וועט שוין ביי מיר נעמען אַ גט, בלומע קיילע. אוי וועט זי ביי־

מיר נעמען!... די קודלעס פון קאָפּ וועל איך איר אַרויסרייסן!... זאָל זי נאָר פּרוון!... זאָל זי אַוועק פון מיינע אויגן מיט די ממזרים אירע!...

שמעלקע האָט זיך דערמאָנט אָן יענער נאַכט, ווען בלומע קיילע האָט אים צוגעהאַלטן ביי דער פּאָלע און ר׳ שכנא האָט מיט דער פּאָדעשווע פון זיין שטעק־לאַטש אים געפּאַטשט איבערן פּנים.

— אַ כאָלעריע אויף דיר, בלומע קיילע — האָט ער אין זיך אריינגעגאָסן איין גלאָז בראָנפן נאָכן אַנדערן— איצט קאָנסטו נאָר לויפן אויפן גוטן אָרט צו ר׳ שכנאן!... לויף, מכשפה!... פאַר טויטע האָט שמעלקע נישט קיין מורא!...

יאָ, פאַר בלומע קיילען האָט שמעלקע קיין מורא נישט. מיט איר וועט ער זיך שוין אַן עצה געבן. און מיט די יורשים ר׳ שכנאס וועט ער אויך דורכקומען. וואָס פרעגט ער נאָך זיי? כניאָקעס, מקווה־גייערס, שלימזלניקעס!... מילא, וועלן זיי זיין שטיל, וועט ער זיי עפּעס צוואַרפן!... זאָלן זיי זיך ווייטער דרייען די פּיאות!... און טאָמער נישט, נו, נו, וועט ער, שמעלקע, זיי שוין איינמאָל אויפשפּילן!... מיט די טאָרבעס וועלן זיי ביי אים אַוועק, מיט די טאָרבעס!... איבער דער מדינה וועלן זיי ביי אים גיין, איבער דער מדינה!... ער וועט זיי שוין איינמאָל געבן אַ ירושה... יאָ, ער, שמעלקע, וועט נאָך ווייזן וואָס ער קאָן!...

אָבער וואָס טוט מען מיט צירעלען? דאָ פילט זיך שמעלקע הילפלאָז און אומבאַהאָלפן. פאַר דעם קוק פון אירע בלאָע אויגן פילט שמעלקע עפּעס אַ שוואַכקייט אין אַלע אברים. עס דאַכט זיך אים, אַז זי, צירעלע, האָט פון ר׳ שכנאן איבערגענומען די שליטה איבער אים, שמעלקען. זי האָט נאָך אפשר מער שליטה ווי דער טאַטע. ר׳ שכנא האָט אים געפּאַטשט מיט דער פּאָדעשווע פון שטעק־לאַטשן, און זי פּאַטשט אים בלויז מיטן בליק פון אירע אויגן.

אויף קוראזש גיסט זיך אָן שמעלקע נאָך אַ גלאָז אָקאָוויט.

— דו וועסט זיין מיין קייסערינע! אַזוי וועט ער איר זאָגן. מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס דו האָסט געהאַט פון דעם כניאָק יאָסעלע!... איך, שמעלקע, וועל דיר ווייזן אַ לעבן!... אויף די הענט וועל איך דיך טראָגן!.. מיינע אָרעמס זענען שטאַרק און היים און אין זיי וועל איך דיך דערוואַרעמען!... דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון דיין טאַטן וועט זיין דיינס, נאָר דיינס!... איך

וועל זיין דיין משרת... די דריי קאַשטאַנעס מיט דעם קאַטש וועלן דיך פירן שפּאַצירן... ניין, אַ נייעם קאַטש וועל איך קויפן, נאָך אַ שענערען ווי ביי דעם פּריץ פון סקאַלימאָוו...

און אַז צירעלעס אויגן וועלן זאָגן „ניין" — שמעלקע פילט ווי אַ קעלט נעמט אַרום אַלע זיינע גלידער פון דעם בלויזן געדאַנק.

ער טרייבט אַוועק די בייזע מחשבות. ניין, ניין, ניין. זי וועט נישט זאָגן ניין. קיין קינד נעבעך נישט געהאַט מיטן שלימזל, קיין קינד. זי גייט דאָך נעבעך אויס נאָך אַ קינד. ער, שמעלקע, איז נישט בלינד. האָט ער נישט געזען, ווי צירעלע ווערט רויט, ווען זי דערזעט אים, שמעלקען!... אפשר האָט זי זיך דערמאָנט, דערמאָנט אָן יענער מינוט...

פונדעסטוועגן איז שמעלקע נישט זיכער. פאַרפאַלן. ווען עס וועט נישט זיין קיין עצה, וועט ער מיט צירעלען מוזן רעדן האַרטע רייד. ער וועט איר דערציילן, אַז ער האַלט זיי אַלע, ר' שכנאַס קינדער, אין זיין פויסט. אַז ער וויל, צעקוועטשט ער זיי, אַז ער וויל, לאָזט ער זיי צורו. זאָל זי אויסקלייבן!... יאָסעלע וועט זיך געפינען אַן אַנדער ווייב. און בכלל וואָס דאַרף ער אַ ווייב, דער מקווה־קוועטשער!... ער וועט שוין געבן אַ גט, נאָר זי, צירעלע, זאָל נאָר באַשטיין...

שמעלקע האָט זיין שמועס מיט צירעלען געוואָלט אָפּלייגן נאָך די „שלושים". עס פּאַסט נישט פריער. סיי ווי וועלן מענטשן רעדן. דערוויילע דאַרף מען נאָך פעסטער אַריינגעמען ס'געשעפט אין האַנט. ער האָט זיך אין ר' שכנאַס סקלאַדעס געפילט מעשה באַלעבאָס. די יורשים, וואָס פלעגן קומען נאָך ר' שכנאַס טויט „אויף אַ שעה אַ קוק טון", האָט ער משלח געווען.

— עטץ פּלאָנטערט זיך מיר אונטער די פיס —האָט ער צו זיי גראָב גערעדט— וואָס האָט עטץ מורא? עטץ וועט האָבן נאָך די שלושים דעם חשבון...

די יורשים, וואָס האָבן געהאַט צו טון מיט דער גמרא און רביישע טישן, האָבן פאַרלוירענע געקוקט אויף שמעלקעס ברענענדיקער רויטער באָרד און זענען אַרויף אין שטוב.

— כע־כע —האָט שמעלקע צו זיך גערעדט— מיט די כניאָקלעך וועט עס גיין נאָך לייכטער, ווי כ'האָב געמיינט...

פונדעסטוועגן איז געווען עמיצער, וואָס איז ווי אַ שאָטן נאָכגע־גאַנגען שמעלקען. פּיניע שיכור, וואָס איז אין דער יוגנט געווען צוזאַמען מיט שמעלקען ר׳ שכנאס שמייס־יונג, האָט אָן אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון זיין שונא. ער האָט זיך מער מיט אים נישט געקריגט. ער האָט זיך נישט געוואָרפן אויף אים שלאָגן. ער האָט אפילו מיט דרך־ארץ אויסגע־פירט אַלע באַפעלן, וואָס שמעלקע האָט אים געגעבן. נאָר נאָכגעגאַנגען איז ער אים טריט ביי טריט. אפילו זיין ווייב האָט ער זיין סוד נישט אנט־דעקט, נאָר ביי זיך האָט ער געטראַכט:

— שמעלקע שמדניק! יאַך, פּיניע שיכור, לעב נאָך!... ר׳ שכנא איז טאַקע אויפן גוטן אָרט, נאָר יאַך, פּיניע שמייסער, וועל דיר ווייזן, שמדניק איינער!...

אָן אַנדערש מאָל וואָלט אפשר פּיניעס אויפפירן דערוועקט אַ חשד ביי שמעלקען. נאָר איצט זענען שמעלקעס אַלע חושים געווען פאַר־נומען מיט עפּעס אַנדערש, דאָס טריפהנע בלוט האָט אים נישט געלאָזט צו רו. דרייסיק טעג וואַרטן? ניין, ער קאָן נישט. ער ווערט פאַרברענט. ער קאָן שוין מער נישט זען בלומע קיילעס פּרצוף. זאָל זי גיין, שוין, מיט די בנים אירע אַ רוח אין זיי!...

— און וואָס וועט זיין פון דעם וואַרטן? —האָט ער מיט זיך איינ־געטענהט— וואַרטן וועט דאָך סיי ווי אויסקומען... די ספּאָדיקעס האָבן זיך נישט ליב צו איילן...

ער, שמעלקע, וויל באַטש וויסן. בלויז וויסן, צי זי, צירעלע, איז מסכים. אויב יאָ, וועט ער וואַרטן. וואַרטן אַזוי לאַנג ווי זי וועט וועלן. צען יאָר האָט ער געוואַרט, וועט ער נאָך וואַרטן. נאָר וויסן מוז ער. שוין. נאָך היינט. ער קאָן שוין מער נישט. די אויגן ברענען, דער גאַנצער גוף איז איין העליש פייער...

שמעלקע לאָזט איבער אַלץ אין געשעפט. ער גייט מיט שווערע טריט איבער דער גאַס צו ר׳ שכנאס הויז. דער קאָפּ איז ביי אים אַראָפּגעלאָזט ווי ביי אַ ביק, וואָס גרייט זיך צום לעצטן שפּרונג.

הינטער אים שלייכט זיך שטיל פּיניע שיכור. ער זעט, פּיניע, ווי שמעלקע דערנענטערט זיך צו ר׳ שכנאס הויז. ער ווייסט נישט, וואָס

שמעלקע וויל, נאָר ער פילט, אַז עפּעס וועט דאָ געשען, עפּעס אַזעלכעס, וואָס וועט אויסגלייכן די חשבונות צווישן די צוויי שמייסער־יונגען.

— איצט וועסטו, שמעלקע שמדניק — אָטעמט שווער פּיניע שיכור — באַצאָלן פאַר אַלעם, פאַר אַלעם...

פאַר אַלעם הייסט ביי פּיניען באַצאָלן פאַר זיין, שמעלקעס, שטייגן. פאַר זיין דראַפּען זיך אויפן לייטער און פאַר לאָזן אים, פּיניען, אין דער שטאַל. פאַר די אַלע יאָרן, ווען קנאה האָט געיערט און שנאה האָט זיך אין פייער פון הילפלאָזיקייט געבראָטן, פאַר די יאָרן פון בזיונות און חרפה, פאַר די אַלע קללות און זידלערייען, וואָס פּעסיעביילע האָט בייטאָג און ביינאַכט געשיט אויף זיין קאָפּ. פאַר אַלעם וועסטו איצט באַצאָלן, שמדניק איינער, פאַר אַלעם.

שמעלקע דרייט זיך נישט אום. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ טרעט ער איבער די שוועל פון ר׳ שכנאָס הויז.

שטיל ווי אַ קאַץ גנבעט זיך פּיניע נאָך אים. ער זעט, ווי שמעלקע עפנט די טיר פון צירעלעס שטוב.

— אהא! — בליצט עפּעס אויף אין פּיניעס שיכורן מוח — צו צירעלען גייסטו, שמדניק!...

ער בלייבט שטיין הינטער דער טיר מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. ער וואַרט און ווייסט נישט, אויף וואָס ער וואַרט. ער ווייסט נישט ווי לאַנג ער שטייט, אַ מינוט, צי אַ שעה. עס דאַכט זיך, ווי עס דערגייט צו אים שמעלקעס קול.

פּלוצלינג דערהערט ער צירעלעס שוואַכע שטים:

— ר׳ שמעלקע, וואָס טוט איר?!... אוי!...

מיט אַ זעץ אין קאָפּ פּראַלט אויף פּיניע שיכור די טיר. פון דער באַלעווע ציט ער אַרויס אַ לאַנג מעסער.

— שמדניק! — שרייט ער — צירעלע!...

אויפן געשריי קומען אַן צולויפן די דינסטן מיט האַנטעכער און טעפּ אין די הענט.

שמעלקע רוקט זיך צו צו דער טיר. נאָר פּיניע גייט אים נאָך.

— ניין, שמדניק — שרייט ער — פון מיינע הענט וועסטו נישט אַרויס!...

שמעלקע דערשרעקט זיך נישט פאַרן מעסער, נאָר פאַר פּיניעס ווילדע אויגן.

שמעלקע לויפט שנעל איבער די שטיבער און פּיניע לויפט אים נאָך און כאָרכלט:

— שמדניק! שמד!...

אויפן הויף וואַרפט פּיניע אַוועק דאָס מעסער. ער כאַפּט איןביידע הענט אַ קלאַניצע און טוט זי אַ וויג אין דער לופטן.

מענטשן כאַפּן אָן פּיניען ביי די הענט. מ'רייסט אים אַרויס די קלאַניצע פון האַנט, עס פאַלן אויף אים קלעפּ פון אַלע זייטן. פּיניע לאָזט מיט זיך טון אַלץ. ער קוקט זיך נאָר אַרום. ער זעט ווי שמעלקע ליגט אויסגעצויגן אויף דער ערד. די רויטע באָרד טאַרעט זיך אין בלוט. ער הערט ווי מ'שרייט צו אים: „מערדער! קאַטאַרזשניק!", און ער ברומט צווישן די ציין:

— שמדניק...

סטראַזשניקעס באַפרייען אים פון די קלעפּ פון המון, טוען אים אָן קייטלעך אויף די הענט, פירן אים ערגעץ, ער דרייט נאָכאַמאָל אום דעם קאָפּ. יאָ, ער ליגט אויף דער ערד, שמעלקע שמדניק. דער חשבון איז אויסגעגליכן. איצט קאָן ער גיין...

צומאָרגנס האָט ר' איטשע מאיר געשיקט רופן צו זיך לייזערן.

— לייזער — האָט ער צו אים געזאָגט — מ'קאָן נישט איבערלאָזן ר' שכנאס פאַרמעגן אויף הפקר. כ'וויל, אז דו זאָלסט זיין דער אַפּיטרופּס פון די יורשים.

— כ'וויים נישט — האָט לייזער זיך געקווענקלט — ר' שכנא עליו השלום האָט מיך נישט געהייסן מישן אין זיינע עסקים...

— ווי פאַלט עס אוים? — האָט ר' איטשע מאיר געפרעגט.

— כ'האָב אים געהאַט געוואָרנט וועגן שמעלקען — האָט לייזער געזאָגט.

— נו, אויב אַזוי היים איך דיך — האָט ר' איטשע מאיר געענטפערט.

נאָר לייזער האָט זיך אַלץ געקווענקלט:

— איך האנדל אויך מיט אייזן... כ׳וועל אפשר האבן א נגיעה... כ׳זע נישט, ווער פון די יורשים זאל פירן ס׳געשעפט...

— עס איז נישטא, ווער ס׳זאל פירן —האט ר׳ איטשע מאיר אויפגעקלערט— דעריבער דארף מען אלץ אויספארקויפן... אפשר קויפן פאר זיי א נחלה און וואס שייך דיין נגיעה, וועל איך צוזעצן עטלעכע באלעבאטים, וואס וועלן צוקומען מיט דיר עוסק זיין.

— גוט — האט מסכים געווען לייזער.

לייזער ווארשעווער איז געווארן דער אפיטרופס פון ר׳ שכנאס פארמעגן. אין די בתי־מדרשים און שטיבלעך האט מען שוין גענומען רעדן מיט גרויס דרך־ארץ וועגן ר׳ גרשון דעם תבואה־סוחרס איידעם, וואס דער משומד בלאך טוט נישט א זאך אן אים און, להבדיל אלף אלפי הבדלות, ר׳ איטשע מאיר טרויט אים אן דאס פארמעגן פון ר׳ שכנאן.

קאפיטל 22

## נישט צו דערקענען לייזערן

שטיל און רואיק איז געפלאסן די צייט אויפן גזשיבאוו, אזוי שטיל און רואיק ווי עס פליסן די וואסערן אין דער ווייסל. לייזערס אמאליק קליין בלאנד בערדל האט זיך פארוואנדלט אין א ברייט צעוואקסענער נבירישער בארד, אין וועלכער עס האבן זיך באוויזן דא און דארט קוים באמערקבארע גראע אינדזעלעך.

די עסקים אויפן גזשיבאוו האבן זיך וואס אמאל מער צעוואקסן. די עסקים האבן שוין דערגרייכט פעטערבורג, האבן זיך אפילו פארקליבן קיין מאסקווע און אזש אנגעשפארט אין אוראל.

שוין נישט געווען אזוי לייכט אנצוקומען צו ר׳ לייזערן. שוין נישט געווען אזוי פשוט צו פארפירן א שמועס מיט ר׳ גרשון דעם תבואה־סוחרס איידעם.

שווער געווען צו זאגן ווי און ווי אזוי די ענדערונג איז פארגעקומען... אז מען וויל, איז קיין שום ענדערונג נישט געווען. לייזער איז בשוט עלטער געווארן. די פינף זין און צוויי טעכטער זענען שוין גע־

שטאַנען אין שידוכים. און די עסקים האָבן ברוך השם זיך צעוואַקסן. מילא, איז וואָס? אזוי פירט זיך ביי יידן. אָבער אין שטיבל איז לייזער געקומען ווי פריער, און יצחק בער און שמחהלע חסיד האָבן צו אים גע־רעדט אזוי ווי אין די גוטע קאַצקער יאָרן.

און דאָך האָבן אַלע געוווּסט, אַז ר' לייזער פון גזשיבאָוו איז שוין נישט לייזער וואַרשעווער. צווישן אים און די אַנדערע יידן פון שטיבל איז געשטאַנען אַ וואַנט, עפּעס אַ מחיצה. געלט איז געווען די מחיצה. אין שטיבל האָט מען אפילו נישט קיין דרך ארץ פאַר געלט. דאָס איז אָבער נאָר אזוי אויבנאויפיק. ווען אויף איין אָרט הויבט זיך אָן צונויפזאַמ־לען אַ סך געלט, קומט עפּעס אַרויף אויף דער אויבערפלאַך אַ געהיימע מיסטישע קראַפט, וואָס טיילט אָפּ און שאַפט מחשבות. אזוי איז געווען מיט לייזערן.

איינמאָל שבת איז דער עולם געזעסן ביי לייזערן. מ'האָט געטרונ־קען מעד און געשמועסט וועגן די פּשיסכער צייטן.

מיטאַמאָל קומט אַריין האָדעסל און זאָגט:

— לייזער, אַ שׂרפה פון די קאַצאַפּעס, דוכט זיך גאָר אַ גענעראַל איז געקומען... ר'זאָגט, אַז ער דאַרף דיך גאָר נויטיק...

— שבת — ענטפערט לייזער — זאָל ער קומען מאָרגן...

באַלד קומט האָדעסל צוריק און זאָגט:

— ער בייזערט זיך גאָר שטאַרק, דער גענעראַל... ער וויל בלויז רעדן...

— שבת — מאַכט לייזער זיך גלייך דאָס שטריימל — האָב איך נישט מיט אים וואָס צו רעדן...

צום דריטן מאָל קומט האָדעסל צוריק און זאָגט:

— לייזער, דער ערל איז שטאַרק אין כעס, ער וועט דיך אָנלערנען, זאָגט ער...

— פאַר שבת וועגן, האָדעסל, — ענטפערט לייזער — מעג מען באַ־קומען אָנגעלערנט.

ביי שלש סעודות אין שטיבל האָט מען נישט אויפגעהערט וועגן דעם צו רעדן. אַ כּוח פון ר' לייזערן!... נישט דערשראָקן זיך פאַר אַ גע־

נעראל, נישט אפערגעגאנגען פון טיש!... א קלייניקייט עפעס, א גענעראל קומט!...

שמחהלע חסיד האָט אין א ווינקל זיך אָנגעבויגן צו יצחק בערן און צו אים שטיל געזאָגט:

— א רחמנות, נעבעך, אויף לייזערן...

— יאָ —האָט יצחק בער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און האָט פאַר־שטאַנען זיין חברס רייד — א רחמנות... וועגן אונזערם איינעם נאָכצו־זאָגן א שבח, אז ער וויל נישט האָבן קיין עסקים אום שבת!...

— ווייסט, יצחק בער, וואָס כ'וועל דיר זאָגן —האָט שמחהלע גע־רעדט גאָר טרויעריק— טיילמאָל דערקען איך נישט אונדזער לייזער...

— ער איז אונדזער און נישט אונדזער —האָט יצחק בער אויף זיין שטייגער שאַרף א זאָג געטון— דאָס געלט שטייט אין מיטן...

לייזער אַליין האָט אויך געפילט, אז אָפּט שטייט דאָס געלט אין מיטן צווישן אים און קאָצק. אָט קאָכט דער עולם מיט ר׳ מרדכי יוספן. אַלטע קאָצקער גייען ארום צעטומלטע. קענען זיך קיין אָרט נישט געפינען. יצחק בער קלאַפּט אין טיש. שמחהלע דער גוטער קען שוין א שמייכל נישט טון. א רחמנות אים אָנצוקוקן. און אים, לייזערן, גייט עס אין דער אמתן ווי נישט אָן. אוודאי האַלט ער זיך ווייטער ביי קאָצק, ווי דען... אָבער ער טראַכט נישט וועגן דעם. מצוות אנשים מלומדה. אזוי איז עס ביי אים. אין קאָפּ שטייען אים די עסקים, די געשעפטן מיט בלאַכן, די חשבונות מיט די קאַצאַפּישע קופּצעס. און דאָס ערגסטע איז, וואָס ער האָט אפילו דערפון נישט קיין צער. ער וויל שוין אפילו נישט עפּעס אַנ־דערש. ווי האָט געזאָגט רבי הענעך פון אַלעקסאַנדער? — „גוף" איז דער טייטש: גוף וויל פרעסן, גוף וויל פּאָפן אָבער אויך — גוף וויל פּאַרט... ווילסטו נאָך פּאָרט, לייזער?...

לייזער ווייסט עס נישט. ער קאָן זיך קיין תשובה נישט געבן. ער ווייסט שוין נישט, צי ער „וויל נאָך פּאָרט"... די חשבונות פון די סוחרים פּלאָנטערן זיך אים צונויף אין קאָפּ, אז ער זאָל קאָנען וועגן די ענינים טראַכטן.

ערשט ווען עס איז געשען דאָס גרויסע אומגליק און די שטול פון קאָצק איז פאַריתומט געוואָרן, האָט זיך אין דעם גזשיבאָווער סוחר דער־וועקט דער אַמאָליקער לייזער.

צוזאַמען מיט יצחק בערן און שמחהלען איז ער אַוועק קיין קאָצק, האָט אויפגעהערט זיך צו פאַראינטערעסירן מיט די גרויסע עסקים, האָט איינגעאָנצן אָן זיי פאַרגעסן.

טעג און וואָכן איז ער געזעסן אין קאָצק און נישט געעפנט די בריוו, וואָס די „מענטשן" האָבן צו אים געשיקט און געפאָדערט צו קו־מען צוריק צו די עסקים.

— ווען פאָרסטו אהיים? — האָט אים ר' איטשע מאיר געפרעגט.

— מיט אייך, רבי — האָט לייזער געענטפערט.

צוריקקומענדיק קיין ווארשע, האָט אָבער לייזער שוין נישט גע־קאָנט טראַכטן, ווי אַמאָל, וועגן זיינע עסקים. עפּעס אַ נייע מחשבה האָט אים פאַרפאָלגט. און ער איז אַוועק צום רבין פון גער און זיך פאַר אים פאַרקלאָגט:

— איך ווער „פאַרשווארצט" ביי אַלע מיינע עסקים... כ'האָב נישט קיין צייט צו דאַווענען און צו לערנען... די „מענטשן" מיינע האָבן פיל בעסער: זיי טוען ס'זייעריקע און האָבן מנוחה. און מיך לאָזן נישט צו רו די עסקים...

— איז וואָס ווילסטו, לייזער? — האָט דער רבי געפרעגט.

— איך וויל אַלץ פאַרקויפן... כ'האָב בארעכנט, כ'קאָן, ברוך השם, לעבן פון גרייטן... איז ווי לאַנג איז דער שיעור „פאַרשווארצט" צו ווערן?... מיט וואָס בין איך ערגער פאַר די „מענטשן" מיינע?

— און וויפל מענטשן האָבן פּרנסה פון דיינע עסקים? — האָט דער רבי געפרעגט.

האָט לייזער געמאַכט אַ גענויען חשבון און געזאָגט:

— אַן ערך צוויי הונדערט יידן, רבי...

— צוויי הונדערט יידן —האָט דער רבי ווי צו זיך אַליין גערעדט— אַוואַ!... צוויי הונדערט יידן מיט זייערע ווייבער און קינדער האָבן ביי דיר פּרנסה... פאַר צוויי הונדערט יידן, לייזער, איז כדאי „פאַרשווארצט" צו ווערן...

דאמאָלס איז לייזער צוריק אוועק צו זיך אויפן גזשיבאָוו. ער האָט זיך צוריק גענומען צו זיינע עסקים מיט בלאָכן און מיט די קופּצעס פון מאָסקווע.

נאָר אַמאָל אין די אָוונטן, ווען ער האָט געעפנט אַ ספר און צווישן די שורות האָבן גענומען פאַר אים אַרויפשפּרינגען חשבונות פון זיינע געשעפטן, האָט ער שטיל אַ זיפץ געטון און צו זיך געזאָגט:

— פאַר צוויי הונדערט יידן איז כדאי „פאַרשוואַרצט" צו ווערן...

צווייטער טייל

# ר' ליזערס ירושה

## קאַפּיטל 1

# די פּאַריטומטע שטוב

דניאל עפּשטיינס גליק איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געהאַט דאָס מזל אָנצורירן די קלאַמקע פון ר׳ לייזערס הויז. אַזוי האָבן געגלויבט אַלע. די איינוווינער פון גזשיבאָוו, טוואַרדע און גראַניטשנע האָבן זעלטן ווען געהאַט איין דעה וועגן זייערע היימישע ענינים. בנוגע איין פּונקט זענען אָבער צווישן זיי קיין חילוקי־דעות נישט געווען, בנוגע דער מזל־ברכה פון גזשיבאָווער הויז, וואָס האָט זיך, מיט יאָרן שפּעטער, איבער־געטראָגן צו דניאל עפּשטיינען. א סברא, אַז אפילו דניאל עפּשטיין אַליין איז אויך געווען איבערגענומען מיט דער דאָזיקער אמונה, הגם ער האָט דערפון נישט גערעדט און הגם ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ שטיק כופר.

ווי אַזוי עס זאָל נישט זיין, דאָס הויז אויף גזשיבאָוו האָט זיך טיף איינגעקריצט אין עפּשטיינס זכרון, איז אַריינגעדרונגען אין זיין בלוט און גענומען אויף אייביק אין געפאַנגענשאַפט זיין הארץ. פאַר זיינע אויגן איז אַ לעבן לאַנג געשטאַנען דאָס בילד פון ר׳ לייזערס הויז; ער האָט געדענקט מיט אַלע פּרטים ר׳ לייזערס גרויסע דירה; אָפט האָט זיך אים געדאַכט, ווי ער וואָלט נאָר וואָס דורכשפּאַצירט איבער ר׳ לייזערס סקלאַדעס. ער האָט נישט בלויז געדענקט די מעבל, נאָר אפילו דאָס אָרט, וווּ יעדע זאַך האָט זיך געפונען. ער האָט געדענקט די מענטשן און זייער אויפפירונג, פּונקט ווי דאָס אַלץ וואָלט ערשט נעכטן פּאַסירט.

אַ שמאָל איינשטאָקיק הויז, מיטן פּנים געווענדט צו דער פּריצי־שער קרולעווסקע, אָבער מיט ביידע אָרעמס אָנגעשפּאַרט פון איין זייט אויף דער חסידישער טוואַרדע און פון דער אַנדערער זייט אויף דער

באַלעבאַטישער גראַניטשנע און מיט דער גאַנצער מאַסע פון זיין מאַ־סיוון גוף איינגעגראָבן אין די שטיינער פון גזשיבאָוו, איז ר׳ לייזערס הויז געווען אין משך פון אַ גאַנצן דור דער צענטער, דער נערוו און, מ׳קאָן אפילו זאָגן, די נשמה פון דער יידישער וואַרשע.

די בערגסאָנס און די נאַטאַנזאָנס און די אייגערס און די גאָלדפעדערס און די אַלע אַנדערע גרויסע יידישע מיוחסים און גבירים האָבן שוין דאַמאָלס געהאַט אויפגעשטעלט זייערע פּרעכטיקע פּאַלאַצן, שלעסער, וועלכע האָבן מיט זייער שרייאיקער עלעגאַנטישקייט פאַררוקט אין שאָטן אפילו די פּריצישע רעזידענצן פון די לובאָמירסקים און בראַניצקים. זיי האָבן אין די גויאישע גאַסן פאַרלייגט לוקסוריעזע באַנק־הייזער, וואָס האָבן געקוקט פון אויבן־אַראָפּ אויף דער אַלטער, געלער געביידע פון דער מלוכה־באַנק.

ווי עדות פון זייער גרויסקייט און חשיבות, האָבן זיי אוועקגעשטעלט ביי די טירן פון זייערע פּאַלאַצן און בענק גראָבבייכיקע גויאישע „שווייצאַרן" אין בלויע מונדירן מיט גאָלדענע קנעפּ. די גויאישע שומרים האָבן מיט זייערע בייזע פּנימער און גרויסע געדרייטע וואָנצעס, אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף די יידישע סוחרים פון טוואַרדע און פאַרבייגייענדיק זיי, האָבן יידן זיך גלייכגעמאַכט דאָס היטל און טיפער פאַררוקט די פּיאות, פּונקט אַזוי ווי זיי האָבן דאָס געטון ביים אַריבערטרעטן די שוועל פון צירקל (פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט).

דאָס שמאָלע איינשטאָקיקע הויז אויפן גזשיבאָוו מיט די קליינע פענסטערלעך, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט אויף די צוויי שרעגנעס ביימער פון דער קרולעוועסקע, האָט אפילו אין חלום נישט געקאָנט זיך פאַרגלייכן מיט די פּאַלאַצן פון די וואַרשעווער „דייטשן".

פונדעסטוועגן האָבן די יידן פון וואַרשע און פון דער גאַנצער פּראָווינץ געקלעפּט דווקא אָן דעם קליינעם הייזל. פון אייגענעם ווילן האָבן זיי אוועקגעשטעלט אַ וואַנט צווישן זיך און די נאַטאַנזאָנס און אייגערס. די וואַנט איז איינגעלעך געווען נישט מער ווי איין וואָרט, אָבער דאָס דאָזיקע איינציקע וואָרט „דייטשן" איז גענוג געווען צו מאַכן די מחיצה צווישן די יידן פון טוואַרדע און גראַניטשנע און די גרויסע מיוחסים.

ר׳ לייזער אָבער איז געווען אַן אייגענער מענטש. אויף אים האָט

מען זיך געקאָנט אָנלענען, אויף זיין הויז האָט מען זיך געקאָנט אָנשפּאַרן אין אַן עת צרה, ארום זיין שטוב האָט מען זיך געפילט זיכער און רואיק.

דעם ערשטן שטאָק האָט פאַרנומען ר׳ לייזערס דירה. גרויסע האַלב טונקעלע שטיבער מיט ווענעציקע פענסטער אָדער מיט שמאָלע לענגלעכע באַלקאָנען מיט אַן ארויסגערוקטן אין אַ ווינקל בויך, ווי פון אַ מעוברת־דיקער יידענע — די סוכה.

די שטיבער זענען געווען ענלעך איינע צו דער אַנדערער אפילו מיט זייער מעבל. ארום די ווענט זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט ברייט־פּלייציקע בופעטן, אָדער ווי מען האָט זיי אין ווארשע גערופן „קרעדענצן", מאַסיווע מאַהאַגאָנענע קליידער־שענק, סאָפעס, אין דער ברייט צעוואַקסע־נע, באַדעקט מיט טונקל ברוינעם לעדער אָדער געבלימלטן פּליוש.

פון אַ ווינקל האָט אַ קליינע שמאָלע „סערוואַנטקע" מיט גלעזערנע טירלעך אַ פאַרשעמטע אַרויסגעקוקט, ווי אַ חדר־יינגל וואָלט פלוצים פאַר־בלאָנדזשעט צווישן אַלטע שווייגנדיקע יידן מיט ברייטע גראָע בערד. און פון די סערוואַנטקעס האָבן איבער די האַלב־טונקעלע חדרים ארויסגע־שיינט, ווי ייִנגלישע אויגן, טייערע קרישטאָלן, שווערע זילבערנע צוקער־פּושקעס און שפּיציקע געשלענגלטע בשמים־ביקסן.

דעם מיטן שטוב האָבן פאַרנומען שווערע דעמבענע טישן באַדעקטע מיט פּליושענע טישטעכער פון בלערליי קאָלירן. די טישן זענען פון אַלע זייטן געווען אַרומגענומען ווי מיט שומרים, מיט הויכע אויסגעבעטע שטולן, מיט לאַנגע, שמאָלע, אויסגעבעטע אָנלענען. די קליידער־שענק און די בופעטן זענען געווען שטענדיק פאַרשלאָסן.

האָדעסל, ר׳ לייזערס, האָט דעם בינט שליסלען נישט ארויסגעלאָזט פון האַנט. די שליסלען האָבן איר נאָכגעקלונגען אין טאַש, ווען זי איז פון אינדערפרי ביז ביינאַכט געשטאַנען אויף דער וואַך און אַכטונג געטון אויף דער גרויסער באַלעבאַטישקייט, אויף אירע פינף זין און צוויי טעכ־טער, אויף די קעכינס און משרתים און אויך אויף די מלמדים, וואָס האָבן געלערנט מיט אירע זין.

נאָר אין צוויי שטיבער האָט האָדעסל ר׳ לייזערס נישט געהאַט קיין שליטה איבער די שליסלען. דאָס זענען געווען ר׳ לייזערס צוויי לערן־חדרים.

דאָרט זענען אַלע ווענט געווען אַרומגענומען ביז דעם סופית מיט הויכע שענק, צוגענאַגלטע צו דער מויער, ווי עס וואָלט געווען אַ מורא, אַז זיי וועלן נישט אויסהאַלטן די שווערע משא פון דער יידישער תורה אָן אָן אָנלען. די טירן פון די ספרים־שענק זענען געשטאַנען ברייט אויפ־געפּראַלטע, ווי זיי וואָלטן יעדן צו זיך געלאַדן. פון זייערע פּאָליצעס האָבן אַראָפּגעקוקט די לעדערנע רוקנס פון אַלטע ש״ס, חושן ומשפּטים און רמב״מס און אַלע אנדערע הייליקע ספרים, וועלכע ר׳ לייזער האָט אָנגע־קויפט פאַר זיך און דער עיקר, פאַר זיינע זין, צו וועלכע ער האָט גע־האַלטן מלמדים, וואָס דער רבי, זאָל לעבן, אַליין האָט צוגעקליבן פאַר אים פון צווישן זיינע „בעסטע יונגעלייט״.

ר׳ לייזער אַליין האָט אַ גאַנצע וואָך וויניק פאַרבראַכט אין זיין דירה אויפן ערשטן שטאָק. זיין אמתע רעזידענץ איז געווען אונטן, אין געשעפט.

יונגע סוחרימלעך פון גאַרוואָלין אָדער פשיסכע און נאָך אַזעלכע מקומות, וואָס זענען נאָר וואָס אַראָפּ פון די קעסט און זענען מיט צע־שראָקענע אויגן איבערגעטרעטן צום ערשטן מאָל די שוועל פון גזשיבאָ־ווער הויז, כדי צו ווערן אַ „קונדע״, זענען געוואָרן גאָר צעטומלט, נישט פון איבעררראַשונג, נאָר פון אַנטוישונג. ר׳ לייזער האָט אויסגעזען ווי זייערס גלייכן. אַ ייד, ווי אַלע יידן. אַ האָר נישט אַנדערש. אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן, פון נישט הויכן וווקס, מיט אַ לאַנגער באָרד, וואָס האָט אַמאָל געמוזט זיין בלאָנד נאָר איצט איז זי שוין גראָלעך. די באָרד נעמט אַרום דאָס גאַנצע פּנים, באַהעפט זיך אָן די פּיאות, נאָר אַ פּאָר קליינע גראָע אויגן קוקן אָפּן. אויגן קלאָרע און צעשמייכלטע. און אָנגעטון גייט ער אויך נישט אַנדערש ווי אַנדערע יידן. אין ווינטער־צייט אַ לאַנגע, טונ־קעלע, טוכענע קאַפּאָטע, און אין זומער אויך אַזאַ לאַנגע, שוואַרצע, אַל־פּאַגענע זשופּיצע. און אויפן קאָפּ — אַ הויך טוכן היטל מיט אַ ברייטן גלאַנציק שוואַרצן לעדערנעם דאַשעק.

— און דאָס איז ר׳ לייזער? — רייבט זיך די אויגן דער נעכטיקער קעסט־איידעם. פונדעסטוועגן רוקט ער זיך אָוועק אָן אַ זייט און לאָזט נישט אַראָפּ אָן אויג, ווי ר׳ לייזער שפּאַצירט לאַנגזאַם איבער זיינע סקלאַדעס.

יעדן טאָג באַגינען, אין משך פון גאַנצן יאָר, גייט ר׳ לייזער אַראָפּ מיט לאַנגזאַמע טריט פון די שטיגן פון זיין דירה. מיטן זעלבן געלאַסענעם גאַנג שפּאַצירט ער דורך זיינע אייזן־סקלאַדעס, וואָס ציען זיך איבער דער גאַנצער לענג פון דעם טיפן הויף, וועלכער האָט זיך ברייט איינגעשניטן אין דער שכנותדיקער גזשיבאָווסקע.

אויפן וועג האָט ר׳ לייזער גערעדט מיט זיינע „מענטשן״, אויסגעפרעגט זיי גאַנץ פּאדראבנע, געוואָלט וויסן יעדע זאַך, זיך אינטערעסירט מיט יעדער קלייניקייט און דערביי געגלעט מיט דער האנט זיין לאַנגע גראָע באָרד און זיינע קליינע גראָע אויגן האָבן דורכדרינגענד געוואַנדערט איבער יעדן ווינקל.

ער האָט גערעדט צו זיינע אָנגעשטעלטע שטיל און געלאַסן. זיין געשריי אָדער געבייזער האָט קיינער פון זיי נישט געהערט. אָבער אַ קנייטש פון זיינע ברעמען איז גענוג געווען, אַז „זיין מענטש״ זאָל דערפילן עפּעס אַ מאָדנע שוואכקייט אין די קניען, ווי עמיצער וואָלט אים פּלוצים די פיס אונטערגעהאַקט.

ר׳ לייזער איז אַראָפּגעקומען אין געשעפט יעדן טאָג אין דערזעלבער שעה. זיינע אָנגעשטעלטע האָבן מיט אַ מאַטעמאַטישער גענויאיקייט געקאָנט פעסטשטעלן אפילו די מינוט פון דעם „אַלטנס״ באַווייזן זיך.

פונדעסטוועגן האָבן זיי אַלע, פון די עלטסטע ביז צו די טרעגער, דערזעענדיק אים, געהאַט יעדעס מאָל דאָס געפיל, ווי אָט דאַרף אַראָפּקומען אַ „רעוויזאָר״ פון פּעטערבורג און מאַכן אַן „אַביסק״. און די הערצער האָבן ביי זיי געקלאַפּט, ווען זיי האָבן אים דערבליקט. זיי האָבן אַלע גוט געוווּסט, אַז ביי ר׳ לייזערן האָט נאָך נישט געטראָפן, אַז ער זאָל זיינס אַ „מענטש״ הייסן גיין. דאָך האָבן זיי אַלע לייכטער אָפּגעאָטעמט, ווען ער איז ענדלעך פאַרשוווּנדן הינטער דער קליינער טיר פון דעם „קאַנטאָרל״.

פון דאָרט אויס, פון דעם קאַנטאָרל זיינעם, האָט ר׳ לייזער אָנגעפירט מיט זיין מלכות. אין אַ פּאָטעל־שטול, ביי אַ קליין שרייב־טישל, איז ער געזעסן און געשאָקלט — ווי גאַנץ וואַרשע האָט געוווּסט — מיט דער מדינה!...

ווען אַליין האָבן די ווענט פון דעם קליינעם קאַנטאָרל נישט געזען!...

עס זענען דאָרט געקומען גרויסע אָנגעזעענע רבנים מיט ברייטע גלאַנציקע אַטלאַסענע זשיפּיצעס און סאַמעטענע קלאַפּעס, מיישב זיין זיך וועגן אָפּשאַפן אַ גזירה, וועגן אַ דאַך פאַר דער נייער תּלמוד־תּורה, און וועגן דער אַלטער שול, און וועגן דער מקוה, און וועגן נאָך פיל אַנדערע אַזוינע ענינים.

נאָך זיי האָבן אויף דער שוועל פון דעם קאַנטאָרל זיך באַוויזן אויסגעדאַרטע יונגע רבנימלעך פון קליינע שטעטלעך אין אויסגעריבענע ריפּסענע זשיפּיצעס מיט לאַנגע אויסגעצויגענע, פון מקוה גיין אויסגעוויקטע פּיאות — אַז ר׳ לייזער זאָל זיין דער ערשטער „פּרענומערענט״ פון אַ נייעם ספר — ממש אַ „כלי מפואר״!... אדרבה, זאָל ר׳ לייזער זען די הסכמה פון סכאַטשאַוונער גאון...

געוועזן טעג, ווען דאָס קאַנטאָרל אויף גזשיבאָוו האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַ ליכטיקן שיין, ביי וועלכן די חסידים־שטיבלעך אויף טוואַרדע און אַנדערע אַרומיקע געסלעך האָבן זיך וואָכן נאָכאַנאַנד געוואַרעמט.

דאָס זענען געוועזן טעג, ווען אין ר׳ לייזערס קאַנטאָרל האָט זיך באַוויזן אַ „גוטער ייד״ פון גרויסן יחוס, באַגלייט פון אַ גאַנצער מחנה גבאים, שמשים און גלאַט מקורבים.

„ער זאָל לעבן״ האָט זיך מטריח געוועזן קיין וואַרשע, כּדי שואל עצה צו זיין ביים פּראָפעסאָר באַראַנאָווסקי און פאַר איינוועגס געקומען מיט אַ וויזיט צו ר׳ לייזערן.

אין אַזאַ טאָג האָט דאָס קאַנטאָרל אויף גזשיבאָוו זיך פאַרוואַנדלט כמעט ווי אין אַ רבישן טיש. דאָס קאַנטאָרל איז דאַמאָלס געווען צו קליין פאַר דער גאַנצער רבישער סוויטע. האָט מען ברייט אויפגעפּראַלט זיינע טירן און דאָס גאַנצע געשעפט האָט געגומען אַ חלק אין דער רבישער שמחה.

די אָנגעשטעלטע און די סוחרים פון די קליינע שטעטלעך האָבן זיך צונויפגעמישט מיט דעם רבינס מקורבים און מיט טיפן דרך־ארץ און יראת הכבוד געקוקט אויף די שאַרפע חסידים מיט הויכע געפּאָלדעוועטע שטערנסט, וואָס שאָקלען זיך מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, ווי דעם רבינס ווערטער וואָלטן זיי מיט אַמאָל באַפרייט פון אַלע גשמיותן און זיי איבערגעטראָגן אין די גאָר הויכע עולמות.

אַ געשמאַקער ריח פון טייערע ציגאַרן האָט זיך צעגאָסן איבער אַלע

חדרים, און חסידים האָבן איינגעזאַפּט אין זיך די טייערע ריחות און ממש געפּילט דעם ריח ניחוח פון קטורת. מיט אייגענע אויגן האָבן זיי באַשיינפּערלעך געזען ווי אַ שטיק חומר — ר׳ לייזערס ציגאַרן— באַקומען זיין תיקון, ווען אַ הייליק מויל רירט עס אָן...

אויפן גאַס האָט דער ריח פון רבינס ציגאַרן נישט דערגרייכט. דאָרט אַרויס האָט אויך נישט דערגרייכט דאָס שוואַכע איידעלע תורה־קול פון רבין. דאָס האָט אָבער קיינעם נישט געאַרט.

חסידים אַלטע און יונגע זענען שעהן לאַנג געשטאַנען אויף דעם שמאָלן טראָטואַר, ביי ר׳ לייזערס געשעפט און נישט אָראָפּגענומען די אויגן פון די פענסטער, הינטער וועלכע תורה און גדולה פראווען טיש.

מיט די חסידים זענען געשטאַנען אויסגעמישט די פורמאַנעס און טרעגער פון גזשיבאָוו מיט זייערע מגושמדיקע פּנימער, מיט די בייטשן און שטריק אין די הענט און געוואַרט געדולדיק און גליקלעך אויף דער מינוט, ווען דער רבי וועט זיך באַווייזן אויף דער שוועל פון ר׳ לייזערס געשעפט.

דאָס וואַרטן האָט נישט מיד געמאַכט. דאָס וואַרטן האָט נאָר צוגעגעבן חשיבות דער גרויסער מינוט, ווען דער הייליקער צדיק, אין באַגלייטונג פון ר׳ לייזערן, האָט געשטעלט זיינע פאַרזיכטיקע טריט אויפן שמאָלן טראָטואַר, און עולם האָט געמאַכט אַ „וואַרע". ווייכע חסידישע הענט האָבן אָנגענומען אויסגעהאַרטעוועטע ידים פון די פורמאַנעס, חסידישע יונגעלייטלעך האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אויף די פּלייצעס פון די טרעגער און אין מיטן איז געגאַנגען דער רבי מיט האַלב פאַרשלאָסענע אויגן, ווי ער וואָלט גאָרנישט געזען, וואָס אַרום אים טוט זיך. און ר׳ לייזער האָט אים געפירט צו זיין „קאַטש", וואָס איז געשטאַנען אַ מיוחסדיקע צווישן די וועגענער מיט אייזן און צינק אויפן גזשיבאָווער פּלאַץ.

אין אַזאַ טאָג האָבן אפילו דער „סטאַיקאָווי" און „גאַראַדאָוואַי" (רוסישע פּאָליציייליט) געוווסט, וואָס עס קומט פאַר ביי ר׳ לייזערן אין קאַנטאָרל און נישט געטריבן דעם עולם אויף דער גאַס.

אַזאַ יום־טוב אינדערוואָכן אויף גזשיבאָוו האָט זיך לאַנג געצויגן. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט דער יום־טוב זיך פאַרצויגן. נישט מער,

וואָס ווען דער אָוונט איז צוגעפאַלן, האָט ער זיך איבערגעטראָגן פון קאַנ־טאָרל אין דער נידער אויפן ערשטן שטאָק אין ר׳ לייזערס דירה.

די העל באַלויכטענע פענסטער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט אויף דער פּריציסער קרולעווסקע האָבן דאַמאָלס אָנגעזאָגט דער חסידישער וואַרשע, אַז דער יום־טוב דויערט.

אין די שעהן האָט יונה סאַרוועך, ווי אַ זעלבסטהערשער, איבער־גענומען די ממשלה איבער ר׳ לייזערס דירה. קיינער האָט נישט געוואָגט אים צו זאָגן אַ דעה און אוודאי האָט קיינער נישט געפּרוווט עובר צו זיין אויף זיינע באַפעלן.

וואָרום אַלע האָבן זייער גוט געוווּסט, אַז עס קאָן נישט געמאָלט זיין אַ חסידיש גבירישע שמחה אָן יונה סאַרוועך. האָט אַ וואַרשעווער גביר אָפּגעשטימט אַ זמן חתונה פון זיין טאָכטער, האָט ער גלייך געמוזט „באַ־שטעלן״ ר׳ יונהן. געווען אפילו פּרוון פון ר׳ לייזערס שנורן צו באַגרע־ניצן יונהס אַליינהערשאַפט. יונה סאַרוועך האָט אָבער אפילו פאַר זיי זיך נישט דערשראָקן. מ׳האָט אים נאָך געמוזט איבערבעטן. זינט די דאָזיקע נישט געלונגענע פּרוון האָט שוין קיינער מער נישט געפּרוווט באַשטרייטן זיינע סווערענע רעכט.

מיטן הויכן זיידענעם קאַפּל אויפן קאָפּ, איינגעהילט אין ווייסן פאַרטעך, איז ער געלאָפן אַרויף און אַראָפּ איבער די טרעפּ, האָט זיך גע־בייזערט אויף די פישער־יידענעס, האָט זיך געקריגט מיט די גענזלערס, האָט געקאָמאַנדעוועט מיט די משרתים ווי מיט זיינע לייב־קנעכט און גע־טריבן אָן רחמנות די „קעסט־קינדער״.

אַ ביטער רחמנות געווען אויף די דאָזיקע חסידישע יונגעלייט, וואָס האָבן געגעסן קעסט ביים שווער און עוסק געווען אין חסידות. זיי האָבן זיך געוואָלט אַריינקריגן בלויז אין קאָרידאָר, פון דער נאָענט כאַפּן אַ קוק צום „טיש״. ווי ביי אַ גזלן האָבן זיי זיך ביי יונהן געבעטן, טרערן זענען זיי געקומען אין די אויגן, זיי האָבן ממש פאַר אים געוויינט: „בלויז אַ קוק טון, ר׳ יונה, נישט מער ווי אַ קוק! בנאמנות...״

און ווען דאָס געבעט האָט נישט געהאָלפן, האָבן זיי געפּרוווט יונה סאַרוועך מוסר זאָגן:

— ווי איז מען אַזאַ רשע —האָבן זיי געטענהט— איר זענט עתיד

ליתן את הדין... אַ ייד אַן אכזר... — און מיט אַ גמרא־ניגון געפּרוּווט יונה סאַרוּוער איבערצייגן: עס איז דאָך ממש זה נהנה וזה לא חסר...

אָבער אויך דאָס מוסר זאָגן האָט נישט געהאָלפֿן. די חסידישע יונגע לייט האָבן פאַרלוירן זייער לעצטע האָפענונג זיך אַריינצוקריגן און כאַטש פונדערווייטנס כאַפּן אַ קוק צום טיש. דאַמאָלס האָבן זיי נקמה גענומען אַן דעם „רשע מרושע", דעם סאַרוּוער יונה, דעם „הדיוט קופץ בראש" און דער שאַרפער וועלוועלע האָט אים כלומרשט גלייכגילטיק געפרעגט:

— איז אפשר, ר' יונה, זאָלן מיר אייך העלפן אַרויסקריגן פון אונ־טערן טיש דעם קליינעם זעליקל און דעם הויכן משה?...

ר' יונה האָט אויף דער שאלה נישט געענטפערט. ער האָט אין פאַר־לעגנהייט זיך גלייכגעמאַכט דאָס הויבע זיידענע קאַפּל און עפּעס אַ מורמל געטון אונטער דער נאָז. דאַמאָלס האָבן די יונגעלייט שוין אָפן צוגעדריקט יונה סאַרוּוער צו דער וואַנט און צו אים געזאָגט:

— היט אייך פונדעסטוועגן, ר' יונה, דער קליינער זעליקל קאָן נאָך אַ קאַפּע טון. איז, אויב איר ווילט, וועלן מיר אייך העלפן... ס'איז דאָך אַ מצווה... עזוב תעזוב...

פון אַזוינע רייד איז ר' יונה אַריינגעפאַלן אין כעס. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער חרפה, וואָס ער האָט אַמאָל איבערגעלעבט, ווען עס האָט זיך אים פאַרגלוסט אַרויסצושלעפּן פון אונטערן טיש דעם קליינעם זעליקל, און ער האָט פאַר דער העזה באַקומען אַזאַ קאַפּע, אַז מען האָט געמוזט רופן צו אים יעקל פעלדשער.

פון דאַמאָלס אָן האָט ר' יונה פאַרשטאַנען, אַז מיט „די לייט" טאָר מען נישט אָנהייבן, אַז אויב ער וויל שאַנעווען זיין כבוד און היטן זיין געזונט, מוז ער זיך מאַכן נישט זען די מחוצפים, דעם קליינעם זעליקל און הויכן משה... זייער נאָמען האָט ער נישט געקאָנט הערן, עס האָט אים דערמאָנט זיין מפּלה און חרפה. ער האָט דעריבער אַ זעץ־צו געטון די טיר מיט אַזאַ גרימצאָרן ווי אַ שיכורער עשו...

געבליבן שטיין הינטער אַ פאַרמאַכטער טיר, האָבן די יונגעלייט פאַר־שטאַנען, אַז זיי מוזן שלום מאַכן מיטן גורל... מילא, וואָס זאָל מען טון... כל המיצר לישראל נעשה ראש... ווערט אפילו יונה סאַרוּוער אויך אַ גע־נעראַל...

קליין איז געווען די צאָל פון די יעניקע, פאַר וועלכע יונה סאַרוועד האָט געהייסן עפענען די טיר פון ר׳ לייזערס דירה און וועלכע האָבן זוכה געווען מיט די אייגענע אויגן צו זען דעם טיש... אוודאי האָט מען די גליקלעכע מקנא געווען. אוודאי האָט דערביי אויך נישט געפעלט אביסעלע רכילות...

צו שטאַרק מצער געווען האָט מען זיך אָבער נישט. אין די „שטיבלעך" האָט מען סיי ווי געוווסט און טאַקע מיט די גענויעסטע פּרטים פון אַלעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען ביי ר׳ לייזערס טיש. מען האָט געוווסט און טאַקע צו דער מינוט און רגע, ו ו ע ן מ׳האָט זיך „געזעצט צום טיש" און ו ו ו יעדער איינער איז געזעסן. מען האָט געוווסט, מיט ו ו ע-מ ע ן דער רבי האָט געשמועסט, ו ו ע ר ס׳האָט זיך ביים טיש „מזכיר" געווען. מען האָט געוווסט, וועלכע ווייגען ר׳ לייזער האָט צום טיש דערלאַנגט און וועמען מען האָט צום ערשט געגעבן „שיריים" און דער עיקר: מען האָט נאָכגעזאָגט און טאַקע וואָרט ביי וואָרט דעם „גאַנצן שמועס". א תיבה האָט מען חלילה נישט פאַרפעלט... ס׳איז נישט געגאַנגען לאיבוד דעם רבינס קרעכץ ביים תורה זאָגן, יעדע תנועה זיינע האָט זיך איינגעקריצט אין האַרץ, פּונקט ווי מ׳וואָלט עס מיט די אייגענע אויגן געזען...

און דאָס אַלץ האָט מען געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם קליינעם זעליקל און הויכן משה, וואָס זייערע נעמען האָט יונה סאַרוועד נישט געקאָנט הערן. קיינער האָט נישט געוווסט, ווי אַזוי און ווען, פונדעסטוועגן האָבן אַלע געוווסט, אַז זיי האָבן פאַרנומען זייער מקום אונטערן טיש...

עס האָט זיי חלילה גאָרנישט געפעלט אונטערן טיש. פון כל טוב האָט מען זיי דערלאַנגט. ר׳ לייזער אַליין האָט זיי גערוקט אונטערן טיש גאַנצע טעלערס, און אויך דער רבי האָט חלילה אָן זיי נישט פאַרגעסן.

און זיי זענען ביי זיינע פיס געלעגן און פון זיין מויל געטרונקען ווי פון ריינסטן קוואַל זיין תורה...

געווען אַמאָל א מעשה מיט ר׳ יצחקל מתנגד באַלד ווי ער איז אַראָפּגעקומען קיין ווארשע און ר׳ לייזער האָט אים געלאַדן צו אזא סעודת מצוה. דער קליינער זעליקל האָט זיך עפּעס נישט ווילנדיק פאַרטשעפּעט (און אפשר טאַקע ווילנדיק, א קשיה אויף זעליקל קונדס) אָן ר׳ יצחקלס פיס...

— עפּעס דאָרטן אונטערן טיש... — האָט ר׳ יצחקל אַ דערשראָקע־נער אַרויסגעשטאַמלט.

דער עולם ביים טיש האָט זיך צעשמייכלט און ר׳ לייזער האָט זיך אָנגערופן:

זייט רואיק, ר׳ יצחקל, דאָס „וויעוועט" מסתמא אַרום דער קליינער זעליקל און דער הויכער משה...

ר׳ יצחקל מתנגד האָט זיך אָבער נישט באַרואיקט. ר׳ לייזערס רייד האָבן אים ערשט אויף רעכט דערשראָקן.

— ס׳הייסט —האָט ער אינגאַנצן אַ פאַרלוירענער נישט געקאָנט קומען צו זיך און פון גרויס אויפרעגונג נישט געקאָנט געפינען קיין פּאַ־סיקע ווערטער— „סטייטש?... ס׳איז דאָך חלילה... אַ ייד... אונטערן טיש... ווי מעג מען...

דער עולם ביים טיש האָט זיך נאָך מער צעשמייכלט. אפילו דער רבי האָט ווי אַ שמייכל געטון און ער האָט זיך אָנגערופן צו ר׳ יצחקלען כהאי לישנא: ס׳איז נישט ווי איר מיינט... עס איז זייער מקום און זיי וועלן דערפון נישט מוותר זיין.

וואָכן נאָכאַנאַנד האָט מען נאָכדעם אין די „שטיבלעך" געלאַכט. דאַכט זיך, אַזא למדן, מ׳זאָגט אַ גאָונישער קאָפּ, און פּאָרט אַ מתנגדישע השגה... פאַרשטייט נישט אַזא פּשוטע זאַך... אַ רחמנות געבעך אויף די מתנגדים... טרוקענע נשמות...

דער קליינער זעליקל און הויכער משה האָבן גוט געוווּסט, אַז אין לומדות קאָנען זיי זיך נישט פאַרגלייכן מיט ר׳ יצחקלען. טיף אָבער אין הארצן האָבן זיי רחמנות געהאַט אויף דעם מתנגדישן למדן. און הגם גאווה איז גאָרנישט קיין חסידישע מידה, האָבן זיי זיך אָבער גאָרנישט געקאָנט העלפן, ווען זיי האָבן אָנגעהויבן אַליין קוקן אויף זיך מיט אַנדערע אויגן און האָבן געהאַלטן אין איין איבערחזרן: „עס איז זייער מקום..." געהערט ווערטער?... נו, וואָס דען... זיי וועלן אפשר עמיצן אָפּטרעטן זייער אָרט... פאַר קיין הון דעלמא... אפילו מיט די „טישזיצער" פאַלט זיי נישט איין זיך צו טוישן... „עס איז זייער מקום".

און עס איז זייער זאַך איינצוהערן זיך אין שמועס. אונטערן טיש אין דער פינסטער, קיין שום זאַך נישט זען נאָר בלויז הערן,

מיט אלע חושים הערן. אלע רמח איברים זאלן ווערן א י י ן געהער, און שפעטער איבערגעבן דעם עולם וואָרט ביי וואָרט מיטן ניגון און מיט יעדן קנייטש און יעדן קרעכץ... צי קאָן אונזערס א ייד מוותר זיין אויף אזא זכות... היינט־זשע ווי גרויס דאַרף זיין דער זכות פון אזא ר׳ לייזער... נאָר גיי און גיב דאָס צו פאַרשטיין א מתנגד...

נישט שטענדיק האָט פון ר׳ לייזערס קאַנטאָרל אויסגעשטראַלט אזא יום־טוב אויף וואַרשע.

געוווען טעג, ווען עס זענען דאָרט נישט דרייסט געזעסן אויפן שפּיץ שטול קליינע רביימלעך אויך פון גרויסן יחוס, נאָר אָן מזל נעבעך, ווי אונדזערע חכמים זאָגן, אז אפילו א ספר־תורה אין היכל דאַרף האָבן מזל. חסידים האָבן פאַר זיי קיין ווארע נישט געמאַכט, די פּורמאַנעס אויפן גזשי־באָוו האָבן זיי קיין כבוד נישט אָפּגעגעבן, דער רעוויראַווי האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט. אליין זענען זיי געקומען, נישט באַגלייט צומאָל פון איין שמש, נעבעך... באַגלייט האָבן זיי בלויז די שאָטנס פון אמאָליקן גלאַנץ, פון מיוחסדיקע טאַטעס, פון גרויסע זיידעס און הייליקע עלטער־זיידעס...

זיי האָבן שטיל אָפּגעהוסט, דערמאָנענדיק זיך אָן די בוגרותן אין דערהיים, וואָס האַלטן זיך אין איין אַרומקריגן מיט דער שטיף־מאַמע. מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן האָבן זיי אַרויסגעקרעכצט זייער בקשה צו ר׳ לייזערן. זיי האָבן לאַנג נישט פאַרברענגט אין קאַנטאָרל, און קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף זייער פאַרשווינדן, פּונקט ווי קיינער האָט נישט באַמערקט זייער אָנקומען. עס האָט קיינער אפילו א קרעכץ נישט געטון אויף זייער אַמאָליקן גלאַנץ, וואָס איז ווי א שוים צעשוווּמען. דער גזשיבאָוו האָט זיך וואָכעדיק געטומלט, די בעלי־עגלות האָבן געשריגן און געשאָלטן זיך, און די טרעגער האָבן גערעדט צו זיך מיאוסע רייד. אפילו דער ערל, דער סטאַי־קאָווי (פּאָליציסט) האָט געקוקט מיט ביטול אויף דעם צעקנייטשטן רבנישן קאַפּעליושל, וואָס האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון ר׳ לייזערס געשעפט.

די דאָזיקע אַלע וויזיטן פון גרויסע גוטע יידן און אָרימע רביימלעך, פון גרויסשטעטישע רבנים און קליינשטעטלדיקע „מחברים" האָבן אָבער נישט באַוויזן צו פאַרוואַנדלען דעם גזשיבאָוו אין עפּעס א שול־פּאָליש. זיי האָבן נישט פאַרטריבן די וואָכעדיקייט פון גזשיבאָוו. זיי האָבן נאָר די

וואָכעדיקייט געמאַכט באַטעמטער, וואַרעמער, יידישלעכער. אָראָפּגענומען פון איר דעם מגושמדיקן פּרצוף. אויסגעאיידלט דעם אינדערוואָכן, באַשיט אים מיט אַביסל רוחניותדיקן זאַלץ. מסחר איז אָבער געבליבן מסחר, און ר׳ לייזערס קאַנטאָרל איז קודם כל געווען אַן אָרט פאַר האַנדל.

די „מאָסקוווער קופּצעס" זענען אין ר׳ לייזערס קאַנטאָרל געווען אָפטע געסט. מען האָט זיי אויפן גזשיבאָוו גערופן מאָסקוווער קופּצעס, הגם געקומען זענען זיי נישט בלויז פון מאָסקווע, נאָר אויך פון קיעוו און אָדעס, פון סמאָלענסק און כאַרקאָוו, פון יעקאַטערינאָסלאַוו און באַקו און פון אַלע עקן פון דער גרויסער רוסישער מלוכה.

ר׳ לייזערס מענטשן האָבן אויפגענומען מיט אַ פריינטלעכן ברוך הבא די בלאָנד־בערדיקע און ברייט־פּלייציקע „קאַצאַפּעס" און בשעת מעשה געציטערט, צי זייערע הענט וועלן נאָר אַרויס בשלום פון די ידים פון די פאָנישע עוג מלך הבשנס ביים שלום נעמען.

די מאָסקוווער קופּצעס האָבן מיט רעש אָנגעפילט די חדרים פון ר׳ לייזערס געשעפט. מיט זייערע הויכע שטיוואַליעס האָבן זיי שפּאַצירט אי־בער ר׳ לייזערס סקלאַדעס, האָבן געקלאַפּט איבער די פּלייצעס פון די אָנ־געשטעלטע, וועלכע האָבן שפּעטער דערציילט, אַז מען דאַרף ממש גומל בענטשן, ווען מען קומט אַרויס אַ לעבעדיקער פון אַזאַ פאָנישער גוטברו־דערישקייט.

זיי זענען געווען גוטע קונים די קאַצאַפּעס. זיי האָבן נישט געפרעגט קיין פּרייז און אוודאי זיך נישט געשטעלט דינגען, ווי, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, אונזערס אַ יידל, נאָר געהאַלטן אין איין איבערחזרן: „גיב אַהער", ווי זיי וואָלטן טאַקע געהאַט מאָגנס פון אַמתדיקע עוג מלך הבשנס פון חומש, מאָגנס וואָס מ׳קאָן זיי נישט זאַט מאַכן. זיי האָבן ביים מסחר נישט אַ קנייטש געטון מיטן שטערן, ווי, להבדיל, אַ ייד, נאָר געהאַלטן אין איין לאַכן, און דאָס לאַכן זייערס איז געווען ווי אַ הירזשען פון אַ פערד, און דערביי געערדט נבול פּה.

אָפּגעפּאַרטיקט מיט די סקלאַדעס, זענען זיי ענדלעך אַריין אין ר׳ לייזערס קאַנטאָרל מאַכן חשבון.

ביי די זייטן פון ברוינעם שרייב־טיש זענען געזעסן ר׳ הענעך בוכ־

האלטער און ר׳ בונם קאסירער,ביידע אין הויכע סאמעטענע קאפלען, ביי־דע יידן „קאצקער" מיט לאנגע ווייסע בערד, און פארטיפט געחשבונט.

ר׳ לייזער אליין האט געשמועסט מיט זיינע קאצאפישע קונדן. האלב פויליש, האלב רוסיש האט ער זיי אויסגעפרעגט וועגן געזונט פון זייערע בני־בית, וועגן דעם, וואס עס הערט זיך ביי זיי אין שטאט, וועגן גערע־טעניש היי־יאר און נאך אזעלכע באלעבאטישע זאכן.

און טאמער זענען ר׳ בונם און ר׳ הענעך נאך נישט פארטיק געווען מיט די חשבונות, האט ר׳ לייזער פארפירט א שמועס מיט זיינע געסט וועגן „וועלט־זאכן", וועגן דעם, צי עס וועט חלילה נישט זיין א מלחמה, וועגן טערק, און וועגן דעם פראנצויז. און די קאצאפעס זענען געווען מלא התפעלות פון ר׳ לייזערס פאליטיק און געהאלטן אין איין צוברומען: „וואט... וואט..."

די צוויי קאצקער זענען סוף כל סוף פארטיק געווארן מיט די חש־בונות און דאמאלס האט זיך אנגעהויבן די שווערע מלאכה פון ציילן דאס געלט.

די קאצאפעס האבן געעפנט זייערע לעדערנע טארבעס, שווערע וואַ־ליזעס און אויף ר׳ לייזערס טיש האבן זיך גענומען שיטן גאנצע בערג געלט מכל המינים: פאפירענע באנקנאטן, גאלדענע מטבעות און אויך שווערע רוסישע קארבאנצעס. די קופעס געלט זענען געוואקסן און עס האט זיך געדאכט, אז ר׳ לייזערס טיש וועט זיך צוזאמענברעכן אונטער אזא שווערער משא. לאנג האט געדויערט דאס ציילן און די מאסקווער קופצעס האבן זיך געלאזט מכבד זיין מיט קאכעדיקער שטארקער טיי, ווי א רוסי־שער מענטש האט עס ליב.

אין די ווייטערדיקע חדרים פון ר׳ לייזערס געשעפט איז דער עולם געווארן אומגעדולדיק און אויך אומרואיק. די יידישע סוחרימלעך פון דער ארומיקער פוילישער פראווינץ האבן נישט געקאנט קוקן אויף די קאצא־פעס. אומעטום איז ער, פאניע חזיר... אלץ איז אים צו ווייניק... זיי וועלן נאך „צעטראגן" די גאנצע סחורה... און אויף זיי, אויף די יידישע סוחרים, קוקט מען זיך נישט אום...

עס האט זיי געארט אויף ר׳ לייזערן, פארוואס ער איז אזוי מקרב די קאצאפעס, איז זיי מכבד מיט טיי, שמועסט זיך מיט זיי אזוי אוים,

און יידן פון גארוואָלין און אסטראָלענקע, פון ווארקע און גראדזיסק, וואָס איילן זיך אַהיים — מוזן ווארטן.

מיט צערויטלטע פּנימער פון דער קאָבעדיקער טיי זענען די קאַצאַפּעס סוף כל סוף אַרויס פון ר׳ לייזערס קאַנטאָרל און פריי געמאַכט דעם פּלאַץ פאַר די פלינקע יידעלעך פון קאַרטשעוו און ריפּין און נאָך אַזוינע מקומות.

אויך די יידישע קונדן האָבן זיך נישט געוואָלט פאַרלאָזן אויף די „מענטשן" פון גזשיבאָווער הויז. זיי האָבן געמוזט רעדן מיט ר׳ לייזערן אַליין, ווער צוליב אַ הנחה, ווער כדי אָפּצולייגן אַ „טערמין", ווער גלאַט אַזוי זיך שואל עצה צו זיין און טיילמאָל איז דאָס אַלץ געווען נישט מער ווי אַ תירוץ. דער עיקר איז געווען צו רעדן מיט ר׳ לייזערן אַליין.

משהלע קאַרטשעווער מיטן שפּיציקן קאָזע־בערדל, דער אייזן־קרע־מער, איז נאָך יעדער נסיעה פון ווארשע געקומען גלייך אַ פאַרסאַפּעטער אין בית־המדרש און אַזוי זיך ווי דרך אגב אַ זאָג געטון.

— פאַרשטייט איר מיך, ווען איך האָב אַ רעד געטון מיט ר׳ לייזערן... וואָס מיינט איר, אַז איך האָב ר׳ לייזערן גלייך נישט אַ זאָג געטון, אַז די נייע שטאַבעס געפעלן מיר נישט...

און ווען די צוהערער אין בית־המדרש, מלא התפעלות, דערלויבן זיך פונדעסטוועגן אויסדריקן זייער פאַרוואונדערונג, ווי אַזוי נעמט זיך עפּעס צו אַ ייד „יאַדעס" צו דולן אַ קאָפּ ר׳ לייזערן מיט אַזעלכע נאַריש־קייטן, צעלאַכט זיך ברייט ר׳ לייזערס קונדע, מאַכט זיך גלייך די באָרד און רעדט געלאַסן:

— וואָס הייסט ווי אַזוי... וואָס מיינט איר, ס׳איז ביי מיר ס׳ערשטע מאָל...

און אַ שטאָט טרייסלט זיך צווישן אומגלויבן און באַוואונדערונג... און די באַוואונדערונג ווערט נאָך גרעסער, אַז משהלע גיט נאָך אַ זאָג:

— איר האָט באַדאַרפט זען די קאַצאַפּעס, ווי זיי ברענגען צו ר׳ לייזערן גאַנצע זעק מיט געלט, אַז ר׳ לייזערס מענטשן האָבן שוין נישט קיין כוח צו ציילן...

דער איינדרוק פון די ווערטער איז אַזוי גרויס, אַז משהלע אַליין פאַרגעסט, אַז ער האָט צוליב די קאַצאַפּעס געמוזט ווארטן שעהן, איצט איז ער זיי אַלץ מוחל, איצט פילט ער זיך ווי פאַרבונדן מיט זיי, עס דאַכט

זיך אים ווי אַלע, ר׳ לייזער, זיינע מענטשן, די קאַצאַפּעס און די יידישע סוחרים — וואָלטן זיין מיטגלידער פון איין משפחה, וועלכע זענען מחויב איינער דעם אַנדערן אונטערצוהאַלטן אפילו, ווען דאָס זענען „פּאָניעס"...

טענות צו מאָסקווער קאַצאַפּעס האָבן געהאַט נישט בלויז די יידישע סוחרים. אויך דער חסידישער עולם, וואָס האָט מיט ר׳ לייזערן נישט גע־פירט קיין געשעפטן, איז געווען אויפגעבראַכט אויף די פּאָניעס. צוליב זיי ווערט וואָס אַמאָל שווערער אָנצוקומען צו ר׳ לייזערן. זיי, די חסידים, האָבן זיך אפילו מיט די זעק מיט געלט פון די מאָסקווער קופּצעס נישט איבערגענומען.

ר׳ שמחהלע חסיד האָט אָפן געזאָגט צו ר׳ לייזערן:

— הער, לייזער, זאָלסט וויסן, אז איך האָב גאָרנישט קיין נחת פון דיר...

— וואָס איז געשען, שמחהלע? — האָט ר׳ לייזער מיט אַ שמייכל געקוקט אויף זיין אַלטן פריינט, מיט וועלכן ער האָט נאָך יינגלווייז גע־שטיפט אין קאַצק.

— ער פרעגט נאָך —האָט שמחה חסיד זיך צעקאָכט— לייזער, לייזער, וואָס וועט זיין דיין תכלית... גאַנצע טעג האָסטו צו טון מיט ערלים... טענהסט זיך מיט זיי אוים ווי מיט דיינס גלייכן, פאַרפּאַסקודעסט זיך דעם קאָפּ מיט נאַרישקייטן... און צוליב וואָס?... צוליב געלט?... עס איז מיר אַ רחמנות אויף דיר, לייזער, ממש אַ רחמנות... אַ ייד קאָן דאָך שוין באַלד צו דיר נישט אָנקומען.. כ׳בין דאָך שוין מיד פון וואַרטן אויף דיר... גאַנצע שעהן אָפּצוזיצן מיט ערלים.

— האָסט עפּעס געוואָלט, שמחהלע? — נעמט ר׳ לייזער פאַר ליב זיין פריינטס מוסר.

— האָסט אפנים פאַרגעסן, אז איך דאַרף היינט סילוקן... אם ירצה השם ביינאַכט וועט מען שרייבן תנאים צו מזל... פינף הונדערט רובל... אַזוי האָט מען אָפּגעשמועסט...

— זאָל דיר זיין צו מזל, שמחהלע... איז וויפיל געלט האָסטו?...

—איך פאַרשטיי דיך בנאמנות נישט, לייזער... פונוואַנען זאָל איך דיר גאָר נעמען געלט... גנבענען פאַר דיינעטוועגן זאָל איך גיין!...

— חס וחלילה —צעשמייכלט זיך ר׳ לייזער— נאָר איך מיין, אז

דו דאַרפסט רעדן מיט נאָך היימישע מענטשן און וויפיל עס וועט דיר צופעלן, וועל איך דערלייגן...

— גוט — איז שמחהלע גלייך מסכים — איך גיי שוין אין גאַס.

נישט לאַנג האָט שמחהלע חסיד פאַרבערענגט אין גאַס. אַ פאַרשוויצטער איז ער אריינגעפאַלן אין קאַנטאָרל.

— שוין? — חידושט זיך ר׳ לייזער.

— אוודאי — וואַרפט שמחהלע אוועק אויפן טיש אַ גאַרשט זילבער געלט — אָט האָסטו צו שטייער...

— אָבער וואָס טוט זיך מיט דיר, שמחהלע? ביסט דאָך על כל פנים מחויב...

— מחויב... סאַרע „משה מחויב" בין איך דיר, לייזער... געהערט אַ מעשה, איך שטיי אין גאַס, בעט יעדן היימישן, ער זאָל צושטייער געבן פאַר לייזערן, קליינ צונויף אַ פינף קערבלעך, איז ער גאָר נישט צופרידן... אוי לייזער, לייזער... וואָס וועט זיין מיט דיר דער תכלית...

— דו האָסט רעכט, שמחהלע, מיט אַ מצווה ט י י ל ט מען זיך נ י ש ט — גייט ר׳ לייזער צו צו דער קאַסע — באַהאַלט גוט דאָס געלט און זאָל אונדז אַלע זיין צו מזל... און די פינף קערבלעך זאָל זיין אויף בראָנפּן אין „שטיבל"...

שמחהלעס צעקנייטשט פּנים האָט זיך עפּעס ווי אויסגעגליכן. ער האָט ארויפגעלייגט זיין האַנט אויף ר׳ לייזערס אָרעם און געזאָגט:

— ווייסט, לייזער, ס'וואָלט נאָך געקאָנט זיין פון דיר אַ „לייט"... נאָר מיט די גויים חבר זיך נישט, געדענק מיינע רייד...

מ'קאָן נישט זאָגן, אַז שמחהלעס טענות צו ר׳ לייזערן זאָלן האָבן געווען גערעכטע. אויב מ'זאָל אויסרעכענען די אַלע סאָרט מענטשן, וואָס זענען געקומען אין ר׳ לייזערס קאַנטאָרל, וואָלט מען לייכט געקאָנט פעסטשטעלן, אַז די ערלים זענען דאָרט געווען אַ פאַרשווינדנדיקע מינדערהייט און אַז ר׳ לייזער האָט נישט בלויז אין זינען געהאַט געשעפט, נאָר אויך געזאָרגט פאַר כלל.

גאַנץ אָפט האָט טאַקע דאָס קאַנטאָרל געהאַט געסט פון אַ גאַנץ אַנדערן שניט. די יידישע שררות פון וואַרשעווער דאַזער שטיבל, „דייטש" געקליידט, מיט צילינדערס אויף די קעפּ און געשווירענע בערד, האָבן זייער

אָפּט באַזוכט ר׳ לייזערן אין קאַנטאָרל. זיי זענען געזעסן אויף די זעלבע שטולן, אויף וועלכע עס זענען געזעסן די מאָסקווער קופּצעס, אויף די זעלבע שטולן, וועלכע עס האָבן פאַרנומען די „גוטע יידן" און רבנים. זיי זענען געזעסן אַקעגנאַיבער ר׳ לייזערן און אין האַרצן זיך געוואונדערט אויף דעם גזשיבאָווער גביר, וואָס קאָן זיך נישט פאַרגינען איינצואָרדענען אַ שע־נערן קאַבינעט. זיי זענען געזעסן אין די הויכע צילינדערס, ווייל זיי האָבן געוווּסט, אַז ר׳ לייזער איז אַ פּרומער מאַן און זיי האָבן גערעדט צו אים אויף אַ לשון, וואָס זיי האָבן געהאַלטן פאַר דייטש, וועגן די „וויבאָרן" און „גלאָסן" און דעם נייעם הער ראַבינער און וועגן דער דערלויבעניש צו בויען די נייע סינאַגאָגע און וועגן נאָך אַזעלכע קהלשע זאַכן. געקומען זענען זיי טאָקע, כדי צו הערן „איר מיינונג ר׳ לאַזאַר"...

אָפּט האָבן די דייטשן פון דאַזער שטיבל אַרויסגייענדיק אויף דער שוועל זיך צונויפגעטראָפן מיט די גבאים פון גערער „שטיבל", וועלכע זענען געקומען בעטן ר׳ לייזערן צו דער „יאָרצייט־סעודה". אין זיידענע היטלען, פון אונטער וועלכע עס האָבן אַפּערגעקוקט פאַרשוויצטע סאַמע־טענע קאַפּלען, מיט צעקנעפּלטע ווייסע קעלנער, האָבן זיי זיך ברייט צע־זעצט און דרך אגב דערציילט אַ חסידישע מעשה „ממש פּלאי פּלאים"...

אויף די זעלבע שטולן זענען שפּעטער געזעסן שתדלנים מיט ברייט־צעקעמטע בערד, וואָס יעדער פון זיי איז אַ „בן בית" ביים גובערנאַטאָר און געקומען זענען זיי אָנזאָגן ר׳ לייזערן, אַז דער רשע איז ווידער מלא חימה אויף יידן, דער אויבערשטער זאָל שומר ומציל זיין, און מ׳דאַרף אים שוין ווידער פאַרשטאָפּן דאָס טריפהנע מויל... און נאָך זיי האָבן זיך נאָכגעשאַרט קליינשטעטלדיקע מאַכערלעך, וועלכע זענען „פּאַן בראַט" מיטן פּאַוויאַטאָווי נאַטשאַלניק, אַ „המן, השם ישמרנו", נאָר אַז מען ווייסט ווי מיט אים אומצוגיין...

אַ שווערע לופט, אָנגעזאַפּט מיט שוויים פון מענטשלעכע לייבער און פון שטיקנדיקן ציגאַרן רויך איז געהאנגען אין דעם קליינעם חדר, און איז מיט אַמאָל פאַרטריבן געוואָרן דורך שמעקעדיקע ריחות פון טייערע פראַנצויזישע פּאַרפיומען. אין דעם קאַנטאָרל האָבן אַ רויש געטון די זיידענע קליידער פון די וואַרשעווער אַריסטאָקראַטישע דאַמען, די הויכ־געבילדעטע טעכטער פון די בערגסאָנס און נאַטאַנזאָנס. די גרויסע מיוחס־

טעם זענען געקומען אָנזאָגן ר׳ לייזערן, אַז מ׳הייבט שוין אָן בויען דאָס גרויסע יידישע שפּיטאָל אויף טשיסטע, און צוליב דער מצוה זיך מתיר נדר געווען פּונקט ווי זייערע טאַטעס, די שררות פון דאָזער שטיבל, צו רעדן צו ר׳ לייזערן האַלב יידיש האַלב דייטש...

זייער אָרט האָבן באַלד פאַרנומען די גבאיטעס, אַלטע יידענעס מיט גרויסע שוואַרצע קופּקעס אויף די קעפּ און מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן צו דער ערד. דערציילט ר׳ לייזערן, אַז דער קעסל אין דער מקוה איז ווידער צו גאָרנישט און יידישע טעכטער... נעבעך... ווי און ווינד איז צו אונדז...

אזוי האָט ר׳ לייזערס הויז אויפן גזשיבאָוו מיטן פּנים געווענדט צו דער פּריצישער קרולעווסקע, מיט איין אָרעם אָנגעשפּאַרט אויף דער חסי־דישער טוואַרדע און מיטן צווייטן אָרעם אָנגעלענט אויף דער באַלעבאַטי־שער גראַניטשנע — צוגעצויגן צו זיך יידן מכל המינים: אָרים און רייך, חסידים און גוטע יידן, באַלעבאַטים און „דייטשן”, כלל־טוער און שתד־לנים. איבער זיי אַלע האָט ר׳ לייזערס ממשלה זיך אויסגעשפּרייט, איז גע־ווען פאַר זיי אַן אָנלען און אַן אָנשפּאַר, אַ באַשיצער און פאַרזאָרגער, אַן אָננעמער און ארויסהעלפער.

און עס האָט קיינעם נישט געקאָנט איינפאַלן דער געדאַנק, אַז עס קאָן אַנדערש זיין, אַז די דאָזיקע הערשאַפט קאָן זיך צעפאַלן, אַז וואַרשע קאָן נאָך אַמאָל פאַרלירן ר׳ לייזערן און יידן וועלן בלייבן אָן דער שוץ פון דעם הויז אויפן גזשיבאָוו.

אפילו די יונגע שרייבערלעך פון גזשיבאָווער הויז מיט דניאל עפּ־שטיינען בראש האָט אַזאַ ווילדער רעיון נישט געקאָנט קומען אין קאָפּ. זיי האָבן טאַקע אין די אָוונטן געקנעלט איבער מאַרקסען און דאַרווינען, זיי האָבן זיך טאַקע געהאַלטן פאַר כופרים און סאָציאַליסטן, זיי האָבן אפילו פּייערלעך געשוווירן צו קעמפן מיט דער פינסטערניש פון דער יידי־שער מאַסע, זיי זענען אפילו געקומען אויף אסיפות, וועלכע זענען אָפּגע־האַלטן געוואָרן בחדרי חדרים און זיך דאָרט איינגעהערט אין אַזוינע מוראדיקע רייד, אַז מען דאַרף אַ סוף מאַכן צו דער ממשלה פון קייזער און רבונו של עולם. אַזוי ווייט איז אָבער זייער געוואַגטקייט נישט דער־גאַנגען, צו וועלן רעוואָלטירן קעגן ר׳ לייזערס ממשלה... און עס קאָן גריי־

לעך זיין, אז אזא רעוואָלט וואָלט אויף זיי אַנגעוואָרפן אַ נישט קלענערן פּחד ווי אויף די פּשוטע יידן פון טווארדע און גראַניטשנע...

ר׳ לייזער האָט געקאָנט זיין רואיק. די גיריקע אויגן פון קנאה האָבן נישט געוואָגט צו שיקן זייערע שטעכיקע נישט פאַרגינערישע בליקן צו דעם הויף אויף גזשיבאָוו. מקנא איז מען זיינם גלייכן, אָבער נישט ר׳ לייזערן... ר׳ לייזערן באַוווּנדערט מען, מיט זיין עשירות שטאָלצירט מען, ווי מ׳וואָלט אַליין דערין געהאַט אַ חלק. נייַן, ר׳ לייזער האָט נישט באַדאַרפט מורא האָבן פאַר פאַרשווערונגען און אויפשטאַנדן. זיין „ממשלה" איז פון קיי־נעם נישט געווען באַדראָט.

אפשר הויפּטזעכלעך דערפאַר, וואָס ער אַליין האָט ווי נישט גע־ווּסט פון זיין „ממשלה", האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין רעכנשאַפט פון זיין הערשאַפט, האָט נישט צוגעשריבן קיין באַדייטונג זיין מאַכט. ער האָט געלעבט רואיק. אין זיין דירה אויפן ערשטן שטאָק האָט ער געפּראַוועט די חתונות פון זיינע פינף זין און צוויי טעכטער און שפּעטער די בריתן פון זיינע אייניקלעך.

יאָרן זענען רואיק אַוועק, כמעט ווי נישט באַמערקט פאַרשוווּנדן. ר׳ לייזערס באָרד איז פון בלאָנד־גראָלעך געוואָרן ווייס. לאַנגזאַם האָט די צייט איבערגעמאָלן ר׳ לייזערס באָרד, אַזוי לאַנגזאַם, אַז מען האָט עס אפילו נישט באַמערקט. נאָר דער רבי, זו״ל וואָס איז געווען כמעט אין די זעלבע יאָרן ווי ר׳ לייזער, האָט אַמאָל גענומען זיין באָרד אין האַנט און מיט אַ טרויעריק רעזיגנירטן שמייכל געזאָגט צו ר׳ לייזערן:

זעסט, לייזער, מ׳שיקט אונדז שוין בײדע צו פון אויבן אַ „פאַר־וויעסטקע".

און די מקורבים האָבן פּה אחד אויסגעטייטשט די רייד אַלס בפי־רושער סימן פון אריכת ימים...

אין דער דירה אויפן ערשטן שטאָק איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטי־לער. עס זענען פאַרשוווּנדן די מלמדים, די „קעסט" פון די זין און די איידעמס האָבן זיך געענדיקט, און די קינדער זענען אַוועק יעדער אין דעם מאַטנס אַן אַנדער הויז.

— אַזוי וועט זיין גלייכער —האָט ר׳ לייזער געזאָגט— וועט מען זיך ווייניקער אַרומקריגן...

אין געשעפט איז אָבער אַלץ געבליבן ווי געווען.

נאָך די קעסט האָבן די זין און איידעמס געפּרוווט אפילו אַראָפּקו־מען אין געשעפט, צוהעלפן דעם טאַטן. נאָר עפּעס האָבן זיי זיך דאָרט נישט גוט געפילט.

ביים רבין און אין שטיבל, אין די בענק און צווישן סוחרים, אין צירקל און אין דאזאר־שטיבל ביי די „דייטשן", קורץ — אומעטום, האָט מען ר׳ לייזערס קינדער אָפּגעגעבן גרויס כבוד. און זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס קאָן אַנדערש נישט זיין. ר׳ לייזער אַליין האָט אָבער קענטיק ווייניק געהאַלטן פון זיינע קינדערס יחוס. ער האָט צו זיי גערעדט, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען עפּעס „משרתים"; ער האָט זיך אויף זיי געבייזערט און בכלל זיי באַהאַנדלט, ווי חדר־יינגלעך; אַזוי האָבן זיי זיך געזשאַלעוועט פאַר די אייגענע וויבער, אַז עס איז זיי פּשוט אַ חרפּה פאַר מענטשן... זיי האָבן דעריבער אויפגעהערט אַראָפּקומען אין געשעפט און געגעבן צו פאַר־שטיין, אַז זיי זענען פאַרנומען מיט די אייגענע עסקים.

אַזוי איז אַפּגעלאָפן איין יאָר נאָכן אַנדערן אָן שנויים. נישט מער וואָס ר׳ לייזערס באָרד איז געוואָרן וואָס אַמאָל ווייסער און ער האָט זיך געמוזט וואָס אַמאָל אָפטער אָנלענען אויף זיין שטעקן בעת זיין טעגלעכן שפּאַציר איבער די סקלאַדעס.

דערויף האָט אָבער קיינער נישט געלייגט קיין אַכט. עפּעס איז קיי־נעם נישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז ר׳ לייזער איז אַלט, זייער אַלט, און אַז סוף כל סוף וועט קומען דער טאָג, ווען דאָס קאָנטאָרל וועט בלייבן פאַריתומט.

שווער געווען זיך פאָרצושטעלן אַזאַ זאַך, וואָרום, ווי קאָן דאָס אַזאַ שטאָט מיט יידן אָן עין הרע אויסקומען אָן ר׳ לייזערן?... צו וועמען וועלן קומען די רביים און רבנים? ווהין וועלן פאַרפאָרן די קופּצעס פון מאָס־קווע? מיט וועמען וועלן זיך שואל עצה זיין די „דייטשן" פון דאזער שטיבל מיט די געשווירענע בערד און צילינדערס אויף די קעפּ? מיט וועמענס געלט וועט מען פאַרשטאָפּן די טריפהנע פּיסקעס פון די גובערנאַטאָרן און די פּאַוויאַטאָווע נאַטשאַלניקעס? צו וועמען וועלן גיין די פאַרפּיומירטע טעכ־טער פון די נאַטאַנזאָנס און בערגסאָנס? פאַר וועמען וועלן זיך אַראָפּרעדן זייער ביטער האַרץ די פרומע גבאיטעס אין די הויכע שוואַרצע קופּקעס?

ווער וועט חתונה מאַכן ר׳ שמחהלע חסידס טאָכטער? ווער וועט העלפֿן אַן אָרימען רב, נעבעך, צו דרוקן זיין ספֿר, אויף וועלכן ער אַרבעט שוין אַ גאַנץ לעבן? און ווענן וועמען וועלן יידן אין די קאַלטע ווינטער־נעכט רעדן אין די שטיבלעך און אין די בתי־מדרשים, וועמענס געשעפֿטן וועלן זיי באַוווּנדערן, וועגן וועמענס פֿאַרמעגן וועלן זיי זיך קריגן, פֿאַר וועמענס כבוד וועלן זיי זיך אָננעמען, אויב עס זאָל חלילה אין וואַרשע פֿאַרפֿעלן ר׳ לייזער?...

אין אַ וואַרעמען סיון טאָג איז עס געשען. ווער געדענקט נישט דעם טאָג! ווי שאָטנס האָבן יידן זיך געדרייט אַרויף און אַראָפּ איבערן גזשי־באָוו. ווייבער האָבן זיך געריסן די שייטלען פֿון די קעפּ. קינדער אין די וויגן האָבן געציטערט פֿאַר שרעק. און דאָס תהילים זאָגן אין די שטיבלעך, אין די בתי־מדרשים! און די קולות פֿון די שול גבאַיטעס פֿאַר דעם אויפֿגעפּראַלטן ארון־הקודש! וואָס דאַרף מען מער, אפֿילו די קאַלטע מתנגדים זענען אַ גאַנצע נאַכט נישט אַרויס פֿון שול...

און אָנגעהויבן האָט עס זיך אָט אַזוי, ווי אַ קלייניקייט, אַ גאָרנישט.

מיט די קלענסטע פּרטים געדענקט נאָך דניאל עפּשטיין ביזן היינטיקן טאָג, ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבן. דער דאָזיקער סיון־טאָג האָט זיך אים אַזוי איינגעקריצט אין זכרון, ווי עס וואָלט נעכטן פּאַסירט. ער, דניאל, איז נאָך דאַמאָלס געווען פֿון די גאָר יונגע „שרייבערלעך" אין ר׳ לייזערס געשעפֿט. ער האָט קוים פֿונדערווייטנס געוואַגט זיך צוצוהערן צו די שמועסן פֿון אַלטן קאַסיר מיט דער שניי־ווייסער באָרד און דעם הויפּט־בוכהאַלטער, דעם לַמדן ר׳ הענעך.

פֿונדעסטוועגן האָט אַפֿילו ער, דניאל, גלייך דערפֿילט, אַז עפּעס איז היינט נישט אַזוי, ווי עס באַדאַרף צו זיין. ער האָט דאָס דערפֿילט גלייך, ווי ער האָט איבערגעטרעטן די שוועל פֿון געשעפֿט. עס איז גענוג געווען צו וואַרפֿן אַ בליק אויף די צוויי „קאַצקער", דעם הויפּטבוכהאַלטער און קאַסיר, כדי צו פֿאַרשטיין, אַז עפּעס וואָס האָט היינט פּאַסירט.

ר׳ בונם האָט זיך געדרייט אַרויף און אַראָפּ איבערן געשעפֿט און זיך געריבן די הענט, ווי עס וואָלט אים קאַלט געווען; און ר׳ הענעך איז נישט געזעסן איבערן גרויסן בוך, נאָר געריבן זיך די ברילן און געקוקט מיט אַ פֿינסטערן בליק צום סופֿים.

דניאלס אויגן האָבן זיך פון געוווינהייט קודם כל אַווענד געטון צום קאַנטאָרל. די אויגן האָבן, זעט אויס, נישט געפונען דאָרט דאָס, וואָס זיי האָבן געזוכט. זיי זענען געבליבן הענגען נישט דעצידירטע, פאַרחידושטע. באַלד האָבן דניאלס דערשטוינטע בליקן געפרווט זוכן באַשייד ביי ר׳ בונמען, וואָס הערט נישט אויף זיך צו רייבן די הענט, ביי ר׳ הענעכן, וועלכער איז אַזוי פאַרמוחט, ווי ער וואָלט נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך אַרום אים.

דניאל האָט, זעט אויס, פון די צוויי אַלטע פּנימער נישט געקאָנט עפּעס קלאָרס אַראָפּלייענען. איז ער געבליבן שטיין האַלב־דערשראָקן ביים לאַנגן שמאָלן טיש, וואָס האָט זיך געצויגן איבער דער גאַנצער לענג פון געשעפט און זיינע אויגן האָבן ווידער געוואַנדערט צום קאַנטאָרל צו.

— אַ... וואָס איז דאָס?... פאַרמאַכט די טיר?... נישט צוגעשפּאַרט מיט אַ שמאָלן שפּאַלט, פון וועלכן עס שיינט אַרויס אַ דינער בלייכער פּאַס ליכט, נאָר פאַרמאַכט, פאַרהעמערט, פאַרשלאָסן... ווען אין דעם וואָרעמען סיון טאָג נעמט פּלוצים פּאַלן אַ געדיכטער קאַלטער שניי, וואָלט עס נישט געווען אַזאַ פּלא, ווי די פאַרמאַכטע, פאַרשלאָסענע, שטומע טיר פון קאַנטאָרל.

— און ר׳ לייזער?... — דאָס וואָרט איז געבליבן הענגען אויף דניאלס ליפּן נישט אַרויסגעבערענגט.

ר׳ לייזער האָט זיך אין דעם טאָג נישט באַוויזן אין קאַנטאָרל. און אויך נישט צומאָרגנס און נישט איבערמאָרגן. דאָס לייכטע צוקילן זיך האָט זיך גענומען עפּעס מאָדנע לאַנג ציען. אַ חשבות האָט זיך צעלייגט איבערן גזשיבאָוו. אויף די שפּיץ פינגער זענען געגאַנגען די מענטשן אַיבערן געשעפט. ווי זייער באַלעבאָס וואָלט געשלאָפן אין דער זעלבער שטוב און זיי וואָלטן אים מורא געהאט איבערצוּוועקן. די קונים האָבן שנעל און שווייגנדיק, ווי שעמעוודיק געמאַכט זייערע קניות און וואַרפנדיק דערשראָקענע בליקן צו דעם פאַרשלאָסענעם קאַנטאָרל, זענען זיי אַרויס פון געשעפט. אפילו די ברייטפּלייציקע און גראָבבייכיקע קאַצאַפּעס האָבן גענומען שטילער רעדן, זענען שטילער געגאַנגען מיט זייערע שווערע שטיוואַליעס און אין חשק געמאַכט זייערע באַשטעלונגען. די פורמאַנעס און טרע־

נער האָבן אויפגעהערט זיך צו שעלטן און מיט געטרייע צעשראָקענע אויגן געקוקט ארויף צו דעם ערשטן שטאָק פון ר׳ לייזערס דירה.

די פענסטער פון גזשיבאָווער הויז, וואָס האָבן יאָרן לאַנג רואיקע און זיכערע אַרויסגעקוקט אויף דער פּריצישער קרולעווסקע, זענען געוואָרן פאַרהאַנגען מיט לאַנגע טונקעלע ראָלעטן. ווי זיי וואָלטן געוואָלט באַהאַלטן ר׳ לייזערן פון דער גאַס, אָפּגרעניצן אים פון דעם שטאָטישן טומל, אָוועקנעמען אים פון וואַרשעווער יידן.

פונדעסטוועגן האָט די גאַנצע שטאָט, האָבן קינד און קייט גוט געוווּסט, וואָס עס קומט פאָר אין ר׳ לייזערס דירה. מען האָט געזען ד״ר הערצן דריי מאָל אין טאָג אַריינלויפן מיט אימפּעט אין דעם שמאָלן טויער פון גזשיבאָווער הויז און מ׳האָט זיך דערפילט זיכערער און רואיקער. נישט קשה, אויף הערצן קאָן מען זיך פאַרלאָזן.

אַ הויכער און דיקער מיט אַ ווייסן קאָפּ האָר און יונגע צעשמייכלטע אויגן האָט ער, הערץ, געקלאַפּט גוט־ברודעריש אַלטע חסידים איבער דער פּלייצע, האָט געזאָגט גראָבע וויצן יידענעס מיט שייטלען, וואָס האָבן פאַרשעמטע אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד, האָט געקנייפּט יונגע ווייבלעך נישט בלויז אין די באַקן, איז געווען אויסגעקאָכט מיט אַלע רביים און „פאָן־בראַט״ מיט די וואַרשעווער גבירים. מ׳האָט געוווּסט אויפן גזשיבאָוו, אַז ער איז אַ פּושע ישראל, אַ האַלבער משומד.

ר׳ שמחהלע חסיד האָט אַמאָל אָפּגעשטעלט ד״ר הערץ, ווען ער איז איילִיק געגאַנגען איבערן גזשיבאָוו, האָט אים אָנגענומען ביי די קלאַפּעס און צו אים געזאָגט:

— וואָס איז ס׳געאייל, הערץ־דאָקטאָר?

— צו אַ חולה, ר׳ שמחהלע...

— און אז ס׳נפש איז קראַנק, וואָס טוט מען דאַמאָלס, הערץ־דאָקטאָר?...

— גייט מען צו מיין „קאָלעגע פּאָ פאַכו״, אַ „גוטן ייד״ — האָט ד״ר הערץ אויף זיין שטייגער געשמייכלט.

— האָסט גוט געזאָגט —האָט ר׳ שמחהלע חסיד פעסטער געבויגן הערצן ביי די קלאַפּעס— איז וואָס־זשע באַלמוטשעסטו, הערץ־דאָקטאָר?...

— כ׳האָב צייט...

— צייט האָסטו, הערץ־דאָקטאָר? —האָט זיך ר׳ שמחהלע חסיד צעקאָכט— דו קוקסט דאָך מסתמא אין די שפּיגלען... זעסט דאָך דיין ווייסן קאָפּ... שוין צייט תשובה צו טון, הערץ־דאָקטאָר!...

— גוט וואָס דו האָסט מיך דערמאָנט, ר׳ שמחהלע — האָט ד״ר הערץ זיך צעלאַכט מיט זיין ברייט געלעכטער. באמת א שאָד יעדע מינוט, ווי לאַנג מ׳קאָן נאָך א זינדיק טון... א יישר כוח, ר׳ שמחהלע, פאַרן דער־מאָנען... כע־כע...

האָט ר׳ שמחהלע א דערשראָקענער אראָפּגעלאָזט הערצס קלאַפּע, האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד, ווייל מען טאָר נישט קוקן אין פּנים פון א רשע און א גאַנצן טאָג געהאַט צו טון מיט זיך, כדי נישט אריינפאלן אין עצבות צוליב א זינדיקער יידישער נשמה, דעם אמאָליקן תלמיד פון ר׳ יהושועלע קוטנער, זכרונו לברכה...

אָן אַנדערן אויף זיין אָרט וואָלט מען נישט געשוויגן אויפן גזשי־באָוו פאַר אַזעלכע רייד.

אָן אַנדערן וואָלט מען עוקר מן השורש געווען, מען וואָלט נישט געלאָזט איבערטרעטן די שוועל פון אַ יידישער שטוב. הערצן אָבער האָט מען אַלץ מוחל געווען. אָן הערצן האָט מען זיך אויפן גזשיבאָוו נישט גערירט. זיין ברייט געלעכטער האָט געוועקט עפּעס אומבאַגרעניצטן צו־טרוי. און ווען מען האָט געזען הערצן ארויפגיין צו ר׳ לייזערן, איז גע־וואָרן עפּעס לייכטער אויפן האַרץ. מען האָט געוווסט, אַז ער, הערץ, וועט זיך „נישט לאָזן״, ער וועט זיך שוין אָן עצה געבן מיטן אויבערשטנס הילף אויך מיט ר׳ לייזערס מחלה...

אָבער ווען מען האָט שפּעטער דערזען, אַז ר׳ לייזערס קאָטש הייבט אָן דריי מאָל אין טאָג פאַרפאָרן פאַרן גזשיבאָווער הויז, אַז עס שטייגט פון איר אויס דער אַלטער פּראָפעסאָר בעראַנאָווסקי און ד״ר הערץ האַלט אים צו ביים אָרעם, האָט מען פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף רחמים.

נאָך אומרואיקער איז מען געוואָרן אויפן גזשיבאָוו, ווען מען האָט געזען, ווי איינער נאָכן אַנדערן קומען אָן ר׳ לייזערס זין, ווי עס איילן נאָך זיי זייערע ווייבער אין גרויסע היטן מיט נאָך גרעסערע שטרוים פּע־דערן, מיט וואַלען פאַרשטעלטע פּנימער און האַלטן ביי די הענט די קינ־דער, ר׳ לייזערס אייניקלעך.

און שוין גאָר צעטראָגן איז מען געוואָרן, ווען מען האָט דערזען, אַז אויך די יידישע שררות פון דאזער שטיבל קומען אָן מיט פּאַרנומענע פּנימער און לאָזן זיך שנעל אַרויף אויף די שטיגן מבקר חולה זיין ר׳ לייזערן.

און שוין גאָר שווער איז אויפן האַרץ געוואָרן, ווען מען האָט געזען די רביים און רבנים אין די שטריימלעך און קאַלפּאַקעס, ווי זיי גייען שווער איבער דער גאַס, אונטערקרעכצנדיק, צו ר׳ לייזערן. דאַמאָלס האָט מען פאַרשטאַנען, אַז עס איז שלעכט, אַז מען דאַרף שוין גאָר גרויסע רחמים.

אוודאי האָט וואָרשע נישט געשוויגן. מ׳האָט ממש איינגעלייגט וועלטן.

פּיוּוויש פעלדשער, מיטן הויכן זיידענעם קאַפּל און דער בלאָנד־גראָלעכער צעקעמטער באָרד האָט, ווי יונה סאַרוואַר אויף שמחות, אי־בערגענומען די הערשאַפט איבער ר׳ לייזערס דירה.

ער האָט אויפגענומען די דאָקטוירים, האָט געבעטן זיצן די שררות פון דאזער־שטיבל, האָט די רביים און רבנים פאַרטייטשט אויף יידיש די רייד פון פּראָפעסאָר, האָט געטריבן פון קאָרידאָר די חסידים און גבאי־טעס. און טיילמאָל, ווען ער איז געווען אין גוטער שטימונג, האָט ער באַ־וויליקט אַרויסצוגעבן פאַר דעם פּראָסטן עולם קורצע לאַקאָנישע „ביולע־טינען" וועגן דעם מצב פון חולה, ביולעטינען, וואָס אויסגעהערט האָט מען זיי מיט גרוים כוונה, ווי, להבדיל, אַ רבישע תורה, הגם עס איז שווער געווען אַ וואָרט צו פאַרשטיין...

די פלעשלעך מיט רפואות האָבן אָנגעפילט מיט שאַרפע ריחות ר׳ לייזערס דירה. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט זיך נישט פאַרלאָזט בלויז אויף רעצעפּטן פון די פּראָפעסאָרן. מען האָט געטון אַלץ, וואָס יידן דאַרפן אין אַזאַ צייט טון. מ׳האָט „צוגעזעצט נעמען", מען „האָט געריסן קברים". ר׳ לייזערס זין און איידעמס האָבן מנדר געווען אויף תלמוד־תורהס און קימפּעטאָרינס, ביי די רביישע טישן האָט מען געשטעלט וויין און מזכיר געווען דעם חולה, מען האָט געברענגט קמיעס און אפילו ווייבערישע סגו־לות, און דער עיקר, מען האָט געזאָגט תהילים. בייטאָג און ביינאַכט האָט מען נישט אויפגעהערט תהילים זאָגן. עס האָבן געזאָגט תהילים חסידים

אנשי מעשה, און פּראָסטע יידן און אפילו די טרעגער און בעלי־עגלות האָבן זיך אריינגעכאַפּט אין בית־המדרש און מיטגעבעטן. און טאָמער זע־נען די אַלטע זינדיק און זייערע תפילות ווערן נישט אָנגענומען, האָבן די יונגע שטימעלעך פון די תלמוד־תורה־קינדער געשיקט זייער אומשולדיק געבעט צום כסא הכבוד.

ווען עס קומט אָבער ד י צ י י ט, העלפט נישט דאָס טועכץ פון מענטשן און ווען דער עולם איז אינדערפרי פון אַ וואַרעמען סיון־טאָג ארוים פון פאַרדינערס שול, נאָך אַ גאַנצע נאַכט תהילים זאָגן — איז ער פּלוצים געבליבן שטיין ווי פאַרשטיינערט: די לאָדנס פון דעם געשעפט אין גזשיבאָווער הויז זענען געווען פאַרהאַמערט און ר׳ לייזערס מענטשן מיט ר׳ הענעך בוכהאַלטער און ר׳ בונם קאַסירער בראש האָבן זיך גע־דרייט ארויף און אַראָפּ איבער דעם שמאָלן גזשיבאָווער טראָטואַר, ווי פאַרלוירענע קינדער, וואָס ווייסן נישט דעם וועג אַהיים...

די לוויה איז פאָרגעקומען אין דעם זעלבן טאָג. אזוי האָט אַ בית־דין פון רביים און רבנים געפּסקנט. חס ושלום, צוליב נארישן כבוד אויפצו־האַלטן אַ יידישע נשמה אין מיטן וועג...

דער גרויסער גזשיבאָווער פּלאַץ איז געווען שוואַרץ פון די יידישע טוכענע און אַלפּאַגענע קאַפּאָטעס. נאָר דאָ און דאָרט האָט פון דער שוואַרצער מאַסע אַרויסגעלויכטן אַ רבנישער קאַלפּאַק.

שווער געווען אָנצוקומען צום גזשיבאָוו, האָבן יידן אָנגעפילט די חסידישע טווארדע און באַלעבאַטישע גראַניטשנע, און אויך די פּריציישע קרולעווסקע האָט אריינגענומען צווישן אירע אַלטע ליפּע־ביימער די טרויערנדיקע יידישע מאַסע.

אָבער נישט בלויז יידן זענען געקומען. אויך די גויים פון מאַרשאַל־קאָווסקע און נייע־וועלט זענען געקומען אָפּגעבן כבוד ר׳ לייזערן. אפילו דער פּאָליציי־מייסטער מיער איז געקומען. די יידן, וואָס ווינען נעבן דער „פּאַלאַטע״, האָבן אים מיט די אייגענע אויגן געזען אַרויסרייטן אויף אַ ווייס פערד אין באַגלייטונג פון צוויי אַדיוטאַנטן. אפילו די פּריסטאַוועס (פּאָליציי־קאָמיסאַרן) זענען געריטן אויף אויסגעפּוצטע פערד, געהאַלטן אין די הענט ווייסע הענטשקעס, אָן געשריי געמאַכט אָרדענונג און צוגעשטעלט צוויי פינגער צום דאַשעק, ווען מ׳האָט ר׳ לייזערס אָרון געטראָגן...

ערשט צו אָוונט־צו איז מען אהיימגעקומען. ר׳ ליזערס זין, און טעכטער און איידעמס און שנורן און אייניקלעך זענען צוריק ארויף אין דער דירה אויפן גזשיבאָוו. עס זענען אויך ארויף ר׳ ליזערס „מענטשן", ווי זיי וואָלטן אויך זיך געפילט ווי אבלים.

די שטובן פון ר׳ ליזערס דירה זענען אָנגעפילט געוואָרן פון פרעמדע מענטשן, וואָס האָבן זיך געדרייט אריין און ארויס און קיינער האָט זיי נישט געפרעגט, ווער זיי זענען און וואָס זיי ווילן, צו וועמען זיי באַדאַרפן און וואָס זיי פאַרלאַנגען...

ר׳ ליזערס זין האָבן זיך אויסגעזעצט אין דער גרויסער עס־שטוב לענג אויס דער וואַנט, אויף קליינע בענקעלעך. און די שנורן האָבן דערלאַנגט בייגל און הארט אויסגעקאָכטע אייער, ווי עס פירט זיך אין אַ יידישער שטוב.

אקעגנאיבער די זין האָבן אויף די הויכע אויסגעבעטע שטולן אוועקגעזעצט זיך די רבנים פון ווארשע און פון דער פּראָווינץ און זייערע שווארצע זיידענע כאַלאַטן האָבן זיך אומהיימלעך געשאָטנט אויף די ווענט...

צום לעצטן מאָל זענען זיי אויף די שטולן געזעסן. צום לעצטן מאָל איז אויף דער ברייטער פאָטער־שטול געזעסן דער אַלטער רבי מיט די קינדיש־בלויע אויגן און מיט די הענט זיך גלייך געמאַכט די באָרד. און צום לעצטן מאָל האָבן די ווענט פון ר׳ ליזערס דירה געהערט אַ „רבישן שמועס".

אומגעריכט פאַר אַלעמען איז עס געקומען צו דעם שמועס. אזוי אומגעריכט, אַז אפילו דער קליינער זעליקל און דער הויכער משה האָבן זיך דאָרט בעת מעשה נישט געפונען. וואָרום וועמען האָט דאָס געקאָנט איינפאַלן, אַז ביים מנחם אבל זיין — גאָר אַ שמועס?!... ניין, קיינעם האָט אַזאַ זאַך נישט געקאָנט קומען אויפן רעיון. אַ שווער שווייגן האָט אַלע ארומגענומען, און דער טיק־טאַק פון גרויסן וואַנט־זייגער האָט יעדן געגרילצט אין די אויערן, ווי אַ גאַסן־געפילדער.

און פּלוצים האָט זיך דערהערט דעם רבינס קול. דאָס באַקאַנטע קול, וואָס קלינגט אָפּ ווי אַ טיפער קרעכץ. דעם רבינס אויגן זענען געווען פאַרשלאָסן, זיין האַנט, וואָס האָט געגלעט די באָרד, איז אין אָנמאַכט אראָפּ־

געפאַלן אויף דעם אַנלען פון דער שטול, און פון זיין האַלב אָפן מויל האָבן זיך ווי ארויסגעריסן אָפּגעהאַקטע ווערטער. מאָדנע ווערטער. ווערטער, וואָס האָבן אָנגעוואָרפן פחד און האָפענונג צוגלייך. ווערטער פון בטחון און פון באַהאַלטענעם ווייטיק.

און דער קלאַנג פון די ווערטער איז געווען אַזעלכער, אַז די מענטשן אין שטוב האָבן ווי אויפגעהערט אָטעמען. אפילו ר' יצחקל מתנגד האָט אויפגעהערט זיך צו רייבן מיט דער האַנט זיין הויכן לומדישן שטערן. אפילו ר' לייזערס יונגע „שרייבערלעך", אויף וועלכע מ'האָט שוין אין שטאָט שטאַרק געמורמלט, האָבן פאַרגעסן אין זיך אַ לאַך צו טון. אויך דניאל עפשטיין, וואָס האָט באַזונדערס ליב געהאַט זיך פריילעך צו מאַכן מיט רבישע תורהס, האָט ברייט צעעפנט די אויגן, ווי ער וואָלט אין די געהערטע רייד עפּעס אַ נייע וועלט אַנטפּלעקט. און נאָך שפּעטער, ווען ער איז אַהיימגעגאַנגען, האָבן אים די מאָדנע ווערטער נישט אָפּגעלאָזט, האָבן אים באַגלייט און געקלונגען עקשנותדיק אין די אויערן.

„... אָפּגעפירט ר' לייזערן אויפן עולם האמת... וואָס־זשע איז דער ווייטיק?... אויף זיך אָדער אויף אים?... — דעם רבינס אויגן האָבן נישט זעענדיק געבלאָנדזשעט, ווי זיי וואָלטן ערגיץ געזוכט אַ תשובה, און באַלד האָט ער זיך אַליין געגעבן דעם ענטפער — ...נישט אויפן גיין אוועק וויינט מען, נאָר אויפן גיין פאַר דער צייט... טאָמער האָט מען עפּעס פאַרפעלט, נישט משלים געווען, נישט געטון דאָס, וואָס מען האָט באַדאַרפט טון... און נישט ווייל מ'וויל נישט, נייערט, ווייל מ'קאָן, נעבעך, נישט... און מ'ווייסט נישט... מען דאַרף וויסן וואָס מען איז... קודם כל זיך אָנקוקן, זיך זען... און דאָס איז שווער... אַן עבודה קשה... עס איז אַמאָל אַ שרעק אויף זיך אַ קוק צו טון... און מען ווייסט נישט, וואָס מען איז און צוליב וואָס מען דרייט זיך אַרום אויף דער וועלט... אפילו דער גרויסער ווייסט נישט שטענדיק... אפילו דער מנהיג קאָן בלאָנדזשען... מ'וויל שטענדיק זיין דאָס, וואָס מען איז נישט... מ'איז זיך נישט מסתפק מיט דעם, וואָס מען איז באמת... צו וואָס מ'קאָן דערגרייכן... און דערפון קומען די ירידות... דאָס פאַרפּלאָנטערן זיך אין פרעמדע בגדים... די בלאָנדזשענישן ביים זוכן פרעמדע כתרים... און וואָס גרעסער דער מענטש, אַלץ גרעסער דער נסיון...

און פּלוצים נעמט די שטים זיך אָן מיט כּוח, מיט זיכערקייט און פעסטקייט:

— איך בין מעיד אויף ר׳ לייזערן, אַז ער האָט משלים געווען... דאָס איז געווען זיין כּוח... ער האָט געוווסט, וווּ ער געהער... אַ יידישער סוחר... אַ סוחר פון גזשיבאָוו... דאָס איז ער געווען... און ביי דעם זיך געהאַלטן... נישט געלאָזט זיך אָנשיכּורן פון געלט און גדולה... און די נסיונות זענען געווען גרויסע... חסידות, צדקות, חכמה... געלט קאָן אַלע כּתרים זיך אָנמעסטן... און ער האָט זיך געהאַלטן ביי ס׳זייניקע. נישט געלאָזט זיך אַראָפּפירן פון ס׳זייניקע... געווען אַ יידישער סוחר. אַ פּשוטער סוחר פון גזשיבאָוו...

די שטים איז מיטאַמאָל אַראָפּגעפאַלן אַ מידע, אַ דערשעפּטע, אַ צעבראָכענע: „...און אויף ווי ווייט ס׳איז געווען כּוח, האָבן מ י ר ב י י א י ם געלערנט די מידה פון האַלטן זיך ביי ס׳זייניקע...״

אין דער שטוב איז אויסגעבראָכן אַ געוויין. די ערשטע האָבן זיך צעכליפּעט די ווייבער. זיי זענען אפילו געזעסן אין דער צווייטער שטוב און קיים געקאָנט הערן דאָס שוואַכע קול פון רבין. דער ווייבערישער חוש פאַר טרערן דערגרייכט אָבער אויך פון דערווייטנס...

באַלד האָט זיך צעוויינט אויך דער מענערישער עולם. עס האָבן גע־וויינט ר׳ לייזערס זין און איידעמס, און עס האָבן געוויינט ר׳ לייזערס מענטשן, און עס האָבן געוויינט די רבנים אין די אַלטע זשיפּיצעס, און עס האָבן מיטגעוויינט אַלע, דער גאַנצער עולם.

זיי האָבן געוויינט, ווי זיי וואָלטן זיך ערשט איצט אָפּגעגעבן אַ חשבון פון דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט זיי געטראָפן, ווי זיי וואָלטן ערשט איצט זיך דערוווסט, וועמען זיי האָבן אין ר׳ לייזערן אָנגעווירן, ווי זיי וואָלטן ערשט איצט זיך דערפילט פאַריתומט און אַליין...

און זיי האָבן געוויינט אויך אויף זיך אַליין, אויף זייער אייגענער אָרימקייט און נעבעכדיקייט. ווי אָרים און ליידיק וועלן זיי אוועק פון דער וועלט און עס וועט נישט זיין קיינער, וואָס זאָל אויף זיי מעיד זיין...

זיי ווייסן דאָך גאָרנישט, ו ו ו זיי געהערן און ו ו ע ר זיי זענען... זיי האָבן מורא באַקומען אַ קוק צו טון אויף זיך, אויף זייערע פּנימער... און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער רבי זעט זייער נעבעכדיקייט,

זייער אָרימקייט און זייער שפלות, און זיי האָבן זיך געשעמט צו קוקן איי־נער אויפן אנדערן, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, אַז איינער וועט פון אַנ־דערנס פּנים אַלץ אַרויסלייענען. און זיי האָבן נאָך העכער געוויינט. אין דעם געוויין געוואָלט זיך פאַרגעסן, פאַרטרינקען אַלע שווערע דאגות און טרויעריקע רעיונות...

א שווייגנדיקער איז דער רבי געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי ער וואָלט זיך געהאַט איבערטראָגן אין גאָר אַנדערע עולמות, ווי ער וואָלט נישט געהערט דאָס געוויין אַרום זיך, ווי ער וואָלט נישט געזען די מענ־טשן, וואָס באַקלאָגן זייער נעבעכדיקייט און פאַריתומטקייט. ענדלעך האָט ער זיך אויפגעשטעלט. א שווייגנדיקער איז ער געגאַנגען פון איין פענסטער צום אַנדערן, פון איין ווינקל צום אַנדערן, ווי ער וואָלט זיך געזעגנט מיט דער שטוב, וווּ ער האָט טישן געפּראַוועט און תורה געזאָגט, ווי ער וואָלט געוווּסט, אַז מער וועט ער שוין דאָ נישט זיין, אַז דאָס הויז אויף גזשיבאָוו וועט שוין אויף אייביק בלייבן פאַריתומט...

מער האָט ער נישט גערעדט. אומזיסט האָט געוואַרט דער עולם. א שווייגנדיקער איז ער אַרויס פון דער שטוב און נאָך אים זענען אַרויס די רבנים און די „דייטשן" פון דאָזער שטיבל און דער גאַנצער עולם.

דניאל עפּשטיין איז צוזאַמען מיט אַנדערע אַראָפּ אין גאַס. ער האָט א בליק אַרויף געטון צו די פענסטער פון גזשיבאָווער הויז. די פענסטער זענען געווען פאַרהאַנגען מיט טונקעלע ראָלעטן און עס האָט געיאָגט פון זיי אומעט און שרעק.

דניאל עפּשטיין האָט גענומען האַסטיקער גיין און דעם רבינס ווער־טער האָבן אים נאָכגעיאָגט. ער איז נישט געוואָרן פרומער, און אוודאי נישט חסיד. אָבער די תורה פון רבין איז אים אריין אין בלוט. ער האָט געדענקט יעדעם וואָרט, און נאָך מיט יאָרן שפּעטער וואָלט ער די רייד געקאָנט נאָכזאָגן מיטן ניגון, מיט יעדן קרעכץ, מיט יעדער תנועה, נישט ערגער פאַר דעם קליינעם זעליקל.

ד ו ד  פ ל י נ ק ע ר

ק א פ י ט ל 2

# די ירושה

אין די בתי־מדרשים און שטיבלעך אויפן גזשיבאָוו, טוואַרדע און אין אַלע אַרומיקע געסלעך און אַפילו אין מאַקאַטאָוו און פּעלצאָוויזנע, און אין פּראַגע און גראָכאָוו, און אויך אין די שטעט און שטעטלעך פון דער גאַנצער פּוילישער פּראָווינץ האָט מען נישט לאַנג געקאָנט טרויערן און פּראַווען אבילות נאָך ר׳ לייזערס טויט. ס׳איז פּשוט קיין צייט נישט געווען דערויף.

אַ גרויסע און שווערע דאגה האָט אַלע אַרומגענומען, האָט באַהערשט אָן אויסנאַם די גרויסע סוחרים פון גזשיבאָוו און די קליינע סוחרימלעך פון דער פּאַנסקע, און די פישער־יידענעס אין די האַלעס און די מעקלער, וואָס האָבן זיך געדרייט ביי גאָלדפּעדערן און לאַנדוען, און די מלמדים אין חדרים, און די חסידישע גבירים אויף דער פּראַסטע, און די פורמאַנעס און טרעגער־יונגען אויפן „פּלאַץ״, און די פרומע מקוה־יידענעס, און די פּאַר־פּיומירטע טעכטער פון די נאָטאַנזאַנס, און די סטרוזשעס פון די יידישע הייזער, וואָס לעבן פון „פּיאַנטקאָווע״, און די שאַרפע חסידים, אנשי מעשה, וואָס געדענקען פּשיסכער צייטן. קורץ, נישט געווען אין וואַרשע אַ מענטש, וועמען עס זאָל לאָזן צו רו די שווערע און ביטערע דאגה: וואָס וועט זיין מיט ר׳ לייזערס ירושה?...

די זאָרג וועגן ר׳ לייזערס ירושה איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַפילו די חדר־יינגלעך, די עזות־פּנימער, טרעפנדיק ווי יעדן טאָג ר׳ נעצלען „די פּעטע זופּ״ מיטן טלית־זאַק אונטערן אָרעם גיין דאַווענען, האָבן אים פאַר־געסן אָפּצושטעלן און פרעגן מיט ממזריש תמימותדיקע פּנימער:

— גוט מאָרגן, ר׳ נעצל, נו, ווי האָט אייך געשמעקט רייזעלעס זופּ?...

און דאָס איז געווען אַזאַ וווּנדער, נישט קיין קלענערער, למשל, ווי איוואַן דער סטאַיקאַווי פון צירקל זאָל זונטיק אַ שיכורער זיך נישט יאָגן נאָך די חסידישע יונגעליית, ווען זיי גייען אַרויס פון „שטיבל״ און נישט וועלן זיי אָפּשערן די פּיאות.

וואָרום פּונקט ווי איוואַן דער שיכור איז געווען די שרעק פון די

„קעסט־איידעמס" אויף טוואַרדע, אַזוי איז ר' געצל „די פעטע זופּ" געווען צוליב אַ מעשה שהיה דער ליבלינג פון די וואַרשעווער קונדסים.

אַן אָרנטלעכער ייד געווען ר' געצל, אַ ייד אַ נגיד. זיין הויז אויף גזשיבאָוו אונטערן סקווער איז געווען אַ גרויסע דריי־שטאָקיקע געביידע און האָט געהאַט נאָך אַ גרעסערן הויף, וואָס האָט זיך געצויגן אַזש ביז באַגנע. דער הויף האָט געברענגט, ברוך השם, פּרנסה נישט ווייניקער ווי דאָס הויז. די פּראָווינצער בעלי־עגלות, קומענדיק צו ר' לייזערן נאָך סחורה, זענען פאַרפאָרן אין ר' געצלס הויף און אים טאַקע געצאָלט „שטיי־געלט".

פּרנסה האָט דאַנקען גאָט ר' געצלען נישט געפעלט, ער האָט אָבער נישט געקאָנט, ווי מען שמועסט, צוליב אַ קללה פון קוזמירער, זכרונו לברכה, האָבן הנאה פון זיין געלט. אַזאַ קאַרגשאַפט, מ'זאָל אַפּגעהיט ווערן, אַז מ'האָט ביי אים אין שטוב נישט קיין ייד געגעבן צו עסן און אַליין אויך נישט געגעסן. אַזוי ווייט, אַז יעקעלע לץ האָט דאָס אויף אים גע־זאָגט, אַז על פּי דין איז געצל מחויב צו עסן אין תשעה באב אַ סעודה מיט פיש און פלייש און טאַקע אויך אַ גלעזעלע ווין און טאַקע פאַר דעם אַלעם באַצאָלן, ווייל אַ גרעסערע פּיין פאַר ר' געצלען קאָן גאָרנישט געמאָלט זיין...

ר' געצל האָט שטאַרק אָפּגעהיטן, אַז די פורמאַנעס זאָלן אים, הלילה, נישט באַגנבענען. פלעגט ער יעדן טאָג אינדערפרי אַראָפּ אין הויף און איינקאַסירן דאָס שטיי־געלט.

פון די פורמאַנעס האָט אָבער געלעבט און געהאַט פּרנסה נישט בלויז ר' געצל, נאָר אויך רייזעלע די אלמנה. זי האָט געוווינט ביי ר' געצ־לען אין הויז, אין אַ קעלער־שטוב, און האָט געקאָכט פאַר די פורמאַנעס קאָכעדיקע זופּ. דער פּרייז איז געווען אַ האַלבע קאָפּיקע פאַר אַ שיסעלע. דער ריח פון דער קאָכעדיקער זופּ האָט געררייצט ר' געצלס נאָז, האָט אים פאַרקלעמט ביים הארץ און איינמאָל האָט ער נישט אויסגעהאַלטן און אַ זאָג געטון צו רייזעלען:

— אַ פיינע זופּ, שמעקט אַ מחיה...

רייזעלע האָט זיך אַזש פאַררויטלט פון אַזאַ לויב און לייטיש אָפּ־געענטפערט:

— דער באַלעבאָס וועט אפשר פאַרזוכן?

— נו, מאַ... — האָט ר׳ געצל געפּילט ווי דאָס שפּייעכץ קומט אים אין מויל, און מיט ציטערדיקע הענט גענומען דאָס שיסעלע זופּ.

און אַזוי האָט ער אָנגעהויבן צו עסן רייזעלעס זופּ און נישט פאַר־געסן צו זאָגן:

— עס שמעקט, אַ מחיה...

נישט מער, צו באַצאָלן די האַלבע קאָפּיקע האָט ער פאַרגעסן, אָבער װעגן דעם האָט רייזעלע זיך נישט געקימערט. נישט קשה, ביי ר׳ געצלען מעג מען זיך זאַמלען, מסתמא וועט ער עס שוין באַרעכענען, ווען עס וועט קומען צום דירה־געלט.

עס איז געקומען צום דירה־געלט און ר׳ געצל האָט נישט באַרעכנט. זעט אויס, ווייטער פאַרגעסן. רייזעלע די אַלמנה האָט נישט געוווּסט, וואָס צו טון. מאָנען ביי געצלען האָט איר אַי נישט געפּאַסט, אַי זי האָט נישט געוואָגט. נישט געבן דאָס שיסעלע זופּ ר׳ געצלען, האָט דאָך אוודאי קיין חן נישט...

רייזעלע האָט זיך נישט געקאָנט געבן קיין עצה. דערפאַר האָבן שוין די פורמאַנעס געוווּסט, וואָס זיי האָבן צו טון. אַזאַ דבר אחר... אַ רוח אין ז... אַן אָרימע אַלמנה אָפּצועסן די ביינער... מירן אים שוין געבן זופּ... זיי האָבן זיך צוזאַמענגעלייגט. יעדער האָט געוואָלט האָבן אַ חלק אין דער מצוה פון אָנלערנען אַ דבר אחר און געקויפט אַ קוואַרטירל ריצינאייל און נישט געזשאַלעוועט צו באַשמעלצן ר׳ געצלס שיסעלע... ר׳ געצל האָט געשמאַקעוועט:

— אַזאַ פעטע זופּ... אַזעלכע „אויגן״... אַ מחיה...

און די פורמאַנעס זענען געשטאַנען נעבן אים און געזאָגט:

— צום געזונט, ר׳ געצל, צום געזונט...

מילא, האָט זיך דאָס דעם טאָג אָפּגעטון אין ר׳ געצלס הויף!... די היינט־מאָדישע וויגאַדעס זענען נאָך נישט געווען אין אַ סך וואַרשעווער הייזער, און ר׳ געצל איז יעדע פאָר מינוט געלאָפן איבערן גרויסן הויף זיינעם, צוקרעכצנדיק, און יעדעס מאָל איז אים אַן אַנדער פורמאַן אַקעג־נגעקומען און געפרעגט:

— נו, ווי האָט אייך געשמעקט די זופּ, ר׳ געצל?...

ר׳ געצל האָט טייער באַצאָלט פאַר רייזעלעס זופּ. ער האָט מער זיך נישט געקאָנט באַווייזן אין הויף און געמוזט דינגען אַ מענטש, איינצו־קאַסירן דאָס שטיי־געלט. דאַוועגען אָבער מוז דאָך אַ ייד גיין, און דאָ האָבן אים שוין אָפּגעטשאַטעוועט די חדר־יונגאַטשעס און מעשה־תם אים געפרעגט:

— גוט מאָרגן, ר׳ געצל, ווי האָט איך עפּעס געשמעקט רייזעלעס פעטע זופּ?...

„ר׳ געצל די פעטע זופּ" האָט סוף כּל סוף געמוזט שלום מאַכן מיט דעם דאָזיקן גוט מאָרגן. מיט דער צייט האָט ער זיך צוגעוווינט צו דער לאַבעסעריי און שוין מיט אַ פריינטלעכן שמייכל געטריבן פון זיך די קליינע קונדסים:

אין חדר אַריין, שקצים.

און דעריבער, ווען ער איז מיטאַמאָל אַרויס אין גאַס און געזען, ווי די חדר־יינגלעך, האַלטנדיק זיך ביי די הענט, פאַרטיפטע אין אַ שמועס, לויפן אים פאַרביי און שענקען אים צומאָל נישט אַ בליק, האָט ער זיך דערפילט אומהיימלעך, פרעמד, ווי ער וואָלט, חלילה, מיטן טלית־זאַק אונ־טערן אָרעם פאַרבלאָנדזשעט צווישן גויים.

ער האָט אפילו געוואָלט אָפּשטעלן אַזאַ קונדס, אים אַ קניפּ טון אין באַק און פרעגן:

— נו, און ווו איז דער גוטמאָרגן?

באַלד אָבער האָט ער זיך דערמאָנט אָן ר׳ לייזערס ירושה, איז אים גלייך קלאָר געוואָרן, אַז די חדר־יונגאַטשעס האָבן איצט וויכטיקערע זאַכן אויפן קאָפּ און ער האָט גענומען גיין מיט שנעלערע טריט אין בית־המדרש, מורמלענדיק צו זיך אַליין:

—אַ קשיה אויף אַ מעשה, איבער נאַכט האָט דאָך געקאָנט עפּעס פּאַסירן...

אין בית־המדרש און אין שטיבל האָט מען טאַקע געגוי געוווּסט אַלץ, וואָס עס טוט זיך אָפּ אַרום דער ירושה. ר׳ לייזערס קינדער האָבן אפילו געמיינט, אַז זיי טוען אַלץ, כּדי נישט אַריינצופאַלן אין מענטשנס מיילער. זיי האָבן זיך אָפּגעשלאָסן מיט די בוררים בחדרי חדרים, און פון אַלעם געמאַכט אַ גרויסן סוד... דער עולם אין די שטיבלעך האָט זיך אויס־

געלאַכט פון אַזעלכע סודות, און די קלענסטע פּרטים פון דער גרויסער ירושה־מחלוקת זענען אים גוט באַקאַנט געווען.

ווען אַלעם האָט מען געוווּסט. קיין שום זאַך האָט זיך נישט געלאָזט באַהאַלטן. די מינדסטע קלייניקייט איז ברייט אַרומגערעדט געוואָרן.

מען האָט געוווּסט, אַז אַלע וואַרשעווער רבנים פּאַרען זיך אַרום דער ירושה. איז עס אָבער געווען צו ווייניק. האָט יעדער פון די פינף זין און צוויי איידעמס זיך גענומען צו הילף אַ גרויסן רב פון דער פּראָווינץ. אַזש פון אויסלאַנד — פון קראָקע און לעמבערג האָט מען אַראָפּגעבראַכט רבנים. און אויך דאָס איז צו ווייניק געווען. זענען געקומען צו הילף דעם רבינס קינדער, זיינע זין און איידעמס. און יעדער יורש האָט געהאַט אויף זיין צד אַן אַנדער „קינד" פון רבין זאָל לעבן.

ווען אָבער אויך די רבנים און רביים האָבן זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן, האָט מען שוין געמוזט ברענגען „פּאַמאָץ" אויך פון די גוייאישע גאַסן, און מען האָט שוין געזען קומען צו די „סעסיעס" נישט בלויז רבנישע שטריימלעך, נאָר אויך צילינדערס פון די גרעסטע וואַרשעווער אַדוואָקאַטן, פון די קירשרוויטס און עטינגערס.

האַ, האַ, האַ!... וואָס עס האָט זיך אויף די סעסיעס אָפּגעטון!... עולם איז געווען מלא התפעלות פון די אויפטון פון קירשרוויטן און פון עטינגערס קלוגע איינפאַלן. ממש לומדישע פּשטלעך... וואָס דען, פּאַרט גמראַ קעפּלעך... ועל כולם האָט מען נישט אויפגעהערט זיך אַנצודערציילן מיט וואָסער דרך ארץ די גרעסטע אַדוואָקאַטן הערן זיך צו צו יעדן וואָרט פון רבין, וועלכער האָט זיך, אמת פון דערווייטנס, באַנוגנט מיט צושיקן פון צייט צו צייט אַ קורץ בריוול, ביז וואַנען ער וועט נישט איינזען, אַז ער מוז אַליין אַרויסטראָגן דעם פּסק...

עולם האָט אָבער נישט געהאַט געדולד צו וואַרטן אויפן פּסק פון רבין און אַליין בלייבן פּאַסיווע צוקוקער. האָט מען זיך גענומען צו דער אַרבעט. עס האָבן זיך געשאַפן צדדים, וועלכע האָבן געפירט צווישן זיך פאַרביטערטע מלחמות. איין צד איז געשטאַנען שטאָל און אייזן פאַר ר' לוין. דער צד איז געווען דער גרעסטער. נישט דערפאַר, ווייל ר' לוי זאָל האָבן געווען אַזוי באַליבט ביי קהל. „נאָר וואָס איז דאָ אַסך צו רעדן" — האָבן זיינע אָנהענגער געטענהט — ר' לוי איז דער עלטסטער זון, דער בכור,

און עס איז א בפירושער דין... און ר׳ לייזער האָט אויך אזוי פארשטאַנען. נאָך בחייו געוואָלט אים מאכן פאר זיין ממלא מקומו. ער האָט זיך אָן אים נישט געריררט. נישט קיין אַנדערן, נאָר דווקא אים, ר׳ לוין, געשיקט אין דאזער שטיבל. אים אפילו דערלויבט אויסצוטוישן דאָס פירקאנטיקע יידישע היטעלע אויף א דייטשישן צילינדער, ווען ער האָט באַדארפט גיין צו די „דייטשן״ אויף א „סעסיע״, הגם מ׳האָט אין שטיבל קרום געקוקט אויף אזעלכע דרכים...״

די טענות פון ר׳ לוים צד זענען נישט געווען אוועקצומאכן מיט דער האַנט. פונדעסטוועגן האָבן אָבער די אַנדערע בשום אופן נישט געוואָלט מסכים זיין אויף אַזאַ פּסק. זיי האָבן געשריגן, אז די אַלע רייד זענען שקר וכזב. ר׳ לוי איז טאַקע אַ בכור, יאָ, דאָס וויל אים קיינער נישט פאַרלייקענען. דערפון איז אָבער נאָך נישט געדרונגען, אז אַלץ קומט אים, אז ער דאַרף זיין דער מושל בכיפּה. איז וואָס שייך דעם דין, איז עס גאָר נישט אזוי פּשוט, ווייט נישט אזוי פּשוט... מיר זענען אויך יידן, מיר זענען ברוך השם אויך נישט עמי־הארצים, כע, כע... אויך אַמאָל געעפּנט אַ יידיש ספר און מיר ווייסן פון אַנדערע דינים... לאָמיר זשע גלייבער נישט טשעפּען דעם דין. אלא וואָס — מענטשלעכקייט? נו, אדרבה, זאָגט אַליין, צי ר׳ הערשעלעס איין פינגער איז נישט שקול קעגן דעם גאַנצן ר׳ לוי: אַ ייד אַ מזג טוב, קאָן נישט ארויסרעדן אַ הויך וואָרט, אַ ייד אַ חסיד, איז בלב ונפש אַנגעקניפּט אָן רבין. מ׳קאָן זאָגן ממש אַ בעל מדרגה. איי ער איז נישט אזוי אויסגעקאָכט מיט די „דייטשן״? על כן איז וואָס? נישט קשה, ר׳ לייזערס אַ קינד וועט זיך שטענדיק און אומעטום קאָנען אַן עצה געבן...

נישט אַלע קעגנער פון ר׳ לוין האָבן אָבער געקאָנט איינגיין אויף ר׳ הערשעלען. מ׳קאָן נישט זאָגן, אַ טייערער ייד, נישטאָ אסך אַזעלכע, אָבער פאָרט אַ בטלן. זעט איר, ר׳ שמואל יוסף איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. דער קאָפּ איז אַ פייער, ממש אַ ברען... אמת, ער איז דער ייננגסטער, נו, איז וואָס? בן פּורת יוסף...

פאַרשטייט זיך אז ר׳ חיים, דער מיטלסטער, האָט געהאַט זיינע חסידים, וואָס זענען גרייט געווען צו גיין פאַר אים אין פייער. און אויך ר׳ שמועלע האָט געהאַט אַ צד, וואָס האָט געליאַרעמט, געשריגן און אַנ־

געוויזן באותות ובמופתים, אז נאָר ר׳ שמעולע דער שוויגער איז ראוי צו ר׳ לייזערס גדולה...

האָבן זיך ווידער געפונען יידן, וואָס קאָנען נישט פאַרטראָגן עוולות, און זיי האָבן זיך אָנגענומען די קריוודע פון ר׳ לייזערס צוויי איידעמס ר׳ יצחקל און ר׳ אברהמעלע, טייערע יידן, בני תורהס און בר־דעת...

שווער געווען דורכצוקומען מיט די יידן. יעדער האָט זיך געהאַלטן ביי ס׳זייניקע, האָט זיך פאַרעקשנט און נישט געוואָלט הערן פון א פשרה.

אַזעלכע צוויי גוטע פריינט, ווי דער קליינער זעליקל און דער הויכער משה זענען זיך געוואָרן צוליב דער ירושה דם־שונאים.

— דו מחוצף און גראָבער יונג —האָט דער קליינער זעליקל זיך געקאָכט— ביסט דאָך נישט ווערט צו נעמען אין מויל אַריין אַזא ייד ווי ר׳ הערשעלע! אַזא תכשיט פון א ייד... נאָר גיי גיב עס צו פאַרשטיין א גראָב נפש... האַלט זיך דווקא ביי ר׳ לוים פּאַלע. וואַרט, ער וועט דיך אפילו אונטערן טיש נישט לאָזן...

און דער הויכער משה האָט געקלאַפּט אין טיש און געשריגן:

— בהמה בצורת אדם!... זע נאָר ווי דאָס רייסט זיך דעם גאָרגל, און דעם דין האָסטו פאַרגעסן, עם הארץ!... דעם דין... א בכור... און וועגן אונטערן טיש זאָלסטו נישט זיין מיין פאַרזאָרגער! יונגה סאַרווער איז מען, ברוך השם, בייגעקומען, וועט מען זיך ווייטער אויך אַן עצה געבן...

יאָ, שווער געווען צו דערגיין א טאָלק און פונאַנדערוויקלען דעם פּלאָנטער, וואָס האָט זיך עפּעס פאַרקניפּט, מ׳ווייסט אייגנטלעך נישט ווי אַזוי און פאַר וואָס, ארום ר׳ לייזערס ירושה.

און שווער איז געווען, ווייל אַלע האָבן געוווסט, אַז עס האַנדלט זיך דאָ נישט בלויז וועגן געלט. די צען מיליאָן —אין די שטיבלעך האָט מען געוווסט, אַז גאָלדפעדער אליין שאַצט אַזוי הויך דעם ווערט פון ר׳ לייזערס פאַרמעגן— וואָלטן, ברוך השם, געסטאַיעט פאַר אַלע. פאַר די פינף אָן עין הרע זין און צוויי איידעמס. אוודאי וואָלט עס געסטאַיעט. הלוואי אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט...

יאָ, מכוח געלט וואָלט מען שוין ווי ס׳איז דורכגעקומען. ס׳זענען דאָך יידן, וואָלט מען זיך געזעצט צום טיש, געזוכט אַן עצה. פריער צי שפּעטער געפונען אַן אויסוועג, אויסגעקלערט עפּעס א קלוגע פשרה. באַין

ברירה וואָלט מען „אוועקגעזעצט נאָך עטלעכע בוכהאַלטערס", מען וואָלט נעמאַכט אַ געגויען השבון. אַ האַלבן מיליאָן אַרויף, אַ האַלבן מיליאָן אַראָפּ, און עס וואָלט געגומען אָן עק...

ביטער אָבער איז, ווען מען רעדט נישט דאָס, וואָס מען מיינט, ווען רעדן רעדט זיך כּלומרשט נאָר וועגן געלט און מיינען מיינט מען גאָר עפּעס אַנדערש.

און גאָר שלעכט איז, ווען דאָס, וואָס מען מיינט באמת, איז אַ זאַך, וואָס מ'קאָן נישט אויסחשבונען. אַ זאַך וואָס אַז איר ווילט, איז עס אַ פּרוטה נישט ווערט, און אַז איר ווילט, איז אפילו ר' לייזערס פּאַרמעגן צו קליין צו קאָנען דערפּאַר באַצאָלן. אַ זאַך אָן איידעלע, וואָס אַז דו נעמסט עס אין האַנט, צעקריכט עס דיר צווישן די פינגער און דו ווייסט עס אפילו נישט, ווו צו זוכן. אַ זאַך, וואָס נישט מ'קאָן עס אָנטאָפּן, נישט מ'קאָן עס אָנרופן מיט אַ נאָמען, נישט מ'קאָן זיך דערמיט טיילן. אַ זאַך, וואָס מ'קאָן בלויז אַרויספילן, אַז מען מיינט דערמיט ר' לייזערס ש ט ו ל, זיין שם אין דער וועלט, זיין אָנזען און זיין גדולה.

מיט כּל טוב איז ר' לייזער געבענטשט געווען: מיט עשירות, און מיט גדולה, און מיט רחבות, און מיט מנוחה, און מיט פינף געראָטענע זין און צוויי טעכטער אָן עין הרע.

ער איז געווען אַ גוטער טאַטע צו זיינע קינדער און בחייו האָט זיי גאָרנישט געפעלט. אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט... נישט מער וואָס די בערד, וואָס זענען ביי ר' לייזערס זין און איידעמס געוואַקסן, האָבן שוין אפילו אָנגעהויבן גראָ צו ווערן, און זיי זענען נאָך אַלץ „ר' לייזערס קינדער". לעבן נאָך אַלץ אין זכות פון טאַטנס יחוס. אָן א י י - ג ע נ ע ם נאָמען האָט מען נאָך אַלץ נישט. מ'הערט נישט אויף צו זיין „ר' לייזערס".

ר' לוי גייט אין דאַזער־שטיבל, ווייל ער איז ר' לייזערס זון. אויף ר' הערשעלע וואַרט מען מיטן דאַווענען, ווייל ער איז ר' לייזערס קינד; ר' שמואלן גיט מען אָפּ כּבוד אין באַנק, איז ער דאָך עפּעס ר' לייזערס יינגסטער. און אַזוי מיט ר' היימען און מיט ר' שמעולע, און מיט ר' אברהמעלע, און מיט ר' יצחקל... ווען מען איז יונג, איז מען אפילו צו־פרידן, אָבער שפּעטער, ווען מ'האָט שוין אַליין קינדער אויסצוגעבן, הייבט

מען אַן בענקען נאָך אַן אייגענעם נאָמען, ווערט עס דערעסן כסדר צו זיין „ר׳ לייזערס קינד"...

און באַקוועם איז עס אויך נישט. דער טאַטע וויל פון אַלעם וויסן. ער פאַרלאַנגט אַ חשבון פון יעדער קליינינקייט, וויל מען שיקן דאָס ווייב אין באָד קיין פראַנצעסבאַד, מוזן מאַן און ווייב גוט זיך פאַרקלערן: „וואָס וועט זאָגן דער טאַטע?" און דאָס זעלבע מיט דינגען אַ נייע דירה, און מיט קויפן נייע מעבל. אפילו אויף די ווייבערס נייע קליידער קוקט קרום דער טאַטע... ר׳ לוין אַליין האָט דאָס האַרץ גוט געקלאַפּט ביי קויפן די נייע „סאַלע", ווו ער זאָל קאָנען פאַרבעטן אויף אַ גלעזל טיי די שררות פון דאָזער שטיבל...

אוודאי איז מען זיי מקנא, און עס איז דאָ פאַרוואָס מקנא צו זיין. זיי אַליין, ר׳ לייזערס זין און איידעמס, האָבן אָבער גוט געוווּסט, אַז עס איז נאָרנישט אַזאַ לייכטע זאַך צו זיין, ביי עטלעכע און פערציק און טאַטע שוין קרוב חמישים, נאָך אַלץ, צו זיין — ר׳ לייזערס קינד...

מ'קאָן נישט זאָגן, זיי זענען געווען געטרייע און איבערגעגעבענע קינדער.

און ווען דאָס אומגליק איז געשען, האָבן זיי זיך געפילט ווי הילפס־לאָזע עלנטע יתומים.

נישט מער, וואָס ווען מען איז אויפגעשטאַנען פון דער שבעה, האָבן זיי זיך געפילט אַזוי, ווי אַ ייד, וואָס קומט אַהיים מוצאי יום־כיפור נאָכן מעת־לעתדיקן תענית. דער טיש איז געדעקט מיט אַ שניי־ווייס טיש־טעך, דער סאַמאָוואַר גיט פון זיך אַרויס אַ באַטעמטע וואַרעמקייט, פון דער קיך דערטראָגט זיך דער ריח פון די געפילטע פיש און געבראָטענע גענזנס, די קאַראַפקע מיט בראָנפן גיט אַ צי ביים האַרץ. אַ ייד איז אָבער פּאַרט אַ ייד. ער וואַרפט זיך נישט ווי אַן עשו, צו דער אכילה. ער לייגט בנעימותדיק צונויף דעם טלית, ברומט זיך צו אין דער שטיל דעם „מאַ־ראַלישן" בבקרת, גלייכצייטיק זעט ער אָבער, אַז דער פאַ ער־שטול שטייט אַן אַרויסגערוקטער און וואַרט אויף אים. און עס וואַרטן אויף אים די געפילטע פיש, און דאָס פעטע צימעס, און די קאָכעדיקע יוך, און דאָס באַטעמטע גענזנס.

און הגם אַן אורח איז שטענדיק אפילו צו דער מוצאי יום־כיפור־

סעודה און אָנגעלייגטער גאַסט, ווערט אָבער דעם ייִד שווער אויפֿן האַרץ, ווען עס פֿאַלט פּלוצים אַריין צו אים אין שטוב אַ מחנה אומגעבעטענע געסט, צעלייגן זיך ברייט ביים טיש, מעשׂה באַלעבאַטים, אַזוי, אַז עס בלייבט פֿאַר דיר איבער קוים אַ ווינקל זיך אַריינצושטופּן... די מאכלים וועלן אַפֿילו סטאַיען פֿאַר אַלע. קיינער וועט דיר נישט צונעמען דעם קאָפּ פֿיש, דיין חלק גענזנס וועט בלייבן, אויך דעם טעלער צימעס וועט מען דיר נישט אַוועקנעמען. דו וועסט זאַט ווערן. אָבער עס האָט שוין מער נישט קיין טעם און קיין חן, דו פֿאַרלירסט דעם אַפּעטיט צו דער גאַנצער סעודה, דו קאָנסט מער נישט די הענט צענעמען און עס ווערט ענג און איבערדריסיק...

אַזאַ געפֿיל האָט געהאַט יעדער איינער פֿון ר׳ לייזערס זין און איי־דעמס, ווען מ׳האָט זיך באַדאַרפֿט אַוועקזעצן ביים טיש און אַ טראַכט טון וועגן דער ירושה. עס איז געוואָרן ענג. דער אַפּעטיט איז פֿאַרגאַנגען. עס איז געוואָרען איבערדריסיק. און יעדער פֿון די יורשים האָט געפֿילט, אַז ער וועט נישט אויסהאַלטן דאָס זיצן מיט זיי אַלע ביי איין טיש, אַז עס פֿעלט אים איינפֿאַך לופֿט צו אָטעמען...

שוין דאָס צונויפֿברענגען ר׳ לייזערס קינדער ביי איין טיש איז נישט געווען פֿון די לייכטע זאַכן. די שאלה איז געווען: ו ו ו ? ביי וועמען קומט מען זיך צונויף?

פֿון דעם וואָרט פּרעסטיזש האָבן ר׳ לייזערס יורשים אַפֿילו נישט געהאַט געהערט. און אין די „שטיבלעך" האָט מען אוודאי וועגן דעם קיין אַנונג נישט געהאַט. פֿונדעסטוועגן איז די „פּרעסטיזש־פֿראַגע" ווי אַ שווערער וואָלקן געהאָנגען איבער גזשיבאָוו.

ר׳ לוי האָט אָנגעבאָטן זיין „סאַלע". אייגנטלעך האָבן אַלע פֿאַר־שטאַנען, אַז אַזוי דאַרף אויך זיין. ר׳ לוי איז דער עלטסטער ברודער, האָט אַליין אָנזען אין דער שטאָט, גייט שוין זינט יאָרן אין דאַזער שטיבל, ביי אים אין שטוב פֿלעגט מען זיך ביז איצט טאַקע צונויפֿקומען און ער האָט אויך די שענסטע „סאַלע"...

אָבער טאַקע דערפֿאַר ווייל אַלע האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז אַזוי דאַרף עס זיין, אַז צונויפֿקומען דאַרף מען זיך נישט ביי קיין אַנדערן, נאָר ביי ר׳ לוין, האָבן די ייִנגערע ברידער און שוועסטער און איידעמס בשום אופֿן

דערויף נישט געוואָלט מסכים זיין. זיי האָבן גלייך רעוואַלטירט (ווי מ׳דריקט זיך אוים אויפן היינטיקן לשון) קעגן לוים פאַרכאַפּעריש־ן ווילן און פּה אחד געענטפערט:

— ניין, צו לוין גייען מיר נישט. מוחל די טובה. און זאָל ער זיך האַלטן די „סאַלע״ פאַר זיינע „צילינדערס״ פון דאָזער שטיבל...

ר׳ לוי איז געוואָרן מלא חימה, ווען ער האָט זיך דערוווסט פון די ברידערס תשובה און געענטפערט:

— מילא, אויב זיי שטייט נישט אָן מיין שטוב, איז נישט. איך קאָן וואַרטן, איך וועל זיך פון אָרט נישט רירן...

מחמת גרוים כעס האָט ער נישט געוואָלט הערן פון דער פּשרה, אַז מען זאָל זיך צונויפקומען אין אַלטן הויז אויפן גזשיבאָוו, וואָס זיינע פענסטער קוקן איצט אַרוים, ווי אבלים, אויף דער פּריצישער קרולעווסקע. פריער וואָלט ער מסכים געווען, נאָר איצט, ווען „זיי״ שטייט נישט אָן צו קומען צו אים, ר׳ לוין, אין שטוב, ווי עס פּירט זיך צווישן מענטשן, זאָלן זיי טון וואָס זיי ווילן. ער וועט אַנדערש נישט מאַכן...

אין די שטיבלעך האָט מען פאַרשטאַנען, אַז די זאַך ווערט ערנסט, אַז די גרויסע מחלוקת הייבט זיך אָן. ווען ר׳ לוי עקשנט זיך איין, איז נישט דאָ וואָס צו מאַכן. גיי ריר אַ וואַנט...

זענען שליחים געלאָפן אַהין און צוריק, און עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. ווען גבירים שפּאַרן זיך איין, קאָן עס חלילה דערגיין צו סכנת נפש. זענען יידן צווישן מנחה למעריב, אין שול, געווען שטאַרק באַזאָרגט: ס׳איז נישט גוט...

ערשט אַ שליח מיוחד פון רבין האָט פאַרענדיקט די ערשטע שלאַכט צווישן ר׳ לייזערס קינדער. ר׳ לוי איז דער עלטסטער — אַזוי האָט דער רבי אַליין באַפוילן — און די יורשים דאַרפן זיך צונויפקומען ביי אים, אין זיין שטוב, און עס זאָל נישט זיין מער קיין מחלוקת צווישן ר׳ לייזערס קינדער.

ר׳ לוי האָט בנעימותדיק געגלעט זיין בלאָנד־גראָלעכע באָרד. ער האָט זיך געפילט, ווי אַ גענעראַל, להבדיל, נאָך דער ערשטער געוווּנענער שלאַכט. מיטן אויבערשטנס הילף וועט ער אויך געווינען די ווייטערדיקע. ווער ווייסט אָבער, צי דער דאָזיקער נצחון האָט אים נישט צו־

טייער געקאָסט... באַזיגטע האָבן טאַקע נישט קיין אַנדערן אויסוועג ווי אונטערגעבן זיך. אין זייערע הערצער הייבן אָן אָבער שפּראָצן קערנדלעך פון שנאה, עס יערן זיך די ביטערע סאָקן פון דער געליטענער באַליידי־קונג און ביי דער ערשטער געלעגנהייט — פלאַקערט זיך פונאַנדער דאָס פייער פון בונט...

גרויסמוטיק, ווי עס פּאַסט פאַר אַ זיגער, האָט ר׳ לוי אויפגענומען זיינע געסט. ער האָט פריינטלעך געשמייכלט צו זיינע ברידער און שוואָ־גערס, האָט געהאַט פאַר יעדן פון זיי אַ גוט וואָרט און זיי אַריינגעפירט אין דער גרויסער „סאַלע", וווּ עס האָבן געברענט אַלע זשיראַנדאָלען און די טישן זענען געווען סערווירט לויט דער נייער מאָדע, וואָס די נאַטאַנ־זאָנס האָבן אַראָפּגעבראַכט קיין וואַרשע.

מיט די ברידער און שוואָגערס זענען מיטגעקומען זייערע ווייבער, אויסגעפּוצטע אין מאָדעלן פון ווין. די בריליאַנטן אין די אויערן, אויף די הויכע בויסטן און אויף די פינגער, האָבן פאַרלויכטן די שטוב מיט פינקעלדיקע קאָלירן און האָבן מיט זייער שיין דערציילט די רומפולע גע־שיכטע פון ר׳ לייזערס הויז.

מיט די פרויען האָט זיך אָפּגעגעבן דבורהלע, ר׳ לויס ווייב. זי האָט זיי אַריינגעפירט אין דער קלענערער סאַלע. די טירן צו דער גרויסער זענען געשטאַנען אָפן אַזוי, אַז מען האָט אַלץ געקאָנט זען און הערן און דאָך נישט זיין אינעווייניק און מאַכן דעם אָנשטעל, אַז מען מישט זיך נישט און מ׳וויל גאָרנישט וויסן פון די מאַנסבילס עסקים, ווי עס פּאַסט פאַר פרויען פון גוטע יידישע שטיבער.

ר׳ לוי און דבורהלע האָבן זיך געמיט צו דערהייטערן די געסט, געשען איז אָבער פּונקט פאַרקערט. וואָס פריינטלעכער עס זענען געווען די באַלעבאַטים, אַלץ שטייפער און פאַרשלאָסענער זענען געווען די געסט, אַלץ פאַרכמורעטער זענען געוואָרן זייערע פּנימ׳ער און שטעכיקער די בליקן פון זייערע אויגן.

באַלד זענען אָנגעקומען די רבנים אין נייע גלאַנציקע אַטלאַסענע כאַלאַטן מיט הויכע קאַלפּאַקעס אויף די קעפּ. שווייגנדיק און ערנסט האָט מען זיך געזעצט צום טיש און אַפילו אַ בליק נישט צוגעוואָרפן צו די אַלע באַטעמטע זאַכן, וואָס האָבן זיך אויף אים געפונען.

שווייגנדיקע און ערנסטע האָבן די רבנים איינמאָל און נאָכאמאָל גענומען אין האַנט די חשבונות, איבער וועלכע ר׳ הענעך בוכהאַלטער האָט וואָכנלאַנג געאַרבעט ספּעציעל פֿאַר דער אסיפה וועגן. מיט ווייסע איידעלע הענט האָבן די רבנים בעת מעשה זיך געריבן זייערע הויכע גמרא־שטערנס, ווי עס וואָלט זיי געווען שווער תופס צו זיין דעם פאַרנעם פון ר׳ ליוזערס פאַרמעגן. זייערע אויגן האָבן זיך האַלב פאַרשלאָסן, ווי זיי וואָלטן נישט געקאָנט אויסהאַלטן דעם בליאַסק פון דעם גאָלד, וואָס האָט צו זיי אַרויסגעלויכטן פון די חשבונות...

אין דער שטוב האָט געהערשט אַ שווערע שטילקייט. די מענטשן האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, אַז באַלד וועט זיך דאָ באַווייזן דער אַלטער ר׳ ליוזער און וועט זיי אַלעמען פונאַנ־דעריאָגן, די יורשים און זייערע ווייבער, און די רבנים, וואָס זענען דאָ אַהערגעקומען באַלעבאַטעווען מיט זיין האַרעוואַניע...

ר׳ יצחקל מתנגד, דער עלטסטער פון די רבנים, האָט זיך אָנגעטון אַ כוח און איבערגעריסן די שטילקייט, וואָס איז געוואָרן מיט יעדער מי־נוט אומדערטרעגלעכער. אין פאַרזיכטיקע ווערטער מיט אַ שטילער קוים הערבאַרער שטימע האָט ער גערעדט. מ׳דאַרף היטן די ירושה. ס׳וואָלט געווען אַ זינד אַזאַ יידיש פאַרמעגן צו צעטרענצלען, צו צערייסן אויף שטיקער, עס וואָלט געווען אַן עבירה מיט אייגענע הענט אַ תל צו מאַכן פון דעם גזשיבאָווער הויז... על כן ליגט ער פאַר די ברידער און די שוועס־טער און די שוואָגערס זיך צו האַלטן ווייטער צוזאַמען. נישט צעגיין זיך, נישט מאַכן שבת פאַר זיך... זאָל זיך דאָס גזשיבאָווער הויז ווייטער פירן ווי בחייו... אַ פּראָבע אויף אַ יאָר... און דערנאָך וועט מען זען. וועלן אַלע צופרידען זיין, איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן, טאָמער, חלילה, נישט, מילא, וועט מען זיך דאַמאָלס צעגיין. מ׳איז דאָך עפּעס נישט צווישן פרעמדע... ברידער, שוואָגערס... עס וואָלט געווען אַ שיינע זאַך, באמת אַ דבר גדול...

ר׳ לוי האָט האַסטיק פאַרמאַכט די אויגן, ווי ער וואָלט מורא גע־האַט, אַז זיי וועלן אים פאַרראַטן. ווי שטאַרקן ווייַן האָט ער געטרונקען די רייד פון ר׳ יצחקלס מויל. ער האָט זיך שוין געזען זיצן אין קאָנטאָרל

אויף ר׳ לייזערס שטול. ער האָט שוין געהערט זיין אייגענע שטים, ווי ער־גיט אַרויס באַפעלן די „מיענטשן“.

ער נעמט אויף די קופּצעס פון מאָסקווע. ער רעדט מיט די „דייטשן“ און מיט די רבנים און מיט די כּלל־טוער... ער האָט שוין ווי אין חלום אַרויסגעגעבן דעם באַפעל איינצופירן נייע „פּאַזשאַנדקעס“. מ׳קאָן דאָך נישט דערלאָזן, אַז יעדעס פּראָווינצער יידל זאָל אים, ר׳ לוין, דולן אַ קאָפּ מיט נאַרישקייטן...

ער האָט פּאָרזיכטיק געעפנט די אויגן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז דער זיסער חלום וועט מיטאַמאָל פאַרשווינדן. זיין בליק איז אַ דער־שטוינטער געפאַלן אויף די פּנימער פון זיינע ברידער און שוואָגערס. וואָס באַדייט דער גליקלעכער שמייכל, וואָס שיינט אַראָפּ פון זייערע געזיכטער? וואָס באַדייטן זייערע פאַרחלומטע אויגן?

מיטאַמאָל איז ר׳ לוין קלאָר געוואָרן, אַז יעדער פון זיי חלומט דעם זעלבן חלום וואָס ער. אַז יעדער פון זיי מעסט זיך צו ר׳ לייזערס לבוש. אַז יעדער פון זיי טרוימט וועגן ר׳ לייזערס שטול...

און דאַמאָלס האָט ר׳ לוי פאַרשטאַנען, אַז דער וועג צום קאָנטראָל שטייט נאָך נישט פאַר אים אָפן. עס איז אים געוואָרן ענג און דושנע. עס האָט אים פאַרפעלט אָטעם: וואָס ווילן זיי פון אים?... ווער האָט נאָך זיי געשיקט? ווער דאַרף זיי דאָ האָבן? זייערע צעוואַקסענע קערפּערס יאָגן אויף אים אַרויס אַ קאַלטן שווייס. זייערע פעטע לייבער ליגן אויף זיין ברוסט ווי אַ קלעפּיקע משא...

די יורשים האָבן נישט געקוקט איינער אויפן אַנדערן. זייערע הענט האָבן געבלאָנדזשעט נערוועז איבערן טיש, ווי זיי וואָלטן נישט געקאָנט געפינען זיך אַן אָרט. זיי האָבן געשוויגן און געוואַרט. און אַליין נישט געוווּסט אויף וואָס מען וואַרט.

אויך די ווייבער אין דער קליינער סאַלע זענען מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן. מיט דעם אויסגעפּרוווטן חוש פון סוחרישע יידישע טעכטער האָבן זיי דערפילט, אַז די אַנטשיידענע שעה האָט אָנגערוקט, און זיי דאַרפן זיין גרייט צו קומען צו הילף די מענער.

ר׳ שמואל יוסף, דער יינגסטער, האָט מער נישט געקאָנט אויס־האַלטן דאָס שווייגעניש. ער האָט מיט ביידע הענט זיך אָנגעהאַלטן אָן

טיש, ווי די כוחות וואָלטן אים אויסגעגאַנגען, זיין בלאָנדע צוגעקעמטע באָרד האָט זיך ווי א שטעל אויף געטון. ער האָט שווער אָפּגעאָטעמט און נישט קוקנדיק אויף קיינעם, הייזעריקלעך א פרעג געטון:

— און ווער וועט זיין דירעקטאָר?...

אַלעמען ביים טיש איז עפּעס לייכטער געוואָרן.

א שווערן שטיין האָט דער הייך־קאָפּ שמואלעק אַלעמען פון האַרץ אַראָפּגענומען. ער האָט געזאָגט דאָס, וואָס מען דאַרף, דאָס וואָס איז יעדן געלעגן אויפן האַרץ פון דער ערשטער מינוט און דאָס, וואָס עס האָט קיינעם פון די יורשים נישט געגעבן קיין מנוחה און נישט געלאָזט צו רו בייטאָג און ביינאַכט. נישט דאָס וואָרט „דירעקטאָר” איז, פאַרשטייט זיך, געווען דער עיקר, נאָר דאָס וואָס מ'האָט דערמיט געמיינט צו זאָגן. יעדער איינער פון די יורשים האָט דאָס געוואָלט פרעגן, נאָר עס האָט זיך עפּעס נישט געלייגט אויף דער צונג. אשטייגער הכל יודעים למה הכלה נכנסת לחופה... שמואלעק איז אָבער שמואלעק... פאַרט באַקוועם, ווען ער איז דאָ...

ר' יצחקל מתנגד האָט אומגעקערט זיין פּנים צו ר' שמואל יוספן. ער האָט ווייטער געריבן זייער פאַרזיכטיק און שטיל. אוודאי איז ר' שמואלס שאלה אַן ערנסטע. געוויס, געוויס... מ'דאַרף פריער אַלץ באַרעכענען, קלאָר מאַכן, סוף כל סוף זענען עס דאָך פאַרט ברידער און שוואָגערס... וואָס קאָן שוין זיין נענטער... פּירט מען זיך ווי ביי יידן אין אַזאַ פאַל. דער עלטסטער... הזקן שבחבורה... נישט חלילה קיין מושל, נאָר עלעהיי זאָל זיך דאַכטן, אַז ר' לייזער לעבט... איז דעריבער מיין איך, אַז דאָס גלייכסטע וואָלט געווען, ווען ר' לוי...

וואָס לענגער ר' יצחקל האָט גערעדט, אַלץ מער האָבן די יורשים געפילט, אַז עס איז נישטאָ קיין עצה, אַז מען מוז מסכים זיין מיט זיינע ווערטער. אַז לוי וועט סוף כל סוף ווערן דער גאַנצער מאַכער. אויך ר' שמואל האָט מיט א שווער האַרץ אַזוי געטראַכט און ער ווייסט אַליין נישט ווי אַזוי, נאָר נישט ווילנדיק האָט זיך פון זיין מויל אַרויסגעריסן ווי א קרעכץ, ווי א וויי־געשריי איבער א חלום, וואָס איז פאַרשוווּנדן:

— אַלץ ער!...

ר׳ לוי, שוין זיכער אין אַנטגילטיקן נצחון, האָט מיט איינמאָל גער־וואָלט ליקווידירן דעם געפּאַלענעם קעגנער, און מיט אַ שטעכיק איידל שמייכעלע אַ פרעג געטון:

— אפשר דו, שמואלעק?... האָסט דאָך עפּעס געפירט וואזשנע עסקים מיט וועלוול וויינשענקער...

דער עולם ביים טיש האָט זיך צעשמייכלט. אפילו אין אזא ערנסטער מינוט איז נישט מעגלעך געווען נישט אַ שמייכל צו טון, הערענדיק, ווען שמואלעקס געשעפטן מיט וועלוועלע וויינשענקער. אין דער ווייבער־שטוב האָט שמואלעקס פרוי אַרויסבאַקומען אויפן פּנים רויטע פלעקן...

ר׳ שמואל יוסף האָט דערפילט, אַז ער ווערט אינגאַנצן צעזעצט פון כעס. זיינע אויגן האָבן אויפגעפלאַקערט. ער האָט האַסטיק אַ רוק אוועק פון זיך געטון די שטול. אַ דראָענדיקער האָט ער זיך איבערגעבויגן איבערן טיש און צווישן די ציין אַרויסגעקריצט:

— דו גישט! ביי מיין לעבן — גישט!...

ניין! ער וועט זיך מער נישט לאָזן טרעטן מיט די פיס! גענוג! לוי וועט מער נישט זיין זיין פאַרזאָרגער. באדאי אַלץ זאָל פאַרברענט ווערן, אבי נישט ער!... אים, ר׳ לייזערס יינגסטן זון צו מאַכן ללעג ולקלס אין די אויגן פון פרעמדע מענטשן, פון רבנים!... אים וואָגן איצט אַזעלכעס צו דערמאָנען!... אָן וועלוול שענקער!... ווייניק צרות, ווייניק חוזק געהאַט אויסצושטיין זינט יענעם שבת... און וואָס האָב איך דען געטון?! וואָס?!... געמאַכט אַ קידוש פאַרן טאַטן, און באַשטעלט ביי וועלוול שענקער דעם טייערסטן וויין. צען רובל אַ פלעשל. איז וואָס?... קאָרגן אפשר פאַרן טאַטן?... און דער וויין האָט אים טאַקע געשמעקט, נאָר ווי דען, אַז מען שמועסט דאָס אמתע ביסל וויין, האָט ער זיך אָנגעגאָסן נאָך אַ גלעזל און געוואָלט וויסן דעם פּרייז. וואָס זשע איז געווען צו טון? זאָגן אים צען רובל? עס וואָלט דאָך געוואָלד אַ געוואָרן... און לוי האָט אויסגעזאָגט דעם טאַטן וויפיל ער האָט באַצאָלט פאַר זיין סאַלע?... יעדער האָט דאָך דער־ציילט דעם טאַטן, אַז מ׳האַנדלט איין רק מציאות. נו, האָב איך געזאָגט אַ רובל אַ פלעשל... איך האָב מיר גלייך אַ בים געטון די צונג, שוין אַ צו גרויסע מציאה... עס איז אָבער שוין געווען פאַרפאַלן. און דאָ הייבט דער טאַטע אָן שיקן צו וועלוולען נאָך שמואלעקס וויין און צאָלט אַ רובל פער

שטיק... וואָס־זשע האָב איך געקאָנט טון? געמוזט צוצאָלן ניין צו יעדער פלאַש... בדלות געוואָרן און קוים געפּועלט ביי וועלוועלע יונגאַטש, אַז דער וויין, וואָס איז אַזאַ מציאה, זאָל איינמאָל פאַר אַלע מאָל פאַרשווינדן פון דעם ווינקעלער... און דערפאַר האָט מען אויך געמוזט צאָלן, און די „בראַטשיקעס" האָבן געלאַכט אין די פויסטן און געמאַכט חוזק... ווייל הייסט לוי ווייטער טרייבן פון אים חוזק... נו, יאָ, וועט מען זען... זיין שוועל טרעט ער מער נישט איבער. זאָל אַלץ גיין אין דער ערד אריין. און לוי וועט ביי מיר נישט זיין דער מאַכער, ביי מיין לעבן — נישט!...

און אויפגעברויזטער איז ר' שמואל שוין געשטאַנען אין פּאַלטאָ און געזוכט דעם שטעקן. נעבן אים האָט זיך גלייך געפונען זיין פרוי, די בלאָנדע שיינדעלע אין גרויסן הוט מיט דער שטרויס־פעדער און מיט אַ טיכעלע זיך געווישט די אויגן.

ר' שמואלס אויפשפרינגען פון טיש, זיין געשריי „ביי מיין לעבן נישט" איז געווען פאַר די אַנדערע ברידער און שוואָגערס אַ דערלייזונג און דערמוטיקונג און אַ סיגנאַל און אַ קאַמפּס־אויפפאָדערונג. מען טאָר זיך נישט אונטערגעבן, מען דאַרף זיך נישט לאָזן פירן פון לוין ביי דער נאָז. מען טאָר אים נישט איבערגעבן דעם טאַטנס שטול. נישט רעדנדיק מער אַ וואָרט, האָבן זיי גענומען רוקן די שטולן און אויפשטעלן זיך...

איינער אַליין איז ר' לוי געבליבן זיצן ביים טיש מיט צעטומלטע און צעשראָקענע אויגן. ערשט איצט האָט ער זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, וואָס ער האָט געטון. צו פרי אויסגעשריען דעם נצחון, צו פרי... פּעטש דאַרף ער זיך אַליין געבן פאַר דעם יינגלישן ארויסשפרינגען מיט וועלוול שענקער... אַ צו הויכן פרייז באַצאָלט פאַר דעם פאַרגעניגן אויסצולאַכן דעם חוצפּהדיקן שמואלעק...

צו שפּעט האָט ר' לוי אָנגעהויבן באַגרייפן, אַז נאָר אויפן וועג פון חניפה און כלומרשטער הכנעה קאָן מען דערגרייכן מאַכט... ער האָט פאַרשפּילט, מיט די אייגענע הענט. צונישט געמאַכט אַלץ, מיט די אייגענע הענט... זיי האָבן דאָך נאָר דערויף געוואַרט. אין האַרץ האָט דאָך יעדער פון זיי זיך געשוווירן ווי שמואלעק: „נישט ביי מיין לעבן" און געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט... און ער, ר' לוי, האָט זיי טאַקע געגעבן די געלעגנהייט.

זיין בליק איז געפאַלן אויף די רבנים. זיינע אויגן האָבן געזוכט ר׳ יצחקלען און אין זיי איז געלעגן געבעט צו ראַטעווען, צו העלפן, צו זוכן אַן עצה, צו געפינען אַן אויסוועג.

די רבנים האָבן זיך צוגעבויגן איינער צום אַנדערן. זייערע קאָלפּאַ־קעס האָבן זיך אויף אַ ווײַלע ווי צוזאַמענגעגאָסן. באַלד אָבער האָבן זיי זיך צעשיידט.

ר׳ יצחקל האָט אַ רעזיגנירטער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. ניין, ער גלויבט מער נישט אין זיינע פריערדיקע רייד. אוודאי איז עס אַ רים אין הארץ. עס גייט אָבער נישט צו מאַכן. צופיל שנאה זיך אָנגעזאַמלט. צופיל קנאה ברענט אין די הערצער פון ר׳ לייזערס קינדער...

אַזוי איז עס אויף דער וועלט. אַזוי איז געווען און אַזוי וועט עס בלייבן. צוליב אַ נאַרישקייט ווערט פון אַלעם אַ תל... מעשה שטן..

ר׳ יצחקל האָט שווער אָפּגעזיפצט. יאָ, יאָ, ווער וואָלט דאָס געקאָנט זיך צוגלויבן. צוליב אַ וועלוול שענקער זאָל חרוב ווערן ר׳ לייזערס הויז. און אין דער אמתן איז עס אפשר גאָרנישט אזא פּלא, אַזוי האָט זיך דאָך שטענדיק אָנגעהויבן ביי יידן (ווי עס איז ביי די גויים האָט ר׳ יצחקל געגנוי נישט געוווסט, אָבער ער האָט גערעכנט, אַז אויך ביי זיי איז נישט אַנדערש). יעדער גרויסער ענין ווערט צונישט צוליב אַ טפשות. צוליב אַ קמצא בר קמצא ווערט חרוב מלכות ישראל... און אַזוי ציט עס זיך פון דור צו דור. יעדער דור האָט שוין זיין קמצא... ער האָט פאַרשידענע נעמען דער קמצא... היינט למשל האָט ער געהייסן וועלוול שענקער... יאָ, נעמען טראָגט ער כלערליי. זיין פּעולה, זיין טועבץ איז אָבער שטענדיק די זעלבע. שנאת חנם און קנאה. און דווקא צווישן אייגענע. וואָס נענטער, אַלץ גרעסער די קנאה. מעגן עס זיין ברידער. מעגן עס זיין שוועסטער. מעגן עס זיין אָפּגעהיטענע יידן... אַזוי איז געווען און אַזוי וועט זיין, ביז...

ר׳ יצחקל האָט זיך אַ רייב געטון דעם הויכן לומדישן שטערן. אָבער דאָס זענען שוין חקירות. אין אַזעלכע ענינים טאָר מען נישט צו טיף פאַרקריכן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און נאָך אים האָבן זיך אויפגע־שטעלט די אַנדערע רבנים.

דער פיין סערווירטער טיש אין ר׳ לוים סאַלע איז געבליבן אַ „פאַר־שעמט״־אומבאַריירטער. מען האָט זיך אויף אים אפילו נישט אומגעקוקט.

מען איז זיך צעגאַנגען מיט גאָרנישט. די זשיראַנדאָלן אין דער סאַלע האָבן, ווי פריער, ליכטיק געברענט. און ר׳ לוי האָט מיטן ציגאַר אין מויל גע־וואַנדערט אַרויף און אַראָפּ איבער דער שטוב. שעהן לאַנג האָט ער אַזוי אַ שווייגנדיקער געוואַנדערט איבער דער סאַלע און דבורהלע איז געגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער און מורא געהאַט אַ וואָרט צו אים אַרויסצורעדן.

די שפּעטערדיקע פּרוּוון צו האַלטן זיך צוזאַמען און נישט לאָזן פאַלן דאָס הויז אויף גזשיבאָוו האָבן זיך אויך נישט איינגעגעבן. קיינער האָט נישט געוואָלט זיין לוים נאָכשלעפּער. נישט געווען קיין אַנדערע עצה, ווי צעטיילן די ירושה.

רבנים און רבישע קינדער, אַדוואָקאַטן און בוררים, בוכהאַלטערס און גלאַט קאָכלעפל האָבן חדשים לאַנג געאַרבעט, זענען זיך צונויפגעקו־מען און צעגאַנגען מיט גאָרנישט, זענען געפאָרן אויפנעמען „רעמאַנענט״ אין די אייזן־גיסערייען אין קינסק, אין די פאַבריקן אין ראַדאָם, האָבן געשוויצט איבער די חשבונות פון די הייזער אין וואַרשע, האָבן געשאַצט די וועלדער, וואָס ר׳ לייזער האָט אַזוי ווי, דרך אגב, געקויפט ביים כראַ־ביע בראַניצקי, האָבן זיך געאַמפּערט וועגן דער צוקראַאָווניע אין זביערסק און האָבן געשטרייט וועגן דער פּאַפּיר־פאַבריק אין ניי־שטאָט.

צענדליקער מאָל האָט עס געהאַלטן דערביי, אַז מען זאָל זיך צעגיין מיט גאָרנישט, אַז ר׳ לייזערס פאַרמעגן זאָל בלייבן הפקר און עס זאָל חלילה פון אַלעם ווערן אַ תל.

סוף כל סוף האָט דער רבי אַליין געמוזט זיך אַריינמישן, האָט גע־מוזט רעדן הארבע דבורים צו די יורשים, און אין זיין שטוב טאַקע האָבן ר׳ לייזערס קינדער געגעבן זיך די הענט. מען האָט געמאַכט אַ חשבון און זיך צעטיילט מיט דער ירושה.

אין די שטיבלעך און בתי־מדרשים אויף דער טוואַרדע האָט דער עולם לייכטער אָפּגעאָטעמט. אַ קליינעניקייט עפּעס: אַראָפּגעפּטרט אַזאַ עול פון קאָפּ. פּטור געוואָרן פון אַזאַ שווערער דאגה, דערפירט צו אַ טאָלק ר׳ לייזערס ירושה. דער קליינער זעליקל און דער הויכער משה האָבן שלום געמאַכט, האָבן לכבוד דעם גרויסן געשעעניש גענומען דעם אמתן טרונק בראָנפן און גלייך אויפן אָרט געפּרוּווט אויסחשבונען, וואָס דאָס דינ־תורהלע האָט אָפּגעקאָסט... אוי האָט עס אָפּגעקאָסט!...

יאָ, עס האָט נישט ווייניק געקאָסט. די מעקלערס האָבן גלייך גע־נומען לויפן איבער דער שטאָט און געזוכט הייזער פאַר די אדוואָקאטן. די רבנים האָבן געפּראַוועט חתונות פון זייערע קינדער און טאַקע אויך געגעבן נגידישע נדבות. די רבישע קינדער זענען אוודאי נישט געוואָרן באַוואָלט און די בוררים און גלאַט נאָכשלעפּער האָבן זיך געוווּנטשן יעדעס יאָר אַזאַ סעזאָן.

אַזוי איז זיך צעפאַלן ר׳ לייזערס הויז אויפן גזשיבאָוו. זיינע פינף זין און צוויי איידעמס האָבן גענומען אויפשטעלן מיט גרויס השק איי־גענע הייזער. און הגם זיי זענען אַלע געווען חסידישע יידן, האָבן זיי אָבער שוין געהאַט גרויס דרך ארץ פאַר די „דייטשן", און געוואָלט זיי נאָכמאַכן, געוואָלט זיי וויזן, אַז ר׳ לייזערס קינדער זענען נישט עפּעס בטלנים און פירן געשעפטן אויפן הייזנטיקן שטייגער.

אין זייערע געשעפטן האָבן זיי געהאַלטן פּראָוואַלטערס און בוכ־האַלטערס מיט געגאָלטע פּנימער, אמתע „דייטשן" און ביי דער טיר זענען געשטאַנען ספּעציעלע מענטשן, אמת אָן מונדירן און אָן מעשענע קנעפּ, און ביי זיי האָט מען זיך פריער געמוזט אָנמעלדן, וואָרום עס קאָן דאָך נישט זיין, אַז יעדעס יידל זאָל דולן אַ קאָפּ...

אַ שטילע פאַרעקשנטע מלחמה האָבן ר׳ לייזערס קינדער צווישן זיך געפירט. איינער האָט געוואָלט איבערשטייגן דעם אַנדערן און אַלע צוזאַמען — לוין. איבערשטייגן מיט אַלעם. מיט גרויסע שיינע ביוראָען, מיט צאָלן הויכע פענסיעס די פּאַרוואַלטער און דירעקטאָרן, מיט דעם „שטאַב" מענטשן און דער עיקר מיט גרויסע גוואַלדראַוואַנע געשעפטן...

ווי די מענער אין געשעפט, האָבן די ווייבער די מלחמה געפירט אין שטוב: מיט די ברילִיאַנטן און אויסשטייערס, מיט שיינע דירות און אויס־לענדיש מעבל, מיט שניידערינס און אויסלענדישע מאָדעלן, מיט אויפ־נאַמעס און שמחות, מיט פאָרן אין די אויסלענדישע בעדער און מיטן צונעמען די בעסטע מלמדים און טייערסטע לערער פאַר די קינדער, און מיטן געבן צדקה און מיטן מהנה זיין דעם רבינס קינדער און דער עיקר מיטן טון שידוכים און געבן נדבות.

דער חסידישער עולם אויף טוואַרדע האָט זיך נישט געהאַט וואָס צו באַקלאָגן. פון אַזוי פיל קידושים און שמחות של מצוה האָט וואַרשע

נאָך נישט געוווסט... מ׳קאָן נישט זאָגן, אָן אָפענע טיר איז ברוך השם בײַ ר׳ לייזערס קינדער... און אַז מען זאָל שוין זאָגן דעם גאַנצן אמת, מאַכן זיי עס אפשר נגידישער ווי דער טאַטע... וואָס איז דאָ אסך צו רעדן, זיי פירן זיך אַזוי, ווי געלט וואָלט בײַ זיי אינגאַנצן נישט געהאַט קיין חשיבות...

פונדעסטוועגן האָט מען אויף טוואַרדע געדרייט מיטן קאָפּ. חסידים האָבן אַ חוש הריח. און די חסידישע נאָז האָט אַרויסגעפילט, אַז עפּעס איז דאָ נישט אַזוי, ווי עס דאַרף צו זיין. שווער אייגנטלעך צו זאָגן פאַרוואָס. חסידים, יידישע יידן... האַלטן זיך ביים רבין, שבת איז אַ חיות אויף זיי אַ קוק צו טון, אויף זייערע זיידענע זשיפּיצעס און טייערע שטריימלעך.. און דאָך... די פּריצישע גענג... דער שומר ביי דער טיר מיטן אָנמעלדן זיך... די געגאָלטע גאַטשאַלסטווא... הלוואי זאָל פון דעם עפּעס גוטס אַרויסקומען...

ר׳ לייזערס קינדער האָבן זיך צעטיילט מיט זייער פאָטערס פאַרמעגן מיטן געלט און מיט די אַקציעס, מיט די הייזער און מיט די וועלדער און מיט די פאַבריקן, נאָר מיט דעם שמאָלן הויז אויפן גזשיבאָוו האָט קיינער נישט געוואָלט זיך אינגאַנצן שיידן. מורא געהאַט די שוועל פון דעם הויז צו פאַרלאָזן. האָבן זיי עס געלאָזט בשותפות. איבערגעלאָזט אַ דינעם פאָדים, וואָס האָט זיי נאָך אַלע פאָרט צוזאַמענגעהאַלטן.

דאָס חיות אָבער האָבן זיי פון דעם גזשיבאָווער הויז אַרויסגעצויגן, אויסגענאָגט פון אים אַלע לעבעדיקע סאָקן, איבערגעלאָזט בלויז די שילד, די אַלטע מיוחסדיקע פירמע.

און כדי זיך אַליין איינצורעדן, אַז דעם טאַטנס געשעפט פירט זיך ווי אַמאָל, האָבן זיי דאָס געשעפט אויסגעפּוצט, איבערגעבויט די סקלאַדעם, צוגעגעבן אַ ליטיש אויסזען די ביוראָ. די נייע „פּאַזשאַנדקעס" האָבן אָבער נישט געקאָנט געבן חיות דעם הויז אויף גזשיבאָוו.

ווי אַן אַלטער דעמב איז געבליבן שטיין אויף זיין אָרט דאָס הויז אויף גזשיבאָוו, מיט איין אָרעם אָנגעשפּאַרט אויף דער חסידישער טוואַרדע און מיטן אַנדערן אַרומגענומען די בעל־הבתישע גראַניטשנע, מיט די שמאָלע פענסטער, וואָס קוקן אַרויס אויף דער פּריצישער קראָלעווסקע,

די וואָרצלען פון דעם דעמב זענען אָבער שוין געווען פאַרדאַרט און אָפּגעשטאָרבן.

די נייע באַלעבאַטים האָבן דעם אַלטן ר׳ בונם קאַסירער געגעבן רשות אַליין צו דערלײדיקן די אַלע, וואָס פלעגן קומען אין קאַנטאָרל בעטן הילף ביים טאַטן... ר׳ בונם האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ און אײנגיבן געקאָנט פעסטשטעלן, אַז מיט יעדן טאָג ווערט קלענער די צאָל פון די אַמאָליקע באַזוכער.

אפילו די דאַרע אָרימע רבנימלעך מיט זייערע חבורים אונטערן אָרעם, אפילו די רבילעך אָן מזל, נעבעך, וועלכע האָבן אינדערהיים איבערגעלאָזט בוגרתן, וואָס האַלטן זיך אין איין אַרומקריגן מיט דער שטיפמאַמע, האָבן אויפגעהערט קומען. אויך די וויזיטן פון די אַלטע מקוהיידענעס זענען געוואָרן זעלטענער. נישט אַלע יורשים האָבן דערפון געוווּסט. זיי זענען זעלטן אַריינגעפאַלן אין דעם הויז אויף גזשיבאָוו. פאַרטון אין די אייגענע גרויסע עסקים, האָט זיי אפילו נישט געאַרט, וואָס לוי האָט זיך ווי באַזעצט אין קאַנטאָרל, ווי ער וואָלט געווען דער איינציקער באַלעבאָס...

דאָס הויז אויף גזשיבאָוו, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג ווי מאַגנעט געצויגן צו זיך די יידן פון וואַרשע און פון דער גאַנצער פוילישער פראָווינץ, האָט מיטאַמאָל גענומען טרייבן פון זיך מענטשן, האָט ווי אַרויסגעגעבן פון זיך ריחות פון צעפוילונג, פלואידן פון איינדאַרונג. פון אָפּוועלקן, פון טויט...

די דאָזיקע פלואידן פון פאַרוועלקונג און שימל האָבן פאַראַליזירט די הענט פון ר׳ לייזערס אַמאָליקע מענטשן. דער יונגער עולם האָט זיך גענומען איינציקווייז אַרויסרוקן און געזעגענען זיך מיטן גזשיבאָווער הויז. אַ טייל פון זיי האָבן זיך געלאָזט אין חדשים לאַנגע נסיעות איבער דעם גרויסן רוסלאַנד און דאָרט זיך צונויפגעטראָפן מיט די קופּצעס, וואָס פלעגן קומען צו ר׳ לייזערן. אַנדערע האָבן אין וואַרשע געפּרווּט פאַרלייגן אייגענע פירמעס...

נאָר די אַלטע לייט מיט ר׳ בונם קאַסירער און ר׳ הענעך בוכהאַלטער בראש זענען געבליבן געטריי דעם הויז אויף גזשיבאָוו. זיי האָבן נישט

געהאט וווהין צו גיין. זיי האָבן געלעבט אין ר׳ לייזערס שאָטן און זיי וועלן נאָך זיין טויט אים נישט פאַרלאָזן. זיי וועלן נישט פאַרראַטן ר׳ לייזערס אָנדענק. אין זיין הויז האָבן זיי אַ לעבן אַ גאַנצעס פאַרברענגט און דאָ וועלן זיי שוין אויך זייערע לעצטע יאָרן אויסלעבן. זיי וועלן ווערן און דאַרן צוזאַמען מיט דעם הויז.

ר׳ בונם קאַסירער האָט אָפּט איבערגעריסן זיין אַרבעט און זיינע אויגן האָבן טרויעריק געוואַנדערט צו דעם טייל פון דעם קאַנטאָרל, ווי זיי וואָלטן דאָרט געזוכט אַ טרייסט. זיי האָבן געזוכט ר׳ לייזערס שאָטן, און זיך געטראָפן מיט די בליקן פון ר׳ הענעך דעם הויפּט־בוכהאַלטער, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט דעם זעלבן וועג, דעם וועג צו דעם פאַריתומ־טן קאַנטאָרל...

די צוויי אַלטע לייט האָבן אַוועקגעבויגן די קעפּ, ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט איינער פאַרן אַנדערן, געשעמט מיט זייער טרויער און מיט זייער בענקשאַפט. ר׳ הענעך האָט זיך טיפער איבערגעבויגן איבערן גרויסן בוך און ר׳ בונמס הענט האָבן לייכט געציטערט ביים „מאַכן קאַסע״...

פון דרויסן האָט זיך געטראָגן דער טומל פון גזשיבאָוו, די געשרייען פון די טרעגער און פורמאַנעס, דער געפּילדער פון די פּראָווינצער סוחרים־לעך און שפּיליטערס און דאָס קלינגען פון דעם טראַמוואַי. וואַרשע לעבט ווי אַמאָל און מאַכט זיך ווייניק דערפון, וואָס ר׳ לייזערס פירמע שלאָפט איין, וואָס דאָס הויז אויפן גזשיבאָוו איז אַרומגעהילט מיט טיפן טרויער, וואָס ר׳ בונם און ר׳ הענעך בענקען נאָך די אַמאָליקע גוטע צייטן.

קאַפּיטל 3

## די גרינע גאַס

דניאל עפּשטיין איז געווען איינער פון די יונגע „שרייבערלעך״, וועלכע האָבן נאָך ר׳ לייזערס טויט פאַרלאָזט דאָס הויז אויף גזשיבאָוו.

אַ קליינער, דאַרער יונגערמאַנטשיק מיט אַ פּאָר קורצזיכטיקע קלוגע אויגן, וואָס האָבן אַביסל פאַרחידושט אַפּערגעקוקט פון אונטער צוויי דיקע גלעזער, האָט ער אין משך פון אַ שיינע פּאָר יאָר שטיל און אומבאַמערקט

געטון זיין ארבעט אין די האַלב־טונקעלע חדרים פון ר׳ לייזערס געשעפט.

ר׳ לייזערס קינדער האָבן קיין אַכט נישט געלייגט, נישט אויף זיין ארבעט און אויך נישט אויף זיין פּאַרלאָזן די פירמע. און באמת, מיט וואָס און מיט וועמען איז דאָ געווען זיך צו באַשעפטיקן און אינטערע־סירן? מיט וועמען?

גענוג, אז ר׳ לוי האָט אים געקאָנט פון פּנים און צוריקגעשאָקלט אויף זיין גוט מאָרגן. גענוג, אז ער, ר׳ לוי, האָט געוווסט, אז דניאל איז יעקב עפּשטיינס זון.

אָן אָרנטלעכער ייד געווען ר׳ יעקב. בעת די קעסט, צוזאַמען גע־לערנט מיט ר׳ לייזערן, צוזאַמען געפאָרן צום רבין, צוזאַמען סעודהלעך געגעסן. אַמאָליקע חברים געווען. נישט געהאַט אָבער קיין הצלחה. אַ גע־דריקטער ייד געווען פון אייביק אָן, ר׳ יעקב. אַ מטופל מיט קינדער. און דערצו כסדר געקרענקט און יינגערהייט געשטאָרבן, נעבעך.

נישט קיין חידוש, וואָס דניאל האָט זיך פרי געזעגנט מיט דער גמרא. אז דער טאַטע איז קראַנק און פּרנסה איז אין שטוב נישטאָ, איז אויך נישטאָ אַ רעכטע השגחה אויף קינדער. חברט מען זיך מיט שלעכטע חברים. הייבט מען אָן לייענען ספרים חיצוניים. טוט מען זיך אָן „דייטש" און נאָך אַזעלכע נאַרישקייטן.

פון רחמנות וועגן האָט ר׳ לייזער אַריינגענומען דניאלן צו זיך אין געשעפט. פאָרט יעקב, עליו השלום, קינד. עלעהיי, אפשר וועט אויך זיין פון אים אַ נוצן. ער שרייבט פּויליש און רוסיש און אפילו דייטש. אין געשעפט קומט עס היינטיקע צייטן צונוץ. זאָל אויך ער זיך פאָרען ביי די ביכער און צוהעלפן ר׳ הענעכן, דעם הויפּט בוכהאַלטער.

אַזוי אַרום האָט דניאל עפּשטיין פאַרגרעסערט די מחנה יונגע שרייי־בערלעך אין דעם הויז אויף גזשיבאָוו. זיינע חברים זענען אויך געווען אַזעלכע ווי ער, געגאַנגען האַלב אָדער שוין אינגאַנצן „דייטש", האָבן זיך געפּאָרעט מיט טריף; פּסולע ביכלעך, קוריץ, געווען, ווי חסידים זאָגן, „גע־כאַפּט אין דער מעשה"...

אין שטיבל האָבן זיך אפילו געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן מתרעם געווען אויף ר׳ לייזערן, הלמאי ער איז מקרב די דייטשן און לאָזט זיי איבער די שוועל פון גזשיבאָווער הויז. מען האָט זיי אָבער משתיק געווען.

ר׳ לייזער ווייסט שוין גוט, וואָס ער טוט, און אויב ער איז עמיצן מקרב, ווייסט ער פאַרוואָס. נישט קשה, מען מעג זיך אויף אים פאַרלאָזן. אלא מאי, זיי מאַכן זיך צו נאַר און איינער פון זיי שרייבט אפילו גראַמען אין זשאַרגאָן, מילא לײדיקע קעפּ!...

אין ר׳ לייזערס זכות האָט מען די „דייטשלעך" געדולדעט, אָבער מיט ביטול צו זיי זיך באַצויגן. מילא, אויף די אמתע „דייטשן", די גאָלד־פעדערס און די נאַטאַנזאָנס, און די אייגערס, וואָס האָבן די שווערע מי־ליאָנען, וואָס זענען יוצאים ונכנסים ביי די כראַביעס און גובערנאַטאָרן, איז קיין קשיא נישט. „וואָס זאָל טון דער זון און נישט זינדיקן"... אָבער צו זיין אַן אָרימער בעל־עבירה!... אויך מיר אַ פאַרגלוסטעניש!...

די אָרימע בעלי עבירהניקעס האָבן זיך אָבער נישט שטאַרק גענומען צום האַרץ דעם ביטול. עס איז געווען זייער גליק, ממש אַ נס מן השמים, וואָס מ'האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט. אַך און וויי וואָלט געווען צו זיי, די „אָרימע בעלי עבירהניקעס", ווען אין די שטיבלעך און בתי־מדר־שים דערוויסט מען זיך, אַז די דאָזיקע משרתים־יונגען לייקענען, רחמנא ליצלן, אין רבונו של עולם, גרייטן זיך מלחמה צו האַלטן מיטן קיסר און לייענען ביכלעך, אין וועלכע עס ווערט בפירוש געשריבן, אַז נישט דער אויבערשטער האָט באַשאַפן אדם הראשון, אַז יידן, די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב שטאַמען גאָר אָפּ פון מאַלפּעס!... אַ זכר וואָלט פון אַזוינע עוכרי ישראל, פון אַזעלכע ירבעם בן נבטס נישט געבליבן!...

צו זייער גליק האָט אָבער קיינעם אויפן רעיון אַזעלכעס נישט גע־קאָנט קומען. מ'האָט געוווסט, אַז זיי האָבן זיך געמאַכט אַ חברה. אויף דער גרינער גאַס זיך געדונגען אַ דירה, נו, איז וואָס?... די שוסטער האָבן זייער חברה, די שניידערס האָבן זייער חברה, די קצבים האַלטן זיך צוזאַ־מען, פאַרוואָס זאָלן די משרתים זיין געמינערט און נישט האָבן אַן איי־גענע חברה?...

אויף דער גרינער גאַס איז אַזוי אַרום געווען רואיק און זיכער. און נאָכדעם, ווי מען האָט נאָך אָפּגעחורשט דעם פּריסטאַוו און אים געצאָלט אַ רעגולאַרן חודש־געהאַלט, האָבן זיך די אָרימע בעלי־עבירהניקעס גע־פילט אויף דער גרינער גאַס, ווי ביי זיך אין דערהיים.

הייסע פּלאָמיקע וויכוחים האָבן זיך דאָרט געצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט איבער יעדן וואָרט פון מאַרקסן, איבער יעדער שורה פון דאַרווינען. די צוויי גרויסע רבים, אין וועלכע אַלע האָבן געגלויבט באמונה שלמה, פּונקט, ווי עס גלויבט א ייד, א חסיד, אין רבינס תורה. נאָר מתווכח געווען האָט מען זיך וועגן טייטש, וועגן מיין פון יעדן אות, וועגן דער כוונה פון יעדן רעיון; און אין די וויכוחים האָבן, ווי ראַקעטן, געלויכטן די נעמען פון בעבעל און פון קאַאוטסקי און פון נאָך און נאָך...

צו די וויכוחים האָבן אָנגעהויבן אַרויפקומען סטודענטן מיט לאַנגע האָר און אויסגעבלייכטע פּנימער פון ישיבה־בחורים. עס האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן די יונגע טעכטער פון די רייכע „דייטשן". שפּעטער האָבן זיך גענומען אַריינגנבענען מיידלעך פון גבירישע חסידישע שטובן, וועלכע האָבן, מיט שוואַרצע פינקלדיקע אויגן, איינגעזאַפּט אין זיך די אַלע רייד וועגן א נייער שיינער וועלט... טיילמאָל האָבן זיך דאָרט אויך באַוויזן צעשראָקענע פּנימער פון חסידישע בחורימלעך מיט די היטעלעך אויפן קאָפּ, און זיי האָבן בעת די וויכוחים זיך פרום צעשאָקלט, ווי זיי וואָלטן געזעסן ביי דער גמרא.

ביסלעכווייז האָבן אויף דער גרינער גאַס אָנגעהויבן זיך ווייזן פרעמדע פּנימער. גויאישע צורהס. אין אָנהייב האָט מען זיך טאַקע געפילט נישט באַקוועם. נישט געוווינט געווען צו אַזעלכע זאַכן. מ'וווינט טאַקע בשכנות, וואַנט ביי וואַנט און טיר ביי טיר, אָבער פאָרט נישט אויסגעמישט. טוואַרדע איז טוואַרדע און מאַרשאַלקאָווסקע איז מאַרשאַלקאָווסקע. שעטנז זענען יידן נישט גורם... אָבער ביי מאַרקסן שטייט אַנדערש געשריבן, האָט מען זיך צוביסלעך צוגעוווינט. און צום סוף געוואָרן היימיש. אייגענע חברה. ביי זיי איז אויך נישט אַנדערש. אויף קראַקאָווער פאָרשטאָט קוקט מען אויף זיי אויך פון אויבן אַראָפּ מיט ביטול און גרינגשעצונג. גויאישע אָרימע בעלי־עבירהניקעס!...

דניאל עפּשטיין און זיינע חברים די „שרייבערלעך" פון גזשיבאָוואָער הויז זענען געווען אָפטע געסט אויף דער „גרינער גאַס" און טאַקע די הויפּט־מאַכערס דאָרט.

דניאל האָט ערלעך און פרום געגלויבט אין זיינע צוויי רבים. ער

האַט זיך געהאַלטן פאַר אַ כופר בעיקר און איז גרייט געווען מלחמה צו האַלטן מיטן קיסר.

פּונקט ווי זיין פאָטער יעקב איבער דער גמרא, אַזוי איז דניאל האַלבע נעכט געזעסן איבערגעבויגן איבער דעם שלחן־ערוך פון קאַרל מאַרקס און דער האַרבער תורה פון דאַרווינען. און פּונקט ווי זיין טאַטע איז גרייט געווען מקיים צו זיין אַלע מצוות פון דער שווערער יידישער תורה, אַזוי האָט אויך ער, דניאל, אויף זיך גענומען דעם שווערן עול מקיים צו זיין אַלע געבאָטן פון דער נייער אמונה.

די גרינע גאַס איז געוואָרן דאָס „שטיבל" פון די אָרימע בעלי־עבירהניקעס. דאָרט, אויף דער גרינער גאַס, האָבן זיי אויסגעטון זיך פון אַלע גשמיותן, האָבן זיך איבערגעטראָגן אין אַ נייער ליכטיקער וועלט. אַ וועלט, וווּ עס זענען נישטאָ קיין אומגערעכטיקייטן. אַ וועלט פון יושר און צדק. פון אמת און שיינקייט. עס דאַכט זיך, אַז עס איז אַזוי לייכט אָנצוקומען אין דער דאָזיקער ליכטיקער וועלט. מען דאַרף נאָר וועלן און — דער גרויסער נס וועט געשען. און פאַרוואָס זאָל מען נישט וועלן? אויב מען פאַרשטייט נאָר, ווי קאָן מען גאָר נישט וועלן. קאַרל מאַרקס און ענגעלס און קאַאוטסקי און בעבעל און אַלע אנדערע ביכער גיבן עס דאָך אַזוי קלאָר צו פאַרשטיין, אַז אפילו בלינדע מוזן דאָך אָנהייבן זען, אפילו טויבע מוזן דאָך אָנהייבן הערן... אלא וואָס? דער קיסר אין פּעטערבורג לאָזט נישט? ער פאַרשטעלט דעם וועג צו דער נייער וועלט? אין דער תורה פון קאַרל מאַרקס און זיינע תלמידים — איז אויך אויף דער פראַגע געווען אַ תשובה. אַ תשובה וואָס האָט אַזוי וווּנדערבאַר געקלונגען אין די אויערן און געהייסן: ר ע װ ו אָ ל ו צ י ע.

גאַנצע נעכט איז מען אויף דער גרינער גאַס געזעסן און געטרוימט, און זיך מתווכח געווען, און זיך געאַמפּערט און עקשנותדיק צווישן זיך געקעמפּט וועגן דעם, ווי אַזוי מען דאַרף זיך גרייטן צו דעם גרויסן טאָג, ווען דאָס וווּנדערבאַרע באַשעפעניש — די רעוואָלוציע— וועט אָנקלאַפּן אין טיר.

ניין, מ'קאָן נישט זאָגן, אַז מען איז געזעסן אויף דער גרינער גאַס מיט פאַרלייגטע הענט. פאַרקערט. מען האָט זיך דאָרט ענערגיש געגרייט

צו דער מלחמה מיטן קיסר. ווען אָבער די מלחמה וועט זיך אָנהייבן, האָט קיינער נישט געוווסט.

דאָס גרייטן זיך איז, זעט אויס, געווען צו ווייניק פאַר דער ענערגיע פון יונגע מענטשן. האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן אַלע עסקים אוועקגעוואָרפן, און זיך געזעצט קנעלן יומם ולילה די דינים פון דער רעוואָלוציע. צו זיין גרייט, ווען עס וועט שלאָגן די שעה און דער גרויסער טאָג וועט קומען.

האָבן זיך געפונען אַנדערע, וואָס האָבן שטיל זיך אָפּגערוקט. זיי האָבן געהאַלטן, אַז פון בלויז לערנען וועט מען נישט געהאָלפן ווערן, נאָר מען מוז אָנהייבן באַצייטנס טון. מען מוז קאָנען די מלאכה גופא... מ׳האָט וועגן דעם נישט גערעדט, נאָר אַזוי בלויז אַ שושקע געטון:

— באַיוווקעס...

געווען זענען אָבער אויך אַזעלכע, וואָס זענען מיד געוואָרן פון קנעלן די דינים פון דער רעוואָלוציע און צו יענע וועגן, וועגן וועלכע מ׳שושקעט זיך אין דער שטיל, האָט דאָס האַרץ נישט געצויגן, האָבן זיי צוביסלעך פאַרשעמטע לגבי זייערע חברים גענומען אויף „דערוויילי" עוסק זיין בישיבו של עולם. פשוט גערעדט: געטון דאָס וואָס זייערע טאַטעס און זיידעס האָבן געטון: געמסחרט. צו די לעצטע האָט אויך געהערט דניאל עפּשטיין.

קאַפּיטל 4

# די נייע פירמע

דניאל עפּשטיין האָט צו דער ריכטיקער צייט פאַרלאָזט דאָס הויז אויף גזשיבאָוו.

קיין בעסערע צייט צום מסחר האָט מען זיך נישט געקאָנט ווינטשן. געלט איז „געלעגן אין די גאַסן". בייג זיך אַראָפּ און נעם וויפל דיין האַרץ גלוסט...

די גרויסע באַנקירן פון לאָנדאָן, פּאַריז און בערלין האָבן ווי פּלוצים אַנטדעקט די אימפּעריע פון די לעגענדאַרע רוסישע צאַרן. און זיי־

האָבן גענומען אויף זיך די היילקע מיסיע צו באַקענען די הונדערט און זעכציק מיליאָן רוסישע מוזשיקעס מיט די רייכטימער און שיינקייטן פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע. די מיסיע איז געווען א דערהויבענע און די האָפענונג אויף גוטע רווחים איז געווען נאָך דערהויבענער.

אין פּעטערבורג איז מען געווען צופרידן. דער דורכגעטריבענער גראַף וויטע, אויף וועמען די יידישע שטיבל־פּאָליטיקער האָבן מעיד גע־ווען, אַז ער האָט א יידישן קאָפּ, האָט זיך פארשטאַנען אויף געשעפט. ער האָט געמאַכט א ווארע און פיינעם קבלת־פּנים פאר דעם הויכן גאַסט — דעם אייראָפּעאישן קאַפּיטאַל. ער האָט געהאַט א ברייטע רוסישע נשמה, א פּריצישן זשעסט און אויסגעצייכנט תופס געווען די לאָזונג פון דער נייער צייט: לעבן און לעבן לאָזן.

אפילו די פרישע גבירים פון דער ווייטער אַמעריקע האָבן זיך אָנ־געהויבן אינטערעסירן מיט די רוסישע סטעפּעס, רוסישע קוילן, רוסישן נאַפט און רוסישן גאָלד. זיי זענען צוגעטראָטן צום שותפות מיט די ראָטשילדס און בלייכפּעלדערס. די רוסישע פּאַפּירן האָבן גענומען גיין באַרג ארויף אויף די בערזעס אין בערלין און פּאַריז, אין לאָנדאָן און ניו־יאָרק.

איינצייטיק מיט דער האָסע אויף דער בערזע איז רוסלאַנד אריין אין דער מאָדע אין די פּאַריזער סאַלאָנען, אין די אייראָפּעאישע פּאַרלאַ־מענטן און אין די רעדאַקציעס פון די גרויסע וועלט־צייטונגען, וואָס האָבן אָנגעזאָגט זייערע לייענער, אַז אין גרויסן רוסלאַנד שפּאַצירן נישט בלויז ווייסע בערן פראַנק און פריי איבער דער גאַס, אַז דאָס לאַנד פון די צאַרן איז נישט בלויז בארימט מיטן סאַמאָוואַר, נאָר עס איז דאָרט אויך פאַראַן א הערלעכע פּאָעזיע און א פּרעכטיקע ליטעראַטור.

די עסטעטן און ליטעראַטור־קריטיקער האָבן מיטאַמאָל אַנטדעקט פּושקינען און לערמאָנטאָוון, האָבן זיך אַנטציקט מיט טורגעניעוון, האָבן גענומען איבערזעצן טשעכאָוון, האָבן דערקלערט גאָגאָליען פאר דעם רו־סישן מאָליער און האָבן פּראָקלאַמירט דעם מערקווירדיקן רוסישן גראַף לעוו טאָלסטאָי פאר דעם נביא פון דער נייער צייט.

אין די פּאַריזער קאַפע־שאַנטאַנען האָט מען געזונגען „וואָלגאַ, וואָלגאַ", אין די בערלינער נאַכט־לאָקאַלן האָט מען געטאַנצט קאָזאַקישע

טענץ. אין לאָנדאָן האָבן ענגלישע לאָרדן געטרונקען ברודערשאַפט מיט רוסישע אָפיצירן, וואָס יעדער צווייטער פון זיי איז אַ „קניאַז" און זיינע גיטער זענען גרעסער ווי די גאַנצע מלוכה פון אַ דייטשישן פירשט. און די אַמעריקאַנער פּריש־אויפגעקומענע יידישע ביזנעס־לייט מיט שיפן בראש האָבן געחלומט צו מאַכן נישט בלויז גוטע ביזנעס (דאָס איז, פאַרשטייט זיך, דער עיקר), נאָר אין איין וועג טון אויך אַ מצוה, ווערן מאָדערנע מאָנטעפיאָרעס און אויסלייזן דעם צאַרס יידן פון אַלע זייערע צרות...

ווי אַזוי אָבער וועלן דייטשע באַנקירן, פראַנצויזישע געלט־מאַגנאַטן און ענגלישע דזשענטעלמענער זיך צונויפרעדן מיט די הונדערטער מיליאָן רוסישע מוזשיקעס? אויף וואָסער שפּראַך וועלן זיי רעדן מיט די ברייט־פּלייציקע מאָסקווער קופּצעס, מיט די באַוואַלדעוועטע פּנימער, מיט העגט גרויסע און באַוואַקסענע, ווי בערישע לאַפּעס? ווער האָט געהערט פון זייערע געוווינהייטן? ווער קאָן זייערע מנהגים? ווער ווייסט זייער געשמאַק און זייער אופן פון האַנדל?

די גאָלדפעדערס און לאַנדאַס, די בערגסאָנס און די נאַטאַנזאָנס, די אייזמאַנס און די אייגערס און די אַלע אַנדערע גרויסע וואַרשעווער „דייטשן" האָבן שנעל פאַריאָגט די כמאַרעס פון דאגות, וואָס האָבן פאַר־וואָלקנט די פּנימער פון די בלייכפּעלדערס אין בערלין, פון די ראָטשילדס אין פּאַריז און פון זייערע קוזינען אין לאָנדאָן. דער וועג קיין מאָסקווע און פּעטערבורג, קיין אוראַל און קיין באַקו, קיין ניזשני נאַוונגאַראַד און קיין אַרכאַנגעלסק פירט ד ו ר ך וואַרשע. וואַרשע וועט זיין די בריק. וואַרשע וועט פאַרבינדן איין עק וועלט מיטן אַנדערן. וואַרשע וועט טראָגן די פאָן פון ציוויליזאַציע אין ווייטן קאַלטן סיביר. וואַרשע וועט טרעפן צו די קאָזאַקן און צו די טשערקעסן, און צו די גרוזינער, און צו די טאַ־טאַרן, און צו די אוזבעקן, און צו די אַלע שבעים אומות, וואָס זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גרויסער רוסישער אימפּעריע.

אין די קאַנצעלאַריעס פון די גרויסע באַנקירן האָט מען נישט גע־צווייפלט אין די גוטע עצה פון די וואַרשעווער יידישע „דייטשן". עס איז גענוג געווען צו וואַרפן אַ קורצן בליק אויף דער מאַפּע, כדי זיך איבער־צייגן, אַז אַנדערש קאָן עס נישט זיין. אַז מען מוז אָנקומען צו וואַרשע, אַז

נאָר װאַרשע קאָן העלפֿן אײראָפּע אַרײַנצודרינגען אין די רוסישע סטעפּעס...

און אַזױ איז אין געדעכעניש פֿון דער גרױסער װעלט װידער אױפֿגעשװוּמען אַן אַלטער, כמעט װי פֿאַרגעסענער נאָמען.

װאַרשע. די רעזידענץ פֿון די פּױלישע מלכים מיט אירע פּריציש פּאַלאַצן, מיט אירע שטורמישע סײמען; מיט אירע ריטערס און קאַנטושן און לאַנגע שװערדן, מיט די לאַזשענקעס, װוּ נאַפּאָלעאָן טראַכט צום לעצטן מאָל דורך זײַן מאַרש אױף מאָסקװע, װאַרשע פֿון דער שײנער װאַלעװוּסקאַ און פֿון די אַלע אַנדערע רײַצנדע פֿרױען־געשטאַלטן, באַזונגענע פֿון טרובאַדורן און דיכטער. און שפּעטער — אַ טרױעריקע פּראָװינצע װאַרשע, אַ שטומע, אַ געשענדעטע. אין דער טיפֿעניש ברענט צאָרן. זידט נקמה. יערט בונט. און אין אַ נאָװעמבער־נאַכט צעטרײסלט זיך אַ שטורעם. יונגע אָפֿיצירן פֿאַלן אַרױס פֿון בעלװעדער, אין די הענט פֿלאַקערס פֿון פֿרײַהײט — װאַרשע פֿון די פּאָװסטאַניעס, פֿון העראָאישע אױפֿטרײסלונגען, פֿון לאַזונגען „פֿאַר אונדזער און אײַער פֿרײַהײט״ און דאַן װידער — װאַרשע פֿון גאַלאָפּירנדיקע קאָזאַקישע פֿערד מיט אױפֿגעשטעלטע פּיקעס און שנעװן אין די אױגן...

דער װילדער גאַלאָפּ פֿון די קאָזאַקישע פֿערד האָט פֿון צײַט צו צײַט אָפּגעהילכט אין די אַריסטאָקראַטישע פּאַריזער סאַלאָנען און לאָנדאָנער קלובן. האָט מען זיך דאָרט מיט גוט געפּלעגטע פֿינגער פֿאַרשטאָפּט די אױערן און בכלל נישט געװאָלט הערן מער דעם נאָמען פֿון דער רעזידענץ פֿון די פּױלישע מלכים. דער נאָמען האָט אַמאָל אַ רים געטון אין געװיסן, האָט דערמאָנט אַן אײגענע זינד און איז בכלל נישט געװען באַקװעם. דער צאַר האָט נישט ליב, אַז מען רעדט װעגן זײַן מלכות און זײַנע אַמבאַסאַדאָרן שרײַבן שטרענגע פּראָטעסט־נאָטעס. גלײַכער צו פֿאַרגעסן אָן דער סירענע שטאָט. אז העלפֿן קאָן מען נישט און מ׳װיל אױך נישט. אָט פֿרעגט יעדעס יאָר אין סטאַמבול דער האַר פֿון די טערקן זײַן גרױס װעזיר: „װוּ זענען די שליחים פֿון די ליאַכן?״ — און באַקומט נישט קײן תשובה...

איצט האָט דער הײליקער טעמפּל פֿון דער נײַער צײַט —די בערזע—

אַראָפּגענומען דעם חרם פון װאַרשע. און צו די פּריסטער פון דעם טעמפּל האָט קיינער קיין טענות נישט געהאַט. אפילו אין דעם צאַרס רעזידענץ איז מען נישט געווען אין כעס. דער קלוגער וויטע איז אפילו געווען צו־פרידן. אַ פיינע שטאָט װאַרשע און בכלל דאָס ווייסל־לאַנד. עס וועט זיין פּרנסה. עס וועט זיין מסחר. און עס וועט פאַרגעסן ווערן די לעגענדע פון דער פּאַוּסטאַניע...

װאַרשע האָט נישט אַנטטוישט. האָט זיך שנעל צוגעפּאַסט צו די פּאָדערונגען פון דער נייער צייט. האָט אָן װאַקלעניש אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פּראָווינצער קליינשטעטלדיקייט און איז געוואָרן מיט לייטן גלייך.

די שטילקייט און געמיטלעכקייט פון דער האַלב דרימלדיקער שטאָט איז מיטאַמאָל פאַרשוואונדן. טומל, גערויש און איילעניש האָבן אָנגעפּולט די גאַסן. ווי איבערנאַכט איז אַ נייע שטאָט אויסגעוואַקסן. אַ בוי־משוגעת איז די מענטשן באַפאַלן. נייע גאַסן זענען געבוירן געוואָרן, און אויך די אַלטע זענען געוואָרן נישט צו דערקענען.

אין די שולן און שטיבלעך האָט מען זיך שנעל אָפּגעפּאַרטיקט מיטן דאַווענען. די גרויסע סוחרים און פאַבריקאַנטן זענען נאָך ווייטער אַוועק. זיי האָבן זיך שוין מתיר געווען אינדערוואָכן אינגאַנצן נישט קומען צום דאַווענען. קיין צייט מער נישט געווען אויף אַזעלכע זאַכן.

ביי גאָלדפעדערן און לאַנדאַ איז געווען אַזאַ יריד, אַז מען האָט זיך קוים געקאָנט דערשטופּן צום באַנק־פענסטערל. אין וואָליע האָט מען גענומען שטעלן פאַבריקן, איינע נאָך דער אַנדערער, מכל המינים, מיט הונדערטער אַרבעטער אין יעדער פאַבריק.

פויערים האָבן אַוועקגעוואָרפן דאָס אַקעראייזן און דאָס דאָרף און זענען געלאָפן אין דער שטאָט, ווו מען דאַרף נישט מורא האָבן פאַרן פּריץ, מ׳ווערט גלייך אַ מענטש מיט מענטשן צוגלייך און מ׳פאַרדינט טאַקע אין איין חודש מער ווי אין אַ יאָר אין פּריצס גוט...

מיט יעדן יאָר האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אַלץ מער יידן פון די קליינע שטעטלעך. אַמאָל איז אַ נסיעה קיין װאַרשע געווען פאַר זיי אַן ענין פון װאָכנלאַנגע טראַכטענישן און װאַקלענישן, איצט האָבן זיי זיך מיטן גאַנצן חשק פון זייערע אויסגערוטע לייבער אַ וואָרף געטון אין

דעם גרויסן טומל, און מערקווירדיק, נישט פארלוירן זיך אין רעש פון דער גרויסער שטאט, נישט פארבלאנדזשעט אין לאבירינט פון די וואר־שעווער גאסן און געסלעך, נישט געפאלן פון די פיס אין די צעשטורעמ־טע כוואליעס פון דעם נייעם לעבן, נאר ארויסגעוויזן זיך גאר פאר אויס־געצייכנטע שווימער מיטן שטראם. מיטן מעכטיקן שטראם, וואס האט געהאט די העזה צו וועלן באוועלטיקן דאס גרויסע רוסלאנד.

אפילו די גרויסע פוילישע פריצים, וואס מסחר איז געווען פאר זיי א מיאוסע און נידעריקע זאך, וואס האבן נישט געוואלט וויסן פון קיין „שאכער־מאכער", ווי זיי האבן גערופן די סוחרים, און זענען גע־ווען פארטון אין „פאלאוואניעס" אדער געזעסן אין פאריז און מיט שיק־סעם פארהוליעט דעם טאטנס פארמעגן, האבן נישט אויסגעהאלטן און זענען מיטגעריסן געווארן מיטן אלגעמיינעם שטראם.

אמת, מיט זייערע איידעלע אייגענע הענט האבן זיי זיך נישט צו־גערירט צו דעם ברודיקן עסק. דערפאר אבער האבן זיי באוויליקט צו באשיינען די שמחה ביי די נאטאנזאנס און בערנסאנס. די ערשטע און די אנדערע האבן נישט דערלייגט צום עסק. אין דעם צארס רעזידענץ האט מען גערן אויפגענומען די פוילישע כראביעס, מ'האט נאר אביסל געשמייכלט איבער די „פאליאטשקעס", אבער געטון געפעליקייטן האט מען זיי...

די ווארשעווער באנקירן האבן געצאלט מיט א ברייטער האנט, און די כראביעס האבן באוויליקט צו קומען צו די „סעסיעס", האבן זיך גע־לאזט ווילן פאר פרעזעסן אין די באנק־ראטן און זענען געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דער ריח פון יידישע ציבעלעס איז גארנישט אזוי שרעק־לעך, אויב, פארשטייט זיך, די טאנטיעמע איז א געהעריקע און די אר־בעט איז נים קיין צו שווערע און באשטייט בלויז אין אונטערשרייבן פא־פירן, וואס מ'דארף צומאל נישט איבערלייענען, ווייל ווער קען זיי דען סיי ווי פארשטיין, די זשידאווסקע קאמבינאציעס!...

הויכע געסט פון ווין און בערלין, פון פאריז און לאנדאן, האבן אנגעהויבן אפטע וויזיטן דער שיינער וויסל־שטאט, וואס פאר־שטייט זיך אויך אויף געשעפט.

און ווען איגנאַצי פּאַדערעווסקי, וועמענס שטערן עס האָט אָנגע־הויבן אַזוי שיינען, וועלכער האָט געשפּילט בחצרות מלכים און פירשטינס און קעניגינס האָבן צו אים גנעדיק געשמייכלט, האָט געוואָלט עפּעס טון פאַרן פאַרקנעכטן פאָטערלאַנד מיט דעם הון רב, וואָס ער האָט פאַר־דינט פון די אַמעריקאַנער קאָנצערטן, האָט ער געלאָזט אויפשטעלן אויף קראָקעווער פאַרשטאָט די געביידע פון האָטעל בריסטאָל און באַשטעלט אַרכיטעקטן און מאַלער פון פּאַריז. זאָל די שיינע רעזידענץ פון די פּוי־לישע מלכים אין די אויגן פון די אויסלענדישע געסט נישט האָבן אַ פּנים פון עפּעס אַן אַזיע...

און פירשט טשעטווערטינסקי, וואָס אין זיינע אָדערן פליסט קעניג־לעך בלוט, וואָס איז אַ מחותן מיטן שפּאַנישן הויף, און זיינע עלטער־זיידעס זענען געווען פּוילישע העטמאַנעס, האָט אויך באַוויזן, אַז ער פאַר־שטייט דעם גייסט פון דער נייער צייט און איבערגעבויט זיין פּרעכטיקן פּאַלאַץ נעבן דעם זאַקסישן גאָרטן אויף דעם האָטעל אייראָפּע, וואָס האָט מיט עלעגאַנץ, שיק און פיינעם געשמאַק אפילו איבערגעשטיגן פּאַדע־רעווסקיס „בריסטאָל”.

די יידן פון גזשיבאָוו און טוואַרדע האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט דערלאָזן, אַז עפּעס אַ פּריץ צי גאָר אַ שפּילער זאָל זיי איבעריאָגן.

האָט משהלע קליינמאַן, וואָס זיין טאַטע איז ערשט מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק געקומען קיין וואַרשע פון גראָדזיסק, אויפגעשטעלט אַקע־גנאַיבער דער ווינער באַן אַן אַכטשטאָקיקע געביידע, וואָס די וועלט האָט נאָך אַזעלכעס נישט געזען!...

און דער גענעראַל גובערנאַטאָר סקאַלאָן אַליין איז מיט זיין קאָטש צוגעפאָרן צום פּאַלאַץ און דערלאַנגט די האַנט דעם צעטומלטן משהלע, וואָס האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון און וואָס צו זאָגן און עפּעס גע־שטאַמלט אונטער דער נאָז פון גרויס איבעראַשונג.

נישט קשה, די אורחים פון אויסלאַנד האָבן זיך נישט געהאַט צו קלאָגן אויף דעם קבלת פּנים פון וואַרשע...

און וואַרשע האָט געפיבערט. די אַלטע יחסנטע, וואָס האָט זיך שפּאַצירט בנעימותדיק מיט לאַנגזאַמע שטילע טריטלעך, האָט מיטאַמאָל גענומען שפּרינגען ווי אַ יונגע קאָזע. האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל און

זיך געשטעלט ארבעטן מיט אזא אימפעט און געאייל, מיט אזא רעש און ברען, ווי זי וואָלט געוואָלט דעריאָגן דאָס אַלץ, וואָס זי האָט אין משך פון לאַנגע יאָרן פאַרשפּעטיקט.

דער טומל און רעש איז נאָך גרעסער געוואָרן, ווען איבער די וואַר־שעווער גאַסן האָבן זיך באַוויזן די ליטוואַקעס. פון אַלדע גוטע יאָר זענען זיי געקומען מיט הויכע טשעמאָדאַנעס און גרויסע סאַמאָוואַרן, מיט פעטע שרייעוודיקע ווייבער, מיט צעוואַקסענע טעכטער און חוצפּהדיקע יונגאַ־טשעס.

מחנותוויז זענען זיי אַ פאַל אַראָפּ געטון אויף וואַרשע און גע־רעדט מיט עפּעס אַ לשון, וואָס איז אייגנטלעך יידיש, נאָר וואָס גרילצט פאָרט אַזוי מוראדיק אין די אויערן...

דער יוסטער גזשיבאָוו האָט זיי קוים דערלאַנגט אַ שפּיץ פינגער, די מיוחסדיקע טוואַרדע האָט זיך געקרימט, זענען זיי אַוועק, די ליטוואַ־קעס, אויף די נאַלעווקעס און גלייך געוואָרן דאָרט גאַנצע באַלעבאַטים!...

אין די שטיבלעך און בתי־מדרשים האָט מען געקוקט קרום אויף די פרישע געסט. זיי וועלן וואַרשע, חלילה, „איבערפירן” — האָבן אַלטע לייט צונויפפליגנדיק די טליתים שטיל געקרעכצט. ווער ווייסט, צי זיי דאַ־ווענען כאָטש... ערשט מיט כשרות... זיי פאָרן דאָך צומאָל נישט צו אַ רבין... יידן אָן אמונת חכמים, געהערט אַזעלכעס...” יונגוואַרג אָבער האָט גענומען אין שוץ די ליטוואַקעס. מזיקים! האַ, האַ!... וואָס אַ ליטוואַק קען!... ער ווערט אין פייער נישט פאַרברענט!... קלוג!... און אייזן שטאַרק!...

די ליטוואַקעס האָבן אויך נישט געהאַט צו גרוים צוטרוי צו די פּוי־לישע. חסידאַקעס... האַלטן זיך אין איין שאָקלען... אסור, וואָס מ׳טאָר זיי נישט טרויען... גאָט־סטראַפּטשעס... קוק נאָר אָן זייערע גנבהשע הי־טעלעך מיט די פאַררוקטע פּיאהלעך...

ביידע מחנות, די אַלטגעזעסענע און די נייגעקומענע, האָבן זיך איינע די אַנדערע באַטאַפּט מיט די אויגן, האָבן זיך באַשמעקט מיט די נעזער, האָבן זיך געזידלט און אויסגעלאַכט.

ביידע אָבער האָבן פאַרשטאַנען, אַז ביי געשעפט טאָר מען זיך מיט אַזעלכע זאַכן נישט רעכענען. זאָל זיין פון אַ קאָזאַק אַבי צום לעבן...

און די חסידים און די ליטוואַקעס האָבן זיך גענומען בשותּפות צו דער אַרבעט, און עס איז איבער די וואַרשעווער גאַסן שטאַרקער גע־וואָרן דאָס געאייל, עס איז גרעסער געוואָרן דער טומל. עס האָט זיך פאַר־פּילפּאַכט דער אימפּעט.

וואַרשעווער יידן, וואָס אויסער אויף שבת אָדער יום־טוב צום רבין האָבן זיי נישט זייער ליב געהאַט זיך רירן פון אָרט און צו זען וואָס עס טוט זיך אויף יענער זייט „ראַגאַטקע", האָבן מיט קלאַפּעדיקע הערצער זיך געזעגנט מיט ווייב און קינדער, געשיקט אַ קוויטל און פּדיון דעם רבין און זיך געלאָזט אין פאָניעס ווייטע מקומות.

און די נסיעות האָבן זיי קענטיק אַזוי פאַרשמעקט, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן פאָרן וואָס אַמאָל אָפטער, זענען געוואָרן גאַנצע מחותנים מיט פאָניעס, און האָבן זיך אָנדערציילט נסים ונפלאות פון די אויסטערלישע קאַצאַפּישע מנהגים.

אַ טייל פון זיי זענען נתעשר געוואָרן, און יאָסעלע סוכאַטשאָווער, אַ פלינק יידל, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט אונטערשרייבן אויף גויאיש, איז אָפּגעזעסן גאַנצע חדשים אין עפּעס אַ טורקעסטאַן און פון דאָרט באַ־זאָרגט וואַרשע מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען, מיט פייגן און טייטלען. האָט זיך שוין געשטעלט אַ הויז און גענומען טראָגן אַ האַרטן קראַגן און שוואַרצן שניפּס. און אין „שטיבל" האָט מען שוין געמורמלט, אַז ער פוצט זיך שוין דאָס בערדל אויך...

אין אַזאַ שטורעמדיקער צייט האָבן ר' לייזערס יונגע שרייבערלעך זיך געזעגנט, נאָך זייער שעפּס טויט, מיט דער אַלטער מיוחסדיקער פירמע אויפן גזשיבאָוו. קיין בעסערן שעת הכושר „צו ווערן לייט" האָבן זיי זיך נישט געקאָנט ווינטשן. געטריבענע חברה געווען, און טאַקע אויך מיט דער „פּען אין דער האַנט". זיי האָבן אפילו פאַר די ליטוואַקעס נישט מורא געהאַט. נישט קשה, ר' לייזערס „אַ מענטש" וועט שוין קיינער נישט פירן ביי דער נאָז...

מיטן גאַנצן אימפּעט פון זייערע יונגע אַמביציעס האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטון אין די כוואַליעס פון דער צעשטורעמטער ווייסל־שטאָט, האָבן ברייט און פריי פונאַנדערגענומען די אָרעמס, און זיך געשפּילט מיט די פאַליעס ווי גוטע, געניטע שווימער.

און דאַמאָלס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער קלײנער, דאַרער יונגערמאַנטשיק מיט די קורצזיכטיקע קלוגע אויגן, וואָס קוקן שטענדיק מיט אַ שמייכל אפּער פון הינטער די צוויי דיקע גלעזער, גייט אין סאַמע שפּיץ פון דער חברה שווימער, אַז דער מרחק צווישן אים און זײנע חברים ווערט וואָס אַמאָל גרעסער אַזוי ווייט, אַז באַלד וועט שוין גאָר אוממעגלעך זיין זיך צו פאַרמעסטן מיט דניאל עפּשטיינען...

דניאל עפּשטיין האָט זיין פירמע פאַרלייגט נישט ווייט פון גזשיבאָווער הויז, אָבער אויך נישט צו נאָענט. די נייע פירמע האָט זיך געפונען אויף דער שכנותדיקער גזשיבאָווסקע.

אין אָנהויב האָט זיך קיינער דערויף אפילו נישט אומגעקוקט. און אוודאי האָבן ר׳ לייזערס קינדער געהאַט בילכערע געשעפטן, ווי זיך צו קימערן צוליב עפּעס אַ קרעמל פון דעם טאַטנס געוועזענעם משרת.

גאָר אין גיכן האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז ר׳ לייזערס קינדער וואָלטן גלייכער געטון, ווען זיי קוקן זיך יאָ אום אויף דער נייער פירמע, ווען זיי אינטערעסירן זיך כאָטש צו ביסלעך מיט דעם געוועזענעם „משרת״ פון זייער פאָטער, ווען זיי לאָזן נישט אַראָפּ פון אויג דעם זון פון ר׳ יעקב עפּשטיין...

דעם אמת געזאָגט האָבן די יורשים פון גזשיבאָווער הויז באַדאַרפט טון פיל מער, ווי בלויז זיך אינטערעסירן מיט דניאל עפּשטיינס פירמע. זיי האָבן באַדאַרפט נישט רוען בייטאָג און נישט שלאָפן ביינאַכט, זיי האָבן באַדאַרפט מרעיש עולם זיין. גאַנץ וואַרשע האָבן זיי באַדאַרפט ביי די אויערן אויפשטעלן, קברים רייסן... וואָרום, ווו איז דאָס געהערט געוואָרן און ווען האָט פּאַסירט, אַז אַ משרת־יונג זאָל וועלן ירשענען דאָס גזשיבאָווער הויז, זאָל האָבן די העזה צו טראַכטן וועגן ר׳ לייזערס שטול, זאָל וואַגן צו גיין אין וועג פון ר׳ לייזערס אַ קינד!...

מ׳קען נישט זאָגן, אַז דניאל עפּשטיין זאָל האָבן עפּעס אַרויסגעטראָגן פון ר׳ לייזערס געשעפט. חלילה. ר׳ יעקב עפּשטיין, דניאלס פאָטער, איז געווען אַן אָרנטלעכער ייד און זײנס אַ קינד טאָר מען נישט חושד זיין אין אַזעלכע זאַכן.

דניאל עפּשטיין האָט פון גזשיבאָווער הויז, אַז מען זאָל נעמען די זאַך אויבן אויף, קיין פּאָדים נישט גענומען.

די הייזער און די ליסטעס, און די פאַבריקן, און דאָס גאַנצע פאַר־מעגן ר׳ לייזערס האָט געהערט צו זיינע פינף זין און צוויי איידעמס. ר׳ הענעך בוכהאַלטער האָט געמאַכט אַ געגויען רעמאַנענט. די גרעסטע רבנים, דעם רבינס קינדער, די בעסטע בוררים, די אדוואָקאַטן קירשרויט און עטינגער האָבן חדשים לאַנג זיך געאַמפּערט, ביז וואַנען מ׳האָט די ירושה איינגעטיילט, כדת וכדין. פאַר דער שווערער האָרעוואַניע האָבן זיי באַקומען שיין באַצאָלט, עטינגער און קירשרויט האָבן זיך געקויפט הייזער אויף מאַרשאַלקאָווסקע, די רבנים האָבן, ברוך השם, נגידיש חתונה געמאַכט די טעכטער, דעם רבינס קינדער האָבן געגומען זוכן אַ געשעפט און פאַרלוירן דערביי דאָס פאַרדינטע געלט... קורץ, עס איז געטון גע־וואָרן אַלץ, וואָס דאַרף ביי יידן אין אַזעלכע פאַלן געטון ווערן.

און דאָ ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז די גאַנצע אַרבעט איז געווען אָן אַרויסגעוואָרפענע, אַז די גאַנצע חכמה פון די גרעסטע רבנים און אַלע אויפטועוּן פון קירשרויטן זענען געוואָרן צו גאָרנישט, אַז אומזיסט האָט זיך געשטעלט עטינגער, אומזיסט זענען זיך געשפּרונגען אין די אויגן דער קליינער זעליקל און דער הויכער משה. אומזיסט איז געווען זיך דאָס אַריינמישן פון רבין, וואָרום די אמתע ירושה פון ר׳ לייזערן האָט אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוואָן זיך צוגעשאַרט עפּעס אַ משרת־יונג. און גיי שריי חי וקיים!...

געהערט אַ מעשה: יעקב עפּשטיינס בנאָק גאָר ווערט דער יורש פון ר׳ לייזערן!... נישט ר׳ לוי, נישט דער מזג טוב ר׳ הערשעלע, נישט דער מיזיניק ר׳ שמואל יוסף, נישט די צוויי איידעמס, נאָר עפּעס אַ שרייַ־בערל קומט און פרעגט נישט ביי קיינעם, מאַכט זיך נישט ווייסן פון אַ דין תורה, ביי וועלכער עס זיצן טעג און נעכט די גרעסטע רבנים און די גרעסטע אַדוואָקאַטן און קאָפּ־מענטשן, און ער ווערט גאָר דער מחותן מיט דער ירושה!...

און דאָס ערגסטע איז, וואָס לכתחילה האָט מען נישט געזען און נישט געהערט. וואָס אין אָנפאַנג וואָלט מען דאָך געלאַכט אין די פויסטן, ווען עמיצער קומט צוגיין מיט אַזאַ מעשה, וואָס אפילו אין „שטיבל“ האָט מען נישט געהאַט די מינדסטע השגה, אַז מען דאַרף גאָר מורא האָבן פאַר יעקב עפּשטיינס בנאָק!...

און צוריקגעשמועסט, ווען מען וואָלט אפילו יאָ געוווסט, וואָלט מען דען געקאָנט עפּעס טון? עפּעס העלפן? וואָס? גיין אין די „סאַנדעס״? רופן פּאָליציי? אוועקזעצן פרישע רבנים? ברענגען אויף „פּאַמאָץ״ פּער־טערבורגער אַדוואָקאַטן? הייסן ר׳ הענעך בוכהאַלטער מאַכן אַ פרישן „רעמאַנענט״?

אַז סך הכל האָט עס זיך געהאַנדלט וועגן אַ זאַך, פּאַר וועלכער עס איז נישטאָ קיין נאָמען. אַ זאַך וואָס מען קאָן מיט דער האַנט נישט אָנ־טאַפּן. אַ זאַך, וואָס דאָס שאַרפסטע אויג קאָן עס נישט דערזען. אַ זאַך אַ משונהדיקע און פּשוטע צוגלייך: ר׳ לייזערס מזל ברכה האָט פאַרלאָזט דאָס אַלטע הויז אויף גזשיבאָוו און האָט זיך פאַרקליבן אין דער נייער פירמע, האָט זיך באַזעצט אין דניאל עפּשטיינס געשעפט.

און גיי שריי געוואַלט... אפילו די נייעסטע אַמעריקאַנער שלעסער וואָלטן דאָ נישט געקאָנט העלפן. אפשר, ווען מ׳גייט באַצייטנס צו גוטע יידן... אָבער ווער האָט עס געקאָנט וויסן? ווער האָט געקאָנט זיין אַ נביא?

די ערשטע האָבן עס דערשמעקט די קליינע סוחרימלעך. די קרע־מערלעך פון גאַרוואָלין און סאָבין, פון גריצע און וואַרקע און נאָך אַזעל־כע מקומות האָבן ליב אַלץ צו וויסן, צו באַטאַפּן און באַשמעקן. זענען זיי אַריינגעפאַלן אין דער נייער פירמע און אַזוי אַ שמעק געטון, כאַפּן אַ בליק, נישט מער, און — זענען שוין אַרוים ווי געשוווירענע קונדן פון דניאל עפּשטיינען.

זיי האָבן זיך צוגעקלעפּט צו דער נייער פירמע, ווי מ׳וואָלט זיי דאָרט אַ כישוף אָנגעטון. האָבן זיך דערפילט דאָרט היימיש, ווי אין אַן אייגענער שטוב. עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז דאָ, אין עפּשטיינס פירמע, שטייען אויף תחית המתים די אַמאָליקע צייטן, די צייטן פון ר׳ לייזערן, עליו השלום. אפילו דאָס קאָנטאָרל אין דער נייער פירמע האָט דערמאָנט אָן ר׳ לייזערן. עס איז אַ מחיה אַריינצוקומען. קיינער יאָגט דיך נישט, קיינער בייזערט זיך נישט. עס הערט זיך נישט די שטרענגע שטים פון ר׳ לוין, „שנעלער, ר׳ ייד, נישטאָ קיין צייט אויף אַזוינע נאַרישקייטן״. אדרבה, דאָ קען מען זיך אַ מינוט אָפּרוען, כאַפּן דעם אָטעם, זיך צוזעצן אויף אַ ווײַלע.

דניאל עפּשטיין ענטפערט גוט מאָרגן און אַ שמייכל צו אַ ייד קאָסט ניִשט ביי אים אַ קערבל.

דער בעלעבאָס פון דער נייער פירמע הערט זיך צו געדולדיק צו יעדן, פרעגט זיך אויס נישט בלויז וועגן מסחר, נאָר בכלל ווי אַזוי עס גייט, וואָס עס הערט זיך אין שטעטל, וויל וויסן וועגן דער מחלוקת מיטן רב, אינטערעסירט זיך מיטן סוחרס קראַנקער ווייב, עצהט צו גיין צו אַ גוטן דאָקטאָר, געדענקט מיטן נאָמען יעדעס קינד, איז בכלל אַ „לודזקער" מענטש און מ'קען מיט אים אויך אַ רעד טון וועגן ר' לייזערס צייטן...

בלויז „אויף אַ שמעק טון" האָבן זיי געעפנט די טיר פון דער נייער פירמע און זענען שוין דאָרט געבליבן. און זיי האָבן די ערשטע פונאַנדערגעטראָגן עפּשטיינס רום. אַ מחיה מיט אים צו פירן מסחר. ווי ר' לייזער וואָלט געלעבט, בנאמנות... און שטילער צוגעגעבן: הערט וואָס איך זאָג, ער האָט אין דער האַנט ר' לייזערס מזל...

נאָך די קליינע קרעמערלעך האָבן זיך אין דער נייער פירמע אָנגעהויבן ווייזן די גרויסע סוחרים, די הורטאָווניקעס. איינגנטלעך זענען זיי געקומען בלויז אַ טאַפּ טון דעם דופק, אָבער פאַרברענגנדיק אַ פּערטל שעה, האָבן זיי אָנגעהויבן פילן, אַז דאָס טאַפּן זיי נאָר אַרום עפּשטיין און זיי זענען געקומען צום אויספיר, אַז דער דניאל וועט נאָך ווייט אוועק...

עפּשטיין אַליין האָט אָבער נאָך קנאַפּ געהאַלטן פון זיך און זיין פירמע. ער האָט געוווסט, אַז ער מאַכט ערשט די ערשטע טריט.

ערשט ווען די קופּצעס פון מאָסקווע און יעקאַטערינאָסלאַוו, פון ניזשני נאָווגאָראָד און אַרכאַנגעלסק האָבן זיך מיט זייערע שווערע לייבער גענומען אַריינשטופּן אין דער טיר פון דער נייער פירמע, האָט עפּשטיין אַליין אויך אָנגעהויבן טראַכטן, אַז ר' לייזערס מזל גייט איבער צו אים...

עפּשטיין האָט פיין אויפגענומען די פרעמדע געסט. ער האָט געטון אַלץ, אַז זיי זאָלן זיך פילן ביי אים נישט ערגער ווי זייערע טאַטעס האָבן זיך געפילט אין ר' לייזערס קאַנטאָר.

די מאָסקווער קופּצעס האָבן זיך נישט געהאַט וואָס צו באַקלאָגן. עפּשטיין האָט פאַרשטאַנען, אַז די צייטן זענען איצט אַנדערע, אַז מען קאָן שוין מער נישט יוצא זיין מיטן כיבוד פון קאָכעדיקער טיי און הייר־

מישע איינגעמאַכטס, ווי עס האָט זיך געפירט ביי ר׳ לייזערן. ער האָט זיינע קופּצעס געפירט אין גרויסן טעאַטער און שפּעטער אין רעסטאָראַן „אונטערן באַכוס”. אַליין האָט ער, וואָס דער אמת, ווייניק געטרונקען. ער האָט געשיקט און אומבאַמערקט געגאָסן די גלעזלעך קאָניאַק אונטערן טיש. די פּאַנישע זולל וסובאניקעס זענען אָבער געווען צו שטאַרק פאַרטון מיטן אייגענעם פרעס און זויף, אַז עפּשטיינס אונטערטישעדיקע מאַכינאַציעס זאָלן זיי קאָנען ווערן פּאַרדעכטיק און זיי האָבן פון דעם פּאַן עפּשטיין געהאַלטן עולם ומלואו.

ווען די פּראָווינצער ייִדישע סוחרימלעך האָבן דערזען די הויכע מאָסקווער קופּצעס אין דער נייער פירמע, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן קיין טעות נישט געהאַט, אַז די נייע פירמע האָט צוגענומען דאָס מזל פון דעם אַלטן גזשיבאָווער הויז און זיי האָבן דאָס נייעס צעטראָגן איבער דער גאַנצער מדינה. ביי די מנחה־מעריב שמועסן אין שול־הויף איז מפורסם געוואָרן דער נאָמען פון דניאל עפּשטיין.

דער קליינער יאָסעלע, דער נריצער אייזנקרעמער, האָט אין גריצער בית־המדרש דער ערשטער אַנטדעקט דעם סוד.

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן, יידן —האָט דער אייזנקרעמער גע־רעדט, —מיט א ניגון ווי ער וואָלט מגלה געווען עפּעס א וויכטיקן סוד— ר׳ דניאלס געשעפט וואַקסט, א „זשאָב” אָן עין הרע. און עס איז קיין חידוש נישט, ער ווייסט, ווי אַזוי צו רעדן מיט א סוחר. און איר וועט געדענקען מיינע ווערטער —האָט זיין שטימע געקלונגען געהיימניספול— עס וואַקסט א נייער ר׳ לייזער, געדענקט מיינע ווערטער... נאָר... דאָ האָט דער קרעמער איבערגעריסן מיט א קרעכץ.

— נאָר וואָס? —האָט עולם פאַרשטאַנען, אַז עס איז נישט גלאַט, אַז מען קרעכצט נישט סתם אַזוי זיך, גלאַט אין דער וועלט אַריין— נאָר וואָס פּאַרט?... מיר זענען דאָך היימישע אייגענע מענטשן...

— ע... ע... —האָט דער קליינער יאָסעלע זיך געקווענקלט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו באַגיין א פאַרראַט לגבי א נאָענטן מענטש— גאָר־נישט... גלאַט אַזוי...

— וואָס הייסט גלאַט אַזוי? —האָט עולם צוגעדריקט צו דער וואַנט, אדרבה, לאָמיר הערן — קלאָרע דבורים.

— פאַרשטייט איר מיך —האָט דער ייד נישט געקאָנט גובר זיין דעם יצר הרע פון וועלן דערציילן. ער האָט נאָכאַמאָל אַ שווערן קרעכץ געטון צוליב דעם פאַרראַט, וואָס ער גרייט זיך צו באַגיין און אַרויסגע־וואָרפן פון זיך — אָבער עס איז פּאָרט נישט ר׳ לייזער...

— נאָר וואָס דען! —האָט עולם לייכטער אָפּגעאָטעמט— באַלד דיר אַ ר׳ לייזער!...

— כ׳מיין נישט דאָס —האָט עפּשטיינס סוחר געשטאַמלט און נישט געקאָנט געפינען דאָס פּאַסיקע וואָרט— נאָר פאַרשטייט איר מיך... ר׳ לייזער איז דאָך פּאָרט געווען אַ ייד אַ חסיד...

— און דער עפּשטיין איז אַ גוי גמור! — האָבן די שאַרפע יונגע־לייט נישט אויסגעהאַלטן.

— שאַ... שאַ... — האָט דער עולם זיי גלייך שטיל געמאַכט. נישט ווייל מ׳האָט מיט זיי נישט מסכים געווען, נאָר ווייל מ׳האָט שוין נישט געהאַט קיין כוח לענגער צו וואַרטן און מ׳האָט שוין געוואָלט איינמאָל פאַר אַלעמאָל וויסן דעם גאַנצן ביטערן אמת — זע נאָר ווי זיי האָבן זיך צעקאָכט... שאַ...

— באַלד אַ גוי גמור —האָט עפּשטיינס סוחר זיך געפילט טיף גע־קרענקט פון די יונגעלייטס ווערטער— גיי האָב צו טון מיט יידן... פאַל אַריין אין יידישע מיילער... שוין אַ גוי גמור...

— אדרבה... לאָמיר הערן — האָט עולם אָנגעהויבן ווערן אומגע־דולדיק.

— וואָס דער אמת איז אמת —האָט דער קרעמער שוין אַ טיפן קרעכץ געטון— אַ באָרד ווי אַ ייד, טראָגט ער נישט...

— כ׳ווייס, אפשר מיט אַ סם, האָט עמיצער פון עולם נישט אַזוי ווייט געוואָלט זוכן אַ זכות, ווי ווייזן, אַז ער האָט אַ ידיעה אין דער היינ־טיקער וועלט.

— ס׳קאָן זיין —איז עפּשטיינס סוחר לייכטער געוואָרן אויפן האַרץ— עס קאָן גריילעך זיין... נאָר פּאָרט... ווען מ׳האָט געקאָנט ר׳ לייזערן, עליו השלום, מיט דער לאַנגער באָרד און מיטן הויכן קאַפּל אויפן קאָפּ...

— און דער גייט בגלוי ראש?... — איז א מורמל דורכגעלאָפן דעם עולם.

— נו, יאָ... — האָט דער טרעגער פון עפשטיינס רום נישט געקאָנט לייקענען. באלד אָבער האָט ער זיך געשטארקט און אויסגערופן — אָבער א יידיש הארץ האָט ער, אַן אמת יידיש הארץ!...

דאָס יידיש הארץ האָט עפשטיינען באגלייט אויף טריט און שריט. ער האָט אליין געגנוי נישט געוווסט פארוואָס. אָבער אזוי איז עס געווען. אזוי האָבן יידן געוואָלט. און אז יידן ווילן אזוי, קאָן נישט זיין אנדערש. גייט טאַקע בגלוי ראש, גאָלט זיך די באָרד, ווער ווייסט, צי ער לייגט באַטש תפילין... ער איז נעבעך נישט שולדיק. דער פּאָטער זיינער, ר׳ יעקב, איז געווען א טייערער ייד... צוזאמען מיט ר׳ לייזערן קעסט געגעסן, נאָר קיין הצלחה נישט געהאט... פון שטענדיק אָן געקרענקט, און פרנסה איז קיינמאָל נישט געווען... יונגערהייט, נעבעך, אוועק פון דער וועלט... און אז א טאטע האָט נישט השגחה אויף א קינד, לאָזט עס זיך אויף קרומע דרכים, ווייסט מען נישט פון יידישקייט און דער יצר הרע לאקערט אויף אלע ראגעס... פונדעסטוועגן זעט מען דאָך בחוש, אז ער האָט אויבן עפּעס א גרויסן זכות... אזא הצלחה, אָן עין הרע... אז מען שמועסט ס׳מזל ברכה פון גזשיבאָווער הויז... לא כל אָדם זוכה!... מסתמא, איז דאָך דאָ א טעם, מסתמא זיך פארדינט. יאָ, דאָרט אויבן איז דאָך אָן ערלעכע וועלט. דאָרט קען מען דאָך נישט אָפּנארן. עס איז דאָ א חשבון צדק... דאָרט זיצט דאָך, מסתמא ר׳ לייזער צוזאמען מיט ר׳ יעקבן און זיי לערנען ווי ביי די קעסט... זיי וואָלטן דאָך נישט דערלאָזט אָן עוולה. איז מסתמא דארף אזוי זיין... מסתמא האָט דניאל עס זיך פארדינט. אוודאי זיך פארדינט... גאָר קיין שאלה נישט, גלאט אין דער וועלט גייט מען נישט אזוי אַרויף... אפילו ווען מ׳האָט דעם פייערדיקן קאָפּ, אפילו ווען מ׳קען אלע גויאישע לשונות... חכמה אָן ערלעכקייט איז גאָרנישט שבגאָרנישט. מאַכט נאָך קאַליע, קען אמאָל פארשלעפּן אין תהום... און ערלעכקייט אליין איז נאָך אויך נישט אלץ... לפנים משורת הדין איז די אמתע יידישע מידה... און דערצו מוז מען האָבן א הארץ... און אויב אזוי איז קיין קשיא נישט. איז דאָך אלץ קלאָר...

אזוי האָבן יידן חסידים זיך פארטייטשט דעם וווּנדערלעכן אויפ־

שטייג פון דער נייער פירמע, האָבן באַר זיך אַליין קלאָר געמאַכט די משונהדיקע זאַך, אַז עפּעס גאָר אַ געוועזענער משרת זאָל האָבן געירשנט די מזל ברכה פון ר׳ לייזערן.

קאַפּיטל 5

# די מלחמה מיטן קיסר

ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג איז די מלחמה אַראָפּגעפאַלן אויף די קעפּ פון די יידן אין דער ווייסל־מדינה.

נישט די מלחמה מיטן יאַפּאַנטשיק. פאַר דער מלחמה האָבן די יידן זיך נישט געהאַט וואָס צו שרעקן. וועמען גייען עס אָן פאָניעס מלחמות!...

וואָס דען זאָל עשו טון? פון אַ פּרשה חומש ווייסט ער נישט, ביי אַ בלעטל גמרא דאַרט אים נישט דער קאָפּ, חתונה מאַכן קינדער זאָרגט ער נישט. פרעסט ער, זויפט ער און וואַרפט זיך שלאָגן. און די גנערע־לער זענען נישט אנדערש. עשו אין עפּאָלעטן איז דערזועלבער עשו. שטעכן זיי זיך נישט מיט מעסערס פאַר די שענק, גאָר פירן מלחמות. זאָלן זיי זיך שלאָגן, די פאָניעס, קאָפּ אין וואַנט. אבי עס זאָל נאָר צו יידן נישט אויסגיין. מילא וועלן די וואַיעננע נאַטשאַלניקעס זיך ווידער אָנפרעסן מיט יידיש געלט. געלויבט דער אויבערשטער, וואָס זיי ווערן נישט מיד צו נעמען אין יד... מ׳וועט דאָך צוליב געלט נישט דערלאָזן, אַז יידישע בחורים, באַלעבאַטישע קינדער זאָלן חלילה, צוליב געלט, פאַרשיקט ווערן אין די מדבריות און זיך שלאָגן דאָרט מיטן יאַפּאַנטשיק.

אין די שטיבלעך און בתי־מדרשים איז מען אפילו געווען צופרידן פון דעם עסק מיטן יאַפּאַנטשיק. נישט קשה, דער קליינער יאַפּאַנטשיק, וועט שוין געבן פאָניע גנב פּולווער צו שמעקן. אַ מצוה אויף פאָניען. זאָל ער אויך אַמאָל דערפילן דעם טעם פון באַקומען קלעפּ. אפשר וועט ער שוין נישט האָבן דעם קאָפּ יעדן טאָג אויסצוטראַכטן אַ פרישע גזירה אויף יידן...

און בכלל איז עס אַ גאַנץ טשיקאַווע מעשה די מלחמה מיטן יאַ־

פּאַנטשיק. עס איז דאָ וועגן וואָס אַ שמועס צו טון, מ׳קען טרעפן די גענג פון קוראַפּאַטקינען. מ׳קען פּרווון פאָראויסזען די שפּיל פון דעם מאַרשאַל נאָגאַ, וואָס זעט אויס צו האָבן אַ יידישן קאָפּ (אַ קשיא אויף אַ מעשה), אפשר שטאַמען זיי טאַקע, די יאַפּאַנטשיקעס, פון די עשרת השבטים... מ׳קען זוכן אויף דער מאַפּע אין דער הצפירה גענעראַל שטעסלס פאָרט־אַרטור.

ניין, וואַרשעווער יידן האָבן זיך נישט באַדאַרפט דעם קאָפּ ברעכן צוליב דער מלחמה מיטן יאַפּאַנטשיק. און שרעקן זיך איז אוודאי נישט געווען קיין שכל. אין וואַרשע וועט מען זיך דאָך נישט שלאָגן, פּרנסה פעלט ברוך השם נישט, די געשעפטן הלוואי קיינמאָל נישט ערגער און די „רויטע בילעטניקעס" האָבן זיך, גאָט צו דאַנקען, אויסגעקויפט פון גויאישע הענט.

ווען נישט די נייע מאַרשן צו „לכה דודי", וועלכע די חסידישע משוררים האָבן גלייך איבערגעכאַפּט פון די זעלנערישע אָרקעסטערס, וואָס האָבן מיט פּאַראַד געפירט די פּאָלקן צו דער טערעספּאָלער באַן, מלחמה צו האַלטן מיטן יאַפּאַנטשיק, וואָלטן יידן נישט געגלויבט אפילו דער „הצפירה", אַז עס איז אַ מלחמה אויף דער וועלט און זיי וואָלטן חושד געווען סאָקאָלאָוון, אַז די גאַנצע מעשה איז לא היה ולא נברא און אַז דאָס האָט ער מיט זיין שאַרפן מוח צוגעטראַכט די גענג פון מאַרשאַל נאָגאַ און די אויפטוען פון קוראַפּאַטקינען.

ניין, נישט וועגן יאַפּאַנטשיק האָבן יידן זיך געזאָרגט. עס איז געווען אַן אַנדערע צרה, אַן אַנדערע מלחמה, צוליב וועלכער יידן זענען גראָ און אַלט געוואָרן. אַזאַ אַנשיקעניש. אַזאַ ביטער מזל! ווו און ווען איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז יידן אַליין זאָל זיך גאָר פאַרגלוסטן צו פירן מלחמות? און קעגן וועמען? קעגן מלכות. באַהיט און באַשירמט זאָל מען ווערן.

זייט וועלט איז וועלט איז דאָך אַזאַ מעשה נורא נישט געהערט געוואָרן. יידישע קינדער הערט מיטאַמאָל אויף צו געפעלן ניקאָלאַי... קינ־דער פון באַלעבאַטישע יידישע הייזער האָבן שוין נישט קיין אַנדערע דאגות, רק דער צאַר אין פּעטערבורג זאָל אויפהערן צו זיין קיסר. בפי־רושע מורדים במלכות. זיי ווילן גאָר לערנען די מיניסטאָרן שכל, קאָנס־

טיטוציעס גיב זיי, פּריוויוט דערלאַנג זיי צום טיש!... געהערט אַ מעשה, אַפילו וויטע געפעלט זיי נישט, וויטע, מיט ווען ראָטשילד אַליין אין פּאריז עסט מיטאָג!...

איינגאנצן אַ צעטרייסלטער איז ר׳ יאָשקע פּאַדריאַטשיק מיט דער ברייטער בלאָנדער באָרד, וועמען די „דייטשן" אפילו זענען מקרב צוליב זיינע גרויסע קאָנטשאַפּטן און עסקים מיט די רוסישע שררות, אריינגע־פאַלן אין „דאזער שטיבל".

ער האָט קוים געקאָנט רעדן, יאָשקע, קוים געקאָנט דעם אָטעם כאַפּן. פאַן מיכאל, דער אַלטער פּרעזעס, האָט אים אָנגעגאָסן אַ גלאָז וואסער פון דער קאראפקע, וואָס איז געשטאַנען אויפן לאַנגן טיש, באדעקט מיטן טונקל גרינעם טישטעך. און ביי יאָשקען האָבן די ציין געקלאַפּט פון אויפ־רעגונג, ווען ער האָט געוואָלט אַ זופּ טון פון גלאָז, כדי צו קומען צו זיך. אַ קליינקייט עפּעס!... צו הערן אַזעלכע דבורים פון סקאַלאָנס רעכטער האַנט, דעם פּולקאָווניק קאַמאַראָוו אַליין!... און זיין געשריי, זיין טופען מיט די פיס!... וואָס מיינען זיי די יעווריעיטשיקעס מיט זיך!... מיט די פּוילישע פּאַנעס וועלן זיי גיין!... האַ!... עס איז שוין זיי צו גוט אין רוס־לאַנד... הייזער און פאַבריקן זיך אויפגעשטעלט!... באַנקירן און מיליאָנ־שטשיקעס געוואָרן!... איצט געפעלט זיי שוין נישט דער צאַר; דער באַ־טיושקאַ פון הייליקן רוסלאַנד געפעלט זיי נישט!... דעות גייען זיי שוין זאָגן!... מלחמה מיטן קיסר וועלן זיי ביי מיר פירן!... גוט... זאָלן זיי נאָר פּרווון... זאָלן זיי נישט מיינען, די יידעלעך... די הויט וועל איך שינדן!... מ׳וועט זיך מיט זיי אַן עצה געבן... די קאָזאַקלעך וועלן זיך צו זיי אַ נעם טון!... אַ, וועלן זיי!...

ר׳ יאָשקע פּאַדריאַטשיק האָט זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן. איז געווען גרייט אויף קידוש השם. ער האָט געוואָלט אויפקלערן, פאַרענט־פערן, איינשטילן דעם גוי... ווי אַזוי אָבער רעדט מען אַרוים אַ וואָרט, אַז דער עשו שטייט מלא חימה, טופּעט מיט די פיס און רק ער געוואַל־דעוועט: פּאַשאָל, פּאַשאָל, פּאַשאָל!... אַז עשו צינדט זיך אָן... אוודאי וואָלט ער נישט געשוויגן, ר׳ יאָשקע פּאַדריאַטשיק. מען דאַרף אים ברוך השם נישט לערנען רעדן מיט די צאַרסקע גענערעלער. קלאָרע דבורים וואָלט ער גערעדט. ווי איר זעט אים אַ ייד!... וואָס הייסט?... ווי קאָן זיין

פרעוואסכאדיטעלסטווא רעדן אזעלכע רייד... ווי קומען יידן צו אזעלכע זאכן... יידן חסידים, וואס טוען נישט די מינדסטע זאך נישט פרעגנדיק ביי דעם רבין. יידן, וואס זיצן יעדן טאג ביי א בלאט גמרא... יידן, וואס זשאלעווען נישט קיין געלט פאר די בעסטע מלמדים, אבי די קינדער זייערע זאלן זיין בני תורה און זאלן וויסן צו שאנעווען ס׳מלכות... יידן סוחרים, גבירים, פאבריקאנטן און באנקירן, וואס שאקלען מיט דער וועלט!... זיי וועלן חלילה גיין מלחמה האלטן מיטן קיסר?!... ווי קאן זיין פרעוואסכאדיטעלסטווא גאר קומען אויפן רעיון אזא זאך?... אלא, וואס דען? אלע צרות שטאמען פון די ליטוואקלעך... זיי, די יונגאטשעס, זענען שולדיק אין אלע אומגליקן. אבער ווער האט נאך זיי געשיקט? ווער האט זיי געבעטן? און ווער דארף זיי צו האבן דא אין ווארשע?... אדרבה... אפשר וויל זיין פרעוואסכאדיטעלסטווא זיך צוריקנעמען זיינע ליטוואקעס... אפשר וועט ער זיי הייסן צוריקפארן פון דאנען אהין, פון וואנען זיי זענען געקומען... דאמאלס וועט מען זען, צי אין ווארשע וועט נישט באלד זיין שטיל און רואיק, צי ווארשעווער יידן וואלטן געטשעפעט א פליג אויפן וואנט...

יא, ער וואלט שוין געוווסט וואס צו זאגן, ר׳ יאשקע פאדריאטשיק, נאר גיי רעד מיט א גוי, אז עס קאכט אין אים די פאנישע יוכע און ער האלט אין איין טופען מיט די פיס, האלט אין איין שרייען: פאשאל און נאכאמאל פאשאל און ווידער אמאל פאשאל...

א פחד און אן אימה איז באפאלן ווארשע. אין די יידישע שטיבער זענען טאטע־מאמע געגאנגען אויף די שפיץ פינגער און מיט שרעק און ציטערניש געקוקט אין די אויגן פון זייערע שיינע געבילדעטע טעכטער, וואס האבן געענדיקט די פוילישע פענסיעס (מיטעלע לערן־אנשטאלטן), האבן נאכגעקוקט מיט פארטייעטן חשד יעדן שריט פון זייערע דערוואקסענע בחורים, וואס שטייען אין פיינע שידוכים. ווער ווייסט, צי א ליאדע שעה קאן נישט געשען אן אומגליק? א מגפה ממש האט זיך פארשפרייט איבער דער שטאט. האט נישט געשוינט ארים און רייך. האט נישט אויסגעמיטן די פיינסטע יידישע הייזער, די שטילסטע קינדער, כלה־מיידלעך און חתנים פאר דער חופה כמעט...

וואס דארף מען מער, אפילו די טעכטער פון די רייכע ווארשעווער

„דייטשן" זענען געוואָרן פאַרכאַפּט אין דעם עסק. אַזוינע „פּאַננעס", וואָס רעדן פראַנק און פריי פראַנצויז, וואָס אין די בענק ליגט פאַר זייערטוועגן אָנגעגרייט נדנים, אויף אַלע יידישע טעכטער געזאָגט, זאָלן זיך גאָר נע־מען חברן מיט דינסט־מיידן, זאָלן זיך שלעפּן איבער די פאַבריקן מיט געזעלן־יונגען, זאָלן טיילן פּראָקלאַמאַציעס אין די גאַסן און באַקומען קלעפּ פון קאָזאַקישע נאַהייקעס...

און חסידישע בחורים, גוטע און טייערע קינדער, פּייערדיקע קעפּ, מתמידים וואָס זיצן טאָג און נאַכט איבער דער גמרא און עס דאַכט זיך, אַז אין וועלט־זאַכן קענען זיי קיין צוויי נישט ציילן, און פּלוצים ווערסטו גאָר געוווירע, אַז אויך זיי זענען, דער אויבערשטער זאָל שומר ומציל זיין, פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם אומגליק. האָבן אויך צו טון מיט אַזעלכע עסקים, ווילן אויך נישט אַנדערש, נאָר מלחמה האַלטן מיטן קיסר...

און וואָלט מען כאָטש געוווסט צוליב וואָס און צוליב ווען. וואָלט עס כאָטש זיין אַ תאווה... אַ תענוג אַזעלכער. אַן עבירה של ממש. אַן עסק מיט אַ שייגעץ, מחזוקות מיט אַ שיקסע... אַן ענין מיט אַן אשת איש, רחמנא ליצלן... מ'איז דאָך פאָרט נישט מער ווי אַ זינדיקער מענטש... און דער יצר הרע קאָן ברענגען נישט צו איין אומגליק... אַן אומגליק וואָס מ'קאָן פאַרשטיין, מ'קאָן עס משיג זיין מיטן שכל. און מ'קאָן אויך גע־פינען אַן עצה, אוועקשיקן אין דער פרעמד, יונג חתונה מאַכן, היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ...

וואָס טוט מען אָבער צו אַזאַ ווילד אָנשיקעניש, וואָס לייגט זיך גאָרנישט אויפן שכל, צו אַזאַ יצר הרע גאָר צו ווערן אַליין געפּייניקט, צו ווערן געשלעפּט אין תפיסות, צו באַקומען מכוח רצח פון פּאָניעס, זיך אַליין אומגליקלעך צו מאַכן פאַר גאָרנישט און ווידער נישט?... אַזאַ שטראָף פון גאָט...

און דער עיקר, מ'ווייסט צו מאָל נישט, ווי אַזוי עס איז דערצו געקומען... און ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן... מ'וווינט מיט אַן אייגן קינד אונטער איין דאַך, מ'עסט ביי איין טיש — וואָס הייסט טאַטע מאַמע זאָלן נישט וויסן, וואָס עס טוט זיך אין דער אייגענער שטוב, זאָלן נישט זיין זיכער מיט אַן אייגן קינד... איז דער ווייטיק טאָפּלט גרויס, וואָס פּלו־צים שטעלט זיך אַרויס, אַז מען האָט טאַקע נישט געוווסט, אַז נישט

אין איין שטוב האָט מען געוווינט, נישט ביי איין טיש האָט מען געגעסן, נאָר אין צוויי באַזונדערע מדינות האָט מען געוווינט, אין צוויי באַזונדערע וועלטן האָט מען געלעבט מיט אַן אייגן קינד... אַן אייגן בלוט און פלייש אַנטפּלעקט זיך פּלוצים פאַר אַ ווילד פרעמדן מענטשן, וועלכן מ׳קאָן צומאָל נישט פאַרשטיין, מיט וועמען עס איז שווער זיך צונויפצורעדן... וואָס קומט דאָ פאָר? וואָס איז מיטאמאָל געשען מיט וואַרשעווער קינדער?

און נישט בלויז מיט וואַרשע. אין לאָדזש ברעכן זיך יידן גבירים די הענט. אין לובלין און אין קיעלץ, אין ראַדאָם און אין קאַליש, שעמען זיך יידישע נגידיתטעס צו ווייזן שבת אין דער ווייבער שול. אַז קינדער זאָלן אַזוי פאַרשעמען טאַטע־מאַמע... אפילו אין אַזוינע העק ווי סאַבין איז די מגיפה געקומען צו גאַסט...

דער גראַבער וואַרשעווער פּאָליציי מייסטער מייער, וועלכער האָט מער געלעבט פון קהל ווי פון צאַרס קאַסע און מיט וועמען מ׳האָט געקאָנט, געלויבט דער אויבערשטער, מאַכן אַלץ, וואָס מ׳האָט געוואָלט, איז אַליין אַוועק צו די רייכע „דייטשן״ און מיט זיי גערעדט קלאָרע ווערטער. ער וויל נישט קיין שלעכטס טון, מ׳קאָן דאָך אים אין וואַרשע נישט פון היינט, אָבער אַזוי ווייטער קאָן עס נישט גיין, אויף אַזעלכע זאַכן קאָן ער נישט דערלויבן, צו קיין בונטן וועט ער נישט צולאָזן. ער האָט נישט קיין עצה, און וואָרנט באַצייטנס, אַז ער וועט מוזן עפּעס טון.

און בכלל פאַרשטייט ער, מייער, נישט די יידן. וואָס ווילן זיי? וואָס האָט עס זיך זיי פּלוצים פאַרגלוסט צו שפּילן מיט פייער? און וואָס איז דאָס פאַר אַ חברן זיך מיט די פּוילישע פּאַנעס? ער, מייער, פאַרשטייט עס נישט, קאָן אַזאַ ווילדע זאַך איינפאַך נישט באַגרייפן, יעזי באָגו... אין דער שטילער רואיקער וואַרשע זאָל אַזעלכעס פּאַסירן. עס איז דאָך אים פּשוט אַ חרפּה, אַז דאָס זאָלן טון זיינע יידן...

און ער האָט נאָך נישט פון אַלעם געוווּסט, דער גוי, ווער ווייסט, וואָס ער וואָלט געזאָגט, ווען ער דערוויסט זיך, אַז די צרה איז נאָך פיל גרעסער, ווי מ׳האָט זיך געקאָנט פאַרשטעלן. אַז נישט בלויז יונגוואַרג, נאָר אויך עלטערע יידן, טאַטעס פון קינדער, יידן מיט בערד און פּיאות, יידן פון „שטיבל״ ווערן צוביסלעך פאַרכאַפּט פון דער מגיפה, הייבן אָן רעדן עפּעס מאָדנע רייד, הייבן אָן צווישן זיך שמועסן מיט עפּעס אַ

מאָדנער התפעלות וועגן יענער חברה. און ר׳ יצחק בער! ר׳ יצחק בער קאָצקער!... עס איז דאָך ממש אַ פּחד צו הערן זיינע רייד!...

פון שטענדיק אָן אפילו געווען עפּעס אַ מאָדנער, ר׳ יצחק בער. פון די אַלטע קאָצקער. נישט געשווינט קיינעם. נישט מורא געהאַט פאַר קיינעם. פלאַמט אינגאַנצן פון התלהבות... היינט זיין חכמה. ביים שלום נעמען גייט אים דער רבי אַנטקעגן, זעצט אים אַוועק נעבן זיך ביים טיש און איז עוסק מיט אים אין לאַנגע טיפע שמועסן, גאַרנישט ווי זיין שטייגער. איבער די שבעים שוין, אָן עין הרע, אָבער אַלע רמח איברים לעבן, ווי ביי אַ יונגנמאַנטשיק, אַז מ׳שמועסט פון די עכטע קאָצקער...

נאָר פון קיין מנוחה האָט ר׳ יצחק בער נישט געוווסט. נישט גער־קאָנט איינזיצן אויף איין אָרט. ווי מ׳וואָלט אים געטריבן, געיאָגט, האָט ער געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט, פון אָרט צו אָרט. מ׳האָט געפּרוווט פאַר אים עפּעס טון, פאַר ר׳ יצחק בערן וואָלטן חסידים נישט געקאַרגט, אָבער ער האָט נישט געלאָזט צו זיך רעדן.

— זע נאָר די פאַרזאָרגער מיינע —האָט ער געטריבן פון זיך— און אַליין האָט עטץ זיך שוין פאַרזאָרגט, שוין אַ טראַכט געטון וועגן תכלית, שוין אַ קלער געטון, אַז אייביק לעבט מען נישט. און דאַמאָלס, אוי דאַמאָלס, ווי וועט זיין צו אייערע היינטיקע תכליתים!...

ר׳ לייזער ע״ה אַליין האָט געפּרוווט עפּעס טון פאַר יצחק בערן, זאָל ער זיצן אַ פּאָר שעה ביי אים אין געשעפט, עס וועט אים נישט שטערן עוסק צו זיין אין חסידות. האָט אים ר׳ יצחק בער שאַרף אָנגע־קוקט און געענטפערט:

— וואָס ווילסטו, לייזער, אַז יצחק בער זאָל דיר זיין אַ קמיע? אָ?... אַ סטרוזש ווילסטו האָבן? די קאַסע דיר היטן?...

האָט ר׳ לייזער מער נישט גערעדט. און אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַזוי מוז עס זיין, אַז מסתמא ווייסט ר׳ יצחק בער, וואָס ער טוט. מסתמא זעט ער, אַז זיין גורל איז צו וואַנדערן און אין לעבן קיין מנוחה נישט צו געפינען.

אַלטע חסידים האָבן געשמועסט, אַז געקומען איז עס אים צוליב אַ מעשה מיט ר׳ מרדכי יוספן. ו ו ע ן ד אָ ס האָט פּאַסירט און ר׳ מרדכי יוסף האָט זיך געקליבן אַוועקצוגייי האָט גאַנץ קאָצק זיך באַהאַלטן

אין די קעלערס און ווו מ׳האָט נאָר געקאָנט. די גרעסטע חסידים האָבן מורא געהאַט דעם קאָפּ אפּירצושטעקן פון אונטער די בענק. די הויט האָט אויף יעדן געציטערט. און ווער שמועסט זיך אַריינמישן צווישן אַזעלכע גדולים... די מינדסטע הקפּדה קאָן דאָך אומגליקלעך מאַכן אויפן גאַנצן לעבן. איז מען געלעגן פאַרשטעקט אין די מויז־לעכער און געשווידערט פון פּחד. נאָר איין ר׳ יצחק בער, דאַמאָלס נאָך אַ יונגערמאַנטשיק סך הכל, האָט נישט מורא געהאַט, האָט זיך נישט באַהאַלטן. איז אײנער אַליין אַרוים אויף דער גאַס, האָט אָפּגעשטעלט ר׳ מרדכי יוספן אין מיטן וועג און צו אים געזאָגט:

— אַ רבילע זיך פאַרגלוסט ווערן? האַ? און דאָס וועט זיין דער תכלית פון ר׳ מרדכי יוספן?...

האָט ר׳ מרדכי יוסף געטון אַ פינסטערן בליק אויף דעם יונגנמאַנ־טשיק און געענטפערט:

— דו וועסט לאַנג זוכן דיין תכלית, יצחק בער... — און איז ווייטער געגאַנגען זיין וועג.

ר׳ יצחק בער האָט טעג און נעכט געקאָנט דערציילן וועגן קאָצק, אָבער וועגן  ד ע ם  האָט ער קיינמאָל נישט גערעדט, און איבערפרעגן האָט מען די העזה נישט געהאַט. נאָר פון דעם טאָג האָט ער, שמועסט מען, זיך מער קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. נישט געקאָנט איינזיצן לאַנג אין קיין שום שטאָט. ווי עס וואָלט אים עפּעס געטריבן — געוואַנ־דערט פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, פון איין חסידים־שטיבל אין אַנדערן...

און אומעטום, ווו ער איז געקומען, איז געווען אַ שמחה ביים עולם. יונגעלייט זענען גאַנצע נעכט אָפּגעזעסן אין שטיבל און בייטאָג אוודאי נישט געהאַט קיין צייט צו קומען אין שטוב... מ׳האָט געפּראַוועט חסי־דות, די סעודהלעך האָבן זיך פאַרצויגן ביז פאַרטאָג, און פון ר׳ יצחק בערס מויל האָבן זיך געשיט פּערל פון קאָצק און פון פּשיסכע און נישט גלאַט עפּעס תורה, נאָר טאַקע בעיני ראיתי...

אין די לעצטע צייטן אָבער איז ר׳ יצחק בער עפּעס ווי נשתנה גע־וואָרן. נאָך אַ מעשה פון קאָצק האָט ר׳ יצחק בער מיט ביידע הענט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים און גענומען רעדן אַזוינע מאָדנע רייד, אַז אַ קעלט

איז דורכגעלאָפן די ביינער. ווו טוט מען זיך אהין? ווו באַהאַלט מען זיך אוים? נישטאָ קיין אָרט ווו זיך צו פאַרשטעקן... נישטאָ קיין אָרט וווהין צו אַנטלויפן... ער קאָן מער נישט קוקן אויף די יידן... אַזעלכע אָנגע־פּרעסטע יידן... מיט אַזוינע בייכער... אַן אָנגעפּרעסנקייט שפּריצט ארויס פון זייערע פּנימער, פון זייערע לייבער, פון זייער גאַנץ טועכץ... און זיי ווייסן נישט מער, ווי געלט, געלט, געלט!... און שיינע יידן ווילן זיי זיין!... חסידים, טיש־זיצערס!... זיי דאַרפן שוין מער גאַרנישט, זיי ווילן גאָר־נישט, זוכן מער נישט... וואָס פעלט זיי דען? דעם רבונו של עולם ביי דער פּאָלע אָנגעכאַפּט!... און שוין!... עס קומט זיי נאָך אַ רעשט!... אַ, זוו נעמט מען די קאָצקער שטעקנס... ע ר וואָלט זיי שוין געטריבן!... מיט קאַנטשיקעס די זאַטקייט פון זייערע לייבער ארויסגעשלאָגן!... קאָצק וואָלט זיי געוויזן!... קאָצק!... זאַטע חסידים, אָנגעפּרעסטע חסידים, גע־הערט אַזעלכעס?!... און אומעטום זענען זיי דאָ... שטופּן זיך... נישט אָפּ־צושטשעפּען זיך פון זיי... ווי די פליגן קלעבן זיך צו...

ביים טיש זיצן חסידים גבירים, גרויסע סוחרים, פּאַרנומענע מענ־טשן, וואָס האָבן זיך פונדעסטוועגן אָפּגעריסן פון אַלע עסקים, אבי צו עסן אַ סעודה צוזאַמען מיט ר׳ יצחק בערן און צו הערן אַ גוט וואָרט פון קאָצק, זיצן מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן און ווייסן נישט, וואָס מיט זיך צו טון. ווער מיינט ער, ר׳ יצחק בער, מיט זיינע מאָדנע רייד! מיינט ער טאַקע זיי? אָבער פאַרוואָס? וואָס וויל ער פון זיי? סאַרע טענות האָט ער?... פירן זיי זיך נישט ווי יידן דאַרפן זיך פירן? האַלטן זיי זיך נישט ביים רבין ווי חסידים דאַרפן זיך האַלטן?... אַ זיי פירן ברוך השם גרוי־סע געשעפטן און זענען מצליח, נו איז וואָס?... נעמען זיי דען נישט צו דעם רבינס קינדער פּאַר שטיקלעך שותפים?... איז וואָס זידלט ער זיי? וואָס איז ער זיי מבזה פאַר מענטשן?...

זיי פילן זיך אומשולדיק די גבירים, פונדעסטוועגן קאָרטשן זיי זיך צונויף, ווי זיי וואָלטן וועלן, אַז מ׳זאָל זיי אינגאַנצן נישט ארויסזען, אַז מ׳זאָל נישט זען זייערע רונדיקע נגידישע בייכלעך. וואָרום מיט ר׳ יצחק בערן שפּילט מען זיך נישט. ער קאָן ביים נאָמען אָנרופן, ער האָט דאָך אפילו פאַר ר׳ לייזערן עליו השלום קיין דרך ארץ נישט געהאַט...

און ווען די מגיפה, רחמנא ליצלן, איז געוואָרן אַ גרויסע סכנה,

ווען אַ שרעק איז באַפאַלן אַלע ערלעכע יידן, איז ר׳ יצחק בער גאָר געוואָרן אויפגערוימט. אַט אַזוי דאַרף עס זיין, זיי, די יונגאַטשעס, זענען אים ליבער פאַר די זאַטע חסידים. אַזוי דאַרפן זיין יידן... אויסגעהונגערטע נשמות... און גרייט זיך מקריב זיין... איז וואָס איז דאָס געשריי? וואָס געוואַלדעווען זיי אַזוי? וואָס ציטערן זיי אַזוי, די גבירים, איבער זייערע זינדלעך? אביסל מסירת נפש וועט זיי בנאמנות נישט פאַרשאַטן...

און וואָס זיי רעדן, איז אויך גאָרנישט אַזוי קרום. פון ווען אָן האָבן חסידים אַזוי זיך צוגעקלעפּט צו פּאַניען?... קיסר, נו, איז וואָס? האָט מען זיך אין קאַצק עפּעס דערשראָקן פאַר זיין זיידן, דעם „אבי אבות", ווען ער האָט, נעבעך, יידישע קינדער געכאַפּט? האָט זיך קאַצק מיט אים נישט אָפּגערעכנט, און נישט געשיקט צו אים אין חלום שליחים אָנזאָגן, אַז ער וועט האָבן אַ מיתה משונה?...

און זיין איצטיק איניקל איז דען בעסער, איז נישט דער זעלבער שונא ישראל... אלא וואָס דען, די גבירים שרעקן זיך. זאָלן זיי זיך שרעקן... נישט קשה, עס וועט זיי צונוץ קומען... אפשר וועלן זיי זיך אויך דערשרעקן פאַר גאָט...

יאָ, די גבירים האַלטן מיטן קיסר. נאָר מיט וועמען זאָלן זיי האַלטן? מיטן אָרימען?... אַ טייער פאָלק יידן. אַז אַלטוואַרג ווערט זאַט און אָנגעפרעסן, קומט יונגוואַרג און צעבונטעוועט זיך... נישט אָפּצושאַצן די יידישע נשמה. דאַכט זיך אוועק אַזוי ווייט, פאַרקראָכן, חלילה, אין די מ״ט שערי טומאה, פאַרבלאָנדזשעט אויפן דרך פון כפירה... אַ ניצוץ אָבער איז דאָ... און זיי זוכן... און מסירת נפש... מסירת נפש איז דער עיקר, אַ, ווען ער, יצחק בער, וואָלט זיין מיט אַ צען יאָר יינגער?... ער וואָלט צו זיי אַוועק... נישט קשה, אַ קאַצקער וועט אומעטום צונוציקומען...

אויפגעציטערט איז דער עולם געוואָרן פון אַזעלכע רייד. די בנימער פון די חסידישע יונגעלייט האָבן געפלאַמט און זיי זענען געלאָפן אַרויף און אַראָפּ איבערן שטיבל פאַרמוחטע. די בחורימלעך האָבן זיך מאָדנע דורכגעווונקען און די עלטערע יידן האָבן דערשראָקענע אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן און נישט געוווסט, אויף וועלכער וועלט זיי געפינען זיך.

ר׳ יאָשקע פאַדריאַטשיק האָט געהאַלטן, אַז מען טאָר נישט שווייגן. אַז על פי דין טאָר מען גאָר אַזעלכע רייד אפילו נישט הערן. אַז מען וועט

נישט יוצא זיין, אויב מ'וועט אזא זאך פארשווייגן. עס איז טאקע ר' יצחק בער, אָבער, ווען עס גייט וועגן סכנת נפשות, טאָר מען אויך ר' יצחק בערן נישט פארשווייגן. א קליינינקייט עפּעס, ער קאָן דאך חלילה מיט אזוינע רייד איבערפירן די יונגעלייט... געהערט אזעלכעס. זידלען יידן חסידים און לויבן די פושעים און מורדים במלכות... אזוי איז עס... אז מען האָט נישט דרך ארץ פאר יידן נגידים, אז מען האָט אן אָפן מויל און מען רעדט וועגן אָנגעפּרעסענע, חלילה, חסידים, ווערט מען צום סוף א מורד במלכות אויך.

ר' יאָשקע פּאדריאטשיק האָט זיך אפילו אָנגעטון א כוח און איי־בערגעריסן ר' יצחק בערן אין מיטן די רייד:

— סטייטש —האָט ער געפרעגט— ווי מעג מען דאָס אזוי זידלען יידן גבירים, אז עס איז א בפירושע גמרא, רבי מכבד עשירים?

האָט ר' יצחק בער זיך אויסגעדרייט צו ר' יאָשקען מיט א צעשמיי־כלט, כמעט לאַבעדיק פּנים און געזאָגט:

— אוודאי, יאָשקע, האָסט דאך געפרעגט גאָר א וואזשנע קשיא... איז ווי מיינסטו, אז רבי, דער הייליקער תנא, האָט נישט מכבד געווען קיין ערלעכע יידן, אנשי מעשה, חסידים און לומדים, נאָר גבירים האָט ער מכבד געווען, נאָר פּאדריאטשיקלעך האָט ער געשאנעוועט? הא?... די מעשה איז געווען אביסל אנדערש, יאָשקעלע. די מעשה איז געווען די, וואָס רבי הקדוש איז געווען אזא לב טוב, אז אפילו די פּאסקודניאקעס, די גבירים, האָט ער געשאנעוועט, אפילו אין די פּאדריאטשיקלעך אויס־געזוכט עפּעס א גוטע זאך, כדי זיי צו קאָנען שאנעווען... איצט פאר־שטייסטו שוין, יאָשקע, דעם פּשט פון דער הייליקער גמרא...

יאָשקע האָט זיך פארשטעקט צווישן עולם, אז מען זאָל אים נישט ארויסזען, און ר' יצחק בער האָט מיט א טרויעריקן שמייכל פארענדיקט:

— מיר אָבער קענען זיך נישט פארגלייכן צו אזעלכע קדושים וטהו־רים, און מיר זאָגן אויף א פּאסקודניאק — פּאסקודניאק!...

איז צומאָרגנס ר' יאָשקע פּאדריאטשיק עקסטרא אריבערגעפאָרן צום רבין. מילא, אויף זיין כבוד וואָלט ער מוחל געווען. עלעהיי דאָס טשעפּן זיך צו יידן גלאַט אין דער וועלט אריין איז נישט אזא חסידישע מידה

און פּאַר אַן אַלטן קאָצקער חסיד פּאַסט עס גאָרנישט. אָבער וועגן דעם וואָלט זיך נישט געלוינט צו רעדן. נאָר דאָס רעדן קעגן מלכות איז דאָך ממש אַ סכנה פאַרן כלל ישראל. הענט און פיס ציטערן נאָך ביי אים פון די געוואַלדן און געשרייען פון סקאַלאַנס רעכטער האַנט, דעם פּולקאָווניק קאַמאַראָוו, און דאָ זאָלן גאָר חסידים רעדן אַזעלכע דבורים... מ׳דאַרף זיך דאָך קריעה צו רייסן... און די יונגעלייט הערן זיך צו און די בחורים... עס קאָן דאָך ווערן חלילה אַ תל עולם פון אַלעם... זיי קאָנען דאָך גאָר מיינען, אַז עס איז חלילה אַ מצוה צו זיין אַ מורד במלכות... אַז ר׳ יצחק בער רעדט אַזוי און די „וועלט שוויגט”...

ר׳ יאָשקע איז געווען אַ חשוב אין הויף. מ׳קען זאָגן, אַז אַן אים האָט מען זיך דאָרט נישט גערירט, האָט מען נישט געטון די מינדסטע זאַך. אַלע עסקים מיט די גויים זענען דורך אים דערליידיקט געוואָרן, האָט ער דעריבער גערעדט דרייסט און זיכער. ער האָט אָבער נישט באַקומען די תשובה, וואָס ער האָט דערוואַרט.

— ר׳ יצחק בערן, חלילה, נישט טשעפּען!... — און מער אַ וואָרט נישט... כאָטש ר׳ יאָשקע האָט זיך נישט געאיילט מיטן געזעגענען.

ר׳ יאָשקע פּאָדריאַטשיק איז אַהיימגעפאָרן אַ האַלב ברוגזער. מילא, מען טאָר דאָך נישט מהרהר זיין... ער האָט זיך מטריח געווען, האָט אוועקגעלייגט אַלע געשעפטן, האָט נישט געוואָרט אויף שבת, נאָר אין מיטן דער וואָך אַרויסגעפאָרן... ווען עס איז אַ כלל־ענין, מוז מען די אייגענע געשעפטן אוועקלייגן... ער האָט דעם רבין אַלץ איבערגעגעבן, דערציילט וועגן אַלע סכנות, און דאָ אַזאַ תשובה... מילא, זאָל זיין אַזוי. ער איז זיך נישט מחויב צו צערייסן... ער איז אויך נישט מהרהר... ער האָט געטון ס׳זייניקע, ער האָט געוואָרנט. איז, אויב מ׳האָרכט אים נישט, מסתמא דאַרף אַזוי זיין. ער וועט שוין מער אַ וואָרט נישט רעדן. און הלוואי זאָל פון דעם גוטס אַרויסקומען.

קאַפּיטל 6

# אין קורצן פרייטיק

אין קורצן פרייטיק איז עס גיעשען. אַ הויכער פּוכיקער שניי האָט זיך איבערנאַכט צעלייגט איבער די גאַסן. די סטרוזשעס, אָנגעטון אין שוואַרצע לאַנגע פּעלצן, האָבן מיט לאָפּאַטעס אין זייערע געפרוירענע הענט אָפּגערייניקט די טראָטואַרן פון דעם שניי און אים צונויפגעלייגט אין קליינע ווייסע בערגלעך נעבן די רינשטאָקן. די דראָשקאַזשעס האָבן אַראָפּגענומען די רעדער פון די דראָשקעס און ווילעריש זיך געגליטשט אין זייערע שליטנס איבער דעם ווייסן פּוכיקן שניי, און די גלעקלעך אויף די העלדזער פון זייערע פערדלעך האָבן אַרויסגעגעבן פון זיך מאָדנע בענקענדיקע טענער.

יידישע יינגלעך און שקצימלעך האָבן זיך געשפּילט מיטן שניי און זיך באַוואָרפן מיט ווייסע קוילן. פּראָווינצער סוחרים, איינגעהילטע אין פוטערס מיט אויסגעריבענע קעלנער, זענען פאַרסאָפּעטע געלאָפן פון איין געשעפט אין אַנדערן. ווייל אין קורצן פרייטיק מוז מען זיך איילן, כדי צו באַוויזן אַהיימצוקומען פאַר שבת.

אַ ווייסע שטילקייט האָט זיך צעלייגט איבער דער שטאָט. די שווערע וועגענער מיט אייזן, קוילן און ציגל האָבן זיך מיט זייערע רעדער איינגעביסן אין דעם ווייסן ווייכן שניי און זענען געפאָרן שטיל ווי אַ קאָטש מיט גומענע רעדער.

אין דער דאָזיקער ווייסער שטילקייט האָט פּלוצים, ווי אַ שטורעם, זיך געטראָגן איבער די גאַסן די „טראָיקאַ" פון דעם זשאַנדאַרמסקי נאַטשאַלניק איוואַנאָוו, דעם המן הרשע.

ווי די מחבלים זענען זיי געפלויגן, די דריי קאַשטאַנען־פערד און זייערע שטאַרקע און פלינקע פיס האָבן געהויבן אין דער לופטן כוואַליעס ווייסן שניי און ווי זילבערטראָפּנס זיי צעוואָרפן איבער דער גאַס.

מיט אַמאָל האָט עפּעס שווערעס, עפּעס שוואַרצעס דורכגעשניטן די לופט, האָט אָנגערירט די גזשיוועס פון די פערד און האָט זיך ווייך און רואיק אַראָפּגעלאָזט אין דער אָפענער קאָטש. באַלד האָט עפּעס אַ קראַך

געטון, ווי א הויז וואָלט צעזעצט געוואָרן. די פערד זענען א פאַל אנידער געטון, ווי עמיצער וואָלט זיי פּלוצים די פיס אונטערגעהאַקט.

די קאַטש איז געלעגן אַן איבערגעדרייטע, און דעם קוטשערס הויכע פוטערנע פּאַפּאַכע האָט זיך געוואַלגערט אין שניי.

די גאַס האָט אין שרעק פאַרטאַיעט דעם אָטעם, איז געבליבן ווי פאַרשטיינערט. עטלעכע אָפּגעהאַקטע רעוואָלווער־שאָסן האָבן דורכגע־שניטן די לופט. עפּעס האָט זיך געדאַכט, אז דאָ און דאָרט לויפן א פּאָר מענטשלעכע פיס...

די סוחרים האָבן מיט צעשראָקענע פּנימער גענומען פאַרהאַקן די לאָדנס פון די געוועלבער, די סטרוזשעס האָבן אין מיטן גאַס אוועקגע־וואָרפן די לאָפּאַטעס און צלמענדיק זיך, מיט ציטערדיקע הענט גענומען שליסן די טויערן.

גלייך דערנאָך האָט זיך דערהערט א פייפן, א דין דורכדרינגענדיק פייפן. פון אַלע זייטן האָט זיך דאָס פייפן געטראָגן, ווי די רוחות און שדים וואָלטן זיך צוזאַמענגערופן. מיט רעוואָלווערן און שווערדן האָבן פון אַלע גאַסן אָנגעהויבן לויפן סטאַיקאַווים, גאָראַדאָוואָיס, פּריסטאַוועס. איבערן ווייסן פּוכיקן שניי האָט זיך פון אונטער דער איבערגעקערטער קאַרעטע אפּער צעגאָסן א דינער רויטער שטראָם...

און באַלד האָט זיך דערהערט דער גאַלאָפּ. דער גאַלאָפּ פון די קאָ־זאַקן. ווי מחנות משוגענע הינט, אָפּגעריסענע פון דער קייט, האָבן זיי זיך א לאָז געטון אויף דער שטאָט מיט צעפּלאָשעטע לינקע פּיאות, מיט פּיקעס און שווערדן אין די הענט, האָבן זיי ווי רוחות זיך געטראָגן מיט א ווילדער הירזשעריי, צוגעוואַקסענע צו זייערע קליינע פערדלעך, איבער די גאַסן. זיי זענען מיט זייערע פערד אַרויף אויף די טראָטואַרן. מיט די פּיקעס האָבן זיי אויסגעזעצט די שויר־פענסטער פון די געוועלבער, געשאָסן אין די פענסטער און מיט די שווערדן דערלאַנגט יעדן, וואָס האָט נישט באַוויזן אַריינצופאַלן אין א טויער. זענען מענטשן געפאַלן פון די שווערדן און די קאָפּיטעס און די קאָזאַצקע פערד האָבן איבער מענטשלעכע גופות געטראָטן...

א געשריי און געיאָמער האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם ווילדן קאָ־זאַצקען וואָיען. און נישט געוווסט האָט מען ווער און ווו... פאַרשלאָסן

אין די שטיבער, מיט בלייכע פּנימער, זענען געזעסן יידן איבערן תהילים, און גוייִם, להבדיל, האָבן זיך געצלמט און אויף זייער שטייגער תפילה געטון.

אַן אויסגעוואָרעמטער איז ר׳ יצחק בער קאָצקער אַרויס פון דער מקוה. אויף דער גאַס האָט ער שוין געהערט, אַז המן הרשע האָט געהאַט אַ ווילסטן סוף, אַז חברה האָבן אים געמאַכט מיט אַ קאָפּ קירצער. מילא, וואָס גייט עס אים אָן... ווען זיי פרעגן אים, וואָלט ער נישט געהייסן און טאַקע אויך נישט דערלאָזט... שאַרף אהין, שאַרף אהער, אָבער פון אַזעלכע זאַכן האָט מען אין קאָצק נישט געהאַלטן... דיני מיתה געהער צו די סנהדרין. ניין, אַזעלכע זאַכן געפעלן אים נישט... נו, מאַ, מ׳האָט אים נישט געפרעגט... און צוריקגעשמועסט, מוז מען אויך צו אַזאַ זאַך האָבן מסירת־נפש... און נאָך וואָס פאַר אַ מסירת נפש... אַזאַ המן הרשע איז דאָך מסתמא געווען אַ מוראַדיקער שיסער... נאָר ווי דען... הייסט עס, אַז זיי זענען גרייט געווען אויף אַלעם... און דערצו מוז דאָך שוין זיין אמונה... און נישט גלאַט עפּעס אמונה... היינט־זשע דאַרף מען דאָך לערנען אַ קל וחומר...

ר׳ יצחק בער גייט רואיק איבער דער גאַס. ער טראַכט זיינע טראַכטעניש. פאַרשלאָסן, פאַרהאַמערט די געוועלבער... צוגעהאַקט די טויערן... אַי דורות, היינטיקע דורות. שוואַכע דורות... ווי זיי האָבן דאָס מורא פאַר אַ בשר ודם... פאַר אַ סטראַזשניק... ווען זיי זאָלן אַזוי מורא האָבן פאַרן רבונו של עולם... אַך... עס איז שוין נישט ווייט פון וועלוולס שענק... דער מעד, דער היינטיקער, איז שוין אויך אַן טעם און ווי לאַנג איז עס אינגאַנצן, זינט ר׳ איטשע מאיר איז יעדן פרייטיק געקומען אין שענק פון וועלוולס טאַטע... דעם טעם פון קאָצק האָט מען דאָרט געפילט... ר׳ איטשע מאיר האָט לאַנגזאַם געזופּט פון גלאָז מעד... די שבתדיקע פיש טועם זיין פרייטיק האָט ער נישט מסכים געווען... און איצט ז י י ן שמועס... קיין שום זאַך אין דער וועלט איז דאָך פאַר אים נישט פאַרהוילן געווען... און אַצינד געבליבן אָן קאָצק און אָן ר׳ איטשע מאירן... היינט סאַרע טעם קאָן שוין האָבן דער מעד...

ר׳ יצחק בער קרעכצט שווער אָפּ. אַ ווייבעריש קול דערגייט צו אים פון ערגיץ:

— „ר׳ ייד, דערבאַרעמט איך, קאַזאַקן...״

א נאַרישע יידענע... פאַר קאַזאַקן גאָר מורא האָבן... אין קאַצק האָט מען פאַר גאָט מורא געהאַט... קאַצק...

ער דערטראַכט נישט זיינע טראַכטענישן, ווי אַ פייערדיקע רוט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זיין פּנים, אויף דער פּלייצע, איבערן גאַנצן גוף... ער ווייסט נישט, וואָס מיט אים טוט זיך, ער פילט נאָר, אַז ער פאַלט, גליטשט זיך אַראָפּ אין עפּעס אַ טיפן פינסטערן גרוב... ער וויל שרייען, וויינען ווי אַ קינד... ער דערזעט דעם רבין. דעם רבין פון קאַצק מיט דער לאַנגער גאַרטעל, וואָס נעמט אַרום זיין שמאָלן גוף. ער דערפרייט זיך, שטרעקט אויס צום רבין די הענט, וויל רופן... רבי, כ׳פאַל... דער־לאַנגט מיר די גאַרטל, רבי... אָבער ער קאָן נישט רעדן. ער קאָן נישט שרייען. ער קאָן נישט רופן. דאָס מויל, דער האַלדז איז אים פאַרשטאָפּט מיט אַזאַ קלעפּיקער בלאָטע...

ער איז אַוועקגעפאַלן אויפן טראָטואַר נעבן עפּשטיינס געשעפט. פון אונטער די שפּאַרעס האָט מען געזען, ווי די קאַזאַקן וואַרפן זיך אויף אַן אַלטן ייד.

ווען זייער גאַלאָפּ האָט זיך שוין געהערט פון דערווייטנס, האָט מען געעפנט די טיר פון געשעפט און עפּשטיין איז אַרויס אויף דער גאַס. ער האָט גלייך דערקאָנט ר׳ יצחק בערן. ער האָט פּאַרזיכטיק אים אַריינגע־טראָגן אין געשעפט, מ׳האָט אויף דער שנעל געמאַכט אַ שטיקל געלעגער, און עפּשטיין האָט אויפן טעלעפאָן אַלאַרמירט דאָקטוירים.

עס איז אָבער שוין נישט געווען וועמען צו ראַטעווען.

עפּשטיין איז געשטאַנען איבערגעבויגן איבער דעם ליגנדיקן ר׳ יצחק בער. דער אַלטער האָט עפּעס גערעדט צו זיך. עפּעס זיך אויסגע־טענהט מיט זיך אַליין. שווער געווען צו פאַרשטיין, וואָס ער מיינט. עפּעס מאָדנע רייד וועגן מסירת נפש און וועגן קאַצק, וועגן דעם רבינס גאַרטל, ביי וועלכער מ׳דאַרף זיך אָנהאַלטן און וועגן אַ נאַרישער יידענע, וואָס האָט מורא פאַר קאַזאַקן. ער האָט שטיל פאַרמאַכט די אויגן. אין מיטן די רייד איינגעשלאָפן ווי אַ קינד. די אַרויסגערופענע דאָקטוירים האָבן שוין נישט געהאַט וואָס צו טון.

דניאל עפּשטיין איז געשטאַנען אַ שווייגנדיקער ביי דעם אויף איי־

ביק איינגעשלאָפּענעם ר׳ יצחק בער, און ער האָט זיך דערמאָנט אָן די אַמאָליקע צייטן פון אַלטן הויז אויפן גזשיבאָוו. האָט זיך דערמאָנט, ווי ר׳ יצחק בער פלעגט אַריינקומען מיט אַ ברייטן גוט מאָרגן אין געשעפט און ר׳ ליזער האָט געלאָזט שטיין די גרעסטע עסקים און איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען...

צוויי מעת לעת האָבן די קאָזאַקן געוועלטיקט איבער דער שטאָט. צוויי מעת לעת האָבן זיי זיך געטראָגן איבער די גאַסן אויף זייערע פערדלעך; געטראָגן מיט אַ ווילדער הירזשעריי, ווי דאָס וואָיען פון הונגעריקע וועלף, האָבן געשאָסן אויף מענטשן און אויף וויוואַט, האָבן געשלאָגן און געממיתט, וועמען נאָר זיי האָבן אויפן וועג אָנגעטראָפן. צוויי מעת לעת האָט די גאַנצע שטאָט זיך געפילט הפקר, אויסגעליפערט צום חסד פון די דאָנער קאָזאַקן.

איז מען געזעסן פאַרשלאָסן אין די שטיבער און מורא געהאַט צוצוגיין צום פענסטער. שבת זענען די בתי־מדרשים און שטיבלעך געווען געשלאָסן. און דאָס זעלבע, להבדיל, מיט די קירכעס. ווי אויסגעשטאָרבן איז געווען די גאַס, און געהערט האָט מען נאָר דעם גאַלאָפּ פון פערד און ווילדע געשרייען פון די מחבלים...

אַ פינסטערער שבת געווען. און אין דעם שבת האָבן די יידישע שררות פון דאָזער שטיבל און די דריי עלטסטע רבנים מיט ר׳ יצחקל מתנגד בראש געמוזט גיין צו־פוס איבער דער גאַנצער שטאָט אַזש צו דער ווייסל־בריק, וווּ עס שטייט דער אַלטער שלאָס פון די אַמאָליקע פוילישע מלכים.

אַזוי האָט געלאָזט באַפעלן זיין פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ, דער גענעראַל־גובערנאַטאָר סקאַלאָן. די „דייטשן״, דער פּרעזעס, פאַן מיכאַל, און דער וויצע־פּרעזעס פאַן ראַפאַל האָבן לכתחילה געהאַלטן, אַז מען דאַרף פאָרן. און ר׳ לוי, ר׳ ליזערס עליו השלום עלטסטער זון, האָט אויך אַזוי געהאַלטן. אויך דער דין איז, וואָס דער אמת, געווען אויף זייער צד. פיקוח נפש איז דוחה שבת. און ווי קאָן גאָר געמאָלט זיין אַ גרעסערע סכנת נפשות, ווי אַ קאָזאַקישע פּיקע... און ר׳ יצחקל האָט זיי געגעבן געדערכט. ער האָט בפירוש געפּסקנט:

— איר זאָלט פאָרן! איך בין מתיר... און איך נעם עס אויף מיר...

האָט דער פאַן מיכאל זיך אַ קוק איבער געטון מיט זיין אַלטן פריינט דעם פאַן ראַפאל און געזאָגט:

— וועט די קאַטש מיינע פאַרפאָרן צום פאַן ראַבין...

האָבן די דריי אַלטע רבנים גענומען אין האַנט אַריין זייערע לאַנגע ווייסע בערד, און ר' יצחקל האָט אין זייער אַלעמענס נאָמען געענטפערט:

— ניין, די קאַטש דאַרף נישט צו אונדז פאַרפאָרן... איר מעגט פאָרן, אָבער די רבנים טאָרן נישט פאָרן... רבנים טאָרן נישט מחלל שבת זיין און דערצו בפרהסיה... אפילו צוליב אַ סכנה טאָר מען אַזאַ זאַך נישט טון... עס וואָלט געווען אַ חילול השם, חלילה... וואַרשעווער רבנים זענען מחלל שבת... און אויף אַ חילול השם איז מען זיך בפירוש מחויב מוסר נפש צו זיין... די רבנים וועלן גיין צו־פוס. ס'מאַכט נישט, מסירת נפש איז אַ גרויסע מצוה, און אַ ייד דאַרף האָבן כוח מקיים צו זיין מיט שמחה...

דער אַלטער פאַן מיכאל האָט מיט אַ טיכל זיך געווישט די אויגן, ווען ער האָט געהערט די תשובה. זיין פריינט, דער פאַן ראַפאל, האָט אוועקגעדרייט דעם קאָפּ און עפּעס ווי שווער אָפּגעהוסט. ר' לוי האָט זיך געחידושט אויף דעם מתנגד, וואָס רעדט מיטן לשון פון קאָצק.

דעם פאַן מיכאל איז שווער געווען צו געפינען די פּאַסיקע ווערטער. זיי קאָנען שוואַך פּויליש, די רבנים פון וואַרשע, זיי פאַרשטייען נישט די היינטיקע צייט, אָבער פאַר אַזוינע רייד מעג מען אַלץ פאַר ליב נעמען, אפילו דאָס שוואַכע פּויליש אויך... ניין. ער וועט זיינע רבנים נישט לאָזן אַליין. נישט לאָזן הפקר. עס וואָלט דאָך געווען אַ בזיון און אַ בושה און אַ חילול השם, אַז די דאַזערעס פון וואַרשע האָבן מפקיר געווען זייערע רבנים צו די קאַזאַקן. אויב גיין, וועלן  א ל ע  גיין, און גאָט זאָל רחמנות האָבן...

און אַזוי זענען זיי געגאַנגען. צוויי אַלטע דייטשן און איין חסיד. אַלע אין שוואַרצע לאַנגע פּאַלטעס און אין הויכע גלאַנציקע צילינדערס אויף די קעפּ. און דריי אַלטע רבנים, אַרומגענומענע מיט ברייטע אַטלאַסענע כאַלאַטן, אונטערגעצייטע מיט פוטער און שווערע געלבלעך ברוינע קאָלפּאַקעס געטראָגן אויף די קעפּ.

טריט ביי טריט זענען זיי געגאַנגען. פון איין גאַס אין די אַנדערע, אַרויס פון די יידישע מקומות און אַריין אין די גויאישע. איינער ביים

אַנדערן אין צוויי שרענגעס, פֿאַראויס די רבנים און נאָך זיי קהל, זענען זיי געגאַנגען איבער דער פּריצישער קרולעווסקע, און ר׳ לוי האָט זיך עטלעכע מאָל אומגעדרייט און טרויעריק געקוקט צו דעם הויז אויף גזשי־באָוו, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן, מיט איין אָרעם אָנגעשפּאַרט אויף דער חסידישער טוואַרדע און מיטן צווייטן אָרעם זיך אָנגעלענט אויף דער באַלעבאַטישער גראַניטשנע.

די הויכע מויערן פֿון „סאַבאַר" פֿאַרשטעלן זיי אײַנגאַנצן, טײלן זיי אָפּ פֿון ייִדן, ליפֿערן זיי שוין אײַנגאַנצן אויס אין גויאישע הענט...

ביי דער קראַקעווער פֿאָרשטאָט שטעלן זיי זיך אָפּ אויף אַ ווײַל. וועלן זיי אַמאָל דערגיין צום קעניגלעכן שלאָס? וועט זיי סטאַיען בוחות? די אַלטע פֿיס זענען מיד, קוים וואָס זיי שלעפּן זיך...

עס הערן זיך קולות. דער גאַלאָפּ פֿון די קאָזאַקישע פֿערד הערט זיך וואָס אַמאָל נענטער. באַלד וועט אויסברעכן דער שטורעם און ווער ווייסט וואָס...

ר׳ יצחקל פֿילט ווי דאָס האַרץ הייבט אָן האַסטיקער קלאַפּן, מען דאַרף זיך שטאַרקן... מסירת נפש קומט נישט לײַכט אָן...

דער אַלטער פֿאַן מיכאַל זאָגט שטיל שמע ישראל. ניין, ער האָט נישט חרטה, איבערלאָזן די רבנים הפקר צו די קאָזאַקן, אַזאַ חרפּה פֿאַר דער שטאָט...

ר׳ לוי דערמאָנט זיך פּלוצים אָן ר׳ יצחק בערן, אַ טײַערער ייִד גע־ווען נאָך אַלעם... עפּעס אַ קליינינקייט, זיך געהאַלטן אָן דער קאַצקער קליאַמקע...

זיי גייען ווײַטער, און מיט יעדן טריט ווערט גרעסער דער פּחד. פּלוצים ווערט שטיל. מען הערט נישט מער דאָס קלאַפּן פֿון די קאָפּיטעס פֿון די קאָזאַקישע פֿערד. נאָר גאַנץ פֿון דערווײַטן דערטראָגן זיך שוואַכע אָפּקלאַנגען פֿון מענטשלעכע קולות. וואָס איז געשען? צי האָט דער רבונו של עולם בלינד געמאַכט די ווילדע אויגן פֿון די דאָנער קאָזאַקן? צי האָבן די שיכורע פֿאַניעס זיך דערשראָקן פֿאַר די ווײַסע זילבערנע בערד פֿון די רבנים און זייערע הויכע קאַלפּאַקעס?

זיי האָבן שוין מער קיין כוח נישט געהאַט זיך צו שרעקן. זיי האָבן שוין קיין כוח נישט געהאַט זיך צו פֿרייען. מיט שלעפּעדיקע פֿיס, מיט

די לעצטע כוחות בלייבן זיי שטיין ביי דעם ברייטן טויער פון שלאָס, אין וועלכן די פּוילישע מלכים האָבן אַמאָל געקיניגט.

מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן לאָזן זיי זיך פירן איבער לאַנגע האַלב־טונקעלע קאָרידאָרן, איבער זאַלן גרויסע און אויסגעשטאַרבענע. זיי ווייסן שוין גאָרנישט און זעען גאָרנישט און פילן שוין גאָרנישט. נאָר די אַלטע פיס בעטן זיך רו... אין דעם גילדענעם זאַל פון די פּוילישע מלכים האָט מען זיי געלאָזט שטיין. זיי האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט, זענען גע־בליבן שטיין דאָרט, וווּ מען האָט זיי געלאָזט, אין אַ ווינקל פון דעם גילדענעם זאַל.

אַ לענגערע ווײַלע זענען זיי געשטאַנען מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן. מיד און דערשעפּט, האָבן זיי ווי גאָרנישט געדענקט, צוליב וואָס זיי געפינען זיך דאָ. זיי האָבן נישט געפילט אויף זיך די שטרענגע בליקן פון די פּוילישע מלכים און העטמאַנעס, וואָס האָבן אַראָפּגעקוקט צו זיי פון די פּאָרטרעטן, מיט וועלכע די ווענט זענען געווען באַהאַנגען, איינ־געראַמט אין גילדענע ראַמען. זיי האָבן נישט געזען די גילדענע טישן און גילדענע שטולן און די גרויסע גילדענע שפּיגלען, פון וועלכע עס האָבן אַפּערגעקוקט אַלטע יידן מיט ווייסע זילבערנע בערד...

די מידע פיס האָבן צוריק באַקומען אביסל חיות. און דאַמאָלס האָבן די אַלטע יידן זיך דערמאָנט, צוליב וואָס זיי געפינען זיך דאָ. זיי האָבן איינער דעם אַנדערן אָנגעקוקט, און דאַן מיטאַמאָל דערפילט, אַז זיי זענען נישט אַליין אין דעם זאַל. פּאָרזיכטיק האָבן זיי אויסגעדרייט די פּנימער און דערזען, אַז מ'האָט נישט בלויז יידן אַליין גערופן.

אין אַ צווייטן ווינקל איז געשטאַנען דער אַלטער ביסקופּ און נעבן אים דער אַכציקיעריקער פירשט לובאָמירסקי, און דער יונגער טשעטווער־טינסקי מיטן שוואַרצן קמץ בערדל, און דער הויכער גראַף בראַניצקי און דער פּרעזעס פון דער נייער האַנדלס־באַנק, גראַף פּאָטאָצקי. בלייכע, שווייגנדיקע זענען זיי געשטאַנען און די אויגן נישט געקאָנט אָפּרייסן פון די שווערע בליקן פון די מלכים, וואָס האָבן ביי זיי עפּעס געפּאָדערט, עפּעס געמאָנט...

אַ טיר האָט פּלוצים זיך אַ פּראַל אויף געטון. אויף דער שוועל איז געבליבן שטיין אַן אָפיציר, וואָס זיין מונדיר האָט אינגאַנצן געפינקלט

פון גאָלד. ער האָט נישט אַרויסגערעדט אַ וואָרט, נאָר מיט דער האַנט אַ וואָרף געטון צו דער זייט, ווו דער אַלטער ביסקופּ איז געשטאַנען.

אַרומגערינגלט פון די כּראַביעס האָט דער אַלטער ביסקופּ גערירט, מיט שווערע לאַנגזאַמע טריט, צו דער אָפענער טיר.

די טיר איז געבליבן שטיין האַלב אָפן.

— מיט אַ כּיוון — האָט דער אַלטער פאַן ראַפאַל ווי צו זיך אַליין אַ מורמל געטון, און אַלטע יידישע אויגן זענען מיט שרעק געהאַנגען איבער דער האַלב אָפענער טיר...

באַלד האָבן זיך פון דאָרט דערטראָגן הייזעריקלעכע קולות. וואָס מיינען זיי עפּעס די פּוילישע פּאַנעס?... פרישע פּאַוסטאַניעס זיך פאַרגלוסט?!... שוין פאַרגעסן, זעט אויס, דעם טעם פון די אַלטע... אויף דעם צאַרס געטרייע דינער וועלן זיי שיסן, באַמבעס וועלן זיי וואַרפן?... מוראַוויעוו האָט זיי וויניק געלערנט?... עס בענקט זיך זיי שוין ווידער נאָך סיביר?! ניין! ער וויל מער נישט הערן קיין תירוצים. ער קאָן שוין די פּוילישע גוטע ריידעלעך... די קאָזאַקן וועלן זיי שוין ווייזן, וואָס עס הייסט מלחמה האַלטן מיטן גאָט געזאַלבטן קיסר!... און ווי שעמען זיי זיך נישט, די שטאָלצע פּוילישע פּאַנעס, זיך צו חברן מיט יידישע לאַפּסערדאַקעס!... ווו איז אייער האָנאָר, פּוילישע פּאַנעס?! מיט זשידעס פאַן בראַט?! מיט די, וואָס האָבן געקרייציקט קריסטוסן?! ביז היינט האָט ער זיי געשוינט, געמיינט, געמיינט אַז זיי זענען שוין קליגער געוואָרן. פון היינט אָן וועט ער אַנדערש האַנדלען. פון בונטאָווש־טשיקעס וועט ער די הויט שינדן, די ביינער ברעכן!... זאָלן זיי וויסן און גערענקען!... און מיט אַ זעץ אין טיש, קלינגענדיק מיט די שפּאָרן פאַרשווונדן הינטער דער שווערער רויטער קאַטאַרע.

מיט אַראָפּגעלאָזענע צו די טייערע פּערסישע דיוואַנעס קעפּ זענען די פּוילישע כּראַביעס אַרויסגעקומען, זיי האָבן זיך אויף קיינעם נישט אומגעקוקט. אַפילו צו די פּאָרטרעטן פון די פּוילישע מלכים אַ בליק נישט געוואָרפן.

און דאַמאָלס האָט מען אויך די יידן געהייסן גיין. מ׳דאַרף זיי נישט, די זשידעס. מיט זיי רעדט מען צומאָל נישט. אויף זיי שרייט מען

אפילו נישט. זיי האָבן שוין דורך דער האַלב אָפענער טיר געהערט דאָס, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט הערן.

אויפן הויף האָבן זיך די גויים מיט די יידן צוזאַמענגעטראָפן. האָבן זיך א ווײַלע שטום געקוקט אין די אויגן, און דער אַלטער פירשט לובאָ־מירסקי האָט געבעטן די רבנים אים אָנטון דעם כבוד און אײַנשטײַגן אין זײַן קאַטש.

אין נאָמען פון די רבנים האָט פאַן מיכאל געדאַנקט דעם פירשט. זיי קאָנען אָבער זײַן פאַרלאַנג נישט טון, עס איז הײַנט שבת און א ייד טאָר נישט פאָרן. דער אַלטער ביסקופ האָט געדריקט די הענט פון די רבנים און דאַזערעם און אויף לשון קודש זיי געבענטשט, אַז זיי זאָלן בשלום אהיימקומען...

און די אַלטע יידן זענען פאַרשעמטע און דערשלאָגענע געגאַנגען אהיים. זייערע אַלטע פיס האָבן זיי געטראָגן פון איין גאַס אין די אַנדערע און צו זייערע אויערן האָט זיך דערטראָגן דער ווילדער ברום פון קאָזאַ־קישן גאַלאָפּ.

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן און די ערשטע שטערן האָבן זיך באַ־וויזן, און אַראָפּגעקוקט אויף די דעכער פון די וואַרשעווער הײַזער, האָט דער גאַלאָפּ פון די קאָזאַקן אויפגעהערט. די מלאכי חבלה זענען צוריק אַוועק אין זייער רו.

## צוויי לוויות

איבער די גאַסן האָבן זיך באַוויזן די גאַראַדאַוואָיס. מיט אימפּעט און געבייזער זענען זיי געלאָפן איבער די גאַסן און אָנגעזאָגט: די פענער מוזן הענגען איבער די באַלקאָנען און הײַזער. נישט צעפלאַטערט פּרייַ־דיקע, נאָר אין דער העלפט אַראָפּגעלאָזענע, צוזאַמענגעלייגטע און מיט שוואַרצער קרעפּע אַרומגענומענע. באַווײַנען זאָל מאָרגן די שטאָט דעם טויט פון דעם צאַרס געטרייען דינער, דעם העלדישן זשאַנדאַרמסקען פּולקאָווניק איוואַנאָוו. כבוד זאָל מען אים אָפּגעבן!...

אַ גאַנצע נאַכט האָבן די סטרוזשעס געריייניקט די גאַסן. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געהערט דאָס קלאַפּן פון די מאַגיסטראַט־וועגענער, וואָס האָבן צוזאַמענגענומען דעם שניי און געפירט אַראָפּ צו דער ווייסל צו. אַ גאַנצע נאַכט האָבן טויזנטער אַרבעטער געקלעטערט איבער די גאַסן־לאַמטערנעס און באַהאַנגען זיי מיט שוואַרצער קרעפּע.

די לאַמטערנעס האָט מען פאַרטאָג נישט אויסגעלאָשן. פאַרהאַנגענע מיט קרעפּע האָבן זיי געברענט בייטאָג, און זייער געל ליכט האָט געוואָרפן אויף די גאַסן אומהיימלעכע שאָטנס.

אין אויסגעפּוצטע יום־טוב מונדירן האָבן די פּולקן פון צאַרס אַרמיי פאַרפּלייצט די ווייסל־שטאָט. אָן אויפהער האָבן זיי מאַרשירט, שעהן לאַנג האָבן זיך זייערע רייען געצויגן אָן איבעררייס. איבער דער גאַנצער לענג פון די גאַסן האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט אין אומענדלעכע געדיכטע שפּאַלערן אויףביידע זייטן פון טראָטואר פון די אויאַזדאָווער אַלעען ביז העט צו פּאַוואַנזעק צו.

אין דער גאַנצער באַוואָפענונג, ווי גרייט צום קאַמף, זענען זיי געשטאַנען, מיט די גרויסע שטיוואַליעס זיך איינגעגעסן אין די שטיינער און געבילדעט אַ וואַלד פון ביקסן און שווערדן, פון פּיקעס און באַגנעטן. גאָט אין הימל! ווער קאָן אַזאַ מחנה רירן פון אָרט. אַ וועלט קאָנען זיי דאָך חרוב מאַכן כהרף עין!... ווי שטאַרק זענען זיי, די חיילות פון צאַר, און ווי קאָן מען גאָר קלערן מלחמה צו האַלטן מיט זיי!...

די מיט גאַס איז געווען אויסגעליידיקט, פּוסט, אויסגעשטאָרבן. דער אָטעם פון טויט האָט פון דאָרט געדעכעט. און ווי שומרים פון טויט זענען געשטאַנען די לאַנגע שפּאַלערן פון די סאָלדאַטן. ווי סטאַטועס זענען זיי געשטאַנען שעהן גאַנצע, נישט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, אַ צוק נישט געטון מיטן פּנים, אַ ריר נישט געגעבן מיט אַ פוס.

אין דער טויטער שטילקייט האָבן זיך דערהערט די ערשטע טענער פון טרויער־מאַרש. טענער, וואָס האָבן געצויגן ביים האַרץ, טענער, וואָס זענען געקומען ווי פון י ע נ ע ר ז י י ט, קלאַנגען ווי פון אַן אַנדער וועלט.

טריט ביי טריט זענען געגאַנגען די מוזיק־קאַפּעלעס, ווי זיי וואָלטן געוויזן דעם וועג צום עולם האמת. און נאָך זיי האָבן זיך אַ שיט געטון גאַנצע

מחנות פון לאנג־בערדיקע פּאַפּן, אין שווארצע לאנגע פּעלערינעס ביז צו די קנעכל זענען זיי האַלב געגאַנגען, האַלב געלאָפן, און עס האָט זיך גע־דאַכט, אַז דאָס האָט דער מלאך המות אַליין אַרויסגעשיקט זיין גוואַרדיע צו פאַרפינסטערן די שטאָט.

ערשט נאָך זיי האָט אין פיר פערד־געשפּאַן לאַנגזאַם זיך גערוקט דער אָרון פון פּאָלקאָווניק איוואַנאָוו, און איינגאַנצן זיך געטונקען אין אַ ים בלומען. ביי זיין זייט איז טריט ביי טריט געגאַנגען המן הרשעס פערד, איינגעהילט אין שווארצער קרעפּע. געשפּאַנט ווי צום רייטן איז דאָס פערד געווען, נאָר אויף דעם זאָטל איז נישט געזעסן דער רייטער, אַ רויט קישעלע איז דאָרט געלעגן מיט די מעדאַלן פון דעם העלדישן זשאַנדאַרמ־סקי נאַטשאַלניק.

הארט נאָכן אָרון האָבן ווי אויף אַ פּאַראַד געשטעלט די פּיס די הויכע צאַרישע שררות מיט סקאַלאָנען אין דער שפּיץ. זייערע מונדירן האָבן געפינקלט פון גאָלד און אויף זייערע בריסטן זענען געווען אויסגעשטעלט ווי סאָלדאַטן מחנות גאַנצע פון מעדאַלן.

ווי פאַרלוירענע אין ים הגדול האָבן דאָרט אויסגעזען די קליינע אינדזעלעך פון די פּוילישע גלחים און אַביוואַטעלעס. נאָך קלענער און נעבעכדיקער האָבן דאָרט אויסגעזען די אַלטע רבנים, די „דייטשן" פון דעם דאָזער שטיבל און די עטלעכע גרויסע יידישע סוחרים.

אַזוי האָט באַפוילן דער פּאָליציי־מייסטער מייער. די שענסטע „אַביוואַטעלעס" זאָלן קומען אָפּגעבן כבוד דעם קרבן פון „מיאַטעזש". זענען זיי געקומען, די „אַביוואַטעלעס", און זיך פאַרלוירן אין ים פון מונ־דירן. מונדירן כלעריי און מיט כלעריי כלי־זיין, אַזעלכע, וואָס וואַרשע האָט נאָך נישט געהאַט געזען.

כחול הים זענען זיי געווען. שעהן לאַנג האָט זיך דער טרויער־צוג געצויגן און געדאַכט האָט זיך, אַז ער וועט זיך קיינמאָל נישט ענדיקן, אַז דעם צאַרס מונדירן קלייבן זיך גאָרנישט צו פאַרלאָזן די וואַרשעווער גאַסן, אַז זיי רייצן זיך מיט דער שטאָט און שפּעטן פון איר. זאָלן זיי וויסן, די נאַרישע פּאָליאַקעלעך און חוצפּהדיקע יידעלעך, וואָס עס הייסט מלחמה האַלטן מיטן צאַר! מיט איין ריר קאָנען זיינע חיילות וואַרשע

צעטראָגן. און נישט בלויז וואַרשע. מיטן גאַנצן ווייסל־לאַנד קאָנען זיי זיך אַן עצה געבן.

מיט צעשראָקענע פּנימער האָבן יידן און גויים געקוקט פון די פענסטער און זיך געטרייסלט פון פּחד. ווי קאָן מען מיט אַזאַ כוח טשעפּען!... משוגעים מענטשן!... דער בלויזער קוק פון אַזעלכע מחנות איז דאָך גענוג...

אין דער זעלבער צייט האָט מען אויפן גענשער בית־עלמין געברענגט צו קבורה ר׳ יצחק בער קאָצקער. באַלד אינדערפרי האָט מען אים „אַרויס־געכאַפּט". געוווּסט, אַז שפּעטער וועט קיין וועג נישט זיין; און לענגער וואַרטן קאָן מען דאָך בשום אופן נישט. זעלטן ווער עס האָט געוווּסט פון דער לויה און זעלטן ווער האָט געוואַגט אין אַזאַ טאָג זיך צו ווייזן אין גאַס.

אַ קליינער עולם, קוים עטלעכע מנינים זענען געקומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד ר׳ יצחק בער קאָצקער. אַזעלכע צייטן, נעבעך. די גאַסן האָבן דאָך באַדאַרפט זיין פול, אַלע שטיבלעך וואָלטן דאָך געוועזן „נאַ פּלאַצו". פרעמדע חסידים וואָלטן זיך אויך צוגעשטעלט. דער רבי וואָלט געקומען צופאָרן... אַ קלייניקייט עפּעס, ר׳ יצחק בער קאָצקער... אַזוי נעבעך גע־שטאָרבן, און אַזאַ לוויה...

אַ קליינער עולם געוועזן. האָט מען יעדן מענטש אָנגעזען. האָט מען אויך דערקענט דניאל עפּשטיינען. עולם האָט זיך שטיל אַ שושקע געטון:

— זעסטו, ר׳ לוי איז נישטאָ און דניאל איז געקומען... נישט גע־גאַנגען צו המן הרשע, נאָר געקומען צו ר׳ יצחק בערן; אַ שיינע זאַך באמת...

צום אָפּענעם קבר זענען צוגעקומען אויך יענע חברה, די לייט, וואָס מען דערקענט זיי אויפן ערשטן קוק, מיט גרויסע טשופּרינעס און ברילן. אין די בלויזע קעפּ האָבן זיי זיך אוועקגעשטעלט. הא, הא!... וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַרשייטקייט?... ביים קבר פון ר׳ יצחק בער קאָצקער מיט אַ בלויזן קאָפּ!...

און עפּעס האָבן זיי אַ ברום געטון. קוים וואָס מען האָט געהערט, אמת, אָבער פאָרט אַ ברום פון יענע ניגונים, איר ווייסט דאָך שוין, מיט די שבועות זייערע... אוודאי האָט עס געהאַלטן ביי פּעטש. וואָס מיינען

זיי דאָס מיט זיך, די יונגאַטשעס!... עס איז נאָך נישט הפקר די וועלט... אַזעלכע זאַכן ביי ר׳ יצחק בערן!...

ניסים, וואָס עפּשטיין איז געווען און זיך אַריינגעמישט. ער האָט עפּעס אַ רעד געטון מיט יענע לייט. און פאַר אַ נגיד האָבן אַלע דרך ארץ. דאָס ברומען פון דעם ניגון איז אָפּגעהאַקט געוואָרן אין דער מיט און די קאַפּעליושן האָבן באַדעקט די גרויסע טשופּרינעס פון יענע לייט.

— אדרבה —אַזוי האָט שטיל עפּשטיין אַ זאָג געטון צו יענער חברה— אפשר קאָנט איר מיר דערמאָנען כאָטש אַ רמז צו מאָל ביי מאַרקסן, אַז אין אַ ווינטער טאָג טאָר מען נישט טראָגן אַ היטל אויפן קאָפּ...

האָבן יענע לייט זיך צעשמייכלט און עס איז געוואָרן שטיל. זיי זענען צו נענטער צום קבר. מילא, פאַרוואָס נישט. זאָל זיין, ווי זיי זאָגן, אָפּגעבן כבוד אַ קרבן פון די קאָזאַקן. פאַרט נאָך אַלעם יידישע הערצער... נאָר מען האָט זיך צוגעאיילט. שנעל פאַרשיט דאָס קבר. שנעל אָפּגעזאָגט קדיש. און גלייך זיך צעגאַנגען. מאַלע, וואָס עס קאָן נאָך געשען, ווען אַזוינע לייט שטייען דערנעבן...

נאָכמיטאָג האָבן די סטרוזשעס אַראָפּגענומען די פענער פון די הייזער. ווידער האָבן אַרבעטער געקלעטערט איבער די גאַסן־לאַמטערנעס און אַראָפּגענומען די שוואַרצע קרעפּע. די געוועלבער מיט שפּייזוואַרג האָבן זיך געעפנט. דער טראַמוואַי האָט זיך ווידער צעקלונגען איבער די גאַסן. די שטאָט האָט שנעל צוריקבאַקומען איר אַלט באַקאַנט פּנים. די יידן האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט. געלויבט דער אויבערשטער פאַר דעם. אַבי אַריבער. אפשר וועט שוין פון איצט אָן זיין אַ סוף צו די צרות.

נישט אַזוי שנעל נעמט אָבער אַ סוף צו די צרות. עס איז צוגע־פאַלן די נאַכט. אוי, איז דאָס געווען אַ נאַכט!... באַהיט און באַשירמט זאָלן יידן זיין פון אַזעלכע נעכט...

און צוגעגאַנגען איז עס אַזוי שטיל, אַז קיין שאָרך האָט מען נישט געהערט. אַ ביטערע שטילקייט געווען, אַ ביטערע ווי דער גאַלאָפּ פון די קאָזאַקן. אַזאַ נאַכט, אַזאַ נאַכט... הונדערטער יידישע שטיבער באַפאַלן, דערוואַקסענע זין אין קייטן געשמידט, יידישע טעכטער, כלה־מיידלעך, פון די בעטן אַרויסגעשלעפּט. אַזאַ חורבן איז נאָך נישט געווען. און דאָס

אומגליק איז נאָך גרעסער געווען, ווייל מ'האָט זיך אויף גאָרנישט גע־ריכט, ווייל איינער פון אַנדערן האָט גאָרנישט געוווּסט, ווייל יעדער האָט געמיינט, אַז נאָר אים האָט דאָס אומגליק געטראָפן, אַז נאָר זיין קינד איז געוואָרן אין קייטן געשמידט, אַז נאָר זיין טאָכטער האָט מען, נעבעך, אַזוי פאַרשעמט...

אין דער פינסטערער נאַכט האָט ר' חיים שוחט ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן זיך צונויפגעטראָפן פּנים אל פּנים מיט „פּאָניען".

ער איז שפּעט אהיימגעקומען פון ר' יצחק בערס לוויה. זיין זון אַברהמל האָט אים נישט געלאָזט גיין אַליין און האָט אים אויך שפּעטער אָפּגעפירט אַהיים און איז שוין געבליבן אין שטוב.

א מחיהדיקע ווארעמקייט איז געווען אין שטוב. ר' חיים האָט אַ גאַנצן טאָג געפאַסט. באַר דער לוויה נישט געוואָלט טועם זיין און שפּע־טער שוין געוואַרט ביז איבער מעריב. אַ תענית קאָן קיינמאָל נישט שאַ־דענען. אין אַזאַ ביטערע צייט אוודאי נישט. דער טיש איז געווען געגרייט. דער סאַמאָוואַר האָט מחיהדיק געזידט. און די שבתדיקע מאכלים זענען איבערגעבליבן. אין אַזאַ פינסטערן שבת האָט מען רעכט נישט טועם גע־ווען. די קאַלטע שבתדיקע פיש האָבן געהאַט טויזנט טעמים. איז מען נאָכן עסן געבליבן זיצן ביים טיש און געשמועסט.

און צו שמועסן איז געווען וועגן וואָס. האָט מען זיך טאַקע ברייט צערעדט וועגן דעם מיאוסן סוף פון „המן הרשע", און וועגן דעם „פּאָג־זשעב". מען האָט געטרונקען איין גלאָז טיי נאָכן אַנדערן און גערעדט וועגן די קאָזאַקן, און וועגן דעם גיין אין שלאָס, און וועגן די געשרייען און געוואַלדן פון שונא ישראל אויף די פּוילישע כראַביעס, און דער עיקר האָט מען, פאַרשטייט זיך, גערעדט וועגן ר' יצחק בער קאָצקער. אַזאַ ייד, אַזאַ ייד... און אַזאַ לוויה, נעבעך... קוים אַ פּאָר מנינים יידן געווען... און אַזאַ מיתה, באַהיט זאָל מען ווערן... און ד ע ר דניאל עפּשטיין איז געקומען... פאָרט זיך געדרייט ביי ר' לייזערן...

אַזוי איז מען געזעסן און געשמועסט און צומאָל נישט געהערט, אַז דער זייגער האָט געשלאָגן צוועלף...

א לאַנגער דינער קלונג ביי דער טיר האָט איבערגעריסן דעם שמועס. מען האָט געכאַפּט אַ בליק צום וואַנט־זייגער. אוווא, שוין נאָך צוועלף,

אזוי זיך צעשמועסט... דער קלונג האָט זיך איבערגעחזרט בייז, אומגע־דולדיק... אָ?... וואָס איז דאָס? אין מיטן דער נאַכט? אַ דעפּעשע?... פון וועמען... איז נישט אמאָל רייזעלע אין לובלין נישט עפּעס מיט אַלעם?...

ר׳ חיים שוחטס ווייב עפנט אויף מיט ציטערדיקע הענט די טיר, און דאָ גיט זיך אַ שיט אריין אַ גאַנצע מחנה זשאַנדאַרמען, און אויך ציווילע לויפן פאַראויס.

ר׳ חיים שוחט איז פון די אומגעריכטע געסט געוואָרן אזוי צעטר־מלט, אַז ער האָט אפילו פאַרגעסן אויסצוטון דאָס הויכע זיידענע היטל און בלייבן אין סאַמעטענעם קאַפּל. ער האָט זיך צומאָל נישט געכאַפּט, אַז ער דאַרף פאַרשטעקן הינטער די אויערן די לאַנגע פּיאות, אזוי צע־שראָקן האָבן אים די פּאָניעס.

— דאָ וווינט אדאָלף פּערעץ? — האָט אַ זשאַנדאַרמען אָפיציר שטרענג אַ פרעג געטון.

— אַ טעות — האָט ר׳ חיים שוחט דערפילט, ווי אַ שווערער שטיין פאַלט אים אַראָפּ פון הארץ און ער האָט האַלב פּויליש, האַלב רוסיש געזאָגט:

— סאַרער אדאָלף?... ווו קומט דאָ אהער אַן אדאָלף?

אַן ערל אין ציוויל איז אָבער שוין געשטאַנען ביי אברהמלען און געזאָגט:

— דאָס איז ער... איך דערקען אים...

האָט ר׳ חיים שוחט געזען, אַז דער פּאָניע איז אַ שונא ישראל און אַ שקרן דערצו, וואָרום ווי קומט זיין אברהמל צו עפּעס אַן „אדאָלף״, האָט ער זיך אָנגענומען מיט קוראַזש, איז צו צו דעם עלטסטן אַליין און צו אים געטענהט:

— פּאַנאַוויע... איר זענט אייך טועה... עס איז דאָך מיין אברהמל...

פון אזוינע רייד האָט דער זשאַנדאַרמען אָפיציר זיך צעשמייכלט און געענטפערט:

— מיר וויסן שוין גוט, וואָס מיר טוען, הער ראַווין, אים, אייער זון, זוכן מיר, ער פירט מלחמה מיטן קיסר — און ווענדנדיק זיך צו אברהמלען שוין שטרענגער געזאָגט: נו, קלייבט אייך צונויף!...

ר׳ חיים האָט מיט האָפענונג און שרעק געקוקט אויף זיין זון. פאַר־

וואָס שווייגט ער? פאַרוואָס שרייט ער נישט געוואַלד, אַז מען האָט אויף אים אויסגעטראַכט אַ בלבול? פאַרוואָס זאָגט ער נישט, אַז ער הייסט אברהמל און נישט עפּעס אַדאָלף?

אָבער אברהמל שווייגט. רעדט נישט אַ וואָרט. ער שטעלט זיך נאָר אויף, הייבט אָן צונויפּאַקן עפּעס אַ רענצל, זוכט עפּעס אָדער מאַכט זיך זוכן, ווי ער וואָלט זיך געריכט, ווי ער וואָלט מסכים געווען מיט דער משוגענער שטות פון דעם זשאַנדאַרם, ווי ער וואָלט טאַקע אַליין מודה געווען, אַז ער פירט מלחמה מיטן קיסר...

אָן אָרנטלעכער פּאָניע געווען, אפשר גאָרנישט אַ שונא ישראל, ער האָט נישט געשריען, נישט געזידלט, נישט געשאָלטן מיט מיאוסע קללות, ער האָט אַליין געהייסן זיין אברהמלען מיטנעמען וואַרעמע וועש און נישט געטריבן און נישט געשטויסן.

אברהמל האָט נאָך באַוויזן עפּעס אַ שטעק איין צו געבן דעם פאָטער און גאַנץ שטיל אַ זאָג געטון:

— טאַטע, באַזאָרג עס צו דניאל עפּשטיינען... למען השם... עס קאָן קאָסטן יידישע קעפּ...

אינסטינקטיוו האָט ר' חיים שוחט דאָס דערלאַנגטע פּאַפּירל פאַרשטעקט אונטערן גאַרטל און ערשט דאַן זיך געכאַפּט, אַז אברהמל איז אַזוי צעטומלט, אַז ער רעדט נישט צו דער זאַך... וואָס הייסט גיין צו דניאל עפּשטיין?... ווי קומט עפּשטיין פון דער „נייער פירמע" צו אַזעלכע זאַכן... אָבער דער זון האָט אים אומגעדולדיק איבערגעהאַקט:

— פרעג נישט... טו, ווי מען הייסט... געדענק, עס קאָן קאָסטן לעבנס...

אַ סך רעדן האָט מען נישט געקאָנט. די זשאַנדאַרמען האָבן נישט קיין צייט. זיי האָבן אויף היינט נאָך גענוג אַרבעט. און אברהמל איז אָן אַ זיי געזונט פאַרשוואונדן פון שטוב.

פאַרשעמט איז אויפן טיש געבליבן שטיין דער סאַמאָוואַר. אויף זיין זינגענדיק זידן האָט זיך קיינער נישט אומגעקוקט. איז ער מיד געוואָרן און איינגעשלאָפן. נאָר ר' חיים שוחט האָט איינשלאָפן נישט געקאָנט. מיט אָפענע אויגן איז ער געלעגן אויף זיין בעט. פאַרכאַפּט געוואָרן דער בן־יחיד... און פאַרוואָס? וואָס האָט מען פון אים געוואָלט?

עס קאָן דאָך נישט זיין, אַז זיין קינד זאָל געהערן צו יענע לייט און אפשר?... ער האָט דאָך פּאָרט געשוויגן... נישט געוויינט... נישט געבעטן רחמים, ווי אַ ייד דאַרף טון, ווען מען טראַכט אויס אויף אים אַ בלבול... און וואָס־זשע טוט מען... פאַרלוירן אַ קינד... ניין, עס איז מער נישט אויסצוהאַלטן... אַזאַ אומגליק און זיין אברהמל מוז זיין אין דער מיט... די וועלט דרייט זיך אום קאַפּויער. ס'ווערט אַ תל־עולם... יידישע קינדער זאָלן מלחמה האַלטן מיטן קיסר... און אברהמל, זיין אברהמל... און וואָס האָט ער פון אים געוואָלט... גיין צו עפּשטיינען... איז אויך עפּשטיין... אַ ייד אַ סוחר, אַ גביר... ווי קומט ער צו דער חברה?... אַ משוגענע וועלט...

קאַפּיטל 7

# שיעור נישט אַ ליבע

די נייע פירמע האָט געמאַכט וואָס אַמאָל גרעסערע עסקים. איר אייגנטימער האָט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ סאָלידן גזשיבאָווער סוחר, זי געהיטן ווי דאָס אַפּל פון אויג. דניאל עפּשטיין האָט געזאָרגט, אַז די ירושה פון ר' לייזערן זאָל אין זיינע געניטע הענט האָבן דעם ריכטיקן תיקון. און עס וועט נישט זיין אַ גוזמא, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז ר' לייזער האָט געפונען דעם געטרייסטן תלמיד און נאָכפאָלגער גראָד אין דעם געוועזענעם משרת פון גזשיבאָווער הויז.

דערפון איז אָבער בכלל נישט געדרונגען, אַז דניאל עפּשטיין זאָל האָבן פאַרגעסן זיין אַלטע אמונה, זאָל זיך האָבן אָפּגעזאָגט פון זיינע אַמאָליקע רבים, זאָל האָבן בוגד געווען אין מאַרקסן און דאַרווינען.

אַזאַ באַשולדיקונג וואָלט געווען אַ נישט ריכטיקע. דער אמת איז געווען נישט אַזאַ פּשוטער, אָבער פּאָרט אַן אמת. דניאל עפּשטיין האָט זיך צו זיינע פריערדיקע צוויי רבים צוגעקליבן אַ דריטן, און דער דריטער איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי ר' לייזער עליו השלום, דער פאַר־שטאָרבענער אייגנטימער פון אַלטן גזשיבאָווער הויז.

דער צוגעקומענער דריטער רבי האָט טאַקע נישט געפּאַסט צום דומל, איז ווייט געווען פון די צוויי פריערדיקע רבים, ווי הודו איז ווייט פון כוש, אָבער אַזוי איז עס פאַרט געווען. און אפשר איז עס גאָרנישט אַזאַ חידוש, ווי עס דאַכט זיך אויבנאויף; הודו און כוש זענען דאָך אויך געווען איין מלכות און זענען, זעט אויס, זיך נישט געגאַנגען אין וועג. אַזוי האָט אויך דניאל עפּשטיין זיך געהאַלטן אָן זיינע דריי רבים. און אַלע דריי האָבן אין זיין האַרץ, לפּחות אין דער ערשטער צייט, געלעבט בשלום.

איינער פון זיי איז געווען אַ גוי, אָבער טאַקע אַ גוי גמור, און די אַנדערע צוויי, הגם זיי האָבן איינער פון אַנדערן נישט געוווּסט און אוודאי נישט געקאָנט האָבן מיט זיך קיין שום מחזקות, האָבן זיי אָבער פאָרט געטראָגן צוויי לאַנגע יידישע בערד.

דניאל עפּשטיין איז זיי אַלע דריי געווען געטריי און איבערגעגעבן. יעדער פון זיי האָט געהאַט ביי אים זיין באַשטימטע צייט און אָרט, אַזוי, אַז זיי זענען זיך נישט געשטאַנען אין וועג און נישט געווען אייפערזיכטיק איינער אויפן אַנדערן. זיי האָבן געקאָנט לעבן מיטאַנאַנדער אין פרידן און זיך נישט באַדאַרפט אַרומרייסן און מלחמה פירן צוליב דער נשמה פון דעם געוועזענעם משרת פון גזשיבאָווער הויז.

ווי געזאָגט, האָט דניאל עפּשטיין יעדן פון זיינע רבים צוגעטיילט זיין צייט, און געטון האָט ער עס אויף אַ פּראַקטישן באַלעבאַטיש סוחרישן אופן, ווי די אינטערעסן פון דער נייער פירמע האָבן געפאָדערט.

דער טאָג האָט באַלאַנגט צו ר׳ לייזערן. אַזוי איז געווען, ווען ער איז געווען נישט מער ווי עפּעס אַ שרייבערל אין דעם גזשיבאָווער הויז, און אַזוי איז געבליבן, ווען ער האָט אַליין געגרינדעט די נייע פירמע. דער טאָג איז געווען און געבליבן כולו חול. רק מסחר. גאַנצע טעג האָט דניאל עפּשטיין פאַרבראַכט אין זיין קאַנטאָרל, וואָס האָט כמעט אַזוי אויסגעזען, ווי ביי ר׳ לייזערן. ער האָט אַלע זיינע יונגע כוחות אַוועקגעגעבן דער נייער פירמע, איז געווען אויסגעקאָכט מיט זיינע קוניס, האָט זיך אינטערעסירט מיט זייערע פאַרלאַנגען און קאַפּריזן, האָט נישט בלויז געוווּסט, ווען זיי גרייטן זיך אָנצוזעצן, נאָר האָט אויך געדענקט די מיחושן פון זייערע ווייבער, דעם געזונט צושטאַנד פון זייערע קינדער און די טער־

מינען פון זייערע טעכטערס חתונות. (דאָס לעצטע האָט געהאַט גאָר אַ נאָענטע שייכות מיט די טערמינען פון די באַנקראָטן, אַזוי, אַז מען קאָן זאָגן, אַז נישט בלויז פון גוטסקייט װעגן האָט עפּשטיין אַרויסגעוויזן אַזאַ װאַרעמען אינטערעס צו די בוגרות פון זיינע סוחרים.)

ווי עס פּאַסט פאַר אַ גזשיבאָװער סוחר, איז ער געווען ראשו ורובו אַריינגעטון אין זיינע עסקים, האָט זיך געכאַפּט צו די גרעסטע געשעפטן און האָט אויך די קלענערע נישט פאַרנאַכלעסיקט. מיט איין וואָרט, עס איז געווען מיט וואָס אויסצופולן דעם טאָג.

ר׳ לייזערס קינדער האָבן סוף כל סוף באַוויליקט אַ קרומען בליק צו טון צו דער נייער פירמע, נאָר רעדן האָט זיי, פאַרשטייט זיך נישט געפּאַסט, האָבן זיי זיך געמאַכט נישט זען און נישט וויסן, ווי אַזוי זייער טאַטנס משרת פאַרברענגט זיינע טעג.

די נייע פירמע, די געשעפטן, דאָס רעדן מיט די סוחרים, די האַנדלס־ביכער, די בערזע, זענען געווען נאָר איין טייל פון דניאל עפּשטיינס לעבן. דער וואָכעדיקער טייל. דער טאָג, וואָס איז כולו חול. די נאַכט אָבער האָט דניאל עפּשטיין אָװעקגעגעבן, ווי פריער, זיינע אַלטע צוויי רבים מאַרקסן און דאַרווינען. אין די אָוונטן איז זיין אָרט געווען אויף דער גרינער גאַס און ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט ער עוסק געווען, צוזאַמען מיט זיינע אַלטע חברים, אין לײדנשאַפטלעכע וויכּוחים וועגן איינאָרדענען די נייע ליכטיקע וועלט. די נייע וועלט פון גליק און גערעכטיקייט, פון יושר און פרידן. די נייע וועלט, פון וועלכער עס וועלן פאַרטריבן ווערן דער קיסר און דער רבונו של עולם. די נייע וועלט, אין וועלכער דער ייד מיט דער לאַנגער, ווייסער, רבנישער באָרד, מאַרקס און דער גוי — דאַרווין וועלן קעניגן אין פרידן און פריינטשאַפט.

מיט דער דאָזיקער איינטיילונג פון זיין צייט אין אַ וואָכעדיקן טאָג און יום־טובדיקער נאַכט איז דניאל עפּשטיין נישט געווען עפּעס אַן אויסנאַם. פיל פון זיינע אַמאָליקע חברימלעך, געוועזענע „שרייבערלעך" ביי ר׳ לייזערן האָבן זיך אויך נישט אַנדערש געפירט. זיי האָבן אויך שוין געפירט גרויסע עסקים, אָבער אויף דער גרינער גאַס זענען זיי ווייטער געקומען, און עס איז קיינעם פון זיי נישט איינגעפאַלן, אַז זיי באַלאַנגען

איצט צו אַן אַנדערן לאַגער, אַ לאַגער, וואָס דאַרף היטן דעם קיסר און נישט איינרייסן מיטן רבונו של עולם.

די דאָזיקע התנהגות איז אין תוך גענומען נישט געווען אַזאַ פּלא, ווי עס קאָן זיך עמיצן אין פלוג אויסדאַכטן. אַזוי האָבן זיך יידן אייגנט־לעך פון שטענדיק אָן געפירט. צווישן קודש און חול אַוועקגעשטעלט אַ וואַנט. נישט אויסמישן, נישט צוזאַמענפּאָרן. בייטאָג האָט מען געמסחרט, איז מען געווען אַריינגעטון אין די הבלים פון דער וועלט, האָט מען אפילו זיך נישט אָפּגעשטעלט פון אויסכאַפּן דעם צווייטנס געשעפט, האָט מען גאַנץ אָפט נישט געלעבט בשלום מיטן אמת און נישט איינמאָל שיעור נישט פאַרלוירן דעם צלם אלקים. איז אָבער צוגעפאַלן די נאַכט, איז מען געוואָרן אַן אַנדערער מענטש, איז מען אַוועק אין בית־המדרש אָדער אין שטיבל, האָט מען ביי דער גמרא פאַרגעסן אַלע נארישקייטן פון די פּוסטע טעג, האָט מען זיך מחיה געווען מיט אַ שכלדיקן מהרש״א און געשעפּט נחת פון תוספת שאַרפער קשיה...

ר׳ יעקב עפּשטיינס זון האָט נישט מער ווי אויסגעטוישט די גמרא אויף די ספרים פון מאַרקסן. אַסך מחדש געווען האָט ער נישט, הגם סיי אין בית־המדרש, סיי אויף דער גרינער גאַס וואָלט מען נישט אויפגענו־מען דעם פאַרגלייך מיט צופרידנהייט. ביידע צדדים וואָלטן אויך געהאַט גענוג מאָטיוון אָפּצוואַרפן דעם פאַרגלייך, וואָלטן געהאַט אפילו גענוג טעמים זיך צו פילן באַליידיקט און געקרענקט פון אַזאַ פאַרגלייכעניש. און איינער פון די הויפּט־טעמים, וואָס ביידע צדדים וואָלטן אַרויסגע־רוקט, וואָלט געווען איין און דער זעלבער. אין בית־המדרש וואָלט מען זיך, חלילה נישט געזעצט לערנען אויף איין באַנק מיט אַן אשה. די גרינע גאַס דאַקעגן האָט נישט געמאַכט קיין אונטערשיד צווישן מענטשן, האָט הויים געקעמפט פאַר דער פרייהייט פון דער פרוי און האָט זייער גערן אויפ־גענומען נשים.

די גמרא איז געווען פאַרשלאָסן פאַר נשים, מאַרקס אָבער האָט פאַר זיי ברייט געעפנט די עמודים פון זיין „קאַפּיטאַל״. און די יונגע שיינע טעכטער פון די וואַרשעווער גבירים האָבן זיך מיט ברען אַ וואָרף געטון צו די ווונדערלעכע עמודים און באַלד אויך באַוויזן, אַז זיי זענען נישט בלויז טרייע און איבערגעגעבענע שילערינס, נאָר זיי פאַרשטייען נישט

ערגער פון די מאַנסבילן די אַלע וויכטיקע ענינים, וואָס זענען אַרומגע־רעדט געוואָרן אויף דער גרינער גאַס.

אויף דער גרינער גאַס האָט דניאל עפשטיין געשלאָסן אויך זיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט לאַניא פרענקעל, ר' לוים טאָכטער און ר' לייזערס אייניקל.

גאַנץ וואַרשע האָט געוווּסט, אַז ר' לוי האָט אַ געראָטענע און שיינע טאָכטער. ר' לוי אַליין האָט עס אויך געוווּסט און ליב געהאַט דאָס צו הערן. אָפּגעבן זיך מיט זיין לאַהלע האָט ער, פאַרשטייט זיך, קיין צייט נישט געהאַט. עס האָט אים אפילו נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז ער דאַרף עס טון. ווי קומען אַזעלכע זאַכן צו ר' לייזערס זון?... ער האָט, פאַר־שטייט זיך, געטון ס'זייניקע. נישט געקאַרגט חלילה קיין געלט פאַר זיין איינציקער טאָכטער. די טייערסטע פענסיאָן און די בעסטע פּראָפעסאָרן האָבן שוין געזאָרגט, אַז לאַהלע זאָל ווערן לייט. און ער האָט זיך נישט געגאַרט אין די פּראָפעסאָרן. לאַהלע האָט גערעדט אַ פּויליש, אַז נאַטאַנ־זאָנס טעכטער האָבן זיך געמעגט באַהאַלטן. און ערשט רוסיש און פראַנ־צויזיש, און דייטש!... ר' לוי איז געווען שטאָלץ מיט זיין טאָכטער. נישט גלאַט עפּעס אַ יפת־תואר, נאָר אַ מענטש!... אַ פייערדיקער קאָפּ!... זיצט גאַנצע טעג און האַלבע נעכט איבער די ביכער... נישט קשה, מיט ר' לייזערס אייניקל וועט מען זיך קאָנען ווייזן אין דער וועלט... אַלא מיט יידיש־קייט? מילא, וואָס דאַרף דען אַן אשה וויסן... אַז דער אויבערשטער וועט העלפן און מען וועט מיט מזל אַ שידוך טון, וועט ר' לייזערס אייניקל זיין אַ כשרע יידישע טאָכטער. נאָר ווי דען...

ר' לוים טאָכטער האָט געגעסן ביי איין טיש צוזאַמען מיט איר פאָ־טער, איז געשלאָפן מיט אים אונטער איין דאַך, האָט פון זיין געלט זיך אָנגעטון ביי די טייערסטע שניידערינס, האָט געלאָזט ר' לוין צאָלן פאַר די פּראָפעסאָרן, האָט זיך געלאָזט באַוווּנדערן פון איר טאַטע־מאַמע מיט איר געלערנטקייט, אָבער דאָס האָט איר נישט געשטערט צו לעבן אין אַ וועלט, וועלכע האָט נישט געהאַט קיין שום געמיינזאַמעס (ריכטיקער: זי האָט אַזוי געמיינט) מיט דעם אַלטן הויז אויפן גזשיבאָוו. אַ וועלט, צו וועלכער איר פאָטער האָט נישט געהאַט קיין שום צוטריט. אַ וועלט, אין וועלכער סלאָוואַצקי און מיצקיעוויטש האָבן ריוואַליזירט ווען דעם דיב־

טער־טראָן. אַ וועלט, צו וועלכער עס האָבן געהערט די פיין געבילדעטע מעכטער פון די חסידיש גבירישע הייזער.

די נייע לידער פון קאַמף און טראָץ האָבן זיך מיט שטורעם אַריינגעריסן אין דער דאָזיקער וועלט פון אידיליע און נבֿואישער פּאָעזיע און לאַניא (אַזוי האָט מען זי אין דער דאָזיקער נייער וועלט גערופן) מיט אירע חבֿרטעס האָבן אָנגעהויבן אויך אַרויפקומען אויף דער גרינער גאַס. זייערע שיינע שוואַרצע אויגן, פון וועלכע דאָס גבֿירישקייט האָט נישט געקאָנט פאַרטרייבן דעם אַלטן גלות־טרויער, האָבן זיך פאַרטיפט אין די ערנסטע בלעטער פון פּראָלעטאַרישן קאַמף, און זייערע איידעלע פּנימער פון צניעותדיקע יידישע טעכטער האָבן זיך לייכט געררויטלט ביים צוהערן זיך צו די הייסע וויכוחים, אין וועלכע דאָס וואָרט רעוואָלוציע האָט זיך אָן אויפהער איבערגעחזרט.

דאָרט טאַקע אויף דער גרינער גאַס האָט לאַניא, ר׳ לייזערס איי־ניקל, געשלאָסן גוטפריינטשאַפט מיט איר זיידעס משרת.

שווער צו זאָגן, וואָס עס האָט לאַניאן און דניאלן נאָענט געמאַכט. אויף דניאלן איז אייגנטלעך קיין קשיא נישט. לאַניא האָט געהערט צו די מיידלעך, וואָס אַן אויג פון אַ מאַן קאָן גלייכגילטיק נישט פאַרבייגיין. אפילו יידן חסידים, וואָס קוקן נישט אויף אַן אשה, האָבן געוווּסט, אַז ר׳ לוים טאָכטער איז אַ יפת־תואר. אָבער וואָס האָט לאַניא געזען אין דעם נישט הויכן און נישט שיינעם דניאל? האָבן זיינע קלוגע לאַכעדיקע אויגן זי גערופן? האָט דער גוטער שמייכל פון זיין פּנים איר אויפמערקזאַמקייט צו זיך געצויגן?

שווער צו וויסן פאַרוואָס צוויי יונגע מענטשן זאָגן זיך מיט אַמאָל: דו און נאָר דו... אפשר האָט פאַר יעדן פון זיי געהאַט אַ באַזונדערן רייץ אויך דאָס, וואָס אַזאַ מעכטיקע וואַנט ווי אָרים און רייך האָט זיי צע־טיילט... אפשר האָבן זיי אין זייער נאָענטקייט אויסגעדריקט דעם טראָץ קעגן דער וועלט, וועלכע זיי האָבן פאַראורטיילט צו אונטערגאַנג? אפשר האָבן זיי אין זיך געזען דעם אָנזאָג פון דער נייער צייט, וואָס רוקט אָן?

שווער אויף די שאלות צו ענטפערן, אָבער נישט שווער איז געווען פעסטצושטעלן, אַז עפּעס ציט דיביידע צו זיך, און הגם גערעדט האָבן זיי־צווישן זיך נישט „פּערזענלעך” נאָר וועגן מאַרקסן, לאַסאַלן, ענגעלס און

נאָך אַזוינע ענינים, האָט זיך אָבער דאָס פּערזענלעכע וואָס אַמאָל מער אַריינגעריסן אין זייערע באַציאונגען.

זיי האָבן קיינמאָל נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן זייער שמועס אין דער דירה אויף דער גרינער גאַס, זענען זיי שפּעטער צוזאַמען אַראָפּ און עפּשטיין האָט לאַניאַן אָפּגעפירט אַהיים. אַזוי האָט עס געהייסן. הגם גאַנץ גענוי איז עס אַזוי נישט געווען. ביז צו דער גאַס, וווּ ר׳ לוי האָט געוווינט, זענען זיי עפּעס קיינמאָל נישט דערגאַנגען. צוקומענדיק נאָענט צו דער גאַס, האָבן זיי פאַרקירעוועט צוריק, און אַזוי האָט דאָס אָפּפירן אַהיים זיך פאַרצויגן אויף שעהן גאַנצע.

אָפט איז דער שמועס איבערגעריסן געוואָרן און דאַמאָלס זענען זיי געגאַנגען האַרט נעבנאַנאַנדער און געשוויגן. און דאָס שווייגן איז געווען אַנגענעם און גוט און האָט נאָך נענטער געמאַכט איינעם צום אַנדערן, ווי דאָס רעדן. טיילמאָל האָט עפּשטיין בעתן שווייגן אָנגענומען לאַניאַס אָרעם און עס האָט זיך אים דאַמאָלס געדאַכט, אַז דער אָרעם אירער ציטערט לייכט.

וועגן עפּשטיינס אַרבעט אין דער גזשיבאָוואַער פירמע האָבן זיי קיינמאָל נישט גערעדט. צי ווייל זיי האָבן געהאַט וויכטיקערע ענינים, צי ווייל זיי האָבן געפילט, אַז דאָס איז אַ זאַך, וואָס מוז זיי דערווייטערן פון זיך. און דאָס זעלבע איז געווען, ווען עפּשטיין האָט זיך געזעגנט מיטן גזשיבאָוואַער הויז און פאַרלייגט די נייע פירמע.

זיי האָבן בכלל ווייניק גערעדט וועגן זייערע אייגענע ענינים. האַלבע ווערטער, רמזים זענען קוים צווישן זיי געפאַלן וועגן זייער נאָענטקייט.

צעבונטעוועטע קעגן דער אַלטער פאַרשימלטער וועלט, ווי עס האָט אין די שטורמישע דיסקוסיעס געהייסן, און קעגן אַלעם, וואָס איז מיט איר פאַרבונדן, איז אָבער די יידישע שעמעוודיקייט געלעגן צו טיף אין זייערע ביינער, און אַזוי ווייט אַריינגעדרונגען אין זייער בלוט, אַז זיי זאָלן זיך קאָנען פון איר מאַכט באַפרייען. האָנט ביי האַנט מיטן בונט קעגן קיסר איז אויך געגאַנגען דער אויפשטאַנד קעגן דער מאָראַל פון דער אַלטער וועלט, קעגן די „קאָנווענציאָנעלע ליגנס״ פון דער אַלטער פאַרפוילטער געזעלשאַפט. אין דער נייער ליטעראַטור און אין די דיסקוסיעס האָט די פרייע ליבע געפייערט איר גרויסן טריאומף צוג.

לאַניא און עפּשטיין זענען געווען, פאַרשטייט זיך, ווי אַלע זייערע פריינט און באַקאַנטע, דורכגענומען מיט די דאָזיקע אידעען, זענען געווען איבערצייגט אין זייער ריכטיקייט און אמת. דאָס אַלץ איז געווען, ווען מ׳האָט גערעדט אין כּלל אריין, אין דער טעאָריע. אין דער פּראַקטיק אָבער איז עס נישט געווען אזוי לייכט צו באַזייטיקן די אַלע נאַרישע און אומזיניקע פאַראורטיילן פון דער אַלטער אָפּשטאַרבנדיקער וועלט. פאַר ר׳ יעקב עפּשטיינס זון און ר׳ לוים טאָכטער איז געווען שווער, אומבאַקוועם, יאָ, כּמעט פיזיש אוממעגלעך אָנצומעסטן די אַלע שיינע און ריכטיקע אידעען טאַקע צו זיך אַליין. און אפשר האָט עס אַנדערש אויך נישט געקאָנט זיין. אַ בונטאַר איז נאָר דער קנעכט, וואָס זיינע הענט זענען געבונדן אין קייטן. באַפרייט, הערט ער אויף צו רעוואָלטירן.

די יידישע שעמעוודיקייט האָט לאַניאן און דניאלן אפשר אַמשטאַרקסטן געפּענטעט, געפּענטעט אזוי ווייט, אַז זיי האָבן אפילו נישט געטראַכט, אַז עס קאָן אַנדערש זיין און, נישט אָפּגעבנדיק זיך אַ חשבון, האָבן זיי וועגן די זאַכן גערעדט אפשר נישט גאַנץ אַנדערש, ווי טאַטעמאַמע אין געוויסע נאַכט־שעהן...

עס איז אָבער זיי גוט געווען מיט די האַלבע ווערטער און רמזים. און טיילמאָל האָבן זיי זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן דעם סוף פון די אומענדלעכע דיסקוסיעס אויף דער גרינער גאַס, זיי האָבן זיך שטילערהייט אַרויסגערוקט פון דער טיר מיט עפּעס אַ פאַרלעגענעם שמייכל, זיי זענען שנעל אַראָפּגעלאָפן פון די שמאָלע טרעפּ, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, אַז עמיצער וועט זיי נאָכיאָגן. און זיי האָבן שווייגנדיקע שפּאַצירט, צוגעבויגן איינער צום אַנדערן.

דאָס שפּאַצירן איבער דער גאַס איז שפּעטער געוואָרן פאַר ביידע צו ווייניק. האָבן זיי אָנגעהויבן צו גיין צוזאַמען אין טעאַטער.

מיט האַרץ־קלאַפּעניש און גלייכצייטיק מיט שטאָלץ איז לאַניא געזעסן אין טעאַטער נעבן עפּשטיינען. מ׳קאָן „זי דאַך זען״ און „אָפּטראָגן״ דעם פּאָטער. עס האָט לאַניאן פאַרקלעמט ביים האַרץ דער בלויזער געדאַנק, וואָס עס וואָלט זיך אין שטוב אָפּגעטון. גיין אין פּוילישע שולן, לערנען זיך ביי פּראָפעסאָרן, לייענען ביכלעך, גיין מיט פריינדינס אין טעאַטער, דאָס אַלץ איז געווען כּשר אין חסידיש־נגידישע שטובן. אָבער

„ארומשלעפן זיך מיט יונגען!"... לאניא האָט ביי דעם געדאַנק אויפגע־שווידערט. זי איז אָבער אויך געווען צופרידן פון זיך, פון איר „טאַט". זי האָט געפילט, אַז מיטן גיין מיט עפשטיינען אין טעאַטער. פירט זי אַ קאַמף, אַ שווערן און אַפּערווילִיקן קאַמף קעגן דער פינסטערניש. און זי איז גרייט געווען פאַר דעם קאַמף צו ליידן, גרייט געווען, ווי עס האָט זיך איר געדאַכט, ביז צו מסירת נפש.

וועגן דעם, וואָס מיט זיי ביידע וועט זיין, האָבן זיי צווישן זיך נישט גערעדט. אָבער לאַניא האָט געוווסט, אַז ביים גיין אין טעאַטער און שפּאַצירן קאָן עס נישט בלייבן. זי מוז סוף כל סוף רעדן אָפן אינדערהיים. זי מוז זיי דערציילן וועגן אַלעם און אויך וועגן עפשטיינען, פאַרשטייט זיך, זי וועט זיי זאָגן אָפן, אַז זי וויל נישט זייער נדן, זי דאַרף נישט... זי וועט אַוועק פון שטוב, אַוועק... יאָ, זי מוז אָפן רעדן... און שפּעטער ערשט וועגן אַלעם דערציילן עפשטיינען...

אָבער מיט וועמען רעדן? לאַניא וואָלט אַמבעסטן געוואָלט רעדן מיט דער מוטער. דבורהלע איז ווי אַ שטילע טויב. איר מאַנס גרויסקייט האָט זי אינגאַנצן צוגעדריקט, צו שטויב געמאַכט. מיט איר וועט עס זיין לייכטער... געווים... לאַניא האָט זיך פאַרשעמט פון אַזאַ פּחדנות... אַ שיינע קעמפערין, וואָס וויל זיך גלייך באַהאַלטן אונטער דער מאַמעס פאַרטוך... מ'קאָן פירן אַ קאַמף מיט אַזעלכע העלדינס!... נישטאָ וואָס צו רעדן... ניין! דווקא מיטן טאַטן וועט זי רעדן, נאָר מיט אים! עס איז דאָך אַ רחמנות אויף דער מאַמע... זאָל געשען, וואָס עס וויל. ער מוז עס וויסן!...

פאַרשידענע טערמינען האָט זי זיך שוין געהאַט באַשטימט צו רעדן מיט ר' לוין, נאָר יעדעס מאָל אָפּגעלייגט. נישט צוליב פּחדנות... נאָר עס האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט... יעדעס מאָל האָט זיך געמאַכט אַן אַנדערע סיבה. און מיט ר' לוין איז נישט אַזוי לייכט צו רעדן. אינדערוואָכן האָט ער דאָך קיינמאָל קיין צייט נישט. אַ גאַנצן טאָג געשעפטן און גע־שעפטן, און אויב נישט געשעפטן, איז סעסיעס, אסיפות און נאָך אַזעלכע ענינים.

אַמבעסטן איז שבת. נאָכן עסן. די אורחים גייען אַוועק. דער טאַטע

לענט זיך צו. שפּעטער זיצט ער ביי אַ ספר, איז עפּעס טועם... יאָ, דאַ־מאָלס איז די בעסטע צייט, דאַמאָלס וועט זי אַריין צו אים און אים זאָגן.

לאַניא האָט געפילט, ווי אַ האַלבע לאַסט איז איר אַראָפּגעפאַלן פון אירע פּלייצעס, קוים האָט זי שוין באַשטימט דעם טאָג. איצט דאַרף מען נאָר פעסטשטעלן, וואָס מ׳דאַרף רעדן. אָבער וועגן דעם האָט לאַניא נישט קיין דאגות. זי האָט זיך גענוג אָנגעלייענט און גענוג אָנגעהערט אויף די פאַרזאַמלונגען, אַז זי זאָל וויסן, וואָס זי האָט צו זאָגן. זי וועט שוין וויסן ווי אַזוי אָנצוהייבן, מיט וועלכע אַרגומענטן אַרויסצוטרעטן אין דער אַנטשיידענער שעה און ווי אַזוי צו ענדיקן... רואיק, נישט אויפרעגן זיך, למען השם, אַ טרער נישט לאָזן.

לאַניא איז שוין געווען פאַרטיק מיט אַלעם, מיטן שבתדיקן טאָג, מיט דעם, וואָס זי דאַרף רעדן, מיט דער געגנויער שעה, ווען ר׳ לוי וועט זיצן ביים מדרש נאָכן מנוחהדיקן שבת־דרימל, נאָר עפּעס האָט זיך שטענ־דיק געמאַכט אַזוי, אַז גראַד ד ע ם שבת האָט זי „נישט געקאָנט״, האָט זי קיין צייט נישט געהאַט, איז עפּעס נישט מעגלעך געווען. אַמאָל האָט זי פאַרגעסן און איינגעלאַדן צו זיך אַ פריינדין, אַמאָל האָט זי גע־מוזט, אומבאַדינגט געמוזט, עפּעס דערליידיקן אין גאַס. אַמאָל איז די מאַמע געזעסן אין דער זעלבער שטוב, אַמאָל איז גלאַט נישט געווען קיין שטימונג. קורץ, לאַניא האָט זיך אַליין מער נישט געקאָנט נאַרן. זי האָט געוווּסט, אַז זי האָט איינפאַך מורא דאָס מויל צו עפענען. זי האָט זיך אַליין געזידלט פאַר פּחדנות און איינמאָל פאַר אַלע מאָל באַשלאָסן, אַז ד ע ם שבת מוז עס געשען. איר באַשלוס האָט זי געהאַלטן פאַר אַ גרויסן סוד. האָט מיט קיינעם וועגן דעם אַ וואָרט נישט גערעדט. מיט עפּשטיי־נען אוודאי נישט. אירע פריינדינס האָט זי בלויז געגעבן אָנצוהערן, אַז זי גרייט זיך צו עפּעס, אַז זי וועט זיי ווייזן ווי אַזוי מ׳פירט דורך אַ טאַט, אַז אַזוי ווייטער קאָן עס נישט גיין, אַז עס איז אַ חרפה פאַר דער היינ־טיקער פרוי צו שטיין פון דערווייטן און זיך בלויז צוקוקן צום קאַמף. מען מוז אַליין טון, מען מוז זיין האַרט און דרייסט און מען טאָר זיך נישט רעכענען מיט קיינע סענטימענטן.

דער פּריסטאַוו פון זיבעטן צירקל, דער הויכער גוי גאַלוכאָוו, וועל־

בער רירט זיך נישט א טריט אָן זיין כלב, האָט מיטאמאָל צונישט געמאַכט אַלע דרייסטע פּלענער פון ר׳ לוים קעמפּעריישער טאָכטער.

אין דעם הויכן ברייטן אַנלען־שטול אויבן־אָן ביים גרויסן שבת־דיקן טיש איז געזעסן ר׳ לוי און האַלב געדרימלט. די קינדער זענען זיך שוין געהאַט צעגאַנגען, די אורחים זענען אוועק, נאָר דבורהלע האָט די ברעקלעך פון דער שבתדיקער חלה אָפּגעשאַרט מיט א קליין זילבערן בער־שטל פון ווייסן טישטעך און זיי צונויפגענומען אין א זילבערן טעצל.

א גוטע, זאַטע מידקייט האָט זיך נאָך דער שבתדיקער סעודה צע־גאָסן איבער ר׳ לוים גוף. ער איז פויל זיך צו רירן פון אָרט. עס ווילט זיך אים נישט אויפהייבן און צוגיין צו דער סאָפע אין שלאָף־צימער. דער האַלב דרימל ביים טיש האָט אין זיך עפּעס א באַזונדערן עונג שבת.

## דער בייזער חלום

פּלוצים קומט אים פאָר, ווי דער הויכער פּריסטאַוו גאַלוכאָוו מיט זיין כלב שטייט נעבן אים. אַלע בייזע חלומות אויף די גוי׳מס קעפּ!... שבת נאָך מיטאָג זאָל אים גאָר קומען צו חלום דער פּרצוף פון א קאַצאַפּ... ר׳ לוי רייסט מיט געוואַלד אויף די אויגן. צייט אויפצושטעלן זיך און אוועקלייגן אויף דער סאָפע. אָבער זע נאָר זע!... עס איז גאָר נישט געווען קיין חלום. גאַלוכאָוו אין מונדיר שטייט טאַקע דאָ נעבן אים, אין זיין עס־שטוב. דבורהלע בעט אים שוין זיצן. גאַלוכאָוו האַלט זיך אין איין אָנט־שולדיקן און דריקט אוים זיין פּאַרדרוס, צי ער האָט חלילה נישט געשטערט און דערביי צעלייגט זיך א שמייכל אויף זיין ברייט־קאַצאַפּיש פּנים.

דער שלאָף פאַרשווינדט מיטאַמאָל פון ר׳ לוין. דערפאַר באַהערשט אים א פּאַרדרוס. האַ? וואָס איז דאָס? שבת נאָך דער סעודה דער פּריס־טאַוו ביי אים אין שטוב?... האָבן שוין יידישע עזות־פּנימער ווידער עפּעס אָנגעבראַיעט? נישט אויסצוהאַלטן מיט די יידעלעך, א מינוט מנוחה נישט צו האָבן צוליב זיי.

ר׳ לוים פּנים ווערט שטרענג, בייז, פאַרכמורעט. אָבער באַלד דער־מאָנט ער זיך, אַז די יידישע עזות פּנימער זענען דאָ נישטאָ, אַז נעבן אים שטייט גאָר דער פּריסטאַוו פון זיבעטן צירקל, גאַלוכאָוו מיט זיין כלב,

און ר׳ לוי צעשמייכלט זיך מיט אַ געצוווּנגען זויער שמייכעלע. ביטע, זאָל דער גאַספּאַדין פּריסטאַוו זיך צוזעצן, זייער אַנגענעם, זייער...

גאַלוכאָוו זעצט זיך צו. זיין שווערד, וואָס הענגט אים נאָך ביי דער זייט, טוט אַ דראָענדיקן קלונג, אָנקלאַפּנדיק זיך אָן דער פּאָדלאָגע. דער כלב זיינער צעלייגט זיך ברייט אונטערן טיש ביי זיין אַדונס פיס. געזען אַזאַ אָנשיקעניש. אַ סוף צו ר׳ לוים שבתדיקן שלאָף.

גאַלוכאָוו פילט זיך אין דער ערשטער מינוט אויך עפּעס נישט באַקוועם. זיין באַסאָווע שטים, פאַר וועלכער די פּורמאַנעם און סטרוזשעס ציטערן אימת מות, קלינגט דאָ, אין ר׳ לוים צימער, ווייך און צוגעלייגט. אָ, ניין... ראַדי באָגאַ... אָן כיבוד... ער בייגט זיך אַלע ווײַלע פאַר דבורהלע... ער וועט נישט טועם זיין... גאָט באַהיט... אין אַ פּראַזדניק שטערן... אַריינגעפאַלן בלויז אויף אַ ווײַלינקע... ווי צו אַ שכן...

אויפן טיש שטייט שוין אַ קאַראַפקע פון געבלימלטן גלאָז, פון וועלכער עס שיינט אַרויס דער גאָלדענער בענעדיקטין. דאַמאָלס הייבן אָן גאַלוכאָווס אויגן צו פינטלען, און, ווען צו זיין נאָז דערגרייכט דער ריח פון דעם געפילטן העכט און זיין שאַרף אויג דערזעט דעם גרויסן קאַרפּן־קאָפּ, וואָס טוליעט זיך צו דער פעצענע העכט, פילט גאַלוכאָוו, אַז ער איז נישט אימשטאַנד מער צו קעמפן. דער בענעדיקטין איז ווערט, אַז מען זאָל פאַר אים קאַפּיטולירן, און די פיש האָבן אוודאי דאָס רעכט צו פאַרלאַנגען פון אַ צאַרסקי אָפיצער זיך אונטערצוגעבן. איז ער מסכים. אַ גאַלאַנטער קאַוואַליר מוז אויספירן אַלע באַפעלן פון דער מאַדאַם. ער וועט אָבער נאָר טועם זיין, נישט מער... פון מבינות וועגן... וואָרום אויף פיש איז ער, גאַלוכאָוו, גאָר דער אמתער מבין... כע, כע, כע... נאָר אַז מ׳וויל פילן דעם אמתן טעם פון פיש, מוז מען קודם כל דורכשווענקען דעם האַלדז מיט בענעדיקטין נישט וואַר, פאַן לוי?

ר׳ לוי שאָקלט צו מיטן קאָפּ און גאַלוכאָוו גיסט זיך אָן אַ כוסה, זאָגט לחיים ביי דער צווייטער און צעוואַרעמט זיך ערשט ביי דער דריטער.

ערשט דאַמאָלס איז געקומען די צייט אויף די פיש. ווי אַן אמתער פאַכמאַן איז ער צוגעטרעטן צו דער אַרבעט איבער דעם פאַלמיסעק פיש. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן, צום פאַלמיסעק, קאָפּ, האָט ער געאַרבעט סיסטעמאַטיש, אָן געאייל. ער האָט געאַרבעט שווער, ערנסט, מיט כוונה, איז

געווען אזוי פּאַרטון אין דער אַרבעט, אַז דער שמייכל איז פאַרשוווּנדן פון זיין געזיכט. גאַלוכאָוו האָט געטונקען די ווייכע, פעטע חלה אין דער פיש־יויך, און זיין ברייט קאַצאַפּיש פּנים איז געוואָרן ערנסטער, קאָנצענטרירט. ער האָט געשטופּט די חלה אין מויל האַסטיק, אָן אויפהער. ער האָט נאָכדעם מיט דער חלה אויף ריין אויסגעשאַרט דעם פאַלמיסעק און ערשט דאַן זיך גענומען צו די פיש. מיט אַ מעסער האָט ער געשניטן די פּעצענעם העכט, געשיקט זיי מיטן גאָפּל אויפגעכאַפּט און מיט כוונה צוגעטראָגן צום מויל.

ווען ער איז דערגאַנגען צום קאַרפּן־קאָפּ, איז ער שוין געווען כמעט ביי די לעצטע כוחות. דער בענעדיקטין איז אָבער געקומען צו הילף, און האָט אים צוגעגעבן פרישן קוראַזש און כוח און סוף כל סוף איז ער אויך דעם קאַרפּן־קאָפּ בייגעקומען. איבערן פּאַלמיסעק זענען געבליבן ליגן, ווי נאָך אַ געוווּנענער שלאַכט, די צעבראָכענע ביינער פון באַזיגטן שונא.

מיט דער סערוועטע האָט ער זיך אָפּגעווישט דאָס מויל, דאַן דאָס פּנים און דעם שטערן, אויף וועלכן שפּריצן פון דער פיש־יויך האָבן זיך צונויפגעמישט מיט טראָפּנס שווייס פון דער שווערער האַרעוואַניע.

ער האָט זיך נאָכאַמאָל דורכגעשווענקט דעם האַלדז מיט אַ כוסה, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ מין פּריז פאַר דעם אָפּגעהאַלטענעם זיג, און ערשט דאַן האָט ער צוריקבאַקומען לשון. יעי באָגו, מאַדאַם... ווי לאַנג ער לעבט, נאָך אַזעלכעם נישט טועם געווען... יעי באָגו... אין מאָסקווע וועט מען אַזאַ פיש נישט באַקומען...

לאַנג רעדן האָט גאַלוכאָוו קיין צייט נישט געהאַט. נאָכן אָפּגעהאַלטענעם נצחון איבער די שבתדיקע העכט און קאַרפּן, האָבן זיך אויפן טיש באַוויזן פּיס, אַרומגענומען ווי מיט אַ גירלאַנדע מיט צעהאַקטע ציבעלעס, פון וועלכער עס האָט זיך געטראָגן אַזאַ אַראָמאַט, אַז גאַלוכאָוו האָט זיך מער נישט געלאָזט בעטן, האָט ברייט צעעפנט דאָס מויל און גענומען אכלען מיט אַזאַ געאייל און אימפּעט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו פאַרשפּעטיקן און נישט באַוויזן עפּעס דעריאָגן.

ר' לוי האָט געקוקט אָן אַ זייט. פרעסט ווי אַ דבר אחד... אָבער נאָך וואָס איז ער געקומען? עס קאָן דאָך נישט זיין, אַז בלויז צוליב דער אכילה... פרעגן אָבער פּאַסט נישט. איבעריגנס, פּאַניע וואָלט סיי ווי נישט

פאַרשטאַנען, וואָס מען רעדט צו אים. אַז מען איז אַזוי אַריינגעטאָן אין פּרעס...

ווען עס איז געקומען די ריי פון טשאָלנט און קישקע, האָט גאַלו־באָוו געמוזט אָראָפּנעמען דעם פּאַסעק פון זיין מונדיר. זיין אַרבעט האָט ער אָבער ווייטער געטון בשלימות, אויך שפּעטער מיטן צימעס און מיטן געגנזנס. ביים קאָמפּאָט האָט ער אָפּגעאָטעמט ווי אַ באַרג־גייער, וואָס האָט ענדלעך דערגרייכט דעם שפּיץ. פון גרויס התפעלות האָט ער גענומען קושן דבורהלעס הענט. גאָלדענע הענט, האָט ער געפּראַלט, אַזעלכע מאכלים... יעי באָגו... אַזעלכעס נאָך נישט טועם געווען. די צונג האָט זיך אים גע־פּלאָנטערט. שכור ווי לוט. ר' לוי האָט נישט געוווסט, צי ער זאָל זיין צופרידן אָדער נישט. דער ערל ווייסט דאָך שוין גאָרנישט, וואָס מיט אים טוט זיך.

מיט ציטערנדיקע הענט האָט גאַלובאָוו גענומען גלייכמאַכן דעם מונדיר. קוים מיט צרות פאַרקנעפּלט דעם פּאַסעק. ער האָט זיך אויפגע־שטעלט און צוזאַמען מיט אים האָט זיך אויך אויפגעשטעלט דער כלב.

די ווערטער האָבן זיך קוים אַרויסגעריסן פון זיין מויל, פון וועלכן עס האָט געזעצט אַ הייסע פּאַרע. פונדעסטוועגן האָט ער געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן. הערט די עצה פון אַ גוטן פריינט, פּאַניע לעווי, פון אַן אמתן גוטן פריינט... טוט אַכטונג אויף זייער טעכטערל לאַניאַטשקאַ, ראַדי באָגאַ, טוט אַכטונג אויף דער דאַטשקאַ...

ווען נישט ער, גאַלובאָוו, ווער ווייסט, וואָס עס וואָלט שוין היינט געשען... אַ באַפעל געקומען, אַן אַביסק צו מאַכן. און ביי וועמען? ביים פּאַן לעווי... הינטישע זין, ביים פּאַן לעווי צו מאַכן אַן אַביסק... נישט דערלעבן וועלן זיי! אַזאַ חרפּה וועט ער דעם פּאַן לעווי נישט אָנטון. וואָס, ער ווייסט נישט, ווער דער פּאַן לעווי איז? אַסך אַזעלכע אַביוואַטעלעס פאַראַן אין וואַרשע, וואָס?... און פון פּאַן לאַזאַר האָט ער, גאַלובאָוו, נישט געהערט, וואָס?... וועט ער גיין און דערלאָזן צו אַזאַ בושה? ניין, נישט ביי זיין, גאַלובאָווס, לעבן...

געוויס, באַפעל איז באַפעל, און ער, גאַלובאָוו, איז אַ געטרייער די־נער פון באַטיושקאַ, גאָט זאָל אים היטן. איז ער טאַקע געקומען, גאַלו־באָוו, און אַליין אויסגעפירט דעם באַפעל. כע, כע, כע — דער כלב זיי־

נער איז אן עדות... הע, הע, הע!... מען מעג זיך אויף אים, גאלוכאָוון, פאַרלאָזן. ער ווייסט, וואָס ער האָט צו טון.

די הענט האָבן זיך ביי אים געוואָרפן, ווען ער האָט פון דער טאַש ארויסגעצויגן עפּעס א פּאַפּיר. נאַט, לייענט... איר זעט, גאלוכאָוו האָט נאָך, גאָט צו דאַנקען, א קאָפּ אויפן קאַרק. אין קאַנצעלאַריע האָט ער אליין, מיט דער אייגענער האַנט זיינער צוגעגרייט די „בומאַגע", אז ביים פּאַן לעווי איז אלעס אין אָרדענונג און די פּאַננאַ לאַניאַ האָט זיך מיט גאָר־נישט פאַרזינדיקט...

נישט טויט נישט לעבעדיק האָבן ר' לוי און דבורהלע באַגלייט ביז צו דער טיר גאלוכאָוון. וואָס פּלעטשעט עפּעס דער ערל? זייער לאַהלע? טויט שכור מסתמא... ווי דען...

ביי דער שוועל אָפענער טיר האָט גאלוכאָוו זיך געטון א בויג צו צו ר' לוין. ווי ער וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט, און א מורמל געטון. עס וואָלט נישט געשאַדט א זוך צו טון צווישן די גרויסע „ביבליעס"... אזוי איז געווען אינעם „דאַנאָס"... צווישן די גרויסע ביבליעס, פּאַניע לעווי... און אויפן טעכטערל אכטונג געבן, אוי אכטונג געבן... דער טייוול שלאָפט נישט...

אויף די שפּיץ פינגער איז ר' לוי און זיין ווייב אריין צוריק אין דער עס־שטוב. פאַרלוירענע האָבן זיי איינער דעם אַנדערן אָנגעקוקט. וואָס האָט ער געפּלאַפּלט דער שיכורער עשיו? צווישן די גרויסע ביבליעס זוכן?...

מיט בלייכע פּנימער האָבן זיי גענומען שלעפּן פון די ספרים־שענק די שווערע גמראָס, די גראָבבייכיקע רמב"מס, די גרויסע חושן משפּטס. שוואַרץ און פינסטער איז זיי געוואָרן פאַר די אויגן. דער ערל האָט גע־ווּסט, וואָס ער רעדט. אוי האָט ער געוווּסט...

אין א ווינקל איז עס געלעגן. א גאַנצער פּאַק מיט יידישע און גוי־אישע שריפט אויסגעמישט. וואָס טוט מען? וואָס מאַכט מען מיט אזא צרה? ווי אזוי ברענגט מען דאָס ארויס פון שטוב?

— פאַרברענגען — האָט ר' לוי שווער אָפּגעזיפצט.

דבורהלע האָט דערמאָנט:

— שבת...

— ר׳ לוי האָט אַ צעפּאַר געטון מיטביידע הענט:

— וואָס הייסט שבת... און סכנת נפשות... עס איז גאָר קיין שאלה נישט...

— אָבער ווי מאַכט מען עפּעס פייער אין שבת... די דינסטן וועלן דאָך מיינען, ווער ווייסט וואָס...

מיט צעטרייסלטע הענט האָט ר׳ לוי דעם פּאַק פאַרשלאָסן אין זיין פייער־קאַסע. ווי נאָר מ׳וועט אָנצינדן אַ ליכט, נאָך פאַר הבדלה, וועט מען עס מבער זיין.

און דאַמאָלס איז ר׳ לוי אַרויס מיט דעם אמתן געשריי. ניין, אַזעל־כע קולות האָט מען נאָך אין ר׳ לויס שטוב נישט געהערט. אַ צעשראָ־קענע איז דבורהלע אַריין אין קיך און משלח געווען די משרתים אויף דעם שבת־שפּאַציר.

לאַניאַ איז אַ דערציטערטע געקומען צו לויפן פון איר צימער. ווי אַ מיגער האָט ר׳ לוי זיך אויף איר געוואָרפן. אַזוינס טאַטע־מאַמע אָנ־צוטון? אַזאַ בושה! אַזאַ חרפּה! צו אים מיט אביסקן!!... געוואַלד גע־שריען!!!... ר׳ לייזערס איינִיקל וועט זיך אַרומשלעפּן מיט שטרייקערס!... מיט סיבירניקעס! מיט קאַטאָרזשניקעס זיך אַרומשלעפּן!... אַן אייגן קינד זאָל נישט האָבן קיין יאַדעס?!... אַ גוי האָט זיך אויף אים מרחם געווען... אַן עשיו האָט אים נישט געוואָלט אָנטון בזיונות... אַ שיכורער פּאַניע ווייסט ווי צו שאַנעווען ר׳ לייזערס זון און אַן אייגענע טאָכטער נישט?!... אויף וואָס וואַרט זי? וואָס וויל זי נאָך פון אים? זאָל זי נעמען אַ מעסער און איינמאָל מאַכן אַ סוף צו זיין לעבן. ער וועט עס דאָך סיי ווי נישט איבערהאַלטן... זאָל ער כאָטש די בזיונות נישט האָבן.

דבורהלע האָט ספּאַזמירט. ר׳ לויס יינגערע זין האָבן נישט געוווּסט, וואָס עס איז געשען און זענען אַרויס אין אַ ביטער געוויין. און ר׳ לוי איז געלאָפן פון איין שטוב אין דער אַנדערער און געשריען:

— שעכטס!... וויי און ווינד צו מיר!... מערדער!!...

אין דעם טאָג, ווען ר׳ לייזער איז געשטאָרבן, איז ביי ר׳ לוין אין שטוב נישט געווען אַזאַ חורבן ווי דעם שבת.

עס האָט אויסגעזען, ווי די וועלט ווערט חרובֿ, ווי אַלץ צעפאַלט זיך, ווי עס איז שוין נישטאָ מער קיין האָפענונג און קיין לעבן. אויב אַזאַ

חרפה האָט געהאַט די העזה איבערצוטרעטן די שוועל פון ר׳ לויס הויז, איז אַ סוף, צו אַלעם אַ סוף...

דאָס געפיל פון קאַטאַסטראָפע האָט באַהערשט נישט נאָר ר׳ לוין, נישט בלויז די שטילע דבורהלע, נישט בלויז די ייִנגערע קינדער, וואָס האָבן נישט געוווסט, וואָס עס איז געשען; דאָס זעלבע געפיל האָט אויך באַוועלטיקט לאַניאַן. די בונטאַרין האָט מיט אַמאָל דערפילט, אַז זי, איר גאַנץ וועזן, באַלאַנגט צו דעם אַלטן הויז אויף גזשיבאָוו, צו דעם ייִד, וואָס לויפט אַרום איבער די שטיבער, ווי אַ באַנומענער, צו דער שטילער דבור־רהלע און צו די בחורימלעך אין זיידענע קאַפּאָטקעס, וואָס שטייען אין די ווינקלען און כליפּען.

אַ בלייכע האָט לאַניאַ זיך געוואַקלט אויף די פיס און נישט גע־קאָנט זיך אָן אָרט געפינען. מיט דערשראָקענע אויגן, אויגן, וואָס האָבן אין דער מינוט אויסגעזען צו געהערן צו איר מוטער, האָט זי געקוקט אויף זיך און אויף דעם, וואָס זי האָט געטון. זי האָט זיך געפילט ווי אַ מענטש, וועלכער באַגייט אַ שווער פאַרברעכן און זיצט איצט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק. צוליב איר איז צו דעם אַלעם געקומען. זי האָט געברענגט אין שטוב דעם חורבן. זי ברענגט אים אין הויז. זי...

דער מוח איז ווי מיטאַמאָל אויסגעליידיקט געוואָרן. אַלע אַרגו־מענטן און אַלע קלוגע רייד וועגן דער אָפּשטאַרבנדיקער וועלט זענען עפּעס ווי אויף צו להכעיס אַרויס פון קאָפּ. זי האָט מיטאַמאָל פאַרגעסן אַלע טענות צום פאָטער, וואָס זי האָט צוגעגרייט, פאַרגעסן דעם היינטיקן טערמין, וואָס זי האָט באַשטימט,פאַרגעסן אַלע אָנצוהערענישן צו אירע פריינדינס וועגן דער טאַט, פאַרגעסן אַלע דערהויבענע רייד וועגן די פליכטן פון דער היינטיקער פרוי. זי האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט ווי אַ קליין הילפלאָז קינד, און זי האָט זיך אפילו נישט געשעמט צו וויינען. וויי־בעריש צו כליפּען.

באַלד ווי מען האָט אָנגעצונדן אַ ליכט, האָט דבורהלע אַליין אונ־טערגעצונדן דעם אויוון, און ר׳ לוי האָט „דאָס" אַריינגעוואָרפן אין פייער און איז, פונקט ווי ערב פסח ביים חמץ פאַרברענען, געשטאַנען און גע־וואַרט, ביז עס וועט פון דעם קיין שריד ופליט נישט בלייבן.

פרי איז מען דעם שבת צו נאַכט געגאַנגען שלאָפן ביי ר׳ לוין. מען

איז געלעגן שווייגנדיק אין די בעטן, אָבער שלאָפן האָט מען נישט גע־קאָנט. לאַניא האָט דאָס פּנים באַהאַלטן אין קישן און די טרערן זענען שטיל געפלאָסן, און זי האָט שוין אַליין נישט געוווּסט, צוליב וואָס זי וויינט.

אין שלאָף־צימער האָט ר׳ לוי שטיל גערעדט מיט זיין ווייב. דבורה־לעס דעה איז ר׳ לוין געפעלן געוואָרן.

מען מוז מיטן קינד קודם כל אַוועק פון דער שטאָט. און טאַקע קיין אויסלאַנד. די נאַטאַנזאַנס פאָרן יעדן ווינטער קיין זאַקאָפּאַנע צו די שניי־איקע בערג, וועט זי, דבורהלע, מיט לאַהלען אויך פאָרן. ר׳ לייזערס קינ־דער האָבן זיך אַפילו געפירט ביז אַצינד צו פאָרן קיין מאַריענבאַד, נאָר זומער. נו, מילא, מען מעג דאָך אַמאָל פּרוּוון ווינטער אויך. וועט מען זיך וווּנדערן, נו, זאָל מען. זיי זענען דאָך נישט מחויב עמיצן אָפּגעבן אַ חשבון... און זאַקאָפּאַנע איז נישט ווייט פון קראָקע. איינוועגס וועט מען מאַכן אַ זעעכיץ מיט ברוידעס זון. אפשר וועט דער אויבערשטער העלפן אין אַ מזלדיקער שעה... עס וואָלט שוין געווען צייט צו מאַכן אַ שמחה... אפשר וועט עס נאָך זיין צום גוטן... אַ ווילער בחור, זאָגט מען. חסידיש און קאָן אַ בלאַט גמרא, און רעדט אַ פיינעם פּויליש אויך... מ׳קאָן דאָך נישט לאַהלען אָנהענגען אַבי וועמען... יאָ, עס איז נישט קרום. די ברוי־דעס זענען גאַנץ פיינע מחותנים. שפּילן אין קראָקע אַ גרויסע ראָלע. פירן געשעפטן מיט ווין. שטאַמען פון שענסטן יחוס. דעם שייכס אַ רעבטע איי־ניקל. און זיי חלשן משדך זיך צו זיין, שיקן כסדר שליחים... נאָר ווי דען... איז עס טאַקע אַ גלייכע זאַך. מענדעלע שדכן זאָל גלייך פאָרן קיין קראָקע. ער וועט שוין וויסן, וואָס ער האָט צו טון. זאָלן די ברוידעס אויך קומען קיין זאַקאָפּאַנע. וועט מען זיך אָט אַזוי צופעליק טרעפן... אַזאַ טרעפן זיך קאָן דאָך געוויס נישט שאַדטן. מ׳שרייבט דאָך נישט אַ קאָנטראַקט. מילא, וועט זיין מן השמים, וועט ר׳ לוי אויך אפשר אַ כאַפּ אַראָפּ זיך טון קיין זאַקאָפּאַנע.. אַלאַ מאַי, אַלע דערציילן זיך אָן וועגן די שנייאיקע בערג, זאָל ער אויך זען...

שנעל, אין געאײַל האָט מען דאָס מאָל ביי ר׳ לוין געמאַכט די הכנות צו דער רייזע קיין אויסלאַנד. די שניידערינס האָבן געיאָגט פון זיך די כוחות, פּאַרטיק צו מאַכן צו דער צייט די קליידער פאַר דבורהלע און לאַ־

ניאן. דבורהלע ווידער האָט געטון אזוי, אז לאניא זאָל נישט האָבן אַ מינוט איבעריקע צייט און אומעטום מיט איר מיטגעווען, נישט אָפּגעלאָזט אַן אויג פון דער טאָכטער, נישט איבערגעלאָזט זי אַ מינוט אַליין... וואָרום ווער ווייסט, וואָס עס קאָן נאָך געשען. צי היטן זי אַמאָל נישט די געהיימע... זי האָט זיך געהיטן, אַז לאהלע זאָל זי עפּעס חושד זיין, זאָל זען, אַז מ'היט זי... חס וחלילה... ס'קינד האָט זיך שוין גענוג אָנגעליטן... נישט מער, פּאַר אַזאַ רייזע האָט מען טויזנטער זאַכן צו דערליידיקן און אַז דער אויבערשטער העלפט און מ'האָט שוין אַ דערוואַקסענע טאָכטער, פאַוואָס זאָל מען זי נישט מיטנעמען אומעטום, פאַוואָס זאָל מען זיך נישט מיישב זיין ביים איינקויפן און פאַרוואָס זאָל מען נישט הערן איר מבינות...

מיט אַ טרויעריקן שמייכל האָט לאניא זיך געגרייט צו דער רייזע, איז געגאַנגען מיט דער מוטער אין די מאַגאַזינען, האָט אָנגעמאָסטן די קליידער און די מאַנטלען און די היטן, האָט געהאָלפן איינקויפן די טויזנטער זאַכן, וואָס מען מוז האָבן. זי האָט טרויעריק געשמייכלט, זעענדיק ווי די מוטער טרעט פון איר אַ טריט נישט אָפּ, לאָזט זי נישט אויף אַ מינוט אַליין, ווי זי וואָלט זיך געפונען אין תפיסה. זי האָט זיך אָבער נישט געבונטעוועט קעגן דער דאָזיקער תפיסה. זי האָט נישט געהאַט דעם ווילן צומאָל צו וועלן זיך באַפרייען.

אַ זיס געפיל פון רעזיגנאַציע האָט איר וועזן באַהערשט, אַ געפיל פון אַ קרבן, וואָס זי איז געפאַלן און באַצוואונגען געוואָרן דורך עפּעס זייער מעכטיקע כוחות און וואָס קאָן נישט און וויל אויך נישט זיך ווערן און אַנטקעגנשטעלן. זי איז געוואָרן שטיל, ווי איינגעפאַלן אין זיך, איר שטים האָט באַקומען אַ מאָדנעם ווייכן קלאַנג, און ווען זי איז געגאַנגען איבער דער שטוב, האָט עס זיך אויסגעדאַכט, אַז אירע פיס באַרירן נישט דעם באָדן... אירע אויגן זענען געוואָרן גרעסער, טיפער און אויף איר פּנים האָט זיך צעלייגט אַן איידעלע בלייכקייט. אַ בלייכקייט, וואָס דערציילט וועגן טרויער און אַנטטוישונג, וועגן רעזיגנאַציע און הכנעה, און וואָס האָט איר צוגעגעבן אַזאַ ווייבערישן רייץ, אַז דבורהלע האָט די אויגן פון איר נישט געקאָנט אָפּרייסן און שטילערהייט געזאָגט אַלע אָפּשפּרעכענישן, וואָס זי האָט אַמאָל געהערט, אַז אַ בייז אויג זאָל איר שיינער טאָכטער קיין שלעכטס נישט טון.

אין די דאָזיקע טעג האָט לאַניא ווייניק גערעדט. מיט אַ לאַקאָנישן „יאָ" אָדער „ניין" געענטפערט, ווען מען האָט צו איר גערעדט. וועגן וואָס האָט זי געטראַכט? וועגן שיינע חלומות, וואָס זענען פאַרשוווּנדן? וועגן מוטיקן קאַמף, פון וועלכן זי האָט זיך אַזוי פּחדנותדיק אָפּגעזאָגט? וועגן די אָוונט־שפּאַצירן מיט עפּשטיינען און די שטילע רמזים און האַלבע ווער־טער, וואָס זיי האָבן אַזוי ליב געהאַט, ווי מ'האָט ליב דעם ערשטן פּרי־לינגס־סוד? לאַניאס לאַנגע זיידענע ברעמען האָבן באַהאַלטן פון פרעמדע בליקן אירע אויגן און זאָרגפעלטיק געהיטן זייער געהיימניש...

ר' לוי אַליין האָט דאָס מאָל אויך זיך באַשעפטיקט מיט דער רייזע צו די שנייאיקע זאַקאָפּאַנער בערג. וואָס זאָל מען טון, אַז עס איז געקומען אַזאַ צייט, אַז ער דאַרף זיך פאָרען מיט אַזעלכע ווייבערישע נאַרישקייטן. דאַנקען גאָט דערפאַר. ס'זאָל נאָר דורך בשלום. ר' לוי האָט מיט אומגע־דולד שוין געוואָלט זען די ווייבער אין וואַגאָן, און ער אַליין האָט מיט זיין קאָטש אָפּגעפירט זיין פרוי און טאָכטער צו דער ווינער באַן. ער איז געשטאַנען אַ צופרידענער פאַר דעם פענסטער פון וואַגאָן און אפילו אַ שמייכל געטון צו זיין ווידערשפּעניקער טאָכטער. נישט קשה, עס וועט נאָך אַלץ גוט ווערן, און דינע בלעטלעך שניי זענען געפאַלן אויף זיין פעלץ און מיט ווייסקייט באַדעקט דעם ברוינעם קאַמטשאַטקע קאָלנער.

דער צוג האָט גערירט פון אָרט. דבורהלע און לאַניא האָבן פון פענסטער אַרויסגעפאָכעט מיט ווייסע טיכלעך. ערשט דאַן האָט ר' לויס פּנים זיך ברייט צעשמייכלט. געלויבט דער אויבערשטער. אַצינד קאָן מען שוין רואיק זיין. באַצייטנס פאַרכאַפּט. גאַלוכאָוון דאַרף מען אַרויפשיקן אַ שיינע מתנה. אומבאַדינגט. ער האָט עס זיך פאַרדינט. פאַרהיטן ממש פון אַן אומגליק... גאָרנישט געוווּסט, אַז אַן עשיו זאָל האָבן אַזאַ דרך ארץ... אַ נס מן השמים... ווען ער שעמט זיך נישט, וואָלט ער דערציילט דעם רבין. אַ שיינע זאַך פון אַן ערל... ניין, גלייבער כּלל וועגן דעם נישט צו רעדן. עס איז גאָרנישט געווען. גאָרנישט געשען. מענדעלע שדכן איז שוין אין קראָקע. ער וועט שוין וויסן, וואָס ער האָט צו טון. מ'האָט אים געננוי אָנגעזאָגט. נישט, פאַרשטייט זיך, בעטן ביי די ברווידעס... נאָר געבן צו פאַרשטיין, אַז ס'איז איצט אַ שעת הכושר... די מחותנים זענען גראָד אין זאַקאָפּאַנע, איז אים, מענדעלען, איינגעפאַלן, אַז די ברווידעס דאַרפן

זיך אויך אהינכאפן... און אויב ס'וועט זיין מן השמים, וועט ער, לוי, אויך א קוק טון אויף זייערע בערג דארט... יא, שוין צייט צו מאכן א שמחה.

דער צוג איז פארשוואונדן אין די ווייסע שניי־פעלדער. ר' לוי האט אויפגעשטעלט דעם קאלנער פון זיין פוטער, און זיך געלאזט צום ארויס־גאנג.

לאניא איז געשטאנען ביים וואגאן־פענסטער. אירע אויגן האבן געבלאנדזשעט איבער די פעלדער און פויערים־כאטקעס, איינגעהילטע אין שניי. טרערן האבן זיך געשטעלט אין אירע אויגן. עס האט זיך איר אויס־געדאכט, אז אונטער די ווייסע בערגלעך ליגן איינגעשלאפן אירע שיינע חלומות פון אמאל, איינגעשלאפן אויף אייביק. עס איז איר פארגעקומען, אז אונטער דעם קאלטן געפרוירענעם שניי האט זי איבערגעלאזט אלץ, וואס איז איר געווען טייער, אז א שטיק פון איר וועזן ליגט באגראבן אונ־טערן שניי... זי וועט שוין מער נישט גיין אין די אוונטן ביי עפשטיינס זייט, זיי וועלן שוין מער נישט שמייכלען צו זיך פארלעגן און גליקלעך, איר ארעם וועט שוין מער נישט לייכט אויפציטערן פון דער באר ירונג פון עפשטיינס האנט...

קאפיטל 8

# א ווארשעווער באלעבאס

דניאל עפשטיין איז געזעסן, ווי געוועגלעך אין אוונט, אין דעם גרויסן צימער —דעם זאל— אויף דער גרינער גאס. ער איז געזעסן מיט צעטומלטע אויגן. די וויכוחים האבן זיך געפירט, ווי געוועגלעך, מיט ברען און עקשנות. די רעדנער האבן זיך געהיצט, האבן זיך געבייזערט, האבן געדרייט און געקלאפט מיט די פויסטן אין טיש, האבן האסטיק געטרונ־קען פון גלאז וואסער, וואס איז געשטאנען אויפן טיש און מיט טעמפע־ראמענט זשעסטיקולירט. דניאל עפשטיין האט דאס מאל נישט גענומען אנטייל אין די וויכוחים, ער האט אפילו רעכט נישט געהערט די רייד פון די רעדנער. זיינע קורצזיכטיקע אויגן האבן געקוקט ארום מיט שטוינונג,

זוי ער וואָלט נישט געוווּסט, וועגן וואָס מ׳שפּאַרט זיך מיט אַזאַ עקשנות און וועגן וואָס מ׳דיספּוטירט מיט אַזאַ ברען. און ווען חברים האָבן זיך געווענדט צו אים, האָט ער זיי אָנגעקוקט מיט פאַרחידושטע אויגן, ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען און נישט געהערט, וואָס מ׳רעדט צו אים. ער האָט מיט אַ טיכעלע כסדר געווישט די דיקע גלעזער פון זיינע ברילן און זיך געהאַלטן אין איין אַרומקוקן איבער דעם צימער, ווי ער וואָלט עמיצן געזוכט אָדער דערוואַרט.

דניאל עפּשטיין איז געווען אומרואיק. וואָס איז געשען מיט לאַ־ניאַן? פאַר וואָס האָט זי אויפגעהערט צו קומען אויף דער גרינער גאַס? פאַרוואָס איז זי זונטיק נישט געקומען אין טעאַטער, ווי עס איז געווען אָפּגעשמועסט? קראַנק. געוויס, קראַנק... און ער קאָן צו איר נישט אַרויפ־גיין. ער קאָן זי נישט זען. ער קאָן זי נישט פרעגן, וואָס עס איז מיט איר. עס וואָלט שוין מער נישט געפעלט, נאָר אַ מאַנסביל זאָל קומען אויפן גזשיבאָוו און זיך פרעגן אויף אַ חסידישער טאָכטער... און ערשט נאָך צו ר׳ לויס טאָכטער!... און דערצו נאָך, ער, עפּשטיין, דער געוועזענער משרת!...

עפּשטיין האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. ערשט איצט האָט ער דערפילט, אַז לאַניאַ פעלט אים. אַז ער בענקט נאָך איר, ערשט איצט האָט ער אָנגעהויבן באַגרייפן, אַז די ליבע־לידער פון די דיכטער קאָנען אויך ווערן אָנגעמאָסטן צו אַ פשוטן מענטש, אפילו צו אַ געווע־זענעם משרת אויפן גזשיבאָוו...

נישט לאַנג האָט געדויערט עפּשטיינס אומרו און דערוואַרטונג. פון לאַניאַס חברטעס האָט ער זיך דערוווּסט, אַז זי איז צוזאַמען מיט דער מוטער אָפּגעפאָרן קיין אויסלאַנד. עפּשטיין האָט מער נישט געזוכט אי־בערן זאַל. ער האָט מער נישט געריבן די דיקע גלעזער פון זיינע ברילן און נישט געווענדט זיין פּנים צו דער טיר.

מיטן פּנים געווענדט צום רעדנער איז ער געזעסן, ערנסט, קאָנצענ־טרירט און נישט פילנדיק. געביסן די אונטערשטע ליפּ. אַזוי הייסט עס... איז זי גאָר געפאָרן קיין אויסלאַנד... ר׳ לויס טאָכטער מוז ווינטער באַ־וואונדערן די זאַקאָפּאַנער בערג... געוויס, אויב די נאַטאַנזאָנס און די איי־גערס פאָרן, טאָר אויך ר׳ לוי נישט בלייבן הינטערשטעליק. אין עפּשטיינס

אויגן האָט אויפגעבליצט אַ נישט גוטער גלאַנץ... און צו אים האָט זי קיין וואָרט נישט געזאָגט. נישט געזעגנט זיך. אוועק אָן אַ זיי געזונט, ווי ער וואָלט בכלל פאַר איר נישט עקזיסטירט. אַ בריוול צומאָל פון וועג נישט צוגעשיקט. דער גבירישער טאָכטער איז אפשר גאָר אויפן געדאַנק נישט געקומען, אַז ער איז אומרואיק, אַז ער קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען, אַז ער קוקט יעדע ווײַלע צו דער טיר און זוכט...

וואָס דער אמת, האָבן זיי אַנטקעגן זיך קיין שום פאַרפליכטונגען נישט גענומען. זיי האָבן וועגן דעם קיינמאָל נישט גערעדט. ער האָט נישט קיין טענות. זי איז אַנטלאָפן פון דער חברשאַפט מיטן געוועזענעם משרת־יונג... זאָל זיין... ר׳ לייזערס געוועזענער משרת וועט זיך לערנען באַגיין אָן דער גבירישער טאָכטער.

דניאל עפשטיין איז אין דער צייט נישט געווען ענלעך צו די אומגליקלעכע העלדן פון די ליבע־ראָמאַנען. זיינע אויגן זענען נישט געוואָרן ווילד פון פאַרצווייפלונג. ער האָט נישט „פאַרשאָלטן די אכזריותדיקע וועלט און די גלייכגילטיקע מענטשהייט" און זיך נישט אַרומגעטראָגן מיט זעלבסטמערדערישע רעיונות. ער האָט אַזוי ווייט נישט געהאַט אין זיך די אייגנשאַפט פון אַן אומגליקלעכן ליבע־העלד און עס איז אים נישט געקומען אין קאָפּ דער געדאַנק, אַז זיין לעבן איז געוואָרן אומזיניק און איבעריק. עס איז אים אפילו נישט איינגעפאַלן, אַז ער זאָל איצט זוכן אַ רעוואָלווער און אַ סוף מאַכן צו זיין אומגליקלעך לעבן. אפשר האָט ער געהערט פון אַזעלכע זאַכן. יאָ, געוויס געהערט. ביי די פּריצישע זינדלעך פירט זיך אַזוי. זיי, די זין פון די פּוילישע מאַגנאַטן, קאָנען פאַרשפּילן מאַיאָנטקעס אין קאָרטן, קאָנען פאַרהוליען די ירושה פון זייערע אָבות אין פּאָקערס, וויין־קעלער און אין די פּאַריזער קאַפע־שאַנטאַנען. זיי קאָנען זיך אַריינשיסן אַ קויל אין קאָפּ צוליב אַ שיקסע.

ר׳ לייזערס געוועזענער משרת און ר׳ יעקב עפשטיינס זון האָט זיך צוגעקוקט צו אַנדערע גענג, צו אַנדערע דרכים און אַנדערע מענטשן. אין זיין מוח קאָנען גאָר אַזוינע רעיונות נישט קומען. דערצו נאָך אין אַ צייט, ווען ער איז פאַרטון אין אויפשטעלן די נייע פירמע. ער מוז רעדן מיט סוחרים, ער מוז זיך פאַרטיפן מיט אַלע חושים אין כלערליי חשבו־

נות און קאַלקולאַציעס. ער קאָן אוודאי נישט צופיל צייט אָוועקגעבן אַן אומגליקלעכער ליבע.

עפּשטיינס פּנים איז נאָר בלייכער געוואָרן, די אויגן איינגעפאַלע־נער. ער האָט זעלטענער גענומען אנטייל אין די וויכוחים אויף דער גרי־נער גאַס און ווען ער האָט שוין יאָ גערעדט, האָבן עפּעס טרויעריקע טע־נער געקלונגען אין זיינע רייד. ער האָט שוין נישט געלאַכט אַזוי הארציק פון אַ גוטן וויץ.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט מען זיך אין וואַרשע דערוווּסט, אַז ר׳ לוי האָט זיך משדך געווען מיט די רייכע קראָקעווער ברוידעס. לאַ־ניאַס תנאים זענען פאַרגעקומען טאַקע אין זאַקאָפּאַנע.

דניאל האָט נערוועז מיט אַ טיכעלע געריבן דיביידע גלעזער פון זיינע ברילן. דער גוטער שמייכל איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון זיינע קלוגע קורצזיכטיקע אויגן. צוליב דעם, הייסט עס, איז זי אַנטלאָפן, די גזשיבאָ־ווער יחסנטע, פון אים, דעם משרת־יונג, צוליב דעם...

דניאל האָט פעסטער פאַרביסן די ליפּן און דאָס איז געווען אַלצ־דינג, וואָס ער האָט געטון, און אויך דאָס האָט קיינער נישט באַמערקט. יידן האָבן ברוך השם וויכטיקע דאגות אויפן קאָפּ.

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָט מען זיך אויפן גזשיבאָוו דער־וווּסט, אַז דניאל עפּשטיין האָט אַ שידוך געטון. קיינער האָט זיך נישט געחידושט. עס איז קיינעם נישט איינגעפאַלן צו זוכן עפּעס אַ שייכות מיט די תנאים פון ר׳ לויס טאָכטער. פאַרקערט, עס איז געווען אַ וווּנ־דער, וואָס דניאל וואַרט אַזוי לאַנג מיט פאַרלייגן אַן אייגענע שטוב. אויפן גזשיבאָוו פירט מען זיך פריער חתונה צו האָבן און שפּעטער זוכן אַ מסחר. מילא, די אויפגעקלערטע פאַרלייגן זיך פריער פירמעס און שרייבן שפּע־טער תנאים, נו, זאָל זיין אַזוי. נישטאָ וועגן וואָס צו רעדן.

ביי עפּשטיינען אַליין האָט דער ענין אויך קיין סך צייט נישט פאַר־נומען. נישט בלויז גבירישע טעכטער טוען שידוכים. מ׳מוז אַליין אויך אַמאָל חתונה האָבן. און בערטאַ איז אַ וווּיל מיידל. אַ וווייטע קרובה. פון אַ באַלעבאַטישער שטוב. קרובים האָבן אים צוגערעדט. ער וועט ערשט איצט, האָבן זיי געזאָגט, דערפילן פון אַ לעבן און ער וועט קאָנען מיט אַ רואיקן קאָפּ אַרבעטן אין געשעפט.

דניאל עפשטיין האָט נישט געהאַט וואָס חרטה צו האָבן אויפן שידוך. בערטאַ האָט געפירט אַ פיינע באַלעבאַטישע שטוב. זי האָט גע־זאָרגט וועגן איר מאַן, ווי אַ יידישע פרוי דאַרף טון. זי איז אים געווען געטריי און איבערגעגעבן, ווי אַ קינד פון אַ באַלעבאַטיש יידיש הויז דאַרף זיין צו איר מאַן. זי האָט געוווּסט, אַז די נייע פירמע מאַכט גוטע געשעפטן, אַז איר מאַן פירט פאַרצווייגטע און גרויסע עסקים, וועלכע זענען פאַר־בונדן מיט שווערע דאגות און קאָפּ־דרייעניש. זי האָט אויך געוווּסט, אַז ווען ער קומט אהיים, דאַרף ער אין שטוב געפינען מנוחה און אָפּרו, טאָר מען אים נישט הייסן וואַרטן אויפן עסן, דאַרפן אים דערוואַרטן די שטעק־לאַטשן און אַ גוטער שמייכל פון דער פרוי.

זי האָט אים געבוירן צוויי יינגעלעך און איין מיידעלע, געזונטע שוואַרצינקע עופהלעך, און זי האָט אויך געזאָרגט דערפאַר, אַז די קינדער זאָלן נישט שטערן די רו פון איר מאַן, וואָס אַרבעט שווער, אַז דער קינ־דערישער געוויין, זאָל אים נישט אויפוועקן פון שלאָף און אַז ער זאָל קאָנען אַ צופרידענער זיך מיט זיי שפּילן און פרייען אין אַ פרייער מינוט.

דניאל עפשטיין האָט געוווּסט אָפּצושאַצן דעם לעבנס־קאָמפאָרט, וואָס בערטאַ האָט אים פאַרשאַפט. ער איז געווען אַ גוטער מאַן און גע־טרייער טאַטע. נישט געהאַט, וואָס דער אמת, צייט און חשק זיך אָפּצו־געבן מיט דער שטוב. דערפאַר האָט ער נישט געקאַרגט קיין געלט פאַר דער ווירטשאַפט. בערטאַ האָט געהאַט פרייען צוטריט צו זיין קאַסע, ער האָט קיינמאָל פון איר נישט געפאָדערט קיין חשבונות. זי האָט געקאָנט זיך נייען קליידער אין די בעסטע מאַגאַזינען, פאָרן אין די קור־ערטער, זיין אויף יעדער פּרעמיערע אין די ערשטע רייען און איינאָרדענען טיי־אָוונטן פאַר זיינע פריינט און אירע פריינדינס.

בערטאַ האָט איר באַלעבאַטישקייט געפירט אַזוי, אַז גאָר אין גיכן האָט מען אין דער שטאָט שוין געוווּסט, אַז ביי דניאל עפשטיין איז אַן אָפענע יידישע שטוב. פון זיין הויז גייט אַ ייד נישט אַרויס אַן אומצו־פרידענער. אויפן גזשיבאָוו און אויף דער טוואַרדע און בכלל אין די יידי־שע גאַסן איז עפשטיינס שטוב געוואָרן גאָר שנעל אַ שם דבר. סיי בערטאַ און סיי דניאל האָבן געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט. נישט אויסגעפרעגט זיך צופיל, נישט געוואַרט, אַז מען זאָל זיך ביי זיי בעטן רחמים, נישט

געוואָלט צו שטאַרק וויסן, צי מיט זייער געלט וועט מען מאַכן תכלית אָדער נישט.

די גבאים פון די צדקה־חברות פון אַלטן פאַרצייטישן שטייגער און די פּרעזעסן פון די מאָדערנע פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטן זענען געוואָרן אַפּטע אַריינגייער אין עפּשטיינס הויז, און ביי יעדער „אַקציע" שוין פאַר־אויס גענומען אין חשבון זיין נתינה.

אויך די פרומע גבאיטעס. האָבן אָנגעהויבן זיך אָפּט וויזן ביי דער מאַדאַם בערטעלע און זיי האָבן גאַרנישט געהאַט גענוג ווערטער פון אָפּ־לויבן. זי טראָגט נעבעך נישט קיין שייטל, אָבער אַ כשרע יידישע נשמה. טראָגט אַנטקעגן די נדבה. און מיט אַ שמייכל און מיט אַ גוט וואָרט און בעט זיצן און דערלאַנגט אַ גלאָז טיי. עס שטייט איר אָן צו רעדן יידיש. נישט ווי די היינטיקע טעכטער פון די חסידישע הייזער, וואָס אַז מען רעדט צו זיי ווי אַ מענטש, טוען זיי זיך אַ קרום און ענטפערן אויף גוי־איש. בערטעלע איז אַ טייער מענטש. זי קאָן מסתמא די גויאישע לשונות נישט ערגער פאַר אַנדערע. פונדעסטוועגן שעמט זי זיך נישט אויסצו־שמועסן מיט די אַלטע גבאיטעס, אויסצופרעגן זיי וועגן יעדער זאַך און בעטן קומען נאָכאַמאָל.

ווי עס איז מיט כשרות וויסן זיי אפילו נישט גאַנץ גענוי. דער פּראַגער רב וואָלט דאַרט נישט געגעסן, אוודאי... אָבער אין אַ כשרער יאַטקע קויפט זי און שבת ברענען אויפן טיש גרויסע זילבערנע קאַנדע־לאַברעס, אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט אַזאַ שטוב. איי, מיטן יידיש־קייט איז נישט אַזוי, ווי עס דאַרף צו זיין, נו, מילא, וואָס קאָן מען טון. צייטן אַזעלכע... און ביי די טעכטער פון די חסידישע גבירים איז דען בעסער?... ס'וואָלט געווען פיל צו רעדן, נאָר גלייכער איז, אַז מען שווייגט.

מיט גרעסערע זאַכן איז מען געגאַנגען צו עפּשטיינען אין קאַנטאָר. וואַרשעווער כלל־טוער האָבן דערשנאַפּט דעם וועג צו אים, און צוביסלעך האָבן אויך אָנגעהויבן קומען יידן פון דער פּראָווינץ. אַ שריפה אין אַ שטעטל — איז אַ דעפּוטאַציע געקומען צו די וואַרשעווער גבירים און טאַקע אויך צו עפּשטיינען. נישט קשה, עס האָט געלוינט דער גאַנג, מילא, די וואַרשעווער איז אָפּגערעדט. זיי האָבן געקלעפּט אָן עפּשטיינס קאַנטאָר.

אויך די „דייטשן" פון דאָזער שטיבל האָבן זיך גענומען רעכענען

מיט דער נייער פירמע. זיי זענען, וואָס דער אמת, נישט געגאַנגען צו עפּ־שטיינען, ווי אַמאָל צו ר׳ לייזערן... אַזוי נידריק געפאַלן זענען זיי נאָך נישט... אָבער אויף אַן עקסטרא סעסיע האָבן זיי אים שוין גערופן און זיך נישט געמאַכט זען ר׳ לוים כעס, וואָס מ׳צווינגט אים צו זיצן ביי איין טיש מיט זיין טאַטנס משרת...

די רבנימלעך פון די קליינע שטעטלעך און די משולחים פון די ישיבות האָבן געהאַט גרויס ישוב הדעת. פאַרט אַ גלוח, גייט בגלוי ראש און בכלל „נישט אונדזער ס׳גאַל". ווי קומט ער צו אַזעלכע זאַכן? נאָך לאַנגע קווענקלענישן האָבן זיי ריזיקירט און געמאַכט אַ וויזיט אין עפּ־שטיינס קאַנטאָר. און זיי האָבן נישט באַדויערט דעם גאַנג, וועלכן זיי האָבן געהאַלטן פאַר אַן ארויסגעוואָרפענעם. אויף אַזאַ פיינער אויפנאַמע האָבן זיי זיך נישט געריכט, זענען זיי געוואָרן איבערראַשט און אַנגע־הויבן אָפטער קומען. פאַר וואָס זאָל מען טאַקע נישט מהנה זיין אַ ייד מיט אַ מצוה... זיי זענען געווען מלא התפּעלות און ווען זיי זענען געקו־מען צו אַ חסידישן גביר, האָבן זיי זיך פאַררופן אויף עפּשטיינען... אדרבה, זעט, וואָס אַ יידישע נשמה איז ווערט...

דניאל עפּשטיין אַליין איז אין אמתן קיין צדיק דורך דער צייט נישט געוואָרן. ער האָט אין דאַרווינס תורה נישט געלייקנט, אָבער צו געלט געבן קומט דאָס נישט. אין יענע נאַאיווע קינדישע צייטן האָבן נאָך מענ־טשן זיך געהאַלטן ביי דער מיינונג, אַז אַ קעגנער דאַרף מען באַקעמפן מיט אידעען, מיט אַרגומענטן, אַז די פינסטערניש און אָפּגעשטאַנענקייט וועט מען ליקווידירן מיט לאָגישע שכלדיקע אויפקלערונגען, אַז צו מלחמה האַלטן מיטן רבונו של עולם וועט געניגן די „זון פון דער וויסנשאַפט", וואָס האָט אַזוי הערלעך אויפגעשיינט, אָבער געלט געבן — ביטע זייער...

איבעריקענס, האָט עפּשטיין געגעבן געלט אויך אויף אַנדערע זאַכן, אויף דער נייער מוזיק־געזעלשאַפט און אויפן פּרווו צו שאַפן אַ יידיש טעאַטער און אויף אַרויסגעבן ביכלעך אין „זשאַרגאָן". ער האָט וויייניק געגלויבט אין די זאַכן, ער האָט געגלויבט נאָר אין די רעצעפּט, וואָס מאַרקס און זיינע תלמידים האָבן פאַרשריבן, אָבער אָפּגעזאָגט האָט ער נישט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט ביי געלט.

אין די גרויסע סוחרישע הייזער איז געוואַקסן דער דרך־ארץ פאַר

דער נייער פירמע. שוין נישט אָרימע פּראָווינצער סוחרימלעך, נאָר גרויסע וואַרשעווער חסידישע גבירים האָבן גענומען מאַכן פאַרגלייכענישן מיט דער אַלטער פירמע אויפן גזשיבאָוו. ווער האָט אַזוינס גאָר געקאָנט דער־וואַרטן... ר׳ לייזערס געוועזענער משרת זאָל זיך אַזוי אַרויפאַרבעטן... און אַזוי שנעל... מ׳ווייסט נישט ווען און ווי אַזוי... און דאָס אויפפירן זיינס... ווי אָפּקאָפּירט ר׳ לייזערס התנהגות...

ר׳ לייזערס קינדער אָבער האָבן נישט ליב געהאַט צו הערן דער־מאָנען די נייע פירמע. ביי ר׳ לוי איז דער נאָמען עפּשטיין געווען לא יזכר ולא יפקד. נישט מחמת וואָס די פירמע פון דעם משרת־יונג שטייט אים אין וועג, נאָר עפּעס האָט זיך אים געדאַכט, אַז עפּשטיין האָט אים באַגזלט, האָט זיך פאַרגנבעט אין זיין טאַטנס קאָנטאָרל און אַלע אוצרות פון דאָרט אַרויסגעטראָגן... און מ׳קאָן גאָרנישט טון דערצו, מען קאָן אפילו נישט שרייען, ווייל מ׳וועט זיך נאָר מאַכן צו נאַר... און אַלע ווייסן עס, ווייסן פון דעם משרת־יונגס געמיינקייט און זענען צופרידן און רייצן זיך מיט אים, לוין, לאָזן אים צו צו די גרויסע געשעפטן, העלפן אים, דעם חוצפּהדיקן שרייבערל צו ווערן א באַלעבאָס איבער די גרעסטע פאַבריקן, מאַכן פאַר אים אַ וואַרע אויף דער בערזע און אין די בענק...

ר׳ לוים גערעכטער כעס האָט אָבער גאָרנישט געקאָנט העלפן. די אַלטע פירמע אויפן גזשיבאָוו האָט געדאַרט פון זיקנה און דער גלאַנץ פון דער נייער פירמע האָט זי וואָס אַמאָל מער געשטעלט אין שאָטן.

אין דעם פינסטערן שבת, ווען די קאָזאַקן האָבן גאַלאָפּירט איבער די וואַרשעווער גאַסן, איז דניאל עפּשטיין, הגם נאָך אַ יונגערמאַנטשיק, שוין געווען אַ יוסטער וואַרשעווער באַלעבאָס מיט אַ פיינער יידישער שטוב, מיט אַ געשעפט, וואָס איז אָן עין הרע געוואַקסן פון טאָג צו טאָג און מיט אַ נאָמען ביי יידן און להבדיל ביי גויים.

אַ נישט דרייסטער איז ר׳ חיים שוחט געשטאַנען אין עפּשטיינס געשעפט. סוחרים זענען געגאַנגען אַריין און אַרויס. די אָנגעשטעלטע האָבן זיך געאיילט פון איין שטוב אין די אַנדערע. די לופט איז געווען אָנגעפּולט מיט היימלעכן טומל. מ׳איז אַזוי פאַרטון אין די עסקים, אַז קיינער קוקט זיך נישט אום אויף ר׳ חיים שוחט. ער קאָן אַזוי אָפּשטיין שעהן און קיינער וועט אים אפילו נישט פרעגן, וואָס ער וויל.

און באמת, וואָס טוט ער דאָ? וואָס שטייט ער אויף איין אָרט און פּטרט צייט? וואָס וויל ער אין עפּשטיינס געשעפט?

ר׳ חיים שוחט צעקנייטשט אין האַנט דאָס פּאַפּירל, וואָס זיין אברהמל האָט אים דערלאַנגט, ווען די זשאַנדאַרמען זענען נאָך אים געקומען, און ווייסט נישט, וואָס צו טון. ער איז באַשטימט נישט געווען ביים קלאָרן געדאַנק, אברהמל, ווען ער האָט אים געהייסן גיין מיט דעם פּאַפּירל צו עפּשטיינען. פון שרעק, נעבעך, נישט געוווּסט, וואָס מיט אים טוט זיך. אַנדערש קאָן דאָך גאָרנישט געמאָלט זיין. ער, חיים שוחט, האָט באַלד דאָס זעלבע געוווּסט, נאָר איצט, ווען ער שטייט אין געשעפט און קוקט זיך צו צו דעם טומל און געאייל, איז שוין ביי אים נישטאָ דער מינדסטער ספק, אַז זיין אברהמל האָט גערעדט פון וועג. וואָרום ווי קומט עפּשטיין צו אַזעלכע זאַכן? אַז מ׳פירט אַזוינע עסקים, אַז מ׳האָט אונטער זיך אַזאַ מחנה, אָן עין הרע, מענטשן, אַז מען דאַרף באַזאָרגן און צופרידנשטעלן אַזוי פיל קונים, האָט מען נישט קיין פּוסטן קאָפּ אָפּצוגעבן זיך מיט אַזעלכע נאַרישקייטן, ווי צו ווען מלחמה האַלטן מיטן קיסר. וועלכן וואַרשעווער באַלעבאָס קאָן גאָר קומען אויפן רעיון אַזאַ פאַרגלוסטעניש?...

און וואָס זשע שטייט ער דאָ, ווי אַ גולם? אויף וועמען וואַרט ער? אָמבעסטן אַרויס פון געשעפט און אַהיימגיין. זיך נישט מאַכן צו נאַר. עפּשטיין וועט דאָך אים אויסלאַכן. וועט דאָך נישט וועלן מיט אים רעדן, און ער וועט גערעכט זיין. אָ, אַז דער רבונו של עולם שטראָפט מיט אַזאַ קינד!... און פאַרוואָס קומט עס אים? צי האָט ער נישט געהאַלטן צו זיין אברהמלען די בעסטע מלמדים? צי האָט ער אַליין, הגם אַ פּאַרנומענער מענטש, נישט געטון אַלץ, אַז פון זיין זון זאָל אויסוואַקסן אַ ירא שמים? צי האָט ער אים נישט מיטגענומען צום רבין; צי האָט ער מיט אים נישט געלערנט די הייליקע ווערטער פון חובת הלבבות?... און דאָ אַזאַ צרה און אַזאַ אומגליק און אַזאַ בושה... ער קאָן דאָך נישט אויפהייבן דעם קאָפּ פאַר מענטשן. חיים שוחטס זון אין פּאַוויאַק, צוזאַמען מיט גנבים, מיט גזלנים, רחמנא ליצלן... וואָס זאָל ער אַליין זיך פאַרשעמען דאָס פּנים פאַר עפּשטיינען...

ר׳ חיים שוחט פאַרשטייט, אַז שטיין אין עפּשטיינס געשעפט האָט קיין זין נישט, אַז אַמגלייכסטן וואָלט געווען אַהיימצוגיין. פונדעסטוועגן

רירט ער זיך פאָרט נישט פון אָרט. ניין, עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק. זיין אברהמל האָט דאָך פאָרט אים געהייסן גיין צו דניאל עפּשטיינען. בפירוש אָנגערופן זיין נאָמען און נאָך צוגעגעבן: „געדענק טאַטע, עס קאָן קאָסטן יידישע קעפּ"... אַ קלייניקייט עפּעס, יידישע קעפּ. נו, וועט ר' חיים שוחט האָבן אין זין זיין שעמען זיך, מורא האָבן, אַז מ'וועט אים אויסלאַכן... אוי, חיים, חיים, דו ביסט דאָך שוין גאָרנישט קיין לייט. אויב דו האָסט אין זין נאַרישע בושה, ווען חלילה אַ נפש מישׂראל קאָן זיך געפינען אין סכנה... האַ? אַזוי פאַרשטייסטו חסידות, חיים?... זאָל ער פון דיר לאַכן, עפּשטיין, זאָלן פון דיר לאַכן צען עפּשטיינס, און דו טו ס'דייניקע... האָסט געהערט, אַז עס קאָן געשען אַן אומגליק, שטיי און וואַרט, וואַרט שעהן און זיי מתפּלל, אַז דיין שליחות זאָל זיין ס'ריכטיקע.

ר' חיים שוחט רוקט זיך צו צו דער טיר פון עפּשטיינס קאַבינעט. ווען ער וועט זען עפּשטיינען אַרויסגיין, וועט ער צו אים צו און דאַמאָלס וועט מען שוין זען...

ער האָט ריכטיק אויסגערעכנט, ר' חיים שוחט. זיין לאַנגע גראָע באָרד און הויכער קאַשקעט זענען געווען אויפפאַלנדיק. עפּשטיין אַליין איז צו אים צוגעגאַנגען, מיט אַ גוטן שמייכל פון זיינע קורצזיכטיקע אויגן האָט ער אים אַריינגענומען צו זיך אין קאַנטאָרל. ר' חיים שוחט האָט עפּעס אַרויסגעשטאַמלט און דערלאַנגט עפּשטיינען אברהמעלעס פּאַפּיר. און אַ טשיקאַווע זאַך! עפּשטיין האָט אים נישט אויסגעלאַכט, ער האָט אפילו קיין זאַך נישט איבערגעפרעגט, ווי ער וואָלט פון פריער אַלץ אַליין געוווסט. עפּשטיין האָט זייער אויפמערקזאַם דורכגעלייענט דאָס בריוול, און ערשט דאַן אַ קוק געטון אויף דעם אַלטן צעקנייטשן פּנים פון ר' חיים שוחט, האָט אַ ווײַלע געוואַרט און מיט אַביסל פאַרוווּנדערט קול געפרעגט:

— איר זענט דער פאָטער?...

— אוודאי... חיים שוחט... און אברהמל איז מיין איינציקער... ער האָט מער נישט געקאָנט רעדן, ווי עס וואָלט אים עפּעס געשטיקט אין האַלדז...

— נו, זייט נישט באַזאָרגט, ר' חיים —האָט עפּשטיין אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף ר' חיימס אָרעם און לייכט אַ גלעט געטון זיין שוואַרצע

דיפסענע קאַפּאָטע— איר וועט זען, דער אויבערשטער וועט העלפֿן און אייער אברהמל וועט בקרוב אַהיימקומען.

— איז, הייסט עס, דאָ אַ האָפֿענונג... האָט ר׳ חיים שוחט דערפֿילט אַ ליכטיקייט אויפֿן האַרץ.

— געוויס, ר׳ חיים —האָט עפּשטיין געשמייכלט— איר ווייסט דאָך בעסער פֿאַר מיר... אַ ייִד דאַרף האָבן בטחון... און איר האָט גלייך געטון, וואָס איר זענט אַריינגעקומען צו מיר, זייער גלייך...

— איז וואָס זשע —האָט ר׳ חיים שוחט געמיינט זיך דערוויסן עפּעס גענויערס.

— מ׳וועט טון, וואָס מ׳קאָן — האָט עפּשטיין זיך נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין פּרטים און, קווענקלענדיק זיך אַ ווײַלע, אַ פֿרעג געטון— און אפשר דאַרפֿט איר דערווייל עפּעס אין שטוב?

— חס וחלילה! — האָט ר׳ חיים שוחט אויסגערופֿן, און איז פֿונדעסטוועגן צופֿרידן געווען, וואָס עפּשטיין האָט אויך דאָס אין זין.

ביז צו דער טיר האָט אים עפּשטיין באַגלייט און נאָכאַמאָל פֿאַרזיכערט, אַז מיטן אויבערשטנס הילף וועט נאָך אַלץ ווערן גוט.

ר׳ חיים שוחט איז מיט לייכטע טריט געגאַנגען איבער דער גאַס. עפּשטיין האָט אין אים נײַ חיות אַריינגעגעבן. זאָל אים דער אויבערשטער דערפֿאַר באַצאָלן. מענטשן זענען גערעכט. אַ טייערער ייִד. ווען ער וואָלט נאָר געטראָגן אַ היטל —זאָל זיין אַ קאַפּעליוש, אַבי נישט בגלוי ראש, און די באָרד— אָבער וואָס איז דאָ צו רעדן — פֿאָרט אַ ייִד... און ווי ער האָט צו אים גערעדט, אַ גלעט געטון איבערן אָרבל, געוואָלט אפֿילו אַרויסהעלפֿן...

ער, חיים שוחט, דאַרף, דאַנקען גאָט, צו קיינעם נישט אָנקומען, אָבער דער עיקר איז דאָך דער רצון... מיטן אויבערשטנס הילף וועט נאָך אַלץ גוט זיין... אַזוי האָט ער בפירוש געזאָגט. און מען מעג זיך אויף אים פֿאַרלאָזן. דניאל עפּשטיינס וואָרט איז מער ווי געלט.

פֿונדעסטוועגן איז פֿאָרט עפּעס קשה: ווי קומט אַזאַ עפּשטיין צו אַזעלכע זאַכן? סאַרע געשעפֿטן האָט ער מיט דער חברה? ווי פּאַסט עס גאָר פֿאַר אַ וואַרשעווער באַלעבאָס צו האָבן מחזוקותן מיט די לייט, וואָס ווילן מלחמה האַלטן מיטן קיסר?

מיט דער הארבער שאלה האָט זיך ר׳ חיים שוחט נישט געקאָנט קיין עצה געבן. סוף כל סוף האָט ער אָבער געפונען די ריכטיקע תשובה: פדיון שבויים. דאָס איז זיין, עפשטיינס, עובדא. און ביי פדיון שבויים קלערט מען נישט, ווער און וואָס. מען מאַכט נישט קיין חילוק. יעדער ייד איז טייער. יעדעם יידיש נפש מוז אויסגעלייזט ווערן פון גויאישע הענט. אַזוי האָבן זיך יידן שטענדיק געפירט. פאַרמעגנס גאַנצע אַוועקגעגעבן פאַר פדיון שבויים. פאַרצייטנס האָט מען געשיקט עקסטרא שליחים אין די וויטסטע מקומות, געוואָר ווערנדיק, אַז מען קאָן ערגיץ מקיים זיין די מצוה פון פדיון שבויים. לעצטנס האָט מען פון אַזוינע זאַכן נישט געהערט. אַנדערע דורות. אַנדערע מענטשן. שוואַכערע יידן. און אפשר איז עס גאָרנישט אַזוי ווי מיר מיינען. אפשר זענען יידן די זעלבע, ווי אַמאָל, נאָר מיר וויסן נישט... וואָרום, אדרבה, וואָס האָט ער, חיים שוחט, ביז היינט געוווּסט פון דניאל עפשטיינען? ער האָט געוווּסט, אַז דניאל איז אַ ייד אַ גביר, פירט עסקים מיט מאָסקווע און אפילו מיט אויסלאַנד און גיט אויך אַ שיינע נדבה. נו, איז וואָס? קומט אים דערפאַר אַ יישר כוח? ער, חיים שוחט, איז נישט קיין גביר, פירט נישט קיין עסקים מיט אויסלאַנד, פונדעסטוועגן גייט אויך פון זיין שטוב נישט ארויס אַ ייד ליידיקערהייט חלילה...

ווייזט זיך אָבער ארויס, אַז דניאל עפשטיין טוט יאָ עפּעס, איז גאָר עוסק אין גאָר הויכע זאַכן. אין פדיון שבויים. דאָס איז שוין יאָ אַן ענין פאַר אַ וואַרשעווער באַלעבאָס... און שטעלט זיך איין, וואָרום פּאָניע טאָר דאָך מסתמא נישט וויסן... און ער, חיים שוחט, האָט גאָר אַזאַ ייד חושד געווען אין חברן מיט יענער חברה, וואָס פירט מלחמה מיטן קיסר... ווי לייכט מ׳קאָן אַ טעות האָבן און חושד זיין אומזיסט אַ ייד... געלויבט דער אויבערשטער, אַז עס זענען נאָך דאָ אַזעלכע יידן. לא אלמן ישראל. אַז עס געפינען זיך נאָך אַזוינע יידן... און נישט דווקא חסידים... טראָגן צומאָל נישט אַ באָרד... פלא פלאים... און זענען עוסק אין אַזעלכע ענינים... אפשר וועט אין זייער זכות דער אויבערשטער העלפן און מיין אברהמל וועט בקרוב טאַקע אויסגעלייזט ווערן פון גויאישע הענט.

## קאפיטל 9

# דער איידעם

אין שטיבל אויף גזשיבאָוו איז מען געווען מלא התפעלות פון ר׳ לוים איידעם, משהלע ברוידע פון קראָקע. דער קליינער זעליקל און דער הויכער משה האָבן דאָס מאָל בפה אחד נישט געפונען געגנוג ווערטער פון לויב פאַר דעם נייעם מיטגליד פון גזשיבאָווער הויז.

— א תכשיט פון א יונגנמאַן —האָט דער קליינער זעליקל זיך גע־היצט— ביי אונדז זעט מען גאָר נישט אַזעלכעס —און פאַרענדיקט מיט א קרעכץ— גבירים האָבן צו אַלעם הצלחה...

און דער הויכער משה האָט צוגעגעבן:

— דאָס איידלקייט שיינט אים אַראָפּ פון פנים... און וואָס איז פאַר א חידוש — א קינד פון די קראָקעווער ברוידעס... עפּעס א קליינ־קייט — דעם „שכם״ א רעבט איניקל!...

ר׳ חיים שוחט האָט זיך אַריינגעמישט אין שמועס:

— און דער עיקר — א בן־תורה... איך האָב נאָר מיט אים א שמועס געטון אויף דער גיך און איך זאָג אייך, אַז ר׳ לוי האָט אַן איי־דעם — א למדן!...

— און מ׳זאָגט —האָט דער קליינער זעליקל געערעדט מיט א גע־היימניספולער שטימע, ווי ער וואָלט אַנטפּלעקט עפּעס א גאָר וויכטיקן סוד— אַז ער איז א „קענער״ אויך, אָבער פון די גאָר גרויסע קענערס!... נעמט אין אַרבל אַריין אַלע אונדזערע וואַרשעווער „דייטשן״ מיט זיין פּויליש און דייטש...

— און זעט א פּלא —האָט דער הויכער משה נישט געלאָזט ענדיקן זיין פריינט— און עס האָט אים, חלילה, נישט פאַרשאַדט צו יידישקייט... אָט דאָס הייסט קראָקע!... נישט אַזוי ווי ביי אונדז...

דער אַלטער שמחהלע האָט מיט א קנייטש פאַרמאַכט די גמרא, האָט גענומען א שמעק טאַבאַק פון דעם זילבערנעם פּושקעלע, וואָס ר׳ לייזער ע״ה האָט אים געברענגט א מתנה פון קאַרלסבאַד און שוער אָפּגע־זיפצט:

— אַ שאָד, אוי ווי אַ שאָד, וואָס לייזער האָט נישט דערלעבט... ער וואָלט דאָך געהאַט דעם אמתן נחת פון אַזאַ אייניקל... אַך... אַך...

— פונדעסטוועגן איז מיר אביסל קשה. אַז מ׳נעמט זיך אַזאַ איידעם, אַז מען איז זיך משדך מיט די קראָקעווער ברוידעס, איז וואָס זשע האָט ר׳ לוי געדאַרפט לויפן אין עפּעס אַ זאַקאַפּאַנע דאָרט?... ווי מאַכט מען נישט עפּעס תנאים אויפן גזשיבאָוו, ווי פּרייט מען זיך נישט צוזאַמען מיטן „עולם” — דער רבי, זאָל לעבן אַליין, וואָלט דאָך צו אַזאַ שמחה געקומען...

— מילא, תנאים, ווי תנאים — האָט דער הויכער משה זיך גע־קאָכט — אָבער די חתונה?! באַהאַלטן זיך אין אַטוואָצק און יונה סאַר־ווער האָט געמוזט אַזש אַהין פאָרן!... ווו איז דאָס געהערט געוואָרן?

— ווער ווייסט זיי, די גבירים, מיט זייערע נייע גענג — האָט ר׳ חיים שוחט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — אפשר איז היינט שוין אַזאַ מאָדע אַזוינע?...

ר׳ לוי האָט געוווּסט, אַז מען האָט אויף אים תרעומות אין די שטיבלעך אויפן גזשיבאָוו. גיי זיי דערציילן אַ מעשה מיטן פּריסטאַוו גאַלוכאָוו מיט „יענע זאַכן”, רחמנא ליצלן... ס׳האַרץ האָט אים גוט גע־קלאַפּט, ביז וואַנען ער האָט זוכה געווען צו זען זיין לאהלע אונטער דער חופּה. אַז מען האָט מחזקות מיט יענע לייט, ווער ווייסט, וואָס עס קאָן געשען...

נאָך דער חופּה איז ער רואיקער געוואָרן. איצט איז זיין לאהלע אַ כשרע יידישע טאָכטער, געליובט דער אויבערשטער... אָנגעטון אַ שייטל — אמת קוים צו דערקענען — ווי עס פּאַסט פאַר ר׳ לייזערס אייניקל... ער האָט אָבער געוווּסט, אַז ער איז שולדיק דעם עולם אַ חוב. אַ גרויסן חוב פאַר די תנאים און פאַר דער חתונה און פאַר די שבע ברכות. אָבער נישט קשה, ער, לוי, דער בכור פון גזשיבאָווער הויז, וועט באַצאָלן דעם חוב. באַלד דעם ערשטן שבת וועט ער באַצאָלן. און ביד רחבה, ווי עס פּאַסט פאַר ר׳ לייזערס זון.

ר׳ לוי האָט אַריינגערופן צו זיך אין קאַבינעט יונה סאַרווער און צו אים געזאָגט:

— הער, יונה, זאָלסט מיר נישט פאַרשליסן די טירן! אַלעמען אַריינ־לאָזן! דעם גאַנצן „עולם"!

פון אַזעלכע דבורים האָט יונה סאַרוועד געפילט, ווי זיין הויכער ויידענער קאַפּל הייבט אים אָן שווערן אויפן קאָפּ, ווי א משא כבדה. ער האָט זיך נאָך געפּרווט ווערן:

— אָבער ווו נעמט מען אָרט פאַר אַזאַ עולם?

— אין אַלע שטיבער זאָלן זיי זיין, אין אַלע שטיבער... ס'איז דאָך עפּעס אַ שמחה פון מיין בת־יחידה, יונה...

— און די יונגעלייטלעך? — האָט יונה סאַרוועד זיך פּאָרט נישט געוואָלט אונטערגעבן — די עזות־פּנימער?!...

— אויך זיי, אַלע, אַלע! — איז ר' לוי שוין געוואָרן אומגעדולדיק.

— אָבער זיי וועלן דאָך צעברעכן די טיש און בענק —האָט יונה סאַרוועד געוואָלט כאָטש עפּעס אָפּדינגען— זיי וועלן דאָך פון דער סאַלע אַ תל מאַכן!...

— זאָלן זיי אַ תל מאַכן— האָט ר' לוי אַ מאַך געטון מיט דער האַנט— זאָלן זיי ברעכן די טישן און די בענק!... אַז דער אויבערשטער האָט געהאָלפן אַזאַ שמחה!...

—מילא, זאָל זיין ווי ר' לוי וויל —האָט יונה סאַרוועד ענדלעך קאַפּיטולירט— אָבער ווו נעמט מען אַזוי פיל אָנצוגרייטן... פאַר אַזאַ עולם אָן עין הרע...

— נו, וועגן דעם מעג מען זיך אויף דיר פאַרלאָזן יונה —האָט ר' לוי געשמייכלט— נו, גענוג, גענוג...

און יונה סאַרוועד האָט געוויזן, אַז מען מעג זיך טאַקע אויף אים פאַרלאָזן. שוין איבער די שישים געווען, פונדעסטוועגן האָט ער געהאַט אָן אויג אויף אַלעם, אויף דער גאַנצער מחנה סאַרוועדלעך־שניעקעס און אויפן גאַנצן עולם.

אָ, אַזאַ שבת איז נאָך אויפן גזשיבאָוו נישט געווען.

באַלד נאָכן דאַווענען האָט מען פון אַלע שטיבלעך און בתי־מדרשים גענומען גיין צו ר' לוין.

אין אַלע שטובן זענען געווען אויסגעשטעלט לאַנגע טישן און לאַנגע

בענק. פונדעסטוועגן האָט אויסגעפעלט אָרט. מילא, איז מען געשטאַנען. ס'האָט געלוינט. סאַרע קידוש! סאַרע ווײַנען און ליקערן און בראָנפנס אַלערליי! און איצט די לעקעכער און די טאָרטן! ר' לוי אַליין, אין דער זיידענער זשיפּיצע מיטן שטריימל אויפן קאָפּ, איז ארומגעגאַנגען צווישן עולם, פון איין טיש צום אַנדערן און געמונטערט דעם עולם:

— לחיים, יידן, לחיים, אם ירצה השם ביי אייערע קינדער...

האָט דער עולם געפאָלגט און געטרונקען איין מאָל און נאָך אַמאָל לחיים, האָט טועם געווען פון אַלע ווײַנען, האָט געזאָגט מבינות אויף די משונהדיקע בראָנפנס און פאַרביסן מיט די צענערליי טאָרטן, וואָס ביי גראַף פּאָטאָצקי זעט מען אַזעלכעס נישט.

באַלד האָט יונה סאַרווער אַ קאָמאַנדע געטון און די שניעקעס, די סאַרווערלעך, האָבן אָנגעהויבן דערלאַנגען טאַצן מיט אייער-קיכלעך און מיט הערינגס, און מיט לאַקסן און אַנדערע געווירצערטע פיש, וואָס אַזעלכעס האָט מען נאָך אין וואַרשע נישט געזען.

— און איצט וואַשן זיך! — האָט ר' לוי באַפוילן. זענען די טרעגער פון גזשיבאָווער הויז, אָנגעטון לכבוד דער גרויסער שמחה אין שוואַרצע געהאַקטע קאַפּאָטעס, ארומגעגאַנגען צווישן די טישן מיט קופערנע עמערס און קופערנע שיסלען מיט גרויסע קופערנע שעפּער, מיט האַנטעכער איבערגעוואָרפן איבער די אַקסלען.

ביי די פיש איז דער עולם שוין געווען פאַרמאַטערט פון דעם קידוש, אָבער דער טעם פון יונה סאַרווערס העכט און קאַרפּן איז געווען אַזעלכער, אַז מען האָט באַקומען פרישע כוחות און קוראַזש.

ר' שמחהלע האָט נאָך דאַמאָלס געלעבט. איז ער געזעסן אויבנאָן, און נאָך די פיש נאָכגעזאָגט ווערטער פון קאָצק און פּשיסכע אויף זיין שטייגער.

ערשט הייבט אָן יונה סאַרווער דערלאַנגען די ציבעלע מיט די פיס. ר' לויס איידעם מיט דעם איידעלן פּנים, מיטן שוואַרצן הויכן שטריימל אויפן קאָפּ, טוט גאָר אַ רוק אָוועק פון זיך דעם טעלער מיט די ציבעלעס.

קיינער האָט עס נישט באַמערקט. אָבער אַ קאָצקער אויג זעט אַלצ-דינג. ר' שמחהלע רייסט איבער די קאָצקער תורה, שטעלט אָן זיינע שאַר-

פע אויגן אויף משהלע ברוידעס הויכן שטריימל און טוט א זאָג אויף זיין שטיינער:

— מ׳זאָל נישט שפּירן פון מויל האָט א יונגערמאַן מורא? האָ? ביי אונדז אין קאָצק האָט מען געלערנט, אַז מורא האָבן דאַרף א ייד, אַז מ׳זאָל נישט שפּירן פון נפש!...

— שוין געהערט דאָס וואָרט! — האָט ר׳ לוים איידעס כלאחר יד און מיט ביטול א מאַך געטון מיט דער האַנט.

האָט ר׳ שמחהלע אויפגעהויבן זיינע געדיכטע ברעמען, זיינע אויגן האָבן לאַנג און שווער און פון אַלע זייטן באַקוקט ר׳ לוים איידעס, און נאָכדעם האָט ער ווי מיט רחמנות געזאָגט:

— א קאָצקער וואָרט הערט מען נישט מיטן אויער, יונגערמאַן!...

א קאָצקער וואָרט הערט מען מיטן האַרץ —און וועגדנדיק זיך צו ר׳ לוין, א שאָקל געטון פאַרחידושט מיטן קאָפּ— אַזש פון קראָקע געבראַנגט אויסלענדישע סחורה... האַ...

ביים טיש איז שטיל געוואָרן. די פרייד איז מיטאַמאָל פון אַלעמענס פּנימער פאַרשוווּנדן, און ר׳ חיים שוחט האָט גענומען זאָגן א ניגון...

נאָכן זינגען איז ווידער געוואָרן פריילעך, מען האָט געטאַנצט ביי ר׳ לוין ביז נאָך הבדלה, נאָר ער, ר׳ לוי אַליין, האָט עפּעס שוין נישט געפילט קיין פרייד.

משהלע ברוידעס האָט געגעסן קעסט און זיך געפירט, ווי אַלע אַנ־דערע איידעמס פון די וואַרשעווער חסידישע גבירים. אין פלוג האָט עס יעדנפאַלס אַזוי אויסגעזען. ר׳ לוי האָט אים אָפּגעגעבן צוויי שטיבער אין פליגל פון זיין הויז מיט א באַזונדערן איינגאַנג, ווי עס פּאַסט פאַר א גבירישן איידעם.

זענען צו אים געקומען די איידעמס פון אַנדערע חסידישע גבירים, געשמועסט אין לערנען, אין חסידות, געטרונקען טיי און אָפּגערעדט זיך צוזאַמען צו פאָרן צום רבין. יעדן ראש־חודש האָט משהלע ברוידעס גע־געסן צוזאַמען מיטן עולם, שבת האָט ער אָנגעטון די ברייטע זיידענע קאַ־פּאָטע מיטן גרויסן געבלימלטן גאַרטל, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון קראָקע און איז געגאַנגען מיט ר׳ לוין אין שטיבל. קורץ, עס איז אַלץ געווען אַזוי, ווי עס באַדאַרף צו זיין.

פונדעסטוועגן האָט ר׳ לוי אונטערגעקרעכצט אין דער שטיל. און די שטילע דבורהלע האָט אַמאָל אַ זיפץ געטון.

און עס איז געווען אויף וואָס צו קרעכצן און צו זיפצן...

זייער אָפּט, ווי נאָר די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָט משהלע ברוידעס זיך פאַרשלאָסן מיט לאַניאַן אין שטוב און זיך אָנגעטון „דייטש״. לאַניאַ האָט מיט אַ פאַררויטלט גליקלעך פּנים אים צוגעהאָלפן, האָט אים גלייך געמאַכט דעם שניפּס, האָט אים פון דער מאַרשאַלקאָווסקאַ גאַס איינגע־שאַפט אַ קורצן ראָק און קאַפּעליוש. און ביידע האָבן, ווי גנבים, זיך אַרויס־געגנבעט פון שטוב, זענען גיך געלאָפן אויף דער גאַס, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, אַז מ׳וועט זיי נאָכיאָגן. זיי זענען האַסטיק אַריינגעפאַלן אין אַ „דראָזשקע״ און זיך געהייסן פירן צום גרויסן טעאַטער.

זיי זענען געזעסן צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן אין די ערשטע רייען און לאַניאַ האָט אַ גליקלעכע, אַ שווייגנדיקע צומאָל אַ בליק נישט געוואָרפן צו דער זייט, וווּ עס איז געזעסן דניאל עפּשטיין מיט בערטאַן.

שפּעט אין דער נאַכט זענען זיי מיט פאַרטייעטע טריט צוריקגעקו־מען, גליקלעכע און זאָרגלאָזע. משהלע האָט אויסגעטון דעם שניפּס און דעם ראָק און דעם קאַפּעליוש און לאַניאַ האָט די אַלע טריפענע זאַכן באַ־האַלטן אין שאַנק.

ביידע זענען געווען זיכער, אַז קיינער ווייסט נישט, וואָס זיי האָבן געטון און פונוואַנען זיי זענען געקומען.

ר׳ לוי אָבער האָט געוווּסט און דבורהלע האָט געוווּסט. און ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט מיט דערשראָקענע טרויעריקע אויגן.

ר׳ לוי האָט אָבער נישט ליב געהאַט אַזעלכע זאַכן צו פאַרשווייגן. ביינאַכט, אין שלאָף־צימער, האָט ער זיך געבייזערט אויף דבורהלען:

— אַ שיינעם „געניידעם״ זיך איינגעשאַפּט!... שלעפּט זיך אַרום אין די טעאַטערס, טוט זיך אָן „דייטש״ — דער יונגאַטש!... איך וועל אים שוין מאָרגן ווייזן!...

די שטילע דבורהלע, וואָס האָט אַ הויך וואָרט נישט געקאָנט אַרויס־רעדן, האָט אָבער דאַמאָלס, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן איר בת־יחידהס גליק, זייער אַרויסגעוויזן שטאַרקער פאַר ר׳ לוין.

— דו וועסט נישט רעדן, לוי — האָט זי געזאָגט מיט אַן אַנטשלאָסענער שטימע, גאָרנישט אויף איר שטייגער — און אפשר איז ער גאָר נישט שולדיק, אפשר וויל זי אַזוי, לאַניאַלע...

— דאַרפסטו דאָך מיט איר רעדן, ביסט דאָך אַ מאַמע...

— לאָז מיר צו רו דאָס קינד —איז דבורהלע געבליבן אַנטשלאָסן— זי איז שוין דאַכט זיך „אויף דער צייט", וועל איך איר אָנטון עגמת־נפש!... און דאַנק גאָט דערפאַר, לוי, — מיט די שטרייקערס דאָס חברן וואָלט שוין גוט געווען?...

דאַמאָלס איז ר׳ לוי אַנטשוויגן געוואָרן. און עס האָט קיינער נישט געשטערט דאָס גליק פון דעם יונגן פּאָר.

ר׳ לוי האָט אָבער נאָך נישט געוווּסט אַלץ. ער האָט נישט געוווּסט, אַז זיין איידעם „שרייבט". שרייבט פּאָעזיע. משהלע האָט מיט אַ גערירט קול געלייענט זיינע „געדיכטע" לאַניאַן. זי, לאַניאַ, האָט נישט געוווּסט, אַז זיין איידעם „שרייבט". שרייבט פּאָעזיע. משהלע האָט מיט אַ גערירט קול געלייענט זיינע „געדיכטע" לאַניאַן. זי, לאַניאַ, האָט נישט געוווּ פאַר־שטאַנען „זשאַרגאָן", אָבער אירע אויגן האָבן געלויכטן און מיט ליב־שאַפט און באַוווּנדערונג געקוקט אויף איר מאַן. משהלע האָט אָנגעהויבן אַרויפברענגען צו זיך יונגעלייט, וואָס האָבן אויסגעזען ווי נזירים מיט לאַנגע שוואַרצע האָר, מיט ברייטע שוואַרצע פּעלערינעס און גרויסע שוואַר־צע הים. לאַניאַ האָט נישט פאַרשטאַנען געווּי, וואָס זיי רעדן, זי האָט דערלאַנגט טיי און איינגעמאַכטס, און איז געווען גליקלעך, וואָס איר מאַן איז נישט עפּעס אַ „קופּיעץ", נאָר אַ פּאָעט...

נישט לאַנג האָט אָנגעהאַלטן משהלעס חברן זיך מיט די שוואַרצע פּעלערינעס.

— זיי זענען מיך מקנא —האָט משהלע פאַרזיכערט לאַניאַן— דער־ריבער ווילן זיי מיך נישט אַנערקענען. לאַניאַ אָבער האָט געגלויבט משה־לען. זי האָט געגלויבט אין זיין טאַלאַנט און אין זיין קומענדיקן רום.

איינמאָל האָט ר׳ לוי געפונען ליגן אין זיין איידעמס שטוב אַ פּאַ־פּיר. ער האָט עס אויפגעהויבן און עס איז אים פינסטער געוואָרן אין די אויגן. האַ! וואָס איז דאָס?! מיין איידעם איז גאָר עוסק „ראַם גראַם מאַך מיר אַ שטראַם"?! און רעדט וועגן נשים... ניבול פּה... מילא, וואָלט עס כאָטש זיין אַ „שער" (שיר)... אַ בעל־לשון, הייסט עס... איז עס אויך אַ שטות זיך צו פאַרדרייען דעם קאָפּ, אָבער אַזעלכעס!...

— וואָס איז דאָס אַזוינס, לאַהלע?! — איז ער צו צו דער טאָכ־טער— ווי קומט דאָס צו דיין מאַן.

אָבער לאַניא האָט אַ גליקלעכע געשמייכלט, זי האָט דאָס בייגעלע פּאַפּיר אַרויסגענומען פון איר פאָטערס האַנט און געזאָגט:

— דער טאַטוש פאַרשטייט זיך נישט אויף די זאַכן... משהלע שרייבט פּאָעזיע, געדיכטע...

ר׳ לוי האָט האַסטיק צוגעקלאַפּט די טיר און זיין גאַנצן כעס אויס־געלאָזט צו דער שטילער דבורהלע.

הינטער װאַרשע האָט ר׳ לוי געהאַט אַ גוט — לאַסקאַוו. קיין נחת האָט ער פון דעם גוט קיינמאָל נישט געהאַט. דער יידישער שרייבער און דער גוי־אישער „עקאָנאָם" האָבן געמאַכט אַזעלכע חשבונות, אַז ר׳ לוי האָט געשריגן, אַז צוליב לאַסקאַוו וועט ער בדיל הדל ווערן.

אויף אַלע טענות האָט ר׳ יידל שרייבער געהאַט איין ענטפער

— וואָס זאָל איך טון, ר׳ לוי, אַז גאַנץ סאַבין האָט נאָך פון ר׳ לייזערס צייטן חזקות, דער רב און דער שוחט און דער בעדער און די מלמדים און גלאַט יידן האָבן שוין אַ חזקה אויף קאַרטאָפל און אויף האָלץ און אויף מעל... זאָל איך די חזקות מבטל מאַכן?...

ר׳ לוי אַליין פּלעגט זעלטן אַהינקומען אין לאַסקאַוו. איינמאָל האָט ער דאָרט געטראָפן אַזאַ „חזקה־מאַן", ר׳ כאַסקעלע מלמד, וואָס איז גע־קומען, ווי געוועגלעך, פּאַר ווינטער נאָך אַ פורל האָלץ.

ר׳ לוי האָט אויף אים גוט אָנגעשריגן און געהייסן גיין.

איז ר׳ כאַסקעלע אַ דערשראָקענער אַוועק. ר׳ לוי האָט זיך אָפּגע־קילט פון כעס און זיך דערמאָנט, אַז ער האָט מבטל געמאַכט ר׳ לייזערס אַ חזקה. האָט ער באַפוילן דעם עקאָנאָם תיכף ומיד צוריקצורופן כאַס־קעלען.

דער עקאָנאָם האָט ר׳ כאַסקעלען געכאַפּט נעבן וואַלד און אים גע־ברענגט אַ דערציטערטן צו ר׳ לוין.

ר׳ כאַסקעלע מלמד האָט מורא געהאַט אַ קוק צו טון אויף דעם בייזן יידישן פּריץ.

— הער, כאַסקל —האָט ר׳ לוי אים געזאָגט— איך וויל, דו זאָלסט מיר מוחל זיין...

— וואָס הייסט מוחל זיין —האָט ר' כאַסקל נישט געוווסט, וואָס מען וויל פון אים— ווי קום...

— דריי מיר נישט אַ קאָפּ מיט פּשטלעך! —האָט ר' לוי זיך צע־שריגן— דו באַקומסט אַ פינפאונצוואַנציקער און זאָג בפירוש: „איך בין אייך מוחל במחילה גמורה".

האָט ר' כאַסקעלע מיט ציטערנדיקע ליפּן נאָכגעזאָגט:

— איך בין אייך מוחל במחילה גמורה און איז אַוועק מיט אַ פינף־אונצוואַנציקער און אַ פּורל האָליע דערצו.

אַזעלכע גליקן האָט ר' לוי געהאַט פון לאַסקאָוו. פאַרקויפן אָבער האָט ער נישט געוואָלט. פאַרט אַ ירושה פון טאַטן...

איז דבורהלען איינגעפאַלן, אַז לאַניאַלע מיטן מאַן זאָלן אַרויס־פאָרן קיין לאַסקאָוו. ס'קינד איז אויף דער צייט. פאַרוואָס נישט?...

— ס'איז אַ גלייכע זאַך — האָט ר' לוי מסכים געווען.

האָט מען איינגעשפּאַנט די קאַטש און לאַניאַ מיט משהלע זענען געפאָרן קיין לאַסקאָוו.

משהלע ברוידעס איז פון דער נסיעה געווען גליקלעך.

— דו וועסט זען —האָט ער אין דער קאַטש גערעדט צו לאַניאַן— אויף דער שוים פון דער נאַטור וועט זיך גאָר אַנדערש אַרבעטן... דו וועסט הערן מיינע נייע גערדיכטע...

אין לאַסקאָוו האָט אָבער משהלע געהאַט אַנדערע פּלענער. ער האָט אַראָפּגעבראַכט אַ גאַנצע כאַליאַסטרע קעסט־איידעמלעך פון די וואַרשע־ווער חסידישע גבירים, וועלכע האָבן בשתיקה שוין זיך אַריינגעכאַפּט אין טעאַטער. אין לאַסקאָוו האָבן זיי זיך געפילט פריי, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שווערן יאָך פון שווער און שוויגער, פון שטיבל, פון מאַכן אַן אָנ־שטעל פון חסידישע יונגעלייט. איז טאַקע געווען פריילעך אין די טעג אין לאַסקאָוו.

מיטאַמאָל איז משהלען איינגעפאַלן אַ ניי פאַרגלוסטעניש:

— חברה —האָט ער אַ זאָג געטון— מאָרגן זאָלט איר אויפשטיין פרי, אָבער טאַקע בהשכמה.

— וואָס איז?

— מיר גייען אויף פּאַלאַוואַניע — האָט משהלע אַ צעשטראָלטער אויסגערופן.

— וואָס הייסט אויף פּאַלאַוואַניע? —האָבן די וואַרשעווער קעסט־איידעמלעך נישט געקאָנט משער זיין— אויף פּאַלאַוואַניע דאַרף מען דאָך שיסן...

— וועט מען טאַקע שיסן! — האָט משהלע געלאַכט.

— וואָס הייסט שיסן? ווער וועט שיסן?

— איך וועל שיסן, איך! —האָט משהלע נישט געקאָנט איינזיצן פון שמחה— און איך פּאַרשטיי נישט, וואָס איר חידושט זיך. פּאַרוואָס קומט אַלץ די גויים? זענען מיר נישט די זעלבע מענטשן, וואָס זיי? טאָרן מיר טאַקע נישט הנאה האָבן פון לעבן?

צומאָרגנס פּאַרטאָג איז טאַקע געווען אַ „פּאַלעוואַניע". די חברים האָבן משהלען אין דער ערשטער מינוט נישט דערקענט. ער האָט אויס־געזען ממש ווי אַ פּריץ. אין הויכע „אָפּיצערסקע" שטיוול, אַ קורצע גרינע קורטקע און „אָפּיצערסקע" הויזן מיט אַ גרינעם הוט, פון וועלכן עס איז אַרויסגעשפּרונגען אין דער זייט אַ לאַנגע פויגל־פּעדער און מיט אַ ביקס אין דער האַנט —ממש אַ ביקס— האָט משהלע ברוידעס נישט געהאַט קיין צורה פון אַ ייד.

דער גוויאישער עקאָנאָם מיט אַ חברה הינט איז געגאַנגען פּאָראויס, נאָך אים איז געגאַנגען משהלע מיט דער ביקס, און אַביסל אָפּגערוקט, האָבן האַלב דערשראָקענע זיך גערוקט די וואַרשעווער קעסט־איידעמלעך.

די פּאַלאַוואַניע האָט זיך, וואָס דער אמת, נישט שטאַרק איינגעגעבן. משהלע האָט נאָר איינמאָל אויסגעשאָסן. דערנאָך האָט זיך עפּעס פּאַר־האַקט. משהלע אַליין האָט זיך אויך פון דעם שאָס דערשראָקן. איבעריקנס האָט מען געמוזט גיין אַהיים צום פרישטיק. איז מען אַרויס פון וואַלד; דער עקאָנאָם האָט צוגענומען די ביקס און מ'האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. משהלע אָבער האָט שוין דעם יענער קאָסטיום נישט אויסגעטון. איינמאָל האָט ער דאָך אויסגעשאָסן און מ'וועט ווייטער מאַכן פּאַלאַוואַניעס.

דבורהלע האָט געוואָלט מאַכן די קינדער אַ „ניעספּאָדזשיאַנקע" (אי־בערראַשונג), האָט זי צוגערעדט דעם מאַן, אַז מען זאָל פּריוויט אינדער־פּרי אַרויספאָרן קיין לאַסקאָוו. האָט מען איינגעשפּאַנט די קאָטש און בערל

קוטשער האָט אונטערגעטריבן די צוויי קאַשטאַנען־פערד, ווי ער האָט דאָס ליב געהאַט, ווען ער איז אַרוים אויפן פרייען פעלד. מ׳איז ברוך השם באַצייטנס אָנגעקומען אין גוט. אָבער ווי נאָר ר׳ לוי האָט דערזען זיין איידעם אין אַזאַ „הולך״ מיטן יעגער־קאָסטיום און יעגער־הוט מיט דער פעדער, האָט ער אַ געשריי געטון צו בערל קוטשער:

— בערל, איינשפּאַנען די פערד!...

ס׳האָט נישט געהאָלפן, נישט דאָס געבעט פון דבורהלע און נישט דאָס געוויין פון לאַניאַן. מ׳האָט איינגעשפּאַנט די פערד, משהלע ברוידעס האָט זיך געמוזט געזעגענען מיטן יעגער־קאָסטיום, וואָס דער עקאָנאָם האָט אים פאַרשאַפט און צוריקפאָרן מיטן בייזן שווער קיין וואַרשע.

ר׳ לוי האָט שוין געוווסט, אַז פון דעם קראָקעווער יונגנמאַנטשיק וועט קיין נחת נישט זיין. ס׳איז אָבער נישטאָ קיין עצה. ס׳קינד איז שוין „אויף דער צייט״, וואָס־זשע קאָן מען טון. אָבער געוווסט האָט ער, ר׳ לוי, אַז ער האָט זיין איינציקער טאָכטער, נעבעך, פאַרפינסטערט דאָס לעבן אויף אייביק.

יאָרן זענען געלאָפן. משהלע ברוידעס האָט אויפגעהערט מיטצונע־מען לאַניאַן אין טעאַטער. זי האָט שוין געהאַט צוויי קינדער צו באַזאָרגן. ר׳ לוים זין זענען אונטערגעוואַקסן. חסידישע בחורים געווען, און ר׳ לוי האָט מיט זיי גוטע שידוכים געטון. נאָר פון משהלע איז נאָך אַלץ קיין לייט נישט.

האָט ר׳ לוי זיך לאַנג מיישב געווען מיט דבורהלען און ביידע האָבן מיט אַ קרעכץ מסכים געווען, אַז מען מוז מיט געוואַלד משהלען מאַכן פאַר אַ לייט. האָט ר׳ לוי געלאָזט אויסמעבלירן פאַר זיין איידעם אַ שיינע דירה און געזאָגט צו אים:

— כ׳מיין, משהלע, אַז עס איז צייט זיך צו נעמען צו מסחר.

— געוויס — האָט משהלע גלייך מסכים געווען.

— וועסטו זיין ביי מיר אין געשעפט —האָט ר׳ לוי געזאָגט— נישט קשה, ביי מיר איז דאָ גענוג צו טון.

משהלע ברוידעס האָט אָבער געהאַט אַנדערע פאַרלאַנגען. ער וויל נישט ביי קיינעם זיין אַ „מענטש״, אפילו ביי אַן אייגענעם טאַטן אויך נישט.

זוו איז עס געהערט געוואָרן, אַז אַ ברוידע זאָל זיין אַ משרת. מילא אַ שותף איז עפּעס אַנדערש.

פון אַזאַ רעדן האָט ר׳ לוי אויפגעקאָכט. ער וואָלט מיט פאַרגעניגן אויסגעפּאַטשט דעם קראַקעווער יונגגמאַנטשיק, איז אָבער דערביי געזעסן לאַניאַלע און די אויגן אירע זענען געווען רויטלעך און ווי פאַרוויינט, האָט ער בלויז פאַרביסן די ליפּן און געזאָגט:

— נו, זאָל זיין אַ שטיקל שותף...

משהלע ברוידעס האָט אָבער געהאַט אַ צווייטע פאָדערונג:

— מיין נאָמען מוז זיך געפינען אויף דער פירמע און אַן אַקט...

ר׳ לוי האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט נישט געקאָנט ענטפערן. ער האָט זיך געשטיקט פאַר כעס. אַך, ווען ער קאָן אים אָננעמען ביים קאַרק און אַראָפּוואַרפן פון אַלע טרעפּ... לאַניאַ אָבער האָט שוין נישט געקאָנט שווייגן און זי האָט מיט טרערן זיך געבעטן:

— וואָס טוט זיך מיט דיר, משהלע?... די פירמע ענדערן...

משהלע האָט זיך איינגעקשנט. אַנדערש וויל ער נישט. פאַר קיין שום פּרייז נישט. אַ באַהאַלטענער שותף וויל ער נישט זיין. עס פּאַסט אים נישט. און מיט די ברוידעס איז זיך נישטאָ וואָס צו שעמען. אפילו אין ווין ווייסט מען, ברוך השם, ווער די ברוידעס זענען.

ר׳ לוי האָט געפילט, ווי דאָס בלוט אַנטלויפט אים פון פּנים און ער האָט קוים דורך די ציין אַרויסגעקריצט:

— האַנדל שוין גלייכער אַליין...

און משהלע ברוידע האָט גענומען האַנדלען. אַן אייגענע פירמע פאַרלייגט, ווי עס פּאַסט פאַר די ברוידעס, וועלכע מ׳קען אפילו אין ווין. אין פּיאַסעטשנע אַ ציגל־פאַבריק אויסגעבויט מיט אַ קוימען, וואָס אַזעלכן האָט מען נאָך נישט געזען. און אויף וואָליע אָפּגעקויפט בחצי חינם אַ גיסעריי. איז דאָס געווען ווייניק, האָט ער אויף דער סאַמע מאַרשאַלקאָווסקע פאַרלייגט אַ האַנדלס־הויז און אַ גרויסע מעשענע שילד האָט אַראָפּגעשריגן, אַז דאָ געפינט זיך ברוידעס עקספּאָרט און אימפּאָרט־פירמע. און אויב דאָס איז געווען צו ווייניק, האָט משהלע ברוידע נאָך צוגעהאַנדלט אויף דער בערזע מיט ליסטעס און אַקציעס.

ר׳ לוי האָט פונדערווייטנס זיך צוגעקוקט צו דעם מסחר פון זיין

איידעם און ביי זיך געטראַכט, אַז אפשר האָט ער פּאַרט אַ טעות געהאַט, אפשר וועט טאַקע עפּעס אַרויסוואַקסן פון דעם קראַקעווער יונגנמאַנטשיק, ביי די ברוידעס איז קראָקע ווייסט מען דאָך סוף כל סוף ווי אַזוי צו פירן מסחר. איז פאַרוואָס זאָל משהלע זיך נישט האָבן עפּעס אויסגעלערנט. נאָר ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז חיימל פרענקל, ר׳ לויס שוועסטער־קינד איז געוואָרן די רעכטע האַנט פון זיין איידעם, האָט ר׳ לוי זיך דער־שראָקן. פאַר חיימלען האָט מען אין הויז אויפן גזשיבאָוו מורא געהאַט. מען האָט געדענקט די רייד פון ר׳ לייזערן:

— ווען חיימל קומט צו מיר אַריין מיט אַ געשעפט, ווייס איך, אַז איך דאַרף אַרויפגיין אין שטוב און אַרומוויקלען זיך דעם קאָפּ מיט אַ נאַסן האַנטעך און קלערן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען איך וועל פאַרשטיין, וואָס חיימל מיינט באמת. נאָר ווען חיימל קומט צו מיר אַריין מיט אַ שמייכעלע און זאָגט: „גוט מאָרגן פעטערשי", דאַמאָלס ווייס איך, אַז דאָס נאַסע האַנטעך וועט מיר נישט העלפן, איך וועל שוין סיי ווי גאָרנישט וויסן...

און מיט אָט דעם חיימלען פירט דאָס זיינע עסקים משהלע. דאָס קאָן זיך נישט גוט ענדיקן. ר׳ לוי האָט געוואָרנט זיין טאָכטער. זי איז אַ ווייב און זי טאָר אַזעלכעס נישט דערלאָזן. אַז דער זיידע האָט געהייסן זיך היטן פאַר חיימלען, איז דאַכט זיך געננוג. משהלע ברוידע האָט זיך אויסגעלאַכט. ער דאַרף נישט קיין עצות. זאָל זיך יעדער היטן זיינע עסקים. און הלוואי וואָלטן אַלע אַזוי פאַרשטאַנען אַ געשעפט ווי חיימל.

האָט ר׳ לוי זיך מער נישט געמישט, ביז וואַנען לאהלע איז צו אים אַריינגעפאַלן מיט אַ געוויין. ס׳איז געשען אַן אומגליק מיט דער „מציאה" אויף וואַליע און מיטן גרויסן קוימען אין פּיאַסעטשנע... משהלע האָט עפּעס אונטערגעשריבן און מ׳קאָן אים נאָך חלילה „זעצן".

ר׳ לוי האָט דעם מאַן פון זיין איינציקער טאָכטער נישט געלאָזט זעצן. און פון דאַמאָלס אָן ציט עס זיך. יעדעס יאָר דאַרף מען ראַטעווען. און עס העלפן נישט זיינע וואָרענונגען. און דער קראַקעווער יונגערמאַנטשיק איז נאָך ברוגז. ער אַליין קומט נישט. ער שיקט לאַניאַלען. עס איז אַ רחמנות אויף איר אַ קוק צו טון. זיין איינציקע טאָכטער, נעבעך. און

דבורהלע מורמלט עפּעס אונטער דער נאָז. און פון דעם מורמלען פאַר־שטייט ר׳ לוי, אַז עס זענען נישט בלויז די פוילע געשעפטן. אַז לאַניאַס איינגעפּאַלענע באַקן האָבן צו טון מיט נאָך עפּעס... עפּעס אַ שיקסע פון טעאַטער... און זיין איידעם שיקט איר קוישן בלומען... ער וויל נישט אי־בערפרעגן. ער קאָן נישט איבערפרעגן. זיין לאַניאַלען זאָל אַזעלכעס פּאַ־סירן, אַזעלכעס... ס׳הארץ קאָן דאָך פּלאַצן... און מען מוז שווייגן, שווייגן...

ר׳ שמחהלע קאַצקער האָט מער נישט געלעבט. אַ צייט שוין אַוועק נאָך דעם בלוטיקן פּרייטיק. אָבער זיינע ווערטער גדענקט ער גוט, ר׳ לוי:
— פון קראָקע אַזש געברענגט אַזא סחורה?... האַ?...

## קאַפּיטל 10

# אויף דער וואַך

דניאל עפּשטיינס פונאַנדערגעוואַקסענע עסקים האָבן אומבאַמערקט צוגענומען וואָס אַמאָל מער צייט ביי ר׳ לייזערס געוועזענעם שרייבערל.

די נייע פירמע, קוים וואָס זי האָט זיך דערפילט זיכער און איינ־געפונדעוועט, האָט מער נישט געקאָנט מסכים זיין מיט עפּשטיינס אַמאָ־ליקער איינטיילונג פון מעת לעת אין אַ וואָכעדיקן טאָג און יום־טובדיקער נאַכט. זי, די פירמע, האָט מער נישט געוואָלט מוותר זיין אויף די אָוונט־שעהן, וועלכע עפּשטיין האָט אַמאָל געווידמעט אויסשליסלעך דער גרינער גאַס. די אידיליע צווישן עפּשטיינס דריי רבים איז צעשטערט געוואָרן. און שולדיק אין דער צעשטערטער אידיליע איז געווען נישט קיין אַנדע־רער, ווי דער וואָכעדיקער רבי ר׳ לייזער, וועלכער האָט מער נישט גע־וואָלט דולדן, אַז מאַרקס און דאַרווין זאָלן אויך האָבן צוטריט צו עפּ־שטיינס צייט. זאָל ער גלויבן אין אייך, וויפיל ער וויל, דאָס אַרט מיך נישט, נאָר אַז ער זאָל גאַנצע שעהן האַלטן אין איין דאַווענען פון אייער סידור, וועל איך נישט דערלאָזן... אַ גזשיבאָווער סוחר פאַלט אַריין אין שול היינטיקע צייטן אויף אַ מינוט צוויי, איז יוצא מיט אַ תפילה קצרה און

גייט צוריק אין דער קראָם. וואָס־זשע ווילט איר, אַז צוליב אייער דאַ־
ווענען זאָל דניאל, חלילה, אָנזעצן?...

און ער האָט ס'זייניקע אויסגעפירט, ר' ליזער. דניאלס וואָכעדיקער
טאָג איז געוואָרן אַלץ גרעסער און לענגער און די נאַכט — וואָס אַמאָל
קירצער און קלענער.

בערטאַס ברייטע באַלעבאַטישע שטוב האָט אויך געפאָדערט ס'איי־
ריקע. עפּשטיין האָט באַדאַרפט גיין מיט דער פרוי אין טעאַטער, האָט
געהאַט צו טון מיט וויזיטן צו פריינט און געשעפטס־באַקאַנטע. דערצו
זענען אין שטוב שוין געווען דריי קינדער, וואָס וואַקסן אונטער. און הגם
עפּשטיין האָט נישט געהאַט קיין שום נייגונג צו ווערן אַ „באַנע", און
דערמיט זיך נישט אויסגעטיילט פון אַנדערע גזשיבאָווער סוחרים, פונ־
דעסטוועגן האָט אויך דאָס נישט ווייניק צייט צוגענומען.

דניאל עפּשטיין איז געוואָרן גאָר אַ פּאַרנומענער מענטש. ער איז
געווען אַזוי באַשעפטיקט, אַז ער האָט אויך קיין צייט נישט געהאַט צו
באַמערקן, ווי זעלטן ער קומט איצט אויף דער גרינער גאַס. אויך זיינע
פריינט און קאָלעגן האָבן דאָס נישט באַמערקט צוליב דער פשוטער סיבה,
וואָס מיט זיי איז געשען כמעט דאָס זעלבע. גאַנצע טעג געווען פאַרטון
אין עסקים און קיין צייט נישט געהאַט צו די עסקים פון דער גרינער גאַס.

גראַד דער פלאַטער־קאָפּ אדעק ווישינסקי, וואָס האָט שוין געהאַט
טויזנטער געשעפטן און אין דער אמתן געהאַט אַלע עסקים טיף אין דער
אדמה, ווייל זיין הויפּט־געשעפט איז געווען צו דרייען זיך אַרום שיקסעס
און מיידלעך, האָט דער ערשטער תופס געווען, אַז אויף דער גרינער גאַס
קומען פּאָר עפּעס גרויסע און וויכטיקע ענדערונגען. און איינמאָל, ווען
מ'איז דאָרט געזעסן אין אַ היימישער חברה און געפירט אַ גאַנץ וואַרימע
דיסקוסיע וועגן רוזשאַ לוקסעמבורגס דרכים, טוט זיך אדעק פון דער
העלער הויט אַ רוף אָן:

— צי האַלט איר נישט, חברה, אַז עס איז שוין די העכסטע צייט
צו מאַכן אַ נייע שילד און ענדערן דעם נאָמען פון אונדזער פּאַראַיין?

— וואָס עפּעס, פּלוצים? — האָבן די אַנדערע געצויגן מיט די
אַקסלען.

— איך מיין —האָט אדעק גערעדט מיט אַ געמאַכטער ערנסטקייט— אַז די שילד איז געוואָרן פּאַרעלטערט און אַנשטאָט פּאַראַיין פון האַנ־דלס־אָנגעשטעלטע, וואָלט פּאַר אונדזער געזעלשאַפט גיכער גע־פּאַסט דער נאָמען פון הערן, וואָס גרייטן זיך צו ווערן מיליאָנערן...

— כאַ, כאַ, כאַ!... —האָט דער עולם געלאַכט— בראַוואָ, אדעק! אַ פיינער וויץ — און דער וויכוח וועגן רוזשאַ לוקסעמבורג איז פאַרגע־זעצט געוואָרן. אָבער שוין אָן דעם פריערדיקן ברען און ער איז אויך שנעל פאַרענדיקט געוואָרן.

עפּעס האָט דער עולם זיך געפילט אומהיימלעך און אומבאַקוועם פון אדעק ווישינסקיס וויץ. עס איז געווען אַזאַ געפיל, ווי מ׳טוט פלוצים ערנסטע מענטשן אַ דערלאַנג אונטער דער נאָז אַ שפּיגל. מ׳קוקט זיך אָן און מ׳דערקענט זיך נישט: ווי אַזוי איז מען דאָס, נישט ווילנדיק, עפּעס פאַרשלעפּט געוואָרן אין אַ מאַסקאַראַד צווישן חברה פורים־שפּילער...

די אַלטע גוואַרדיע האָט אָן קאַמף אָפּגעטרעטן איר אָרט אויף דער גרינער גאַס דעם יונגן עולם. דער גימנאַזיע־לערער שטרוים מיט דער גרויסער שוואַרצער טשופּרינע האָט וואָס אַמאָל אָפטער פאַרנומען דאָס אָרט פון הויפּט־רעדנער. זיין ריוואַל איז געווען דער לעגענדאַרער זון פון אַ גענעראַל, וואָס האָט פלוצים אַוועקגעוואָרפן די פּאַלאַצן פון זיין פאָטער, איז אַוועק צו די יידישע אַרבעטער און אַפילו זיך אויסגעלערנט „זשאַרגאָן". עלעגאַנט און טעמפּעראַמענטפול האָבןביידע געקעמפט ווי פאַרצייטנס די ריטער אויף אַ טורנע. נישט געוואָלט בלייבן הינטערשטע־ליק האָבן דער יונגער אינזשיניער היימאַן און דיקלעכער דאָקטאָר ליפּ־שיץ מיט דער פּעך שוואַרצער באָרד, צו זיי איז צוגעקומען דער געהילפס־אַדוואָקאַט פּערסקי, וועלכער האָט דאָרט אויף דער גרינער גאַס אָנגעהויבן ווייזן די וווּנדער פון זיין אָראַטאָרישן טאַלענט.

עס האָבן זיך געשאַפן קרייזלעך, פראַקציעס, סעקציעס, גרופּעס, אַלע האָבן זיי געגלויבט אין דעם גרויסן רבי מאַרקס, אָבער יעדער האָט אַנ־דערש פאַרשטאַנען זיין דין און זיינע געבאָטן, און זיי האָבן געפירט צווישן זיך פאַרביטערטע קאַמפן, האַרטנעקיקע מלחמות, האָבן זיך אַרויסגערופן אויף ליידנשאַפטלעכע ווערטער־דועלן, אין וועלכע די מפרשים פון מאַרקסן,

די ראשונים ואחרונים, זענען ברייט און אויספירלעך ציטירט געוואָרן און וועלכע האָבן זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

זיי אַלע אָבער. האָט, פּונקט ווי אַמאָל די אַלטע גוואַרדיע, פאַר־איינִיקט איין געדאַנק: נאָכן קיסר איז דער רבונו של עולם דער געפּער־לעכסטער שונא און דאָס זעלבע זיין קלער, די כלי קודש פון אַלע אמונות. מיט זיי מוז געפירט ווערן אַ מלחמה אויף טויט און לעבן. בנוגע זיי זענען נישט פאַראַן קיין חילוקי דעות. צו מאַרקסן קאָן מען דאַווענען פון כלערליי סידורים. דאַרווין אָבער האָט איין סידור פאַר אַלע.

עפּשטיינען זענען די דאָזיקע מלחמות געוואָרן פרעמד. ער האָט פאַרגעסן, אַז אויך אין זיין צייט איז אַנדערש נישט געווען, זענען געווען די זעלבע וויכוחים און רייסעניש. די זעלבע ציטאַטן און כמעט די זעלבע רייד. די זעלבע פאַרביטערטקייט און די זעלבע עקשנות. איצט האָט זיך אים געדאַכט, אַז אין זיין צייט איז עס גאַנץ אַנדערש געווען, האָט אויף דער גרינער גאַס געהערשט אַן אידיליע און אַלע האָבן געדאַווענט פון איין סידור.

ער האָט געבענקט נאָך דער אידיליע פון אַמאָל. די אידיליע וואָס האָט קיינמאָל נישט עקזיסטירט. די אידיליע וואָס זיין פאַנטאַזיע האָט זיך אַליין אויסגעקלערט. און ער האָט אויפגעזוכט זיינע פריינט פון יענע אידילישע צייטן אין דער זשיעמיאַנסקע, אין דער אריסטאָקראַטישער איי־ראָפּאַ, אין פאַרטער פון פּוילישן טעאַטער און אויף דער בערזע.

אָן דער גרינער גאַס האָט ער פונדעסטוועגן נישט פאַרגעסן. ווי אַ חסידישער גביר, וועמען די וויכטיקע עסקים דערלויבן מער נישט אָפּצו־זיצן טעג און נעכט ביים רבין און ער הייבט אָן יוצא זיין מיט געבן גרויסע פּדיונות, אַזוי האָט אויך עפּשטיין אָנגעהויבן געבן געלט מיט אַ ברייטער האַנט פאַר אַלע „אַקציעס” פון דער גרינער גאַס.

ער האָט נישט געפרעגט פאַר וועמען און פאַר וואָס. ער האָט נישט געוואָלט וויסן, וואָס מ'טוט מיט זיין געלט. אפשר איז עס אים אויך נישט אָנגעגאַנגען. ער האָט געגעבן פּדיון נפש. און דער עיקר האָט ער געזאָרגט, אַז עס זאָל דער גרינער גאַס קיין בייז נישט געשען. דאָס צאָלן רעגולער חודש־געלט דעם פּריסטאַוו איז געוואָרן נישט גענוג. די מלחמה מיטן

קיסר האָט אָנגענומען אַזאַ פּאַרנעם, אַז דער פּריסטאַוו איז געווען אַ צו קנאַפּע שמירה. ער אַליין, דער פּריסטאַוו, האָט עס גאַנץ קלאָר געגעבן אָנצוהערן. אַזאַ צייט, פּאַנאַוויע, ווען אין צירקל אַליין ווייסט מען נישט, וואָס מ׳וועט אין אַ מינוט אַרום דאַרפן טון... די באַפעלן קומען פון אויבן. אַזאַ צייט, פּאַנאַוויע...

נאָך אַזעלכע אָנצוהערענישן איז געווען קלאָר, אַז מען מוז ביי דער גרינער גאַס אַוועקשטעלן אַ שטאַרקערע שמירה.

ווי שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן האָט גראָד דער פּלאַטער־קאָפּ אַדעק ווישינסקי געגעבן די ריכטיקע עצה.

— נישט אַנדערש נאָר די שיינע העלענאַ! —האָט ער זיצנדיק ביי אַ טישל אין איירָאָפּאַ זיך צוגעבויגן צו עפּשטיינען און אים איינגערוימט אין אויער— העלענאַ, נאָר די שיינע קאָן עפּעס טון!...

— איך פאַרשטיי נישט... —האָט עפּשטיין געצויגן מיט די אַקס־לען— ווי קומען מיר...

— עס איז נישטאָ וואָס צו ווען פאַרשטיין —האָט אים ווישינסקי איבערגעריסן— נאָר אַזוי איז עס. די פּאַננאַ העלענאַ קאָן היינט טון, וואָס זי וויל... אַלץ קאָן זי... נישט דער גראָבער מייער טראָגט די שליפעס, נאָר העלענאַ... און מען שמועסט, אַז אויך „ער" אַליין גייט פאַר איר די כפּרה. פאַרשטאַנען?...

דניאל עפּשטיין האָט פאַרשטאַנען אַדעקס ווונק. זיין מוח האָט אָבער די זאַך אַזוי לייכט נישט געקאָנט באַנעמען. אוודאי האָט ער גע־ווּסט, ווער די פּאַננאַ העלענאַ איז. גאַנץ וואַרשע האָט זי געקאָנט. ער, עפּשטיין, זעט אָפט אין דער אָפּערעטע די שיינע פּרימאַדאָנע פון פּוילישן טעאַטער און ער באַוווּנדערט איר טאַנצן און זינגען, איר שטורמישן טעמפּעראַמענט און איר שטיפערישן חן. פּונקט ווי דער גאַנצער שטאָט זענען אויך אים באַקאַנט די אַלע מעשיות וועגן איר לעבן און אויפפירן זיך, וועגן גראַפישע מאַיאָנטקעס, וואָס זענען צוליב איר געגאַנגען צו גרונט, וועגן אירע ברילִיאַנטן און פּערל, וואָס זאָלן שטאַמען פון די מיוּ־חסדיקע פירשטלעכע משפּחות, וועגן דועלן און זעלבסטמאָרדן...

געווען אפילו אַ צייט —און אויך דאָס האָט עפּשטיין געוווּסט— ווען די פּוילישע גאָלדענע יוגנט איז גרייט געווען פאַר איר צו קעמפן,

האָט זיך איינגעשפּאַרט און בשום אופן נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז די רייצנדיקע פּרימאַדאָנע זאָל אַריינפאַלן אין קאַצאַפּישע אָרעמס. שיעור נישט אַ פּאַטריאָטישן קאַמף צוליב איר געפירט.

סוף כל סוף אָבער האָט פאַניע אויך אויף דעם פראָנט געזיגט. דעם קיסרס העלדישע אָפיצירן האָבן מיט שטורעם גענומען אויך די פעסטונג, און עס איז נישט געווען צו מערקן, אַז די שיינע העלענאַ זאָל זיך דאָס האָבן גענומען צום האַרץ.

און ווען מ׳האָט זיך דערוווסט, אַז דער פּאָליציי־מייסטער מייער שיקט בלומען דער שיינער פּרימאַדאָנע, און ווען מען האָט אויך געהערט, אַז דער קאַצאַפּישער הער פון פּוילישן קעניגלעכן שלאָס, סקאַלאָן, באַוויזט זיך, אין באַגלייטונג פון זיינע אַדיוטאַנטן, הינטער די קוליסן, האָט מען פאַרשטאַנען, אַז דער קאַמף איז פאַרלוירן.

מיט פאַרביסענע ציין האָט די פּאַטריאָטיש געשטימטע גאָלדענע יוגנט זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט. עס שמעקט מיט סיביר און מ׳קאָן זיך נישט העלפן. דאָס אַלץ האָט דניאל עפּשטיין געוווסט, ער האָט אָבער נישט פאַרשטאַנען, ווי קומט ער, אַ סוחר פון גזשיבאָוו, צו אַזעלכע זאַכן. ווי קומט עפּעס אַ ייד פון דער יידן־גאַס צו אַ פּרימאַדאָנע, אַרום וועלכער עס דרייען זיך גוואַרדיע־אָפיצירן, און ווי רעדט מען מיט אַזאַ איינער וועגן דער גרינער גאַס.

אַדעק ווישינסקי איז געווען געצוווּנגען צו געבן דניאל עפּשטיינען גאַנץ גענויע אויפקלערונגען. קודם כל האָט ער עפּשטיינען גאַנץ קלאָר געזאָגט, אַז ער האָט קיין שכל נישט פאַר אַ גראָשן. עס איז אים, אַדעקן, בכלל אַ פּלאַ, ווי אַזוי אַ מענטש אָן קאָפּ, ווי דניאל, פירט גאָר גרויסע עסקים און מאַכט אַזאַ זשמאָניע מיט געלט. ווי קאָן אַ מענטש אין היינטיקער צייט זיין אַזוי טעמפּ...

צי ווייסט ער נישט, אַז מיט דער פאַרמיטלונג פון דער פּאַננאַ העלענאַ מאַכט מען היינט די גרעסטע געשעפטן, אַז קיין שום „דאָסטאַווע" באַקומט מען נישט, אויב די שיינע פּרימאַדאָנע וויל נישט. און ווי אַזוי מען מאַכט, אַז די יפה־פיה זאָל וועלן, איז דאָך קלאָר: ווי שטייט אין פּסוק, והכסף יענה את הכל. צי האָט ער, עפּשטיין, דעם פּסוק פאַרגעסן?...

איז פאַרוואָס זאָל מען מיט איר נישט אַ רעד טון?... ער, אַדעק,

נעמט עס אויף זיך. ער וועט עס שוין באַזאָרגן. מ'קען זיך אויף אים פאַר־לאָזן אין אַזעלכע זאַכן. ער איז אַמאָל געווען הינטער די קוליסן און מיט איר אפילו גערעדט. אַלזאָ, נישטאָ וועגן וואָס צו רעדן. מ'וועט איר קודם כּל אַרויפשיקן אַ קויש בלומען, אָבער בלומען, אַז זי זאָל גלייך די נכפּה קריגן. זאָל זי וויסן, אַז גזשיבאָווער סוחרים, ווען זיי ווילן, זענען זיי מבֿי־נים אויך אויף בלומען. מ'וועט אָנזאָגן אַ וויזיט, און ווייטער — דו וועסט זען, „דאַניעלו קאַבאַני", עס וועט גיין ווי געשמירט.

טראַץ ווישינסקיס אויספירלעכע אויפקלערונגען האָט עפּשטיין גע־דרייט מיטן קאָפּ און געהאַט ערנסטע ספיקות, צי עס וועט טאַקע גיין ווי געשמירט. ער האָט אפילו געצווייפלט, צי אַדעק בלאָפט נישט וועגן זיין וויזיט הינטער די קוליסן און עס איז בכלל אַ גרויסע פראַגע, צי דער שיי־נער העלענאַ וועט אָנשטיין אויפצונעמען צוויי זשידקעס.

אַדעק ווישינסקי האָט זיך ברייט צעלאַכט. אוי וועט זי אויפנעמען, און אויב דו וועסט וויסן, ווי אַזוי מ'דאַרף רעדן, נישט בלויז אויפנע־מען!... כאַ, כאַ, כאַ!... כלומרשט אַ מאָדערנער מענטש, דער עפּשטיין, און אין אמתן פּאַרט גישט מער, ווי אַ זשידעק פון גזשיבאָוו... צי זי וועט אויפנעמען... נישט דיין דאגה, דאַניעלו קאַבאַני. דער עיקר זאָל דיין טייִ־טער זיין אין אָרדענונג. וועגן דעם איבעריקן וועט ער, אַדעק, שוין זאָרגן. נישטאָ מער וועגן וואָס צו רעדן, די זאַך איז דערלײדיקט. נאָך היינט שיקט ער די בלומען און מאָרגן גייט מען. געמאַכט?

— נו, זאָל זיין — האָט עפּשטיין זיך אונטערגעגעבן — נאָר געדענק, רעדן וועגן אַלעם — וועסטו!...

— נאָר ווי דען... — איך וועל וואַרטן אויף דיר — האָט ווישינסקי אַ צופרידענער געשמייכלט — וועסט זען... מיטן ערשטן שטורעם וועט די פעסטונג גענומען ווערן...

דניאל עפּשטיין האָט צומאָרגנס געמוזט מודה זיין, אַז אין אַזעלכע זאַכן מעג מען זיך פאַרלאָזן אויף ווישינסקין.

די פאַננאַ העלענאַ האָט זיי פיין אויפגענומען, זי האָט זיי נישט געלאָזט וואַרטן, מיט אַ שמייכל זיי אַנטקעגנגעגאַנגען, האָט זיי אַריינגע־פירט אין איר בודואַר, האָט זיי אָוועקגעזעצט אויף מיניאַטור־בענקעלעך,

וואָס זענען געווען נישט גאַנץ באַקוועם, אָבער מסתמא דאַרף אַזוי זיין אין אַ קינסטלערינס שטוב.

אַליין איז זי האַלב געזעסן, האַלב געלעגן, פאַרלייגט איין פוס אויפן אַנדערן אויף אַ קליינער סאַפקע, און אַדעק חאָט שפּעטער דערציילט, אַז ער האָט שיעור נישט געקריגן די נכפּה, ווייל דאָס בענקעלע איז געווען אַזוי נידעריק און העלענעס פּיס אַזוי הויך, אַז אַ בלינדער וואָלט פאַרכאַפּט געוואָרן...

די פאַננאַ העלענאַ האָט גערעדט זייער פיין און איידל, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גרויסער קינסטלערין. זי האָט די הערן וואַרים באַדאַנקט פאַר די הערלעכע בלומען. —פאַר אַ קינסטלער זענען בלומען עפּעס מער ווי פאַר אַנדערע, נישט וואַר, פאַנאָוויע... די בלומען זענען פאַר איר אַ טרייסט און אַ פרייד, אַז מען פאַרשטייט איר קונסט, אַז מען שאַצט אָפּ איר שאַפן, אַז מען פילט איר מיט...

ווישינסקי האָט געוווסט, וואָס אַן עלעגאַנטער קאַוואַליער דאַרף ענטפערן. ער און זיין פריינט דניאל עפּשטיין זענען אירע פאַרערער. זיי באַוווּנדערן מיט יעדן טאָג אַלץ מער איר קונסט. אַזאַ זינגען און אַזאַ טאַנצן האָט וואַרשע שוין לאַנג, לאַנג נישט געזען... מאָדנע געפילן נעמען אים אַרום, ווי נאָר די גרויסע קינסטלערין באַווייזט זיך אויף דער בינע, געפילן, פאַר וועלכע ער קאָן נישט געפינען קיין ווערטער. ער איז נישט קיין פּאָעט. אפשר וועלן די בלומען איר קאָנען זאָגן, וואָס ער פילט...

די פאַננאַ העלענאַ איז געווען טיף גערירט פון ווישינסקיס ווער־טער. זי איז געווען זייער באַשיידן, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אמתער קינסטלע־רין. מ׳שאַצט זי איבער, אָבער זי איז גליקלעך, וואָס מיט איר שפּילן ברענגט זי אַריין אַביסל פרייד און פרייליכקייט אין די הערצער. וואַרשע, די ליבע האַרציקע וואַרשע, איז היינט אַזוי טרויעריק... די צייט איז אַזאַ שווערע, אַזאַ אומעטיקע... מענטשן פאַרשטייען זי נישט... מיינען, אַז ווען זי לאַכט און טאַנצט, איז איר אַזוי גוט אויפן האַרץ...

ווישינסקי האָט מיט ביידע הענט זיך אָנגעכאַפּט ביים האַרץ, ווי ער וואָלט געוואָלט באַלייגן אַ פייערלעכע שבועה. ער פאַרשטייט די געפילן פון אַ גאָט געבענטשטער קינסטלערין. ער פילט איר מיט... ער ווייסט, אַז

ווען זי לאַכט און זינגט, איז עס נישט גלאַט קיין פריילעכקייט און נישט זאָרגלאָזיקייט. עס איז אַ געלעכטער דורך טרערן, יאָ, דורך טרערן...

די פאַננאַ העלענאַ האָט צוגעוואָרפן אַדעקן אַ לאַנגן דאַנקבאַרן בליק און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די גוט־דערצויגענע העפלעכקייט האָט שוין באַקומען פון ביידע צדדים, וואָס איר געהערט, און אַז עס איז שוין געקומען די צייט צוצוטרעטן צום ענין.

ער האָט אָנגעהויבן רעדן זייער פאָרזיכטיק און צוריקגעהאַלטן. ביי אַזעלכע זאַכן מוז מען פריער אַ טאַפּ טון דעם דופק. וואָרום טאָמער גייט עס נישט, צו קענען באַצייטנס אָפּהאַקן און זיך צוריקציען. ער האָט דער־ריבער געגעבן לייכטע אָנצוהערענישן וועגן דער גרינער גאַס. פיל פון אירע פאַרערער קומען זיך דאָרט צונויף. אינטעליגענטע מענטשן ווילן זיך טרעפן ביי אַ גלעזל טיי. שמועסט מען זיך דורך. שפּילט מען אַ שאַך. אַמאָל טאַקע קאָן מען הערן אַ גאַנץ אינטערעסאַנטן שמועס וועגן טעאַטער, קונסט, ליטעראַטור און אַמאָל אויך וועגן אַנדערע פּראָבלעמען...

די שיינע פּרימאַדאָנע האָט לייכט אַ הויב געטון אירע זיידענע ברע־מען. נו, נו... ווער האָט זיך געקאָנט דערויף ריכטן. געמיינט, אַז עס גייט וועגן אַ געשעפט... צוויי יידישע סוחרים, איז מסתמא עפּעס אַ „דאַסטאַ־ווע"... און דאָ גאָר אַזאַ זאַך... פּאָליטיש... איז וואָס מיינען זיי מיט איר?... מען דאַרף הערן...

זי האָט פילזאָגנדיק געשמייכלט צו ווישינסקין און אויך צו עפּ־שטיינען, וואָס זיצט די גאַנצע צייט, ווי שטום. אָ, זי פאַרשטייט... ווי דען... איר האַרץ בלוטיקט... דאָס האַרץ פון אַ קינסטלער איז אַזוי עמפינדלעך צו די ליידן פון פאָלק... זי איז אַ גוטע פּאַטריאָטין... און דאָס, וואָס די קאַצאַפּעס שלאָגן אָפּ ביי איר די שוועלן, טוט זי נישט פון פאַרגעניגן... אָ ניין... זי קאָן אויף זיי נישט קוקן. מנוולים... שיכורים... סאַטראַפּן... נאָר זי מוז. מוז זיך אָפּגערן פאַרן כלל. זי האָט שוין נישט איין זאַך גע־טון. זי סימפּאַטיזירט מיט דער „באַוועגונג" און ווי זי קאָן, העלפט זי.

ווישינסקיס פּנים האָט געשיינט, און אויך עפּשטיין האָט שוין גע־שמייכלט. דאַמאָלס האָט זי, פּאַננאַ העלענאַ, נאָך דרייסטער גערעדט. טאָ־מער דאַרפן זיי עפּעס פון איר, וועט זי געווים טון. מ'דאַרף צו איר אַסך נישט רעדן. אין אַזעלכע ענינים פאַרשטייט מען זיך אויפן ווונק. וואָס

זאָל מען טון? צייטן אַזעלכע. ווו זי קאָן, ראַטעוועט זי. געלויבט צו גאָט, וואָס די קאַצאַפּעס ליגן ביי אירע פיס. וואָס זי וויל, מאַכט זי מיט זיי. זי ווייסט, ווי מיט זיי זיך אומצוגיין. שטרענג מוז מען זיי האַלטן, די חזירים.

ווישינסקי האָט זיך געבאַפּט קושן די לאַנגע ווייסע פינגער פון דער פּאַננאַ העלענאַ. אָט אַזעלכע ווערטער האָט ער דערוואַרט פון איר צו הערן. אַזוי קאָן נאָר רעדן אַ קינסטלערין פון גאָטס גענאַד. אָבער ער, ווי־שינסקי, איז, צום באַדויערן, נישט קיין קינסטלער און ער מוז אויך אין אַזאַ דערהויבענער מינוט געדענקען אָן די אַכזריותדיקע פאָדערונגען פון וואָכעדיקן לעבן... ער פאַרשטייט, אַז קוים האָט מען צו טון מיט די קאַ־צאַפּעס, מוזן זיין גרויסע אויסגאַבן. זאָל־זשע די פּאַננאַ העלענאַ אים נישט נעמען פאַר אומגוט, ווען ער רעדט מיט איר מכוח אַזאַ פּראָזאַאישן ענין, אָבער וואָס זאָל מען טון, אַז די פּראָזאַ איז היינט דעציִדירנדיק... קורץ, זיי זענען גרייט צו דעקן אַלע, אַלע אויסגאַבן.

די פּאַננאַ העלענאַ האָט אַ לייכטן זיפץ געטון. דער זיפץ האָט באַ־דייט אי אַ צושטימונג צו דעם, וואָס ווישינסקי האָט געזאָגט, אי אַ באַ־דויערן, וואָס מ׳צווינגט זי זיך אָפּצוגעבן מיט אַזעלכע וואָכעדיקע ענינים.

ווישינסקי האָט צוגעוואָרפן אַ בליק עפּשטיינען. די שיינע פּרימאַ־דאָנע האָט דעם בליק אויפגעכאַפּט, און האָט מיטאַמאָל פאַרשטאַנען, אַז די הויפּט־פיגור איז דאָ נישט דער וויציקער פּלאַפּלער ווישינסקי, נאָר דער שווער־שווייגנדיקער עפּשטיין. אָ, דער מוז זיין אַ האַרט יידל. מיט דעם וועט מען מוזן אָוועקוואַרפן אַלע הויכע רייד און זיך דינגען, ווי אויפן מאַרק. אַנדערש קאָנען זיי דאָך נישט די קרעמער. ערשט אַז זיי דינגען זיך גוט אויס, באַקומען זיי אַ רואיק געוויסן און מיינען, אַז זיי האָבן זיך נישט גענאַרט. און אַ יידישער קרעמער איז שוין גאָר אַ האַרטע נוס... זי איז נישט קיין יידן־פיינט. נאָר וואָס זאָל זי טון, אַז זי קאָן פאַרט זייער קרעמערישקייט נישט פאַרטראָגן. און זי האָט אַ צווייטן, שוין שווערן זיפץ געטון. אָ, וואָס אַ קינסטלערין מוז אין דער קרעמערישער וואַרשע אויסשטיין... אַך, ווען זי שפּילט אין פּאַריז!...

אין צימער איז איינגעטרעטן אַ נישט באַקוועמע שטילקייט. דניאל עפּשטיין האָט לייכט אָפּגעהוסט און שטיל אָנגערופן אַ סומע, אַז די פּאַננאַ

העלענאַ האָט אַזש אַראָפּגעלאָזט די לאַנגע זיידענע ברעמען איבער אירע שיינע אויגן, וועלכע האָבן אויפגעבליצט פון פריידיקער איבערראַשונג.

איצט וועט זי שוין קאָנען קויפן די בריליאַנטענע קאַליע ביי בער־נאַרדן, נאָר זי מוז זיך פריער גוט אויסדינגען מיט דעם כיטראַק...

אירע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן האָבן זייער אויפמערקזאַם נאָכגע־פאָלגט עפּשטיינען. זי האָט געזען, ווי ער נעמט אומגעשיקט אַרויס די הונדערטער באַנקנאָטן פון טייסטער און פאַררוקט זיי אונטערן כינעזישן וואַזאָן. ניין, זי וועט זיך מיט אים נישט דינגען. אויף אַזאַ סומע האָט זי זיך נישט גערעכט. דער ייד פאַרשטייט זיך אויף אַן עסק און געלט מוז אים נישט פעלן. זי וועט אים צופרידנשטעלן. זי וועט צוהיטן, אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג. אַלע אירע סימפּאַטיעס געהערן דאָך צו דער באַוועגונג. מיטן גאַנצן האַרץ איז זי מיט זיי.

זי האָט איצט גערעדט מיטן פּנים צו עפּשטיינען. די הערן קאָנען זיין פולשטענדיק רואיק. זיי זענען פון היינט אירע פריינט און זי וועט זאָרגן, אַז עס זאָל זיי קיינער נישט שטערן. און טאָמער זאָל, גאָט באַהיט, עפּעס מוזן געשען, וועט זי עס וויסן פיר און צוואַנציק שעה פריער און מודיע זיין...

עפּשטיין האָט זיך אויפגעשטעלט, ער וויל מער נישט שטערן. ער האָפט, אַז עס וועט זיין אַלץ גוט. די פּאַננאַ העלענאַ איז געווען צו אים זיס און רייצנד. זי באַדויערט זייער, וואָס ער פאַרלאָזט זי אַזוי שנעל. אין דער היינטיקער טרויעריקער צייט איז אַ פאַרגעניגן צו פאַרברענגען אין געזעלשאַפט פון מענטשן, וועלכע טוען זייער שווערע פליכט.

עפּשטיין פון זיין זייט האָט אויך אויסגעדריקט זיין טיף באַדויערן. לײדער, מוז ער שוין גיין. ער האָט נאָך דרינגענדיקע ענינים צו דערליידיקן. ער האָט אַ קוק געטון צו אַדעקן.

ווישינסקי אָבער איז געבליבן זיצן אויף דעם פיס־בענקעלע, ווי אים מיינט מען נישט. ער וויל היינט מער נישט וויסן פון געשעפטן. — ער האָט גערעדט פייערלעך. — דער היינטיקער טאָג וועט בלייבן אין זיין זכרון. און אויב די פּאַננאַ העלענאַ וועט דערלויבן, וועט ער נאָך בלייבן. מ'דאַרף נאָך גענויער זיך דורכרעדן וועגן די איינצלהייטן.

די פּאַננאַ העלענאַ האָט זיס געשמייכלט צו ווישינסקין און אָפּגעפירט עפּשטיינען ביז צו דער טיר. עפּשטיין האָט געוואָרפן אַ זייטיקן בליק דורך דער אָפענער טיר פון בודואַר און געזען, ווי אַדעק שפּאַצירט שוין אַרום איבערן צימער ווי אַ בן־בית...

אין אָוונט האָט אים ווישינסקי אויפגעזוכט אין דער זשיעמיאַנסקע. זיין פּנים האָט געשיינט.

— נו, וואָס האָב איך דיר געזאָגט, דאַניעלו קאַכאַני! —האָט ער אויסגערופן— מ׳קאָן זיך אויף אַדעקן פאַרלאָזן!... וואָס?...

— און דו האָסט נישט געקאָנט גיין —האָט עפּשטיין געשמייכלט— געמיינט צו באַקומען פּראָוויזיע?...

— און טאַקע באַקומען!... האָט ווישינסקי געקלאַפּט עפּשטיינען איבער די קני און שטילער צוגעגעבן — און גלייך אויפן אָרט קאָנסומירט...

— דער זעלבער באַרימער ווי געווען —האָט עפּשטיין געטראַכט— ער אַליין וועט באַלד אָנהייבן גלויבן, אַז אַזוי איז עס טאַקע געווען... און הויך צוגעגעבן: איז געפעלט זי דיר, די שיינע העלענאַ?

— שאַ... —האָט ווישינסקי צוגעלייגט אַ האַנט צום מויל— אַ דזשענטלמאַן געניסט און שווייגט — און מיט אַ שעלמישן ווונק צוגעגעבן: דו ווייסט, דאַניעלו, די פּאַננאַ העלענאַ האָט גאָרנישט קיין ווערטער פאַר דיר... זי וואָלט זיך קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז אַ ייד זאָל האָבן אַזאַ זשעסט... אַ פּאַרקערטע וועלט, זאָגט זי, איז היינט. די כראַביעס ווערן קרעמער, מאַכן ספּולקעס און די יידן האָבן פאַנטאַזיע... זי איז פון דיר אַנטציקט, יאַק באַגאַ קאַכאַם...

— אָבער צי מעג מען זיך אויף איר פאַרלאָזן? —האָט עפּשטיין געוואָלט וויסן— צי וועט זי מאָרגן נישט פאַרגעסן?

— זיי רואיק, דאַניעלו —האָט ווישינסקי פאַררויכערט אַ ציגאַר— זי האָט אַ יידישן קאָפּ אויף זיך... זי האָט אין זין אַלע געשעפטן... און זי וועט אויך אונדזער זאַך צוהיטן.

די פּאַננאַ העלענאַ האָט געהאַלטן וואָרט. זי איז געשטאַנען אויף דער וואַך פון דער גרינער גאַס. זי איז געווען שטאַרק באַשעפטיקט, די פּרימאַדאָנע פון גרויסן טעאַטער, זי האָט יעדן טאָג געשפּילט, געזונגען און געטאַנצט, זי האָט שפּעטער געטרונקען שאַמפּאַניער מיט דעם קיי־

סערם העלדישע גוואַרדיע־אָפיצירן. זי האָט געגלעט דעם גלאַנציקן פּליך פון גראָבן מייער און איז געווען פול מיט אומשולדיקער מיידלערישער שעמעוודיקייט, ווען אין איר בודואַר איז געזעסן דער הער פון שלאָס.

זי האָט זיך ווי אַ געניטער סוחר געדונגען מיט די פּאַדריאַטשיקעס וועגן פּראָוויזיע און טראָץ דעם אַלעם געטריי און געוויסנהאַפּט געטון איר אַרבעט פאַר עפּשטיינען. זי האָט געקויפט די קאַליע ביי בערנאַרדן, אירע טואַלעטן האָבן נאָך מער איבערראַשט ווי אַמאָל, און זי האָט זיך נישט באַדאַרפט רעכענען מיטן גראָשן, ווייל עפּשטיין איז שטענדיק גרייט גע־ווען מיטן טייסטער.

איז זי געווען ווי אַ גוטער מלאך צו דער גרינער גאַס, האָט אָפּגע־היטן פון אַלע צאַרישע שדים און זשאַנדאַרמסקע רוחות. און טאָמער האָט זיך עפּעס געמאַכט, טאָמער האָט זיך איר נאָר געדאַכט, אַז עס איז דאָ אַ שאָטן פון סכנה, האָט זי גלייך געגעבן צו וויסן ווישינסקין, וועל־כער איז שוין געווען מיט איר פאַן־בראַט און עפּשטיין האָט געמיינט, אַז איצט קאָסירט אדעק אפשר שוין אויף אַן אמת איין די פּראָוויזיע פון דער רייצנדער פּרימאַדאָנע...

די פּאַננאַ העלענאַ האָט זיך מיט דער צייט נישט באַנוגנט מיטן בלויזן היטן די גרינע גאַס. זי איז געווען אַ פּאַכמאַן אויך אויף אַן אַנדער געביט. זי האָט געקאָנט אַרויסבאַקומען פון פּאַוויאַק און אויך פון פּאַ־וויליאָן. אין די פאַלן איז ווישינסקי נישט געגאַנגען אַליין. עפּשטיין איז געזעסן צוזאַמען מיט אים אין דעם בודואַר פון דער פּאַננאַ העלענאַ און געדולדיק אויסגעהערט אירע רייד וועגן אירע טיפע סימפּאַטיעס צום „רוד” און שנאה צו די קאַצאַפּעס. שפּעטער האָט ער זיך גענומען צום טייסטער און פאַררוקט די באַנקנאָטן אונטערן כינעזישן וואַזאָן.

מיט דער צייט האָבן די אַריינגעפאַלענע אויך פון פּוילישן „רוד” געוווּסט, אַז מען דאַרף זיך ווענדן צו עפּשטיינען. די פּאַננאַ העלענאַ האָט מיט קיין אַנדערן נישט געוואָלט רעדן. עפּשטיינען גלויבט זי. צו עפּשטיי־נען האָט זי צוטרוי. עפּשטיינס וואָרט איז ביי איר הייליק. פאַר עפּשטיי־נען איז זי גרייט צו גיין אין פייער. און פון אַנדערע וויל זי נישט הערן און נישט וויסן...

עפּשטיין און דער פלאַטער־קאָפּ אדעק ווישינסקי האָבן געהאַלטן

אין שטרענגן סוד דעם נאָמען פון דער שיינער פאַננאַ העלענאַ. נאָר פאַר די גאַר היימישע האָט אַדעק געגעבן אָנצוהערן, אַז ווען זיי וואָלטן גע־ווּסט, ווער עס היט די גרינע גאַס און ווער עס ראַטעוועט אונדזערע מענ־טשן פון אַלע צרות, וואָלטן זיי מויל און אויער געעפנט.

און איינמאָל אין אָוונט, ווען ר' חיים שוחט איז אַהיימגעקומען נאָך מנחה און מעריב פון שטיבל, האָט ער געטראָפן זיצן ביים טיש זיין אברהמלען און עסן אָוונט־ברויט.

ר' חיים שוחט האָט פאַר דעם נס געדאַנקט און געלויבט דעם רבונו של עולם און דערנאָך דניאל עפשטיינען, וועלכער איז מקיים אַזאַ גרויסע מצוה ווי פדיון שבויים, און דערביי טוט ער עס אַזוי בסתר, אַז קיינער ווייסט צומאָל נישט וואָסערע גרויסע זאַך ער טוט. עפשטיינס זכות איז דעריבער נאָך גרעסער און עס איז זיך גאָרנישט משער צו זיין, וואָסער שכר עס דערוואַרט אים אויף יענער וועלט, הגם ער גייט בגלוי ראש און טראָגט צומאָל נישט אַ באָרד. נישט געוווּסט אָבער האָט ער, ר' חיים שוחט, אַז אַחוץ עפשטיינען דאַרף ער אויך דאַנקען דער שיינער פאַננאַ העלענאַ, וועלכע האָט זיך נישט ווייניק געמיט, אַז זיין אברהמל זאָל אויסגעלייזט ווערן פון גויאישע הענט...

## קאַפּיטל 11

# די דירה

ר' יאָשקע פּאַדריאַטשיק מיט דער ברייט־צעקעמטער בלאָנדער באָרד, וועלכער איז אַ חשוב אין רבינס הויף און, להבדיל, ביי די פּאַנישע שררות, איז גערעכט געווען. פון דער מלחמה מיטן קיסר איז קיין גוטס נישט אַרויסגעקומען. ביטער האָבן באַצאָלט די אַלע, וועלכע האָבן זיך איינגע־רעדט, אַז זיי זענען שוין בייגעקומען פּאַניען.

פאַרן טויער פון ר' יאָשקע פּאַדריאַטשיקס הויז, אויף דער פּראָסטאַ גאַס, ליגט פויל אויסגעשפּרייט אַ גרויסער געלער כלב „דיאַבעל". שעהן לאַנג ליגט ער אַזוי האַלב דרימלענדיק, נישט רירנדיק מיט אַן אבר פון פוילקייט, און פּרעגלט זיך אין דער זון. די פליגן שפּאַצירן פּראַנק און

פריי איבער זיין פעל, פאַרקריכן אים אונטער די אויערן, קיצלען אים אונ־טער די פיאַטעס, פאַרקלייבן זיך חוצפּהדיק צו זיינע שליפּיעס, און „דיאַ־בעל" ליגט אַ גלייכגילטיקער און שטילער, אַ פוילער און לאָזט מיט זיך טון אַלץ, ווי ער וואָלט שוין זיין אַ פּגר. אַזוי ווייט אַז אַפילו די חדר־יינגלעך נעמען זיך אָן מיט קוראַזש און רייצן זיך מיט אים, ציען אים ביים אויער, קאַפּען אים מיטן פוס.

נאָר פּלוצים גיט זיך „דיאַבעל" — מ'ווייסט נישט פאַרוואָס און פאַר וועו — אַ ריס אויף אויף די פיס, טוט זיך אַזאַ צעשאָקל, אַז די פליגן צעפליִען זיך אין שרעק און טוט אַ לאָז אַרויס אַזאַ ביל, אַז די חדר־יינג־לעך שרייען „מאַמע" און פאַרגעסן אַפילו פון שרעק דעם פּסוק, וואָס איז אַ סגולה בדיקה קעגן בייזע הינט.

אַזאַ כלב איז פאָניע. ער, יאָשקע, ווייסט, וואָס ער רעדט. ער קאָן פאָניען נישט פון היינט. לעבט פויל אין רינשטאָק. דאַכט זיך שוין גאָר אַ פּגר. טו מיט אים, וואָס דו ווילסט, שטרייקן איז — שטרייקן. רויטע פענער איז — רויטע פענער. פאַרשייטע לידלעך — זאָל זיין פאַרשייטע לידלעך. קאָנסטיטוציע — איז קאָנסטיטוציע. שיסן אַ זשאַנדאַרם — שיס. די שליפּיעס האַלט ער צוגעמאַכט. זעט גאָרנישט, וואָס עס טוט זיך. זעט אַפילו נישט, ווי די יידעלעך האָבן זיך צעבריקעוועט. הפקר אַ וועלט, און עס גייט אַוועק אַ חודש און צוויי און דריי, אַ יאָר אַ גאַנץ. גיי און רוף בלויז דעם היצעל, די פעל פון אים אָפּצושינדן. אַז מען שמועסט אַ פּגר... נאָר אָט טוט ער זיך פּלוצים אַ שטעל אויף, גלייכט זיך אויס, טוט זיך אַ צעשאָקל, גיט אַרויס פון זיך אַ מריטש, ווי דאָס וואָיען פון אַ וואָלף און די „קנאַקערס" און „ל"ג בעומר־גבורים" צעלויפן זיך אין שרעק, ווי חדר־יינגלעך — גיי כאַטש און רוף צו הילף די מאַמע... נישט מער וואָס אַנטקעגן פאָניען קאָן די מאַמע בלויז קלאָגן און וויינען, בלויז שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט, בלויז פאַרשילטן אירע פינסטערע יאָרן.

אַזוי האָט ר' יאָשקע פּאָדריאַטשיק מיט שכל געגעבן צו פאַרשטיין, ווען פאָניע האָט זיך גענומען מאַכן אָרדענונג מיט די אַלע, וואָס עס האָט זיך זיי פאַרגלוסט מלחמה צו האַלטן מיטן קיסר. אין פּאַוויאַק איז נישט געווען מעגלעך אַפילו אַ שפּילקע אַריינצוּוואַרפן. צום ציטאַדעל האָבן שוואַרצע פאַרמאַכטע קאַרעטקעס געהאַלטן אין איין פירן מחנות „בונ־

טאָוושטשיקעס". גאַנצע צוגן האָבן זיך געשלעפּט טעג און נעכט איבער פעלדער און סטעפּעס צו דעם ווייטן און קאַלטן סיביר. און די מענטשן אין די פאַרהאַמערטע וואַגאָנעס האָבן אפילו נישט געטאָרט צוגיין צום פענסטער אַ קוק טון צום לעצטן מאָל אויף דעם פאַרוויינטן פּוילישן הימל, זיך געזעגענען מיט דער. אין ווייסן איינגעהילטער, בעריאָזע, שיקן אַ לעצטן „זיי געזונט" מיטן ווינט טאַטע־מאַמע, וואָס זיצן פאַרשטיינערט ביים טיש און וואַגן זיך נישט צו קוקן אין די אויגן.

די קלוגע און פּראַקטישע מענטשן האָבן צוריק באַקומען קוראַזש און לשון. אין די אויף טוואַרדע האַלב טונקעלע עס־שטובן מיט די ווע־נעצקע פענסטער און אין די שיינע סאַלאָנען, אין די אויאַזדאָוואַ אַלעען זענען זיי איצט ברייט געזעסן און גערעדט הויך און זיכער. מ'מוז דאָס יונגוואַרג צוריקנעמען פעסט אין דער האַנט. גענוג געפּוּסט און פּאַסטע־וועט. צייט אָן ענדע צו מאַכן צו די אַלע נאַרישע חלומות. גענוג געשפּילט זיך ווי קינדער אין מלחמה מיטן קיסר. די ראָמאַנטישע צייטן פון די פּאַוסטאַניעס וועלן שוין תחית המתים נישט אויפשטיין. זאָלן די דיכ־טער עס באַזינגען. זאָלן די שרייבער עס באַשרייבן. עס איז זייער פיין צו לייענען. נאָר צום פּראַקטישן לעבן האָט עס נישט. די דאַמף־מאַשין האָט דאָס לעצטע וואָרט. און דאָס אַנטשיידענע וואָרט. צו דער אַרבעט, אַלזאָ, יונגעלייט. צו דער אַרבעט. שטעלט פאַבריקן. ברענגט פון אויס־לאַנד נייע מאַשינען. לאָזט אייך אַוועק אין די גרויסע רוסישע מערק. און חתונה מאַכן קינדער דאַרף מען. מאַכן זיי פאַר לייט. און דער עיקר — לעבן רואיק און שטיל.

אויף פאַרשידענע לשונות האָבן די דאָזיקע פּראַקטישע און קלוגע מענטשן גערעדט. טייל פון זיי האָבן גערעדט אַ פיינעם ליטעראַרישן פּויליש מיט ציטאַטן פון באַרימטע געלערנטע, מומחים פון סאָציאָלאָגיע און פילאָזאָפיע, אַנדערע האָבן גערעדט אַ זאַפטיקן וואַרשעווער יידיש, פאַר־פלאָכטן מיט פסוקים פון חומש און מאמרים פון דער גמרא. זיי האָבן איינער פון אַנדערן מסתמא נישט געוווּסט און דאָך האָט עס אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן זיך געהאַט צונויפגערעדט, אַזוי ענלעך זענען געווען זייערע רייד. אַ טייל האָט געפאָלגט און געוואָרן לייט. אַ טייל האָט פאַרגרעסערט די מחנה פון דער גאָלדענער יוגנט און געפונען אַ טרייסט אין די נאַכט־

לאָקאַלן און קאָרטן־שפּיל. נאָר גאַנץ ווייניקע זענען געבליבן טויב און שטום צו די פּאַרנונפטיקע און קלוגע רייד. פּאַרביסנקייט און עקשנות זענען געלעגן אין זייערע פינסטערע בליקן, און זייערע מײַלער זענען געװען פאַרשלאָסן, ווי זיי וואָלטן אַ נדר געטון צו שווייגן.

די שטיבער אויף דער גרינער גאַס זענען געשטאַנען פּוסט און ליידיק. די שמירה פון דער פּאַננאַ העלענאַ איז אויך שוין געווען צו ווייניק.

ספּעציעלע שמעק־הינט פון צאַרס רעזידענץ זענען אַראָפּגעקומען אין דער ווייסל־שטאָט און זיי האָבן געטון זייער זאַך אַזוי שטיל און געהיים, אַז דער גראָבער מייער האָט קוים אין דער לעצטער מינוט זיך דערוווסט און געהאַט צייט צו וואָרענען די שיינע פּרימאַדאָנע.

אַ בלייכע איז די פּאַננאַ העלענאַ צוגעפאַלן צום טעלעפאָן און נישט געקאָנט זיך דערקלינגען צו עפּשטיינען. דער פּאָרהאַנג אין טעאַטער האָט זיך שוין באַדאַרפט אויפהייבן, דער רעזשיסער יאַנקאָווסקי האָט עלעגאַנט דערלאַנגט דעם אָרעם דער רייצנדיקער אַרטיסטין און געוואָלט זי צופירן צו דער סצענע און — איז מיט שרעק אָפּגעשפּרונגען. העלענאַ האָט אים געגעבן גאָר נישט קיין איידעלן שטויס און האָט זיך געלאָזט לויפן איבער די קוליסן.

פּאַננאַ העלענאַ! — האָט דער אַלטער יאַנקאָווסקי געפּרוווט איר נאָכלויפן, זיכער אַז דער שטערן פון דער אָפּערעטע איז אַראָפּ פון זין.

העלענאַ האָט אים נישט געהערט. ווי אַ שטורעם איז זי אַרויסגעפאַלן פון טעאַטער, איז אַריינגעפאַלן אין אַ דראָזשקע און באַפוילן דעם פורמאַן צו טרייבן דאָס פערד.

דורך דער הינטער־טיר איז זי אַריין אין עפּשטיינס געשעפט און נישט קאָנענדיק כאַפּן דעם אָטעם, אים איבערגעגעבן דאָס, וואָס ער האָט באַדאַרפט וויסן.

מיט גאַנצע פופצן מינוט פאַרשפּעטיקונג האָט דער פּאָרהאַנג אין טעאַטער זיך אויפגעהויבן אין דער אָוונט. דער אַלטער יאַנקאָווסקי האָט זיך די לעצטע האָר פון קאָפּ געריסן. אָבער עפּשטיין האָט נאָך געהאַט צייט צו באַזאָרגן, וואָס מען דאַרף. די גרינע גאַס איז אין דער לעצטער מינוט אָפּגעראַטעוועט געוואָרן.

נישט יעדן טאָג אָבער טרעפן זיך ניסים. נישט יעדן אָוונט קאָן די

פאננא העלענא לאָזן ווארטן א פול טעאטער. האָט מען אויף דערווייל אויפגעהאָנגען א שלאָס אויף דער גרינער גאַס. און דער דערווייל האָט זיך געצויגן לאַנג, זייער לאַנג. חדשים גאַנצע.

די גרינע גאַס איז געשטאָרבן. איז אויסגעגאַנגען שטיל, ווי א ליכט. און קיינער האָט אפילו נישט באַוויינט איר טויט, קיין הספד נישט געהאַלטן און קיין קדיש נישט געזאָגט.

מ'האָט אויפגעהערט טראַכטן וועגן איר. מ'האָט כמעט ווי פאַרגעסן, אַז זי האָט עקזיסטירט.

עפּשטיין און זיינע פריינט האָבן זיך צוגעוווינט וואָס אמאָל מער צו טרעפן אין קאַפע, אין פאיע פון גרויסן טעאַטער און אין דעם טומלדיקן זאַל פון דער בערזע אויף דער קרולעווסקע. נאָר זעלטן, ווען מען איז געווען אין שטימונג, האָט מען, ווי נאָך א מת, לייכט אָפּגעזיפצט: „געדענקסט, יענע אָוונטן פון דער גרינער גאַס?... יאָ... א פיינע צייט געווען...״

דאָס איז געווען אַלץ. אויף לאַנגע טראַכטענישן איז קיין צייט נישט געווען. די נייע פירמע האָט אין איר רשות גענומען אַלע כוחות, די גאַנצע ענערגיע און אויפמערקזאַמקייט און דניאל עפּשטיין האָט מיט צופרידנהייט דערפילט אַלע אירע פאַדערונגען.

דער איינציקער, וואָס האָט לאַנג און אויפריכטיק באַדויערט די גרינע גאַס, איז געווען דער אַלטער הויז־וועכטער וואַלענטי. מיט טויטע קללות האָט ער געשאָלטן די „נייע פאַזשאַנדקעס״, צוליב וועלכע ער האָט פאַרלוירן זיין פרנסה פון עפענען דאָס טויער פאַר די „פאַנעס״, וועלכע זענען געווען נאָך ביים טויער אַזוי פאַרטון אין שמועס, אַז זיי האָבן אים געגעבן א גאַרשט קליינגעלט, נישט ציילנדיק צומאָל...

איין מענטש אָבער איז געווען, וועלכער איז אין האַרצן געווען צופרידן פון דעם אומגליק, וואָס האָט פאַסירט מיט דער גרינער גאַס. דאָס איז געווען דניאל עפּשטיינס פרוי, די שטילע בערטאַ.

מיט א שטיל, רואיק, אויסגעבלייכט פנים, מיט אויגן עטוואָס גרינלעכע, שטילע און רואיקע, מיט א גלאַט צוגעקעמטן קאָפּ בלאָנדע האָר, האָט זי זיך שאַרכלאָז אַרומגעטראָגן איבער אירע גרויסע שטיבער. זי איז געווען אומעטום. זי האָט אַלץ געטון. זי איז געווען אין דער קינדער־

שטוב און אין דער קיך, אין עס־צימער און אין דער סאלע, און האָט נאָך געהאַט צייט צו רעדן מיט די ווייבער, וועלכע זענען געקומען נאָך אַ נדבה. זי איז שטענדיק געווען גרייט, ווען עפּשטיין האָט געוואָלט גיין אין טעאַטער און האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרשפּעטיקט, ווען איר מאַן האָט זיך אָפּגערעדט צו טרעפן אין שטאָט. און געטון האָט זי אַלץ מיט אַזאַ רואיקייט און שטילקייט, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ טוט זיך אַליין, ווי זי, בערטאַ וואָלט זיך אין שטוב נישט געפונען...

בערטאַ אַליין האָט זיך אַזוי צוגעוווינט צו איר צוריקגעהאַלטנקייט, אַז זי האָט געמיינט, אַז אַנדערש קאָן עס גאָרנישט זיין. טיילמאָל האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז צופרידן און גליקלעך, וואָס מ׳זעט זי אין שטוב ווי נישט אָן.

אַמאָל אָבער איז איר בלייך פּנים נאָך בלייכער געוואָרן. עס פלעגט זיך איר דאַמאָלס דאַכטן, אַז אויך פאַר איר אייגענעם מאַן עקזיסטירט זי נישט. ער זיצט מיט איר ביי איין טיש און זיינע אויגן וואַנדערן עפּעס אין דערווייטן, זיינע אויגן זעען זי נישט, שטעלן זיך נישט אָפּ אויף איר, ווי זי וואָלט זיך אין שטוב נישט געפונען. אפילו ווען ער רעדט צו איר, קומט איר פאָר, אַז ער זעט זי נישט.

בערטאַס פּנים ווערט אין אַזאַ מינוט בלייך, זייער בלייך. זי דער־שטיקט אין זיך דעם ווייטיק. ניין, ניין, זי האָט נישט צו דניאלן קיין טענות. זי קאָן גאָרנישט צו אים האָבן. ער טוט אַלץ, וואָס אַ מאַן דאַרף טון. זי האָט פון אים געבוירן שוין דריי קינדער, וואָס פילן אָן מיט וואַ־רימקייט די שטוב. ער האָט נאָך אַ הויך וואָרט צו איר נישט גערעדט. איז וואָס קאָן זי צו אים האָבן? בערטאַ ווייסט, אַז זי איז נישט גערעכט, אָבער זי קאָן זיך נישט העלפן. אין האַרץ פרעסט אַ שווערער שטיין. און טיילמאָל, ווען זי זיצט האַרט נעבן אים, קאָן זי זיך נישט באַפרייען פון געפיל, אַז דניאל זעט זי נישט, אַז פאַר אים עקזיסטירט זי נישט...

טיילמאָל דאַכט זיך איר, אַז שולדיק זענען די געשעפטן, וואָס ווערן וואָס אַמאָל גרעסער. די נייע פירמע צעוואַקסט זיך מיט יעדן טאָג אַלץ מער. „גאַנץ וואַרשע״ רעדט שוין פון עפּשטיינס הויז. בערטאַ אַליין פרייט זיך נישט מיט דעם דערפאָלג פון דער נייער פירמע. פאַרקערט, אָפט קומט איר פאָר, אַז די פירמע איז איר פערזענלעכער שונא, אַז באַלד ווען די

פאַרצווייגטע עסקים אינגאַנצן איר צורויבן דניאלן, אַז ער וועט אינגאַנצן פאַרלוירן גיין פאַר איר.

טיילמאָל איז זי בייז אויף דער „גרינער גאַס". עס דאַכט זיך איר, אַז די רעשטלעך, וואָס די פירמע לאָזט איבער, פאַרשלינגט די גרינע גאַס.

בערטאַ שאַצט אפילו אָפּ די אַרבעט פון איר מאַן פאַר דער גרינער גאַס. טיילמאָל גייט זי מיט אים מיט אויף די אסיפות און הערט זיך צו צו די הייסע וויכוחים. זי ווייסט זייער גוט, אַז די פרויען פון אַנדערע לײַדן פיל מער צוליב די ענינים פון דער גרינער גאַס. זי ווייסט, אַז אַנ־דערע מענער זיצן אין די טורמעס אָדער ווערן גאָר פאַרשיקט קיין סיביר. יאָ, זי פאַרשטייט דאָס אַלץ, זי ווייסט דאָס אַלץ. זי זידלט זיך אַליין פאַר אירע נאַרישע איינרעדענישן און עגאָאיזם. זי קאָן זיך אָבער נישט העלפן. זי פילט זיך פאָרט געקריוודעט פון דער גרינער גאַס. זי באַהאַלט שטיל אין זיך איר ווייטיק, אַזוי אַז קיינער זעט נישט און אַנט נישט.

און אַזוי שטיל איז אויך געווען איר פרייד, ווען פון דער גרינער גאַס איז געבליבן בלויז אַ גוטע דעראינערונג. עפּשטיין האָט די אָוונטן אָפּטער פאַרברענגט אין שטוב, דאָס יונגוואַרג האָט פריילעך און מיט געלעכטער זיך געשפּילט מיט זיינע ברילן און גאָלדענעם זייגער. אַ ליכטיקע רויטקייט האָט דאַמאָלס אַרויסגעשלאָגן אויף בערטאַס בלייך געזיכט און איבער איר מויל האָט זיך פאַרצויגן אַ גוטער מילדער שמייכל.

אין איינעם פון די דאָזיקע שטילע, רואיקע אָוונטן איז דער גימ־נאַזיע־לערער שטרוים, מיט דער גרויסער שוואַרצער טשופּרינע, וועמענס מויל עס האָט אויף דער גרינער גאַס געשפּריצט מיט פייער, געקומען צו גאַסט צו די עפּשטיינס.

דניאל עפּשטיין האָט פון פאַרוואונדערונג אַ ציי געטון מיטן אַקסל. ער האָט געוווסט, אַז שטרוים האָט נישט ליב די גבירים, אפילו ווען זיי חברן זיך מיט דער גרינער גאַס. ער האָט נישט צו זיי קיין צוטרוי. ער גלויבט נישט אין זייער פּראָלעטאַרישער ליבע און האַלט, אַז מען דאַרף זיי גוט קוקן אויף די פינגער, אפילו ווען זיי טוען אַ גוטע זאַך. ס'ערשטע מאָל וואָס ער קומט אַרויף צו עפּשטיינען...

פון בערטאַס מויל איז פאַרשוווּנדן דער גוטער שמייכל. איר פּנים

איז געוואָרן בלייך און אָנגעצויגן. וואָס וויל דאָ דער שליח פון דער גרינער גאַס? קומט ער אָנזאָגן, אַז זי שטייט אויף תחית המתים?...

זי באַרואיקט זיך באַלד, דער גימנאַזיע־לערער שטרוים האָט איצט נישט אין זין די גרינע גאַס. ער האָט איצט אַנדערע דאגות. ער זופּט האַסטיק די טיי, בריט זיך די ליפּן און פּילט עס אפילו נישט. מיט וויקטאָרן איז שלעכט. די הינט וועלן זיך אַ ליאַדע מינוט אויף אים וואַרפן. זיי נעמען אים אַרום וואָס אַמאָל ענגער. און די צרה איז, וואָס ער איז קראַנק. דורכגעשאָסן. דאַרף זיך קורירן און קאָן נישט עוקר זיין. דערווייל קאָן גאָר קיין רייד דערפון נישט זיין.

ער, שטרוים, האַלט נישט פון וויקטאָרס דרכים. ער האַלט זיך ביי ס'זייניקע. די אַלע פּריציש זינדלעך פאַרשטייען נישט מאַרקסן. האָבן נישט די מינדעסטע אנונג וועגן אמתן פּראָלעטאַרישן קאַמף. עס ליגן נאָך זיי אין די קעפּ פּריצישע פאַנטאַזיעס. זיי מיינען נאָך אַלץ צו זיגן מיט די אַלטע פּאַווסטאַניע־מעטאָדן. באַפאַלן אונטער וואַרשע אַ לאַסט־וואַגאָן. ליקווידירט די וואַך און צוגענומען די קאַזנאַ־געלטער. וויקטאָר האָט אָנגעפירט און פאַרוואונדעט געוואָרן. ער, שטרוים, וועט פאָדערן אַ סוף צו די מעטאָדן. ער וועט דעם ענין אוועקשטעלן אין „צעק" מיט דער גאַנצער שאַרפקייט. דערווייל אָבער מוז מען ראַטעווען. די אַנדערע זענען שוין באַזאָרגט. זענען אַריבער אויף „יענער זייט". איין וויקטאָר איז געבליבן. מיט אַ דורכגעשאָסענעם פוס קאָן מען נישט אַריבער די גרעניץ. מ'האָט אים שוין אַ פּאָר מאָל איבערגעפירט פון איין דירה אין די אַנדערע. פאַרדעכטיקע פאַרשוינען האָבן אים אויפן אויג...

איז אים, שטרויסן, דעריבער איינגעפאַלן: אפשר ביי אים, ביי עפּשטיינען?... דער אייגנטימער פון דער נייער פירמע איז דאָך אויסער יעדן חשד... די צאַרישע הינט וועט דאָך נישט איינפאַלן אַ שמעק צו טון אין אַזאַ הויז...

שטרוים וואַרפט אַ שאַרפן בייזלעכן בליק אויף עפּשטיינען. ער בעט, אים נישט שלעכט צו פאַרשטיין. ער וויל גאָרנישט איינרעדן, אַז די זאַך איז נישט פאַרבונדן מיט געפאַר. פאַרקערט. לויט זיין מיינונג איז די סכנה נישט קליין. דער רוח ווייסט זיי, די כלבים!... אפשר זענען זיי שוין אויף וויקטאָרס שפּורן... אפשר וואַרטן זיי בלויז, כדי פרישע מענטשן

אריינצוציען. עפּשטיין אַליין זאָל זיך אַנטשלאָגן!... יאָ, פאַרגעסן צוצו־געבן, אַז וויקטאָרס פּאַפּירן זענען אין אָרדענונג. ער הייסט עפּשטיין, אַ סוחר פון לובלין... און אַן אייגענער דאָקטאָר איז פאַראַן. דער יונגער מיכאַלסקי וועט יעדן טאָג אַרויפקומען און טון אַלץ, וואָס מען דאַרף. אַ געפאַר אָבער איז, פאַרשטייט זיך, פאַראַן אין ערנסטע...

עפּשטיין וואַרפט צו זיין פרוי אַ לאַנגן נישט אַנטשלאָסענעם בליק. ער שווייגט, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף בערטאַס ענטפער.

בערטאַס מויל צעשמייכלט זיך. אירע גרינע אויגן לייכטן אויף. ס'דאַכט זיך איר, אַז דניאל האָט זי צום ע ר ש ט ן מ אָ ל דערזען, צום ערשטן מאָל געזוכט איר עצה און הילף, צום ערשטן מאָל זיך אי־בערגעגעבן אין אירע הענט און געוואַרט אויף איר ענטפער.

זי ענטפערט אים אָפּ מיט אַ באַרואיקנדיקן שמייכל און אַזוי רואיק זענען אויך אירע ווערטער. זאָל ער אַרויפקומען, וויקטאָר. עס וועט אים דאָ גאָרנישט פעלן. ער זאָל קומען מיט אַ וואַליזע ווי פון דער באַן. אַ וו״יטער קרוב געקומען פון לובלין זיך היילן אין וואַרשע. די שטוב־מענ־טשן מוזן דאָך וויסן...

דניאל עפּשטיין רייבט מיט אַ טיכעלע די דיקע גלעזער פון זיינע ברילן, וואָס ער טוט שטענדיק אין מינוטן פון נערוועזקייט. שטרוים שטרעקט אויס זיין האַריקע האַנט צו בערטאַן.

מיט נישט געשיקטער פּאַרזיכטיקייט דערהויבט ער אירע לאַנגע דינע פינגער צו זיינע ליפּן. ער געזעגנט זיך. מען דאַרף גלייך די זאַך דערלויי־דיקן. יעדע מינוט קאָן זיין צו שפּעט...

עטלעכע וואָכן האָט דער גאַסט פאַרברענגט אין עפּשטיינס דירה.

מיט אַ בלייך לענגלעך פּנים, אַרומגענומען מיט אַ פּעך־שוואַרצער באָרד, מיט אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע טרויעריקע אויגן האָט וויקטאָר דער־מאָנט נישט אַ מורד במלכות, נאָר אַ ישיבה־בחור, וועלכער זיצט יומם ולילה איבער דער גמרא. און ווען עמיצער קומט דערציילן, אַז זיין ווינקל איז געשטאַנען אין פּירשטלעכן פּאַלאַץ, וואָס זיין יחוס ציט זיך אַזש צו די פּוילישע מלכים, וואָלט מען אים נישט גאַנץ העפלעך געבעטן, נישט צו פאַרדרייען ערנסטע מענטשן דעם קאָפּ מיט נאַרישע וויצן.

עפּשטיין האָט זיך מיט וויקטאָרן צונויפגעטראָפן אין אָוונט, און

אָפּט אויך דאָס נישט. וויקטאָר איז געווען בערטאַס גאַסט. זי האָט זיך צו אים באַצויגן אַזוי, ווי מ׳האָט אַמאָל אין אַ יידישער שטוב באַהאַנדלט אַן אייגענעם מענטש. נישט געצאַצקעט זיך מיט אים, נישט אַרומגעטאַנצט אַרום אים, נישט אַרויסגעוויזן צופיל אייפער און געטריישאַפט. און אַז מען וויל זיין גאַנץ גענוי, מוז מען צוגעבן, אַז בערטאַ האָט זיך כמעט נישט אָפּגעגעבן מיט איר גאַסט, האָט זיך געפירט אין שטוב אַזוי, ווי זי וואָלט קיין גאַסט נישט געהאַט, האָט געטון איר אַרבעט, ווי שטענדיק, האָט וויקטאָרן געלאָזט זיצן ביי זיך אין שטוב גאַנצע טעג, און נישט פאַרברענגט מיט אים און כמעט ווי נישט גערעדט.

נאָר געמאַכט האָט זי עס עפּעס אַזוי, אַז דער שטענדיק פאַרשלאָסענער אין זיך וויקטאָר האָט גראַד אין עפּשטיינס שטוב זיך געפילט היימיש, ווי אַ בן־בית. זיין אייביק פאַרכמורעט געזיכט האָט עפּעס ווי אויפגעטאַיעט און זיינע שוואַרצע טרויעריקע אויגן האָבן אפילו גענומען שמייכלען, ווי נאָר זיי האָבן נעבן זיך דערזען בערטאַן. און ווען ער האָט זיך אין לעצטן אָוונט געזעגנט, האָט זיין שטים געקלונגען מאָדנע ווייך און זאַנפט.

ער וועט קיינמאָל אין זיין לעבן נישט פאַרגעסן די טעג און נעכט, וועלכע ער האָט אונטער ד ע ם דאַך פאַרברענגט. אַזאַ וואַרימקייט פון אַ שטוב האָט ער געפילט נאָר דאַמאָלס, ווען ער איז נאָך גאַנץ יונג געווען, ווען זיין מוטער האָט נאָך געלעבט. עס איז אים ווי שווער געווען ווייטער צו רעדן, ער האָט בלויז לאַנג און וואַרים געדריקט עפּשטיינס האַנט און ווי מיט יראת הכבוד צוגעטראָגן בערטאַס האַנט צו זיין מויל...

פון דאַמאָלס אָן איז עפּשטיינס דירה פאַרוואַנדלט געוואָרן עפּעס ווי אין אַן אינסטיטוציע פון גיכער און זיכערער הילף.

דער גימנאַזיע־לערער שטרוים איז געוואָרן כמעט אַן אייגענער אין עפּשטיינס שטוב. ער האָט זיך אויפגעהערט בייזערן, ווען בערטאַ איז געזעסן ביים טיש. און יעדעס מאָל נאָך זיין קומען האָט אַ פרישער אורח זיך באַוויזן אין עפּשטיינס דירה.

אַמאָל איז עס געווען אַ גאַסט, וועלכן מ׳האָט באַדאַרפט משלח זיין, און אַמאָל אַ שליח פון „יענער זייט״. אַמאָל איז עס געווען אַ יונגערמאַנטשיק, וואָס דער טאַטע זיינער האָט נאָך געטראָגן אַ שוואַרצע געהאַקטע

קאפאָטע און אמאָל — א זון פון א בייזן פּוילישן פריץ, צו ווען א ייִד מעג אָנקומען נאָר דורך דער קיך־טיר. אמאָל א ברייטפּלייציקער און א ברייטפּנימדיקער קאצאפּ און אמאָל גאָר א שווארץ פלינק פארשווינדל, מיט וועלכן עס איז נישט לייכט געווען זיך צונויפצורעדן, און די עפּשטיינס האָבן אים געמוזט בעטן, אז ער זאָל רעדן לאנגזאמער, ווייל לייי דער זענען זיי נישט אזוי „פּאן־בראט" מיט פראנצויזיש לשון. אמאָל איז עס געווען א גאַסט אויף איין נאכט און אמאָל אויף טעג און וואָכן נאָכאַנאַנד.

עפּשטיינען האָבן די געסט נישט געשטערט אין זיינע עסקים. זיי האָבן געהערט צו בערטאַן און ער האָט געוווּסט, אז מען מעג זיך אויף איר פארלאָזן. ער האָט אויך געוווּסט, אז ווען נישט בערטאַ, וואָלט דער גאַנצער עסק נישט געקאָנט צושטאַנדקומען. ער האָט געוווּסט, אז די „דירה" האַלט זיך נאָר אויף די שמאָלע פּלייצעס פון דער שטילער בערטאַ, וואָס איז שוין זינט יאָרן זיין ווייב, וואָס האָט אים געבוירן דריי שיינע און געזונטע קינדער און דאָך האָט ער, איר מאַן, ערשט איצט ווי אַנטפּלעקט זיין פרוי.

און עפּעס מאָדנע איינפאַלן האָט זי געהאַט. איינפאַלן, וואָס האָבן עפּשטיינען געשראָקן און מיטגעריסן גלייכצייטיק.

— דער שטאַרקסטער סוד —האָט זי איר האַנט אַרויפגעלייגט אויף עפּשטיינס אָרעם און רואיק געשמייכלט— איז, ווען ער איז אינגאַנצן קיין סוד נישט. ווען מען האַלט זיך נישט אין איין היטן, און אין איין שושקען אין דער שטיל, ווען מען מאַכט נישט קיין „שאַ"...

און זי האָט אויך אזוי געטון. זי האָט געלאַדן צו זיך אירע פריינדינס גראָד אויף אַזעלכע אָוונטן, ווען אין איר שטוב האָבן זיך געפונען די געפערלעכסטע געסט, זי האָט נישט אָפּגעלאָזט עפּשטיינען, ביז וואַנען ער האָט נישט גערופן אויך צו זיך זיינע באַקאַנטע וואַרשעווער סוחרים.

אין די אָוונטן האָט מען אין עפּשטיינס שטוב פיין פאַרברענגט די צייט, מען האָט געלאַכט און זיך געוויצלט און געטרונקען טיי מיט קאָנפיטורן און גאַנץ אָפט געמאַכט אויך א היימיש סוחריש קערטל...

— דו שפּילסט זיך מיט פייער — האָט עפּשטיין געוואָרנט זיין פרוי.

— זיי רואיק, מיין טייערער —האָט בערטאַ פאַרזיכערט איר מאַן—

עס שטייט ביי קיינעם גאָרנישט אָנגעשריבן אויפן שטערן... אונדזערע געסט דאַרפן נישט וויסן קיינעם אַ פּאַטענט און קאָנען גאַנץ רואיק אָנגיין פאַר אונדזערע געשעפטס־פריינט אין גרויסן רוסלאַנד.

עפּשטיין האָט זיך געקווענקלט, אָבער געמוזט שפּעטער מודה זיין, אַז בערטאַ האָט רעכט.

די פּרימאַדאָנע פון דער פּוילישער אָפּערעטע האָט נישט ווייניק זיך באַשעפטיקט ביים אַרויספּטרן בשלום עפּשטיינס געסט. זי האָט געברענגט די ידיעות, ווען מען „זיי האָבן אויפן אויג" און זיך אויך געפּאָרעט ביים שאַפן די כשרות־פּאַפּירן.

אָבער ווי קומט עפּעס אַן אַרטיסטין אין דער שטוב פון אַ גזשי־באָווער סוחר? צי וועט עס נישט אַרויסרופן אַ חשד?

בערטאַ האָט געגעבן צו פאַרשטיין איר מאַן, אַז אויב מ'וויל אויס־מיידן פאַרדאַכטן, איז נישטאָ קיין אַנדערער אויסוועג, ווי זיך אָנהייבן בכלל חברן מיט דעם אַרטיסטן־עולם. זאָלן זיי אַרויפקומען און צוזאַמען פאַרברענגען מיט די גזשיבאָווער סוחרים, דאַמאָלס וועט מען קאָנען אומ־געשטערט רעדן מיט דער פּאַננאַ העלענאַ.

אַדעק ווישינסקי איז פון דעם אויפטו געווען באַגייסטערט.

— מירן עפענען אַ „סאַלאָן" — האָט ער עפּשטיינען געקלאַפּט אי־בער דער קני — מיר ווערן מיט מענטשן גלייך... אין אייראָפּע איז די בורזשואַזיע שוין פון לאַנג דער פּראָטעזשע פון דער קינסטלער־וועלט...

— דו פאַרגעסט — האָט אים עפּשטיין איבערגעריסן — אַז מיר פירן אַ רעוואָלוציאָנערן קאַמף...

— אין פּאַריז און אין בערלין — האָט ווישינסקי גערעדט מיט באַגייסטערונג — האָבן די סוחרים און פאַבריקאַנטן שוין זייט לאַנג סאַ־לאָנען... וועסט זען, דאַניעלו קאַכאַני, בערטאַ וועט פיין פירן דעם סאַלאָן אונדזערן און די אַרטיסטלעך וועל איך שוין מיט העלענקאַ דיר ברענגען!...

און ער האָט זיי טאַקע געברענגט.

עפּשטיין האָט איצט געהאַט די מעגלעכקייט אין זיין אייגענער שטוב צו פאַרברענגען מיט די גרויסע בינע־שטערנס, וועלכע ער האָט אַמאָל, אין ר' לייזערס צייטן, באַוווּנדערט פון דער גאַלעריע. די אַרטיסטן זענען נישט געקומען אַליין... זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך די שרייבער און

די דיכטער און די צייטונגס־מענטשן. א פריילעכע כאַליאַסטרע געווען.
און עס איז שווער געווען צו זאָגן, ווען און ביי וועמען די שטילע און
צוריקגעהאַלטענע בערטאַ האָט זיך אויסגעלערנט אומצוגיין מיט אַזאַ עולם.

אַליין האָט זי זיך געהאַלטן ווי אין שאָטן, און גלייכצייטיק געווען
אומעטום: ביי אירע פריינדינס, וואָס די קנאה האָט זיי אויפגעגעסן, ביי
די שווערלייביקע גזשיבאָווער סוחרים, וואָס האָבן זיך געריסן צו ווערן
מיט לייטן גליך און ביי די מאָדנע פאַרשוינען מיט לאַנגע האָר, וואָס
מאַכן חוזק פון זיך און פון דער גאַנצער וועלט.

די ערנסטע גזשיבאָווער סוחרים האָבן מיט מורא און פאַרדאַכט
געקוקט אויף דער כאַליאַסטרע און די פריילעכע זאַרגלאָזע קבצנים האָבן
מיט ביטול זיך באַצויגן צו די געלט־זעק.

בערטאַ האָט אָבער פאַרשטאַנען ווי אַזוי צונויפצוברענגען די ביי־
דע פיינטלעכע מחנות און געהיטן, אַז עס זאָל צווישן זיי נישט קומען צו
קיין צוזאַמענשטויסן. אירע אמתע געסט האָט זי אין אַזאַ אָוונט כמעט
ווי נישט באַמערקט. זיי זענען ווי פאַרלוירן געגאַנגען צווישןביידע לאַ־
גערן. פונדערווייטנס האָט זי זיי בלויז אַמאָל צוגעוואָרפן אַ שמייכל, און
זיי האָבן איר אויך מיט אַ שמייכל אָפּגעענטפערט.

עפּשטיין האָט אַ פאַרחידושטער געקוקט אויף זיין בערטאַ און נישט
פאַרשטאַנען, ווי אַזוי זי ווייסט דאָס אַלץ צו מאַכן. אדעק ווישינסקי האָט
זיך געפריידט מיט בערטאַס דערפאָלג, ווי ער וואָלט געווען זיינער און קלאַ־
פּנדיק עפּשטיינען איבער דער קני, אים פאַרזיכערט, אַז דאָס מין ווייבער
איז אַזאַ „פאָלק", וואָס איז אויף אַלעם פּעאיק.

וועגן עפּשטיינס „סאַלאָן" האָט מען אָנגעהויבן רעדן אין וואַרשע,
אַפילו צווישן די הויכע באַאַמטע אין נאַמעסטניק־פּאַלאַץ, מיט וועלכן די
נייע פירמע איז געשטאַנען אין ענגע געשעפטלעכע פאַרבינדונגען. איינ־
מאָל איז עפּשטיין אַהיימגעקומען אַ בלייכער און צעטראָגענער.

— וואָס איז געשען? — האָט בערטאַ דערקענט, אַז עפּעס נישט
אָנגענעמעס האָט פּאַסירט.

— אַ ביטער עסק! —האָט עפּשטיין אַרויסגענומען אַ טיכעלע און
גענומען רייבן די דיקע גלעזער פון זיינע ברילן— איך מיין, אַז דו וועסט
מוזן שליסן דיין סאַלאָן...

— אָבער וואָס איז געשען?

— עס איז געשען דאָס, וואָס האָט געמוזט געשען, אויב מען איז נישט פּאָרזיכטיק... די קאַצאַפּעס האָבן מיר געגעבן אָנצוהערן, אַז זיי וואָלטן גערן אָנגענומען אַן איינלאַדונג אויף אונדזערע אָוונטן, און איך ווייס נישט, ווי אַזוי מ׳דרייט זיך פון דעם עסק ארוים.

— וואָס דאַרפסטו זיך ארויסדרייען —האָט בערטאַ זיך נישט אײַ־בערגענומען מיט איר מאַנס זאָרג— לאָז זיי טאַקע איין.

— איך פאַרשטיי דיך נישט, בערטאַ —האָט עפּשטיין זיך אַ ריס געטון פון אָרט— דו האָסט אפנים פאַרגעסן, וואָסערע געסט זיי וועלן ביי אונדז טרעפן...

— איך געדענק זייער גוט, דניאל!... —איז בערטאַ געבליבן רואיק— איך געדענק אָבער אויך, וואָס מיר האָבן גערעדט, אַז אויף די שטערנס פון אונדזערע געסט שטייט גאָרנישט אָנגעשריבן...

בערטאַ האָט גערעדט רואיק, ווי די דאגה פון איר מאַן וואָלט זי נישט אָנגעגאַנגען. זייער פיין, וואָס זיי ווילן ארויפקומען. פּאַרקערט. עס וועט נאָך זיין אַ טובה. אונדזער דירה וועט שוין זיין אַזוי כשר, אַז קיינער וועט נישט מער וואָגן צו האָבן דעם מינדסטן חשד. אדרבה, זאָל דניאל גלייך איינלאַדן די קאַצאַפּעס...

בערטאַס רואיקייט האָט אויך געווירקט אויף עפּשטיינען. ער האָט אפילו אַ שמייכל געטון. זי, בערטאַ, האָט זיך לעצטנס געמוזט אָנלייענען מיט דעטעקטיוו־ראָמאַנען און דעריבער קומען איר מסתמא אַזעלכע געדאַנקען אין קאָפּ. אין לעבן זעט עס אָבער אויס אַנדערש ווי אין שער־לאָק כאָלמס מעשיות. מען טאָר אויף זיך אַזאַ ריזיקע נישט נעמען. מען מוז ארויסרופן שטרויסן. יעדנפאַלס אַן אים טאָר מען געוויס אַזאַ זאַך נישט טון.

נאָך אין דעם זעלבן אָוונט איז דער גימנאַזיע־לערער שטרויס געזעסן ביי די עפּשטיינס און ווי זיין שטייגער געזופּט האַסטיק די הייסע טיי, ברענענדיק זיך די ליפּן. ער האָט וואַרים געשמייכלט, קוקנדיק אויף בערטאַן. ניין, לויט זיין מיינונג, איז נישטאָ וואָס זיך צו שרעקן. אַ פּאַ־נישע „מזוזה״ ביי דער טיר איז אַ טייערע זאַך. מאַדאַם בערטאַ האָט רעכט. עפּעס בעסערס האָט מען זיך גאָרנישט געקאָנט ווינטשן...

די קאַצאַפּעס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין בערטאַס „סאַלאָן“. אירע פריינדינס האָבן שטעכיק צו זיך געשמייכלט. ווי כיטרע די שטילע בערטאַ איז. ווי אויסגערעכנט... חברט זיך כלומרשט מיט קינסטלער און מיינט דער עיקר דעם מאַנס געשעפט. אַריינגעצויגן צו זיך די נאַטשאַלסטווא און די קאַצאַפּעס וועלן שוין דעקן די קאָסטן פון פיינע אויפנאַמעס...

די יוסטע גזשיבאָווער סוחרים זענען אויך געקומען צו דער איבער־ציינונג, קוקנדיק אויף די נייע געסט, אַז דניאל וועט ווייט, ווייט אַוועק. נאָר די פריילעכע באַלאַסטרע איז אין אָנהויב געבליבן זיצן עפּעס שטי־לער און איינגעהאַלטענער. זיי האָבן זיך אָבער אויך שנעל צוגעוווינט צו די פּנים חדשות. וואָס זאָל מען מאַכן, עס גייט זיך נישט אויסצובאַ־האַלטן פון די קאַצאַפּעס. עלעהיי אין טעאַטער פאַרנעמען זיי דאָך אויך די ערשטע ערטער...

עפּשטיינס אמתע געסט האָבן ליב געהאַט זיך צו האַלטן נאָענט צו די קאַצאַפּעס. האָבן ליב געהאַט צו פירן מיט זיי לאַנגע שמועסן, צו טרינ־קען ברודערשאַפט און אפילו געשפּילט מיט זיי אין קאָרטן. די חברשאַפט מיט די קאַצאַפּעס איז געווען פאַר זיי אַ מין ספּאָרט, אַ מין שפּיל מיט פייער.

און שפּעטער, ווען אַלע זענען אַוועק און די עפּשטיינס זענען גע־בליבן אַליין מיט זייער איינציקן גאַסט, האָבן זיי אַלע געלאַכט, געפרייט זיך ווי קינדער, וואָס האָבן נאָר וואָס אָפּגעטון אַ קונדס־שטיק.

אין דער דאָזיקער שפּיל מיט די קאַצאַפּעס האָט באַזונדער פּאַסמאַ־קעוועט דער עטלעכע און דרייסיק־יעריקער זיוקאָווסקי.

אַ מאָדנער מענטש געווען דער זיוקאָווסקי. זיין אמתן נאָמען האָט קיינער נישט דערמאָנט. דער נאָמען איז געווען אַזוי טריף, אַז עס איז גלייכער געווען נישט אַרויסצוברענגען אויף די ליפּן אפילו פאַר די פיר ווענט. אַ שווייגער מיט אַ פאַרכמורעט געזיכט מיט אַ פּאָר הויכע געדיכטע ברעמען, האָט ער געקאָנט אָפּזיצן גאַנצע שעהן מיט אַ פאַרשלאָסן עקשנות־דיק מויל. דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן האַלב אַראָפּגעלאָזט, ווי ער וואָלט געדרימלט. זיינע חברים אָבער האָבן געוווּסט, אַז ער זעט אַלץ און הערט אַלץ און געדולדיק געוואַרט אויף זיין וואָרט. און ווען ער האָט ענדלעך אויפגעהויבן דעם קאָפּ און גענומען רעדן, האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ וואָס

איז ביז איצט געזאָגט געוואָרן, איז גאָרנישט מיט גאָרנישט, האָט נישט קיין שום באַדייטונג און קיין שום ווערט. ער האָט זיך אפילו נישט גע־געבן די מי צו ענטפערן, צו וועלן איבערצייגן. ער האָט נישט גערעדט, נאָר געגעבן באַפעלן, און מיט אַזאַ טאָן, אַז עס קאָן גאָר אַנדערש נישט זיין, ווי ער וויל. ער האָט געהאַט אַ סך קעגנער. שטרויס האָט אים נישט געליטן. אַן אַקטיאָר פון אַ פּראָווינץ־טעאַטער. שפּילט די ראָלע פון אַ דיק־טאַטאָר. אָבער אויך ער, שטרויס, האָט געמוזט מודה זיין, אַז זיוקאָווסקי באַזיצט עפּעס אַ מאַגנעטישע קראַפט, וואָס ציט צו צו אים מענטשן, אַז די וואָס גייען מיט אים, הענגען איינפאַך אָן אים, גלויבן אין אים, אַז פּשוטע ארבעטער און זין פון רייכע פּריצים און שוואַרצהאָריקע יידישע יונגעלייט וועלן זיך וואַרפן אין פייער, אויב נאָר זיוקאָווסקי וועט געבן אַ צייכן...

צו עפּשטיינען איז זיוקאָווסקי אָפט געקומען. נישט אויף לאַנג. אויף אַ טאָג אָדער צוויי, און אַמאָל נישט מער ווי אויף עטלעכע שעה. ער איז אָראָפּגעפאַלן אומגעריכט און אַזוי אויך אומגעריכט פאַרשוואונדן. אָפט אפילו נישט באַוויזן זיך צו געזעגענען מיט די עפּשטיינס. זיינע מענטשן האָבן אָבער געוווסט, וווּ אים צו טרעפן. זיי פלעגן זיך אָפּשליסן מיט אים אין איין שטוב און ארויסגיין מיט פאַרשלאָסענע ווייכטיקע פּנימער.

זיוקאָווסקי האָט זיך גוט געפילט ביי די עפּשטיינס. ער האָט באַזונ־דער ליב געהאַט דאָס חברן זיך מיט די קאַצאַפּעס. אין זייער געזעלשאַפט איז ער געוואָרן ווי אַן אַנדער מענטש, אַ צוגעלאָזענער, אַ באַרעדעוודי־קער, אַ וויצלער. ער האָט גערעדט אַ גוטן פעטן רוסיש, האָט געהאַט שטענ־דיק גרייט נישט צניעותדיקע אַנעקדאָטן, פון וועלכע די קאַצאַפּישע בייכער האָבן זיך אַזש געטרייסלט פון פאַרגעניגן. ער האָט מיט זיי געטרונקען און אין קאָרטן געשפּילט, און ווען דער זאַל האָט זיך אויסגעליידיקט, האָט ער געלאַכט ווי אַ קליין קינד און מיט פאַרטרערטע אויגן געפרעגט בערטאַן:

— אָבער עס איז גוט געווען?... כאַ, כאַ, כאַ... גוט?...

די פריילעכקייט האָט לאַנג נישט געדויערט און זיוקאָווסקיס פּנים ווערט באַלד פאַרכמורעט און ערנסט, די גערדיכטע ברעמען שטעלן זיך אויף העכער, ווי שטעכיקע שפּיזן און ער ווערט שווער אַנטשוויגן.

אין איינעם אַזאַ אָוונט רייסט זיוקאָווסקי איבער זיין שווייגן, דרייט זיך אוים צו עפּשטיינען און זאָגט האַרט:

— און וואָס וואָלט איר געזאָגט, ווען אַזאַ איינעם, ווי איך, פאַלן מיטאַמאָל איין אַזוינע רעיונות, אַז עס וועט קומען אַ צייט און זיוקאָווסקי וועט זיצן אין קעניגלעכן שלאָס און דער בעלוועדער וועט זיין זיין זו־מער־רעזידענץ?...

בערטאַ און דניאל קוקן זיך שווייגנדיק איבער. זיוקאָווסקי וואַרט נישט אויף אַן ענטפער און רעדט ווייטער ווי צו זיך אַליין:

— און טויזנטער מענטשן פון אַלע עקן לאַנד וועלן קומען אָנקוקן די דירה, וווּ ער, זיוקאָווסקי, האָט געטרונקען ווייַן מיט די קאַצאַפּעס, וועלכע האָבן באַשטימט צען טויזנט רובל פאַר זיין קאָפּ?... הע?...

בערטאַ לאָזט אירע אויגן וואַנדערן איבערן טיש. ווי שווער עס איז אויסצוטראָגן זיוקאָווסקים בליק. דעם בליק פון אַ מענטש, וואָס חלומט אויף דער וואָך. עפּשטיין שמייכלט שווייגנדיק און רייבט מיט אַ טיכעלע די בריל...

— משוגע?... הע?... טראָגט זיוקאָווסקי איבער זיין שווערן בליק פון דניאלן אויף בערטאַן.

— משוגע? —פרעגט עפּשטיין איבער אויפן יידישן שטייגער— אפשר יאָ און אפשר נישט... ווער ווייסט די גרעניץ... ווער קאָן דאָס וויסן...

עפּשטיין טראַכט אויפן קול. מאָדנע... זיוקאָווסקים ווערטער האָבן אים, עפּשטיינען, דערמאָנט אָן עפּעס אַן אַלט יידיש ספר... אַ גמרא דוכט זיך...

— אַ גמרא? — זאָגט זיוקאָווסקי אַרוים שווער דאָס פרעמדע וואָרט און זיינע אויגן הענגען אויף עפּשטיינס ליפּן.

עפּשטיין שמייכלט פאַרלעגן. אַזוי קומט אים פאָר — אַ גמרא... און אפשר אַן אַנדער ספר... שווער צו געדענקען... שוין אַזוי פיל יאָרן פאַרביי... ער געדענקט נישט גענוי די ווערטער... נאָר דעם תוכן געדענקט ער... עפּעס אַ פאַסטוך געווען... געפּאַשעט די שאָף פון זיין באַלעבאָס... אַן אָרימער באָרוועסער פאַסטוך... און רייכע ייִנגלעך האָבן פון אים גע־לאַכט... געשפּעט פון זיינע צעריסענע קליידער... שטיינער געוואָרפן אויף

זיינע רויטע באָרוועסע פיס... אַזוי דאַכט זיך שטייט דאָרט געשריבן... אין דעם אַלטן יידישן ספר... און ווייטער וואָס איז געשען? ער, עפּשטיין, געדענקט עס נישט גענוי. ער קאָן נישט דערציילן די גאַנצע געשיכטע מיטן אָרימען באָרוועסן פּאַסטוך... ער ווייסט נישט ווי אַזוי... נאָר דער פּאַסטוך ווערט מגולגל קיין רוים... די צעריסענע פּאַסטוך־קליידער פאַר־שווינדן... אין פּורפּור און גאָלד גייט דער אמאָליקער פּאַסטוך... די גינ־גאָלדענע קרוין פון קיסר פון רוים פינקלט פון זיין קאָפּ... און ער שיקט רופן צו זיך די יינגלעך, וואָס האָבן פון זיינע באָרוועסע רויטע פיס גע־שבעט און שטיינער אין אים געוואָרפן...

— און דער סוף? —פרעגט מיט אַ באַהאַלטענעם ציטער זיוקאָווסקי— וואָס איז געווען דער סוף פון דעם אָרימען פּאַסטוך?...

— איך געדענק נישט דעם סוף —רעדט עפּשטיין זייער טרויעריק— אפשר דערצייל איך שלעכט די מעשה...

— אפשר זאָלן מיר זיך אַליין דערציילן דעם סוף —רעדט זיוקאָוו־סקי און זיין שטים ציטערט לייכט— דער אָרימער פּאַסטוך האָט זיך אויפ־געכאַפּט פון שלאָף... און אומזיסט געזוכט די גינגאָלדענע קרוין פון קיסר פון רוים... זיינע פיס זענען געווען באָרוויס און קאַלט... און אַ בייזער ווינט האָט שפּאַצירט איבער זיינע צעריסענע קליידער...

— ניין, דאָס קאָן נישט זיין דער סוף —רעדט מוטערלעך בערטאַ— דער אָרימער פּאַסטוך האָט עס זיך נישט פאַרדינט... איך וויל נישט אַזאַ סוף, דניאל...

— איך געדענק נישט דעם סוף, מיינע טייערע —ווערט עפּשטיינס שטים טרויעריק— די ספרים פון דער נייער צייט האָבן ביי מיר דעם סוף צוגענומען... איך געדענק בלויז די וואָרענונג פון מיין אַלטן רבין...

— אַ וואָרענונג? — פרעגט איבער בערטאַ.

— יאָ, שמייכלט עפּשטיין — די גמרא דערציילט נישט גלאַט מעשיות פאַר חדר־יינגלעך. אַזוי האָט דער רבי אונדז געוואָרנט. פון דער גמראס אַ מעשה דאַרף מען זיך עפּעס אָפּלערנען, דאַרף מען זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר השכל, דאַרף מען געדענקען, אַז פון אַ באָרוויסן פּאַסטוך קאָן נאָך ווערן אַ קיסר פון רוים...

אַ שטילקייט האָט זיך צעלייגט אין צימער.

— אַ שאָד —האָט בערטאַ געזאָגט— וואָס די מעשה האָט נישט קיין סוף...

— איך ווייס נישט —האָט עפּשטיין פאַרלעגן געשמייכלט— וואָס איך האָב זיך גראָד דערמאָנט, גראָד...

זיוקאָווסקיס פּנים האָט זיך ווי אויסגעלייטערט, זיין מויל האָט זיך צעעפנט אין אַ האַלב קינדישן שמייכל.

— איר האָט געהאַט אַ גוטן רבין, פריינט עפּשטיין —און ער האָט שטיל און מיט נאָכדרוק איבערגעחזרט: פון אַ באָרוויסן פּאַסטוך — קיסר פון רוים...

## קאַפּיטל 12

# אַ שליחות צו דער אַלטער פירמע

די שטעכיקע בליקן פון בערטאַס פריינדינס זענען געווען נישט בלויז בייזוויליקע, נישט־פאַרגינערייי. אין דער אמתן איז טאַקע געווען אַזוי, ווי זיי האָבן אויסגערעכנט.

בערטאַס סאַלאָן האָט גאָר אין גיכן באַוויזן צו ברענגען גרויס נוצן דער פירמע פון איר מאַן. דניאל עפּשטיין האָט שנעל, ווי אַ געניטער סוחר, זיך דערויף דערקענט און אויסגענוצט לטובת דער נייער פירמע. פון דער געזעלשאַפט אין דער „סאַלע" פלעגן זיך אָפט אָפּטיילן עטלעכע פּערזאָן און פאַרשווינדן אומבאַמערקט אין עפּשטיינס קאַבינעט. ווען זיי זענען שפּעטער אַרויסגעקומען און זיך צוגעזעצט צו דער געזעלשאַפט, האָט אַ ברייטער צופרידענער שמייכל זיך צעלייגט איבער זייערע פּנימער, אַ שמייכל פון מענטשן, וועלכע האָבן נאָר וואָס אָפּגעטון אַ גוט שטיקל אַרבעט. אויך די קאַצאַפּישע געסט זענען גאָר שטאַרק צונוצגעקומען. אַדאַנק זיי האָט עפּשטיין פאַראויס געוווּסט אַלץ, וואָס זיין פירמע האָט באַדאַרפט וויסן. ביי זיך אין קאַבינעט האָט ער זיך צונויפגערעדט מיט דעם קיסרס הויכע שררות אויף דער שפּראַך, וואָס זיי האָבן גוט באַהערשט, די שפּראַך, וואָס סוחרים האָבן גערופן „חכמת היד".

דניאל עפּשטיין האָט אַזוי אַרום דער ערשטער זיך דערוווּסט, אַז

פון צאַרס רעזידענץ איז שוין אָנגעקומען די פאַראָרדענונג אויסצובויען די נייע ליניע פון דער טערעספּאָלער באַן און מען האָט אים טאַקע אויך פאַרזיכערט, אַז ער און נישט קיין אַנדערער וועט זיין דער צושטעלער פון די אַלע אייזנס און שינעס.

אין דעם אַלטן הויז אויף גזשיבאָוו איז מען געוועזן גאָר אין כעס אויף דער נייער פירמע. ר׳ לוי איז געווען אויפגעקאָכט פון דער חוצפּה פון דעם משרת־יונג, אַלץ צו וועלן פאַרכאַפּן.

ווי אַ לעשנדיק זיך ליכט צעברענט זיך פּלוצים ביים סאַמע סוף מיט אַ העלישן פלאַם, אַזוי האָט עפּעס אַ פיבערהאַפטע ענערגיע מיטאַמאָל באַהערשט ר׳ לוין. ניין, דערצו וועט ער נישט דערלאָזן. וואָס מיינט ער מיט זיך, דער משרת־יונג?! אַלץ איז אים צו ווייניק. אַלץ וויל ער פאַר־כאַפּן. די גאַנצע וועלט וויל ער איינשלינגען. ער פרעגט שוין ביי קיינעם קיין דעה נישט... ווי ר׳ לייזערס פירמע וואָלט שוין אויף דער וועלט נישט געווען... ווי ער, לוי, וואָלט שוין גאָרנישט געהאַט צו זאָגן.

יאָ. ער מעג איצט באַלעבאַטעווען, דער משרת־יונג. צעטיילן זיך מיט דער ירושה האָבן זיי געוואָלט, די בראַטשיקעס זיינע. האָבן זיי איצט אַלע נחת. אָ, ווען מען האָרכט אים, לוין... אַלץ דער שמואַלעק... ניין, וואָס אמת, איז שמואַלעק נישט אַזוי שולדיק. אַ היץ־קאָפּ. „זיי אַלע" (געמיינט דערמיט אַלע ברידער און שוואָגערס) האָבן דאָך געוואָלט נישט אַנדערש ווי שמואַלעק. נישט פאַרגינען אים, לוין, צו זיין דער ראש, צו זיצן אויף ר׳ לייזערס שטול. נו, האָבן זיי איצט... איצט ווייסן זיי שוין...

ר׳ לוי דערפילט אַ ביטערן טעם אין מויל. ער קאָן זיך צומאָל נישט פרייען. ער אַליין האָט נישט בעסער געמאַכט פון זיינע ברידער. אָבער וואָס האָט ער געקאָנט טון. אַז מען האָט גענומען אַזאַ הויז און צעריסן און צעפּיצלט און צעקרישלט... אָבער ער, לוי, לעבט נאָך, ברוך השם. ער האָט נאָך נישט געזאָגט „זיי געזונט" דעם גזשיבאָוו. ער וועט נאָך ווייזן, וואָס ער קען. זאָל דער משרת־יונג נישט מיינען, אַז אַלץ איז הפקר. ער, לוי, פרעסט טאַקע נישט און זויפט נישט צוזאַמען מיט די קאַצאַפּעס. אָבער נישט קשה, די אַלטע פירמע אויפן גזשיבאָוו דאַרף צו אַזעלכע זאַכן נישט אָנקומען. די נייע ליניע פון דער טערעספּאָלער באַן מוז געהערן אים, לוין, און נאָר אים!...

ער האָט געשיקט רופן צו זיך יאָשקע פּאַדריאַטשיק מיט דער ברייט־צעקעמטער בלאָנדער באָרד און זיך אָפּגעשלאָסן מיט אים אויף לאַנגע שעהן אין אַ חדר מיוחד.

ר׳ לוי איז געווען אומרואיק, אויפגעבראַכט און אויפגעברויזט. ער האָט מיט אימפּעט אַרויסגעוואָרפן פון זיך די ווערטער, ווי זיי וואָלטן אים געבריט די צונג.

ר׳ יאָשקע פּאַדריאַטשיק איז געווען רואיק, קאַלט, געלאַסן. ער האָט בנעימותדיק זיך געגלעט די בלאָנדע באָרד, האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו ר׳ לוים שטורעמדיקע רייד און געציילט יעדעס וואָרט זיינס ווי אַ רענדל.

יאָ, געוויס קאָן ער, יאָשקע, עפּעס אויפטון. די פּאַנישע שררות גייען, ברוך השם, פּאַר אים, יאָשקען, די כפּרה. זיי טוען נישט אַ זאַך אָן אים. אַ שאָד וואָס ר׳ לוי האָט אים פריער וועגן דעם נישט מודיע געווען. איידער דער עפּשטיין האָט זיך צוגעכאַפּט... ער זאָגט נישט, חלילה, אַז עס איז שוין איצט צו שפּעט, אַז מען קאָן שוין גאָרנישט טון. חלילה... אוודאי דאַרף מען פּרוּוון. ר׳ לוי מעג זיך אויף אים פּאַרלאָזן. ער וועט שוין וויסן וואָס צו טון, און ווי אַזוי מ׳רעדט מיט די לייט, ווייסט ער גוט, נאָר וואָס דען? ס׳דאַרף קאָסטן און אַסך קאָסטן. ביי די זאַכן, אַז מען קאַרגט, איז גלייכער איינגאַנצן נישט אָנצוהייבן. ער, יאָשקע, איז דאַנקען גאָט, געניט אין די זאַכן... איז ווי ר׳ לוי פאַרשטייט... ער, יאָשקע, רעדט נישט צו און זאָגט נישט צו... ר׳ לוי איז דאָך עפּעס יאָ דער געניטער סוחר, נו, פּאַרשטייט ער דאָך אַליין אַמבעסטן, אַז ביי די זאַכן קאָן מען גאָרנישט וויסן פּאָראויס. מען מוז ריזיקירן. ער, יאָשקע, פּירט זיך אַזוי. שלח לחמך על פּני המים. און ווייטער דאַרף דער רבונו של עולם העלפן.

ר׳ לוי איז גרייט זיך צו לאָזן קאָסטן. און ער וועט נישט קאַרגן. עס גייט אים שוין נישט אין פאַרדינסט. עס איז אַ כבוד זאַך. עס דאַכט זיך אים, ר׳ לוין, אַז ער איז מחויב אַלץ צו טון פּשוט צוליב כיבוד אָב. בלויז צוליבן כבוד פון ר׳ לייזערן דאַרף ער מלחמה האַלטן מיט עפּשטיינען.

ר׳ יאָשקע האָט, פּאַרשטייט זיך, דערמיט מסכים געווען און צוגע־זאָגט צו טון אַלץ, וואָס איז נאָך מעגלעך.

ער איז געוואָרן אַן אָפּטער איינגייער אין הויז אויפן גזשיבאָוו און

יעדעס מאָל, ווען ער איז געקומען, האָט זיך ר׳ לוי מיט אים אָפּגעשלאָסן אין אַ באַזונדער צימער. ר׳ יאָשקע האָט געברענגט גוטע נייעס. ער האָט ר׳ לוין באריכות דערציילט, וועגן זיינע שמועסן מיט די גענערעלער. נישט מיט אבי וועמען לאָזן זיך אַזעלכע שררות אריין אין אַזעלכע שמועסן. ר׳ לוי אַליין פאַרשטייט דאָך... און זיי זענען גרייט צו טון פאַר אים אַלץ... און זיי פאַרשטייען אויך אַזוי, ווי ער, יאָשקע, זאָגט. זיי זענען מסכים, אַז די נייע ליניע דאַרף געהערן צו דער אַלטער מיוחסדיקער פירמע אויפן גזשיבאָוו און נישט צו עפּעס אַן אויפגעקומענעם משרת־יונג. כאָטש פּאַ־ניע, פאַרשטייט ער אויך אַ גערעכטע זאַך. ר׳ לוי האָט געמעגט הערן, ווי זיי רעדן מיט אַ דרך ארץ וועגן ר׳ לייזערן עליו השלום. עס וואָלט געווען אַלץ גוט, נאָר דער עפּשטיין זיצט נישט אָפּ, ער ליגט ממש איין וועלטן און שיט מיטן געלט... עס וועט אים נישט העלפן. מיטן אויבערשטנס הילף וועט אַזוי זיין. ער, יאָשקע, זאָגט, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט צו. אַזוי פירט ער זיך פון שטענדיק אָן... אָבער מיט גאָטס הילף... און דערווייל דאַרף עס קאָסטן און קאָסטן. מ׳קאָן גאָרנישט זאָט מאַכן די פּאַנישע זולל וסובאניקעס...

ר׳ לוי האָט שווער געזיפצט און געצאָלט. ער האָט אפילו געהאַט ערנסטע ספקות, צי זיין געלט קומט אינגאַנצן צו די שררות פון קיסר און צי יאָשקעלע קאָמבינאַטאָר וואַרט מיט זיין פאַרדינסט, ווי ער זאָגט, ביז דער אויבערשטער וועט העלפן און דער ענין וועט זיין דערלייזדיקט — וועט דאָך ר׳ לוי אַליין וויסן ווי אָפּצושאַצן.

איז אָבער יאָשקע אַ קאָמבינאַטאָר. ער וויל זיך נישט פאַרלאָזן אויף זיין, לוים, יושר. ער, לוי, ווייסט דאָס גוט פון פריער. אָבער ער האָט נישט קיין עצה. מ׳מוז דעם עפּשטיינען אָנלערנען. און כדי דאָס צו דערגרייכן, איז ר׳ לוי גרייט אויף אַלעם.

דניאל עפּשטיינען האָט מען, פאַרשטייט זיך, גלייך צוגעטראָגן וועגן די סודות־שמועסן צווישן ר׳ לוין און יאָשקען. ער האָט זיי זיך נישט שטאַרק וענומען צום האַרץ.

ער האָט אפילו געשמייכלט, ווען מ׳האָט אים דערציילט, ווי ר׳ לוי זיצט שעהן לאַנג אין אַ חדר מיוחד מיט יאָשקען.

— און די טויזנטער פליען —האָט ווישינסקי מיט אַ שעלמישן זוונק צוגעגעבן— פון ר׳ לוים קאַסע.

— יאָ, דאָס מעג מען גלויבן —האָט עפשטיין מסכים געווען— נאָר עפּעס דאכט זיך מיר, אַז ר׳ יאַשקע פּאָדריאַטשיק האַלט, אַז עס איז אַן עבירה, דער פּאָדריאַטשיק מיט דער ברייט צעקעמטער באָרד האַלט, אַז עס איז אַן עבירה, אַז יידיש געלט זאָל אַריינפּאַלן אין גויאישע הענט און ער לאָזט דעריבער איבער ר׳ לוים טויזנטער ביי זיך אין טאַש.

אים, עפּשטיינען, גייט עס אייגנטלעך וויניק אָן. ער איז זיך נישט מחוייב צו זאָרגן פאַר ר׳ לוין און זיינע עסקים. אויב ער וויל אָנשטאָפּן יאַשקעס טאַשן, איז עס זיין זאַך. נאָר עפּעס אַ געפיל פון שותפותדיקייט צו דער אַלטער פירמע אויפן גזשיבאָוו האָט אים פאָרט נישט געגעבן קיין רו. ער, עפּשטיין, ווייסט, אַז ר׳ לוי האַלט אים פאַר דעם שולדיקן אין דעם צעפאַלן זיך פון דער אַלטער פירמע. אַ פאַלשע באַשולדיקונג. אפילו ווען עפּשטיין זאָל וועלן, איז נאָך אַ פראַגע, צי יענע געהיימנישפול וועזן — מזל— וואָלט געבליבן אין דעם אַלטן הויז אויפן גזשיבאָוו. און ער, עפּשטיין, איז נישט שולדיק, וואָס דאָס דאָזיקע קאַפּריזנע און געהיימניש־פולע וועזן איז ווילגעפעלן זיך צו באַזעצן דווקא אין דעם געצעלט פון דער נייער פירמע. ניין, ער, עפּשטיין, האָט גאָרנישט וואָס זיך פאָרצו־וואַרפן.

די גערעכטע טענות האָבן אָבער נישט געהאָלפן, אַז טיף אין האַרץ זאָל ער, עפּשטיין, זיך נישט פילן ווי מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם גורל פון דער אַלטער פירמע. טיילמאָל איז אים אויך אים אַליין פאָרגעקומען, אַז עפּעס איז ער נישט אין אָרדענונג בנוגע ר׳ לייזערס יורשים, ווי ער וואָלט זיי באַשווינדלט אָדער אָפּגענאַרט, ווי ער וואָלט זיך באמת צוגענומען אַ טייל פון זייער ירושה. עס איז אים אַליין פאָרגעקומען קאָמיש, אָבער עס איז פאָרט אַזוי געווען, אַז ר׳ לוים עסקים מיט יאַשקען האָבן אים, עפּ־שטיינען, געמאַטערט. ער וואָלט אַליין אַריבער צו ר׳ לוין און אים גע־זאָגט, אַז ער האָט שוין אַלע פּאַפּירן אין טיש און צען יאַשקעס וועלן שוין דאָ גאָרנישט אויפטון. עס איז אַ שאָד יעדער גראָשן. ער גייט נישט, ווייל ער ווייסט, אַז ר׳ לוי וועט אים נישט גלויבן, ער וועט מיינען, אַז עפּשטיין האָט טאָקע מורא פאַר אים.

איז עפּשטיינען איינגעפאַלן פאַרצולייגן ר׳ לוין שותפות. ער האָט דעם ענין סוחריש ארומגעטאַפּט און די זאַך האָט אים אָנגעהויבן געפעלן ווערן וואָס אַמאָל מער. ר׳ לוים פאַבריק אין קינסק וועט אויסאַרבעטן די שינעס און ער, עפּשטיין, וועט נישט דאַרפן אָנקומען צו באַרקאָווסקין. ס׳איז אַ געשעפט פאַר ביידע. און נאָך מער איז עפּשטיינען, וואָס דער אמת, גע־פעלן געוואָרן דער עצם געדאַנק פון שותפות מיט דער אַלטער גזשיבאָ־ווער מיוחסטע. ער, עפּשטיין, האָט אפילו זייער ווייניק פון יחוס. ער גלויבט נאָך אַלץ אין דאַרווינען. וואָס מ׳שטיינס געזאָגט איז זיך דאָ צו יחוסן מיט אונדזער מאַלפּישן עלטער־זיידע. און על פּי מאַרקסן איז די אַלטע פירמע אוודאי נישט אַזאַ חשובער מחותן. טראָץ דעם אַלעם אָבער האָט ער זיך פאַרט נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם געפיל, אַז פאַר אַ גזשיבאָווער סוחר איז נישט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט, צו האָבן צו זאָגן אין ר׳ לייזערס הויז אויפן גזשיבאָוו. פאַר די אויגן האָט אים אויך אַ שוועב געטון דאָס געשטאַלט פון לאַניאַן, פון דער גזשיבאָווער טאָכטער, וואָס האָט אים, דעם משרת־יונג, אַוועקגעוואָרפן אָן אַ זיי געזונט. איצט וועט ער קומען אין גזשיבאָווער הויז, ווי אַ באַלעבאָס... כע, כע...

עפּשטיין האָט געהאַט אַ ניכטערנעם סוחרישן קאָפּ. דאָס האָבן אפילו זיינע שונאים אים אָנערקענט. פונדעסטוועגן האָט זיך די פאַנטאַזיע ביי אים צעשפּילט. און אפשר גיין נאָך אַ שריט ווייטער? איבערנעמען אין זיין האַנט די גזשיבאָווער פירמע? נישט חלילה ר׳ לוין באַזייטיקן. פאַר־קערט. ר׳ לוי וועט ס׳זייניקע באַקומען. מער ווי ער האָט איצט. פון אַלע זייטן ר׳ לוין באַוואָרענען. נאָר אַריינגעבן פריש בלוט דער זקנה פון גזשי־באָוו. געבן חיות דעם איינגעדאַרטן דעמב. און דאָס וועט טון ער, ר׳ לייזערס געוועזענער משרת. ער, מיט וועמען ר׳ לוים טאָכטער... ער וועט זיצן אויף ר׳ לייזערס שטול. ער וועט צורעכט מאַכן דאָס, וואָס ר׳ לייזערס יורשים האָבן פאַרטאַכלעוועט. ער וועט דעם אַלטן הויז אויף גזשיבאָוו, וואָס שפּאַרט זיך מיט איין האַנט אָן אויף דער חסידישער טוואַרדע און מיטן צווייטן אָרעם אויף דער באַלעבאַטישער גראַניטשנע, וואָס זיינע שמאָ־לע פענסטער קוקן איצט אַרויס טרויעריק אויף דער פּריצישער קראַלעוו־סקע — צוריקגעבן איר אַמאָליקן גלאַנץ. ער וועט פון דעם אַלטן הויז

צוריק מאכן דעם צענטער און דעם אַנלען און דעם אדרעס, ווי אין ר׳ לייזערס צייטן. ער...

עפּשטיין האָט אָפּגעטריבן פון זיך די אַלע פאַנטאַזיעס. נישט פאַרדרייען זיך דעם קאָפּ מיט נאַרישקייטן. נישט פאַרגעסן, אַז דערווייל האַלט מען ביי דער נייער ליניע פון דער טערעספּאָלער באַן. דער חשבון איז אַ פּשוטער. ער, עפּשטיין, האָט די „קאָנצעסיע" אין טאַש. מעג זיך יאַשקע שטעלן אויפן קאָפּ. און מאַטעריאַל וועט אים אויך נישט פעלן. און געלט אוודאי נישט. ר׳ לוי האָט די פאַבריק אין קינסק. ער איז נישט קיין יחיד. באַרקאָווסקי וועט מיט אַ שיינעם דאַנק ליפערן. ר׳ לוי איז קודמער, פאַרשטייט זיך... און זאָל זיין שותפות... וועגן פּראָצענטער וועט ער, עפּשטיין, זיך נישט שטעלן. און דעם „אַלטן" מוז מען אַרויסראַטעווען פון יאַשקעס הענט. ווי אַ פּיאַווקע האָט ער זיך אויף דעם „אַלטן" אָנגעזעצט...

דאָס אַלץ האָט עפּשטיין איבערגעגעבן אדעק ווישינסקין. דער פּלאַטער־קאָפּ אדעק האָט זיך נאָך אַלץ נישט געסטאַטקעוועט. ער האָט נאָך אַלץ אין זין געהאַט שיקסעס. גוטע ברידער האָבן אָן אים געדענקט. ער האָט פאַר זיי געשטעלט הייזער. און ער איז געווען דער שליח מיוחד ביי אַלע גרויסע עסקים. ער וועט גיין צו ר׳ לוין. אים געבן צו פאַרשטיין דעם עסק. און פאַרלייגן שותפות.

עפּשטיין האָט גענוי איבערגערעדט מיט אדעקן. נישט אָנרירן דעם אַלטנס אַמביציע. פאָרזיכטיק מיט אים רעדן. נישט צופיל בעטן. און וואָרענען פאַר יאַשקען. — נעם מיט אַלע פּאַפּירן. זאָל ער אַליין זען.

אדעק ווישינסקי איז געווען צופרידן פון דער שליחות. ער וועט האָבן אַ לייכטע אַרבעט און אַ פאַרדינסט ווי עס דאַרף צו זיין.

— ער וועט זיך אָנכאַפּן מיטביידע הענט —האָט ווישינסקי געזאָגט צו עפּשטיינען—. ס׳הייסט אַזאַ געשעפט!... און דו, דאַניעלו, זע איך, האַלטסט שוין ביי מצוות טון. נו, נו...

דניאל עפּשטיין האָט געשמייכלט. ער איז ווייט נישט אַזוי זיכער געווען ווי אדעק, אַז דער אַלטער וועט איינגיין אויף שותפות. אָבער פּרווון דאַרף מען.

## קאַפּיטל 13

# ר׳ לויס דאגות

איינער אַליין איז ר׳ לוי געזעסן אויפֿן ברייטן פֿאָטער־שטול אין זיין קאַבינעט.

אויף דעם גרויסן מאַסיוון שרייב־טיש זענען געלעגן אָנגעוואָרפֿן בריוו, חשבונות און כלערליי אַנדערע געשעפֿטס־פּאַפּירן. אַז מען וויל, האָט עס געקאָנט הייסן, אַז ר׳ לוי אַרבעט איצט ביי זיך אין שטוב, קוקט דורך די קאָרעספּאָנדענץ און פֿאַרטיפֿט זיך אין די חשבונות פֿון זיינע פֿאַרצווייגטע עסקים. אין דער אמתן אָבער האָט ער אפֿילו אַ בליק נישט געוואָרפֿן אויף די אַלע אָנגעוואָרפֿענע פּאַפּירן.

מיט האַלב פֿאַרמאַכטע אויגן, ווי דרימלענדיק, זיצט ער לעצטנס שעהן לאַנג אין זיין קאַבינעט. פֿאַרשלאָסן, אָפּגעזונדערט און זיכער פֿאַר פֿרעמדע אויגן, קאָן ער דאָ רואיק און אומגעשטערט זיך אָפּגעבן מיט זיינע דאגות. און די דאגות זענען שווערע, זייער שווערע. עס איז נישט געגאַנגען אַזוי ווי ער האָט זיך פֿאַרגעשטעלט.

אין גאַס, אין געשעפֿט, צווישן מענטשן, אין דאַזאַר־שטיבל, אפֿילו אין זיין אייגענער עס־שטוב היט ר׳ לוי, אַז דער שמייכל זאָל נישט פֿאַרשווינדן פֿון זיין פּנים, רעדט זיכער און באַפֿעלעריש, מיט אַ ברייטן זשעסט, ווי עס פּאַסט פֿאַר דעם יורש פֿון ר׳ לייזערן. ביי זיך אין קאַבינעט, ווען קיינער זעט נישט, באַקומט אָבער ר׳ לוי אַן אַנדער פּנים. אַ פּנים פֿון אַן אַלטן, מידן, האַלב צעבראָכענעם ייד. ער ווייסט נישט פֿאַרוואָס, ער פֿאַרשטייט נישט... ער האָט, דאַכט זיך, אַלץ געטון, וואָס ר׳ לייזערס עלטסטער זון האָט באַדאַרפֿט טון. ער האָט נישט געוואָלט בלויז עסן די פּירות פֿון זיין פֿאָטערס האָרעוואַניע. ער איז געווען שטרענג צו זיך און שווער געאַרבעט. ער האָט געפֿירט גרויסע געשעפֿטן, אפֿשר שוין צו גרויסע... און ער קאָן זיך אפֿילו נישט טרייסטן, ער קאָן זיך פֿאַר זיך אַליין נישט פֿאַרענטפֿערן, אַז די צייט איז אַ שלעכטע, פֿאַרקערט. דאָ ביי זיך אין שטוב, מעג ער דאָך זיך אַליין זאָגן דעם אמת. זינט לאַנגע צייטן געדענקט נישט וואַרשע אַזעלכע גוטע יאָרן... קבצנים, שלעפּערס, זעקל־יידלעך זענען ווי

איבער נאכט געוואָרן גבירים... יאָסעלע סאַכאַטשאַוער, וועלכער האָט ערשט נישט לאַנג געהאַנדלט מיט אַ האַלב זעקל צוקער, האָט זיך אויפֿגעשטעלט אַן אַכט־שטאָקיק הויז אויף דער נייער וועלט, פֿאַרט צוויי מאָל אין יאָר קיין לאָנדאָן און זאָגט שוין דעות אויף דער בערזע. און זיין טאַטנס געוועזענע משרתים... כראַביעס גאַנצע געוואָרן... און דער עפשטיין...

ר׳ לוים הארץ ווערט פאַרקלעמט, ווען ער דערמאָנט זיך אָן עפשטיינען... וואָס איז דאָ געשען?... ער פאַרשטייט נישט... פאַרוואָס איז זיין פּאַטערס מזל מיט אים ברוגז... און וואָלט עס בלויז מיט אים אַליין געשען... מיט זיינע ברידער און שוועסטער איז נאָך ערגער... אַ שיינע כפּרה אויף זיי!... ס׳הארץ טוט אים וויי... פֿאַרט אייגן בלוט און פֿלייש. זיי זענען זיך אַליין שולדיק, אַליין... ר׳ יצחקל האָט זיי געוואָרנט. צעקרישלט נישט ר׳ לייזערס ירושה. נו, האָבן זיי!... יעדער האָט געוואָלט זיין אַ „סאַביע־פּאַן״. נו, האָבן זיי! איצט קומען זיי שוין צו אים. איצט שטייט שוין אָן שמואלעקן צו קרעכצן פאַר אים, לוין. איצט וויינט מען שוין פאַר אים... ער, לוי, האָט אפילו נישט באַדאַרפט וועלן וויסן פון זיי. זיי האָבן זיך אַלץ כשר פאַרדינט. נאָר אָן ווען זאָל ער זיך נוקם זיין?... אָן דעם טאַטנס כבוד? און זיין, לוים, כבוד וועט דען געשווינט זיין?...

שיין וועט וואַרשע אויסזען, אַז ר׳ לייזערס אַ קינד וועט זיך אַרומדרייען איבער דער שטאָט — באַהיט און באַשירעמט זאָל מען זיין! — ווי אַ יורד. העלפט ער ווי ווייט ער קאָן. שלעפּט דעם וואָגן פון דער בלאָטע... אויף ווי לאַנג וועלן אָבער סטאַיען די כוחות?... אין שטאָט ווייסט מען נאָך נישט. מען מיינט, אַז עס זענען די אַמאָליקע צייטן. נאָר ער, לוי, ווייסט דעם אמת. און ער האָט שוין נישט קיין כוח. דער געראַנגל ווערט אים מיאוס. עס דאַכט זיך אים, אַז אַלץ איז איצט אָן טעם און אָן חן. און עס ווערט טאַקע ענג אויך. ער קאָן שוין נישט זאָרגן פאַר די ברידער. ער האָט שוין נענטערע זאָרגן. וואָרום מיט זיינע אייגענע קינדער איז אויך נישט אַזוי, ווי עס האָט באַדאַרפט צו זיין. ברוך השם, חתונה געמאַכט זיי, ווי עס פּאַסט פאַר ר׳ לייזערס זון. אָרנטלעכע קינדער. ער האָט זיך נישט וואָס צו שעמען מיט זיינע דריי זין. בני תורה און טאַקע „גאַנצע מענטשן״. פירן שיינע הייזער, און טאַקע יידישע הייזער. און די אייניקלעך — אַ נחת אויף זיי צו קוקן. נישט מער, וואָס זיי

אַלע ליגן אויף זיינע פּלייצעס, ס'הייסט כלומרשט, אַז זיי זענען ביי אים אין געשעפט. נו, ווי דען... ער וועט דאָך נישט דערלאָזן, אַז מען זאָל אין שטאָט זאָגן, אַז ר' לויס קינדער דאַרפן, חלילה, צו עמיצן אָנקומען, אפילו צו אַן אייגענעם פאָטער... אָבער זיך אַליין, מעג ער זיך דאָך זאָגן דעם גאַנצן אמת. עס גייט פאַרט פון איין קאַסע. און די הוצאות זענען אַזוי גרויס. אין ר' לייזערס צייטן האָט מען פון אַזוינע הוצאות נישט געוווסט, און די געשעפטן זענען דאָך דאַמאָלס געווען גאָר אַנדערע!...

ער, לוי, האָט דאַמאָלס געהאַט אין זיך טענות צום טאַטן, געמוזט זיך היטן ביים קויפן די מעבל צו דער „סאַלע"... איצט זעט ער, ווי גע־רעכט דער טאַטע, עליו השלום, איז געווען... נישט קיין גוטס איז אַרויס־געקומען פון „פירן שטאָט"... נאָר געלויבט דער אויבערשטער דערפאַר. דערווייל סטאַיעט נאָך. און אפשר וועט פאַרט דאָס ראָד זיך טון אַ דריי צוריק. עס וואָלט שוין אַלץ גוט געווען. ער וואָלט שוין אַלץ פאַר ליב גענומען... ווען נישט לאהלע, ווען נישט לאַניאַלע, זאָל געזונט זיין (דער גויאישער און יידישער נאָמען פון זייער איינציקער טאָכטער האָט ביי ר' לוי און זיין ווייב דבורהלע זיך שטענדיק צונויפגעמישט).

ווי אַ שווער קראַנקער באַטאַפּט פריער די געזונטע טיילן פון זיין קערפּער און זיינע הענט דערנענטערן זיך ביסלעכווייז, לאַנגזאַם און פאַר־זיכטיק צו דער אָפענער ווונד, אַזוי האָט ר' לויס געדאַנק געוואַנדערט פאָרזיכטיק און לאַנגזאַם איבער אַלע זייטן פון זיין הויז און אַלץ גע־וואָלט אָפּשלעפּן די מינוט, ווען זיינע פינגער וועלן מוזן באַרירן די אָפענע ווונד פון זיין לעבן — דעם ביטערן מזל פון זיין טאָכטער לאַניאַ ברוידע.

סוף כל סוף האָט ער צו דעם אָרט געמוזט צוקומען. ר' לוי האָט צווישן די ציין אַ סיקע געטון פון דעם בריענדיקן ווייטיק. צעבערעכן הענט און פיס האָט ער פריער געמעגט, דער פּריסטאַוו גאַלוכאָוו, איידער ער האָט אין יענעם שבת איבערגעטרעטן די שוועל פון זיין שטוב. אַזאַ פּאַ־ניע, אַזאַ מנוול!... אַ שקר בילבול אויף זיין לאהלע אויסצוטראַכטן! ער האָט ביי דער גאַנצער שטוב דאָס לעבן צוגענומען פאַר שרעק און פאַר בושה...

איצט זעט מען דאָך סאַרע כשר קינד לאהלע איז. און וואָס האָט מען צו איר געהאַט? און אַז אין דער ספרים־שאַנק זענען געלעגן פאַר־

שטעקט עפעס א פּאָר נארישע בלעטלעך? איז וואָס? וועמען האָט דאָס געשאדט? דער קיסר אין פּעטערבורג האָט זיך אפשר געשראָקן פאר זיין לאהלע? און וואָס האָט זי געטון? באהאַלטן? אוודאי האָט אַזאַ גוטע נשמה ווי לאהלע נישט געקאָנט אָפּזאָגן אַ טובה און — באהאַלטן. מסתמא אפילו נישט געוווסט, וואָס עס איז... מסתמא צומאָל נישט אריינגעקוקט... ימח שמו זאָל דער עשיו ווערן!... צוליב אים זענען אַלע צרות געקומען. צוליב אים איז נעבעך פארפינסטערט געוואָרן לאניאלעס לעבן. צוליב אים האָט ער, לוי, כאַפּ־לאַפּ אוועקגעשיקט דבורהלע צוזאַמען מיט דער טאָכטער אין אַ פּראָסט און אַ שניי קיין זאקאָפּאנע. צוליב אים איז מענדעלע שדכן געלאָפן קיין קראָקע און געברענגט די ברוידעס. צוליב אים האָט מען אין אזא געאייל, ווי עס וואָלט, חלילה, געברענט, תנאים געשריבן עפּעס אין אַ האָטעל אָן משפחה, אָן גוטע פריינט, אָן דעם עולם פון די שטיבלעך, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ שמחה ביי ר׳ לוין.

ר׳ לוי ביילט די פויסטן. אָ, ווען ער באקומט אין זיינע הענט דעם שיכורן עשיו, וואָס האָט אַזוינע צרות געברענגט. באלד אָבער פאַלן אים די הענט אָנמעכטיק אַראָפּ. עס דאכט זיך אים, אַז נישט בלויז דער פּריסטאוו גאַלוכאָוו איז שולדיק, אַז עס איז דאָ אויך אַ צווייטער שותף צו דער שולד, און אַז דאָס איז טאָקע ער, לוי...

און ר׳ לוי פאַרענטפערט זיך, פּרווט קלענער מאַכן זיין שולד. ווער האָט געקאָנט וויסן? ווער האָט זיך געקאָנט אויף אַזעלכעס ריכטן? זענען דען די קראָקעווער ברוידעס נישט די פּאַסיקע מחותנים אפילו פאַר ר׳ לייזערס זון? דאכט זיך אַ שענערן יחוס איז נישט צו געפינען. און נישט בלויז יחוס. אַ גביריש הויז. גרויסע מסחרים מיט וויין געפירט. און אַ פיינע חסידישע שטוב. אויפן קירהשן שטייגער טאָקע, אָבער חסידים, גבירים, לומדים... און דעם חתן משהלע איז דען געווען אוועקצומאַכן? שיין און הויך און אַזאַ איידל פּנים... און טאָקע אַ שאַרפער קאָפּ אויך. אַ לומדיש פּשטל ביים פאַרהער געזאָגט און דערצו — אַ כתבא רבה... און ערשט סאַרע מתנות זיי האָבן דער כלה געשיקט... אים, לוין, גייט עס אפילו וויניק אָן. אָן די כלה־מתנות האָט זיין בת־יחידה, ברוך השם, אויך נישט געפעלט קיין בריליאַנטן. אָבער געפעלן איז עס אים. געפירט זיך אַזוי, ווי מחותנים דאַרפן זיך פירן...

ר׳ לוי זיפצט שווער אָפּ. ער דערמאָנט זיך דעם ערשטן שבת פון זיין איידעמס קעסט. אַ קליינינקייט געווען, אָבער אים, לוין, האָט באַלד אַ שטאָך געטון אין האַרץ. די שענסטע חסידים, מיט ר׳ שמחהלען, זאָל אָפּגעשיידט זיין, בראש, זענען ביים טיש געזעסן. יונה סאָרוועך האָט דאכט זיך צום לעצטן מאָל דערלאַנגט צום טיש. מען האָט געגעסן די פיש און געהערט די קאָצקער מעשיות, וואָס ר׳ שמחהלע הערט נישט אויף צו דערציילן. יאָ, ער, לוי, קאָן נישט פארגעסן ביז היינט ר׳ שמחה־לעס ווערטער „... אַזש פון קראָקע, אויסלענדישע סחורה באַדאַרפט ברענ־גען, לוי...״

ר׳ לוי וויל זיך אויפרייסן פון טיש. ער וויל לויפן און כאַפּן דעם קראַקעווער יונגנמאַנטשיק ביים קאָלנער. אָבער ער האָט קיין כוח נישט זיך אויפצושטעלן. ער לאָזט נידעריקער אַראָפּ דעם קאָפּ. אַך, אַך, סאַרע צרות געהאַט אויסצושטיין פון דעם יונגאַטש... סאַרע בזיונות... דאָס שלעפּן זיך אין די „טריאַטערס״ און דער „ראַם גראַם מאַך מיר אַ שטראַם״... און ערשט משהלעס האַנדלען!... אוי, די גרויסע געשעפטן זיינע!... ער, לוי, האָט נישט געקאָנט אַזוי פיל פאַרדינען, כדי צו דער־לייגן צו משהלעס עסקים...

און וואָס האָט ער, לוי, געקאָנט טון. לאָזן „זעצן אין פּאַוויאַק״ דעם מאַן פון דער איינציקער טאָכטער?... אוודאי וואָלט עס געווען אַ מצוה אויף אים!... וואָס אָבער וואָלט געזאָגט דער גזשיבאָוו? גאַנץ וואַרשע וואָלט דאָך געקאָכט!... און זיין לאַניאַלע וואָלט עס דאָך נישט איבערגעהאַלטן...

סאַרע רחמנות ס׳איז אויפן קינד, נעבעך... ווי אַ ליכט גייט זי אויס. ער, לוי, זעט עס, און קאָן נישט העלפן. אַזוינע זאַכן אין גזשיבאָ־ווער הויז!... אָנטון זיך דייטש, געוואָרן אַן עוכר ישראל... איז עס נאָך ווייניק... שלעפּט ער זיך נאָך אַרום מיט שיקסעס, רחמנא ליצלן... מ׳באַ־האַלט פאַר אים אויס. זיי מיינען, אַז ער ווייסט פון גאָרנישט... אָבער ער, לוי, ווייסט, ער ווייסט אַלעס...

דבורהלע האָט שוין צום צווייטן מאָל געעפנט די טיר:

— קום אריין, לוי... וועסט טרינקען טיי.

— באַלד, באַלד — כאַפּט זיך ר׳ לוי אויף ווי פון אַ שווערן שלאָף.

— נענוג שוין אויף היינט מיט די געשעפטן — זאָגט דבורהלע מיט האַלב־נעבעט און האַלב־געבייזער.

זי זיפצט שווער אָפּ. די פּאַפּירן אויפן טיש נאַרן זי נישט. זי ווייסט, אַז ר׳ לוי האָט אַנדערע דאגות. אַז ער קאָן גאָרנישט אין זין האָבן דאָס געשעפט. וואַרט זי און קוקט טרויעריק אויף איר מאַן.

— נו, גיי, גיי... איך קום גלייך — קאָן ר׳ לוי נישט אויסהאַלטן דעם טרויעריקן בליק פון זיין פרוי.

— פאַרטיק זיך אָפּ —זאָגט שטיל דבורהלע— ס׳קינד זיצט שוין אַ שעה... מעגסט דאָך כאָטש צו איר אַריינגיין...

— כ׳בין גלייך פאַרטיק —בייגט ר׳ לוי זיך איבער עפּעס אַ חשבון— זאָג לאַניאַלען, אַז איך קום גלייך.

ער האַלט דעם חשבון אין האַנט, אָבער ער זעט גאָרנישט. די אותיות טאַנצן אים פאַר די אויגן. ער הערט די שוואַכע שטים פון זיין טאָכטער. יאָ, צייט צו איר אַריינצוגיין. אפשר וועט פאַרט דער אויבער־שטער העלפן. דער עסק מיט דער טערעספּאַלער באַן וואָלט געוועזן אַ גליקבע זאַך. נאָר יאַשקע דרייט. האַלט אין איין ציען געלט און עס נעמט קיין סוף נישט... עפּשטיין... אין אַלעם איז ער שולדיק. אין אַלעם. אַזאַ עזות פון אַ משרת־יונג. שטעלט זיך אים אין וועג. אָן בושה. די לייט...

קאַפּיטל 14

# שותפות מיט א משרת-יונג?

ר׳ לוי האָט אַ צופרידענער אויסגעשטרעקט די האַנט צו אדעק ווישינסקין. אדעקס ברייט־צעשמייכלט פּנים האָט צעטריבן די שווערע וואָלקנס, וואָס האָבן פאַרכמורעט ר׳ לויס געזיכט. ר׳ לוי האָט אפילו אויך אַ שמייכל געטון און מיט דער האַנט אַוועקגערוקט די געשעפטס־פּאַפּירן, וואָס זענען געלעגן פאַר אים אויפן שרייב־טיש, מיט אַ זשעסט פון אַ מענטש, וועלכער האָט נאָר וואָס אָפּגעטון אַ שווערע און פאַראַנטוואָרט־לעכע אַרבעט און קאָן זיך איצט דערלויבן אַ געמיטלעכן שמועס.

אדעקס מויל האָט ווי זיין שטייגער זיך נישט פאַרמאַכט אויף אַ

רגע. אדעק קאָן גאַנץ וואַרשע. ער ווייסט, וואָס ביי יעדן טוט זיך און ער ווייסט אויך, ווי אַזוי מען דאַרף רעדן צו אַ מענטש.

ר׳ לוים פּנים האָט זיך וואָס אַמאָל מער צעשמייכלט. אדעקס מעשיות זענען פאַר אים געווען אַן אָפּרו און האָבן אים געמאַכט אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן אָן די אייגענע דאגות. אדעקס ברייט געלעכטער איז געווען אָנשטעקיק און ר׳ לוי האָט אויך פון צייט צו צייט אַ לאַכעלע געטון. אַ יונגאַטש דער אדעק איז! און ווי ער ווייסט דאָס אַלצדינג...

ר׳ לוי האָט אדעקן מכבד געווען מיט אַן אויסלענדישן ציגאַר, פון יענעם סאָרט, וואָס איז באַשטימט פאַר גאָר חשובע געסט. אדעק איז ר׳ לוין וואָס אַמאָל מער געפעלן. ער ווילט זיך אויף אַלעמענס חשבון, אָבער ווען ר׳ לוין רעדט ער מיט אַזאַ דרך־ארץ און אפשיי, ווי עס דאַרף צו זיין. ר׳ לוי געדענקט שוין נישט, ווען ער האָט זיך אַזוי גוט געפילט. אפילו די דאגה וועגן לאַניאַלע האָט דער ווילצלער אדעק אויף אַ מאָמענט פאַרטריבן.

ער איז דאַנקבאַר אדעקן פאַר זיין קומען. ער וואָלט דאָך איצט געמוזט אַריינגיין אין עס־צימער צו דער טיי און ווידער קוקן אין די פאַרוויינטע אויגן פון זיין בת־יחידה און ווידער זיך זאָגן, אַז ער קאָן איר נישט העלפן, ער וואָלט ווידער געמוזט שילטן דעם פּריסטאַוו גאַ־לוכאָוו, וואָס הלוואי וואָלט ער פּריער הענט און פיס צעבראָכן, איידער ער האָט אין יענעם שבת איבערגעטרעטן זיין שוועל.

פון דאַנקבאַרקייט פאַר זיין קומען האָט ר׳ לוי אפילו גענומען אויספרעגן ווישינסקין וועגן זיינע עסקים.

— דאַנקען גאָט, נישט צו פאַרזינדיקן —האָט אדעק גליקלעך גע־שמייכלט— עולם האָט זיך גענומען שטעלן הייזער. יעדער וויל האָבן אַן אייגענע מויער. אינגיכן וועלן שוין אויספעלן שכנים. אָבער דאָס איז שוין נישט מיין דאגה. איך שטעל זיי די הייזער און פּרנסה איז, ברוך השם, דאָ.

— עס פרייט מיך זייער, פאַניע ווישינסקי —האָט ר׳ לוי אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ— עס פרייט מיך זייער, וואָס דער עסק ביי אייך גייט — באַלד אָבער האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער אַליין האָט שוין זינט

לאַנג קיין הויז נישט געשטעלט, און ער האָט דעריבער געפונען פאַר נויטיק צוצוגעבן:

— ווען איך וועל בויען, וועל איך אויך, פאַרשטייט זיך, אָן אייך נישט פאַרגעסן, פּאַניע ווישינסקי...

— בעסטן דאַנק, ר׳ לוי — האָט ווישינסקי געמאַכט דעם אָנשטעל ווי ער וואָלט זיך שטאַרק געפרייט מיט דעם צוזאָג.

— נאָר דערווייל האַלט איך נישט פון דעם גאַנצן בויען —האָט ר׳ לוי איינגעזען, אַז ער דאַרף ברייטער דעם ענין אויפקלערן— איך האָב אַ געננוג פאַרדרייטן קאָפּ מיט די אַלטע לאָקאַטאָרן מיינע... און עס קאַלקולירט זיך נישט... פיל בעסער זענען די „ליסטעס". אַנשטאַט בויען קויף איך טאַקע „ליסטעס"... (ווערט־פּאַפּירן).

ר׳ לוי האָט פון דער זייט אַ קוק געטון אויף אַדעקן. צי נעמט ער ערנסט זיין תירוץ? צי גלייבט ער טאַקע אין דעם קויפן ליסטעס?

אַדעק ווישינסקי האָט פאַריאָגט יעדן פאַרדאַכט פון ר׳ לויס פּנים.

— געוויס, געוויס —האָט אַדעק ענערגיש צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ— צווישן אונדז גערעדט זענען טאַקע „ליסטעס" בעסער... נישט קשה, אויף ר׳ לוין מעג מען זיך פאַרלאָזן און קיינער הערט דאָך נישט... איך אַליין קויף אויך צו ביסלעך „ליסטעס"... זאָלן אַנדערע בויען... כע, כע, כע... נאָר למען השם, נישט רעדן דערפון... טאָמער דערוויסט מען זיך אין שטאָט, אַז ר׳ לוי האַלט נישט פון בויען, בין איך אומגליקלעך... הערן זיי אויף...

פון אַזעלכע רייד איז ר׳ לוי געווען צופרידן. ער איז שיעור נישט אַריינגעפאַלן. אין ווישינסקים שטייגער רעדן און מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— נו, איך וועל קיינעם נישט זאָגן... עס וועט בלייבן צווישן אונדז — און געהייסן אַריינברענגען טיי.

אַדעק ווישינסקי האָט געטרונקען טיי און איז געווען צופרידן פון דעם אופן, ווי אַזוי ער פירט אוים עפּשטיינס שליחות. ער האָט נאָך אפילו נישט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דעם עיקר, אָבער דאָס איז נישט וויכטיק. דער אַלטער ליגט שוין ביי מיר אין האַנט. מיין באַגייסטערונג פאַר זיינע ליסטעס האָט אים שוין גאָר צענומען. זאָל זיין אַזוי. זאָל זיין, אַז אַדעק

זוייסט נישט וועגן ברוידעלעס גאָלדענע געשעפטן און וועגן זיינע מחזקות מיט דער שיינער העלענקע און וועגן דעם, אַז אנשטאט בויען הייזער דאַרף ר׳ לוי יעדעס מאָל שלעפּן פון דער בלאָשע זיין גערעטענעם איידעם. זאָל זיין... דער עיקר איז, וואָס ר׳ לוי איז שוין אין גוטער שטימונג און מען קאָן שוין גאַנץ דרייסט צוטרעטן צו דעם עסק. עס וועט גיין, ווי געשמירט.

אדעק האָט אָנגעהויבן פּאַרזיכטיק, מיט שכל, פון אַ זייט. ער איז ערשט נישט לאַנג געווען אין קינסק. אין דער ציגעלניע. פאַר איינוועגס נישט געקאָנט זיך צוריקהאַלטן און אַ קוק טון אין ר׳ לויס פאבריק... אַזוי פיל זיך אָנגעהערט.

— נו? — האָט ר׳ לוי געפרעגט און זיך דערפילט יינגער מיט אַ יאָר צוואַנציגק

— ס׳הייסט אַ פאבריק! —האָט זיך אדעק געקאָכט פון התפעלות— נישטאָ אין פוילן די צווייטע! צען באַרקאָווסקים מעגן אַ כפרה גיין... אויף מיר מעגט איר זיך פאַרלאָזן, ר׳ לוי... איך קאָן זיך אויף די זאַכן... ערשט די סחורה! דער דייטש וועט קיין בעסערע נישט אַרויסגעבן!

— וואָס הייסט —האָט ר׳ לוי זיך געפּרוווט ווערן קעגן אַזאַ לויב— וועגן די דייטשן דערציילט מען דאָך...

— ווייל זיי זענען דייטשן —האָט זיך אדעק דערלויבט איבערצור־רייסן ר׳ לוין אין מיטן רעדן— אַז מען הערט נאָר „דייטש”, מיינט מען שוין ווער ווייסט וואָס... איך בין שוין געווען ביי די דייטשן אויך און געזען... ווי איך בין אַ ייד, ר׳ לוי, איר האָט זיך נישט וואָס צו שעמען...

— אַזוי מיינט איר? —האָט ר׳ לוי נישט געקאָנט אָפּרייסן זיינע אויגן פון אדעקס פּנים— נו, וויפיל אַרבעט האָט מען אַריינגעלייגט...

— דאָס ווייס איך, האָט אדעק באַשלאָסן, אַז עס איז געקומען די צייט צו רעדן צום ענין — איז ווייסט איר ר׳ לוי, וואָס מיר איז איינ־געפאַלן?

— וואָס אַ שטייגער? — האָט ר׳ לוי שוין געפרעגט געשעפטסמע־סיק, אָפּגעבנדיק זיך גלייך חשבון, אַז אדעק איז געקומען מיט עפּעס אַן עסק.

— איך מיין טאַקע אָקעגן דער נייער באַן־ליניע, ר׳ לוי... אַזעלכע

שינעם זענען צו נעמען נאָר פון קינסק. כ׳מיין, אז עס וואָלט דעריבער געווען...

— נו — האָט ר׳ לוי מיטאמאָל דערפילט א ביטערן טעם אין מויל — איז ווי הייסט ער... דער עפשטיין...

דערהערט דעם נאָמען עפשטיין האָט ווישינסקי קורץ א זאָג געטון:

— מאַכט מען מיט אים שותפות און פטור!...

ער האָט נישט באַקומען קיין תשובה. געמיינט, אז ר׳ לוי איז זיך מיישב. ער האָט פון דער זייט א קוק געטון אויפן אַלטן און זיך דערשראָקן.

ר׳ לוי איז געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינערט. דאָס גאַנצע בלוט איז אַנטלאָפן פון זיין פּנים און זיין געזיכט איז געווען ווייס און זיך אויסגעקרימט אין א גרימאַסע פון טויט. מיטביידע הענט האָט ער זיך קאָנוולסיוו אָנגעהאַלטן אָן טיש און קוים ווי א ברום געטון:

— וואָאָאָסס?! שות־פות??!! מיט א משרת־יונג???!!!...

אַדעק ווישינסקי איז געבליבן זיצן א צעטומלטער. אין צווייטן צימער האָט מען זעט אויס עפּעס דערהערט. דבורהלע און לאַניא זענען צעשראָקענע אַריינגעקומען.

— וואָס איז געשען? — איז דבורהלע צוגעלאָפן צו איר מאַן.

לאַניא האָט געברענגט וואַלעריאַן־טראָפּן און אַלע דריי האָבן ר׳ לוין צוגעפירט צו דער סאָפע.

ר׳ לוי איז מיט פאַרמאַכטע אויגן געלעגן אויף דער סאָפע. עס איז אים שוין בעסער געווען, נאָר פאַר חרפה האָט ער די אויגן נישט געקאָנט עפענען. אזוי ווייט איז עס שוין דערגאַנגען. אזא פּנים האָט ער שוין, אז מען קאָן אים, ר׳ לייזערס עלטסטן זון, דעם באַלעבאָס פון דער גזשיבאָווער פירמע אָנשלאָגן שותפות מיט א משרת־יונג. אזוי ווייט...

אין צווייטן צימער האָט לאַניא טעלעפאָנירט צו ד״ר הערץ. יאָ, דורכאויס באַלד אַרויפקומען. דער פאָטער נישט מיט אַלעם. איר, פאַניע דאָקטאָזשע, קאָנט אים אָמבעסטן באַרואיקן. אַלזאָ ביטע...

ערשט אָוועקלייגנדיק דאָס טעלעפאָן־טרייבל, האָט זי ווישינסקין געפרעגט:

— וואָס איז געשען?

— איך ווייס נישט — האָט ווישינסקי פאַרלעגן געשמייכלט — איך

האָב אים פאַרגעשלאָגן שותפות מיט עפּשטיינען און דאָ... ער האָט נישט געפונען דאָס ריכטיקע וואָרט און זיך שנעל געזעגנט.

א לייכטע רויטקייט האָט א שלאָג אַרויס געטון אויף לאַניאַס בלייך געזיכט און אין אירע אויגן האָט עפּעס א בליץ־אויף געטון.

## אַן אומגעריכטער גאַסט

אין אָוונט, ווען עפּשטיין איז געזעסן מיט בערטאַן אין עס־צימער און געטרונקען טיי, האָט זיך באַוויזן אַן אומגעריכטער גאַסט. ר׳ יאָשקע פּאָדריאַטשיק מיט דער בלאָנדער ברייט צעקעמטער באָרד האָט זייער וואַרעם געדריקט די שפּיץ־פינגער, וואָס עפּשטיין האָט אים קאַלט דערלאַנגט.

נישט געפרעגט, האָט יאָשקע ברייט און לאַנג דערציילט וועגן זיינע עסקים מיט די רוסישע שררות, און פון דעם דערציילן איז קלאָר אַרויס־געקומען, אַז אַן אים טוען זיי קיין זאַך נישט און אַז טאָמער קומט ער אַמאָל נישט, שיקט מען צו אים שליחים עקסטרא. ער האָט אויך געגעבן אָנצוהערן, אַז אויב ער, יאָשקע, האָט טראָץ זיינע גרויסע עסקים זיך מטריח געווען און געקומען אין אָוונט צו עפּשטיינען, איז עס נישט גלאַט אַזוי, איז עס מסתמא צוליב אַן ענין און טאַקע א וויכטיקן ענין.

די דאָזיקע אָנצוהערענישן און רמזים האָט ר׳ יאָשקע געמאַכט מיט דער כוונה, אַז עפּשטיין זאָל סוף כל סוף זיך אויפשטעלן פון אָרט און אים אַריינבעטן צו זיך אין קאַבינעט, וואָרום אין דער עס־שטוב און אין דער אַנוועזנהייט פון נשים איז נישט באַקוועם און עס שיקט זיך בכלל נישט צו רעדן וועגן ערנסטע זאַכן.

זעט אויס, אַז עפּשטיין האָט די אַלע רמזים נישט פאַרשטאַנען און זיך נישט גערירט פון אָרט. משרת בלייבט משרת. געלט איידלט נישט אויס. ווייסט זיך נישט ווי צו פירן... באין ברירה האָט ר׳ יאָשקע געמוזט איבערגיין צום ענין און רעדן וועגן זיין עסק אין עס־צימער, אין דער אַנוועזנהייט פון בערטאַן. ס׳האַנדלט זיך וועגן דער נייער באַן־ליניע. עפּ־שטיינס פירמע אינטערעסירט זיך דערמיט... נאָר ווי דען... נישט יעדן טאָג מאַכט זיך אַזאַ געלעגנהייט. יאָ... ער, יאָשקע, ווייסט אַלץ... די גויים

האָבן זיך מיט אים מיישב געווען... נו, איז אויב ער, עפּשטיין, וויל, קאָן מען צוהעלפן צוויילן און, בכלל, איר פאַרשטייט דאָך...

— האָט איר נישט אַמאָל אַ טעות, ר׳ יאָשקע? — האָט עפּשטיין ווי נישט פאַרשטאַנען, וואָס מען וויל פון אים.

— וואָס הייסט אַ טעות? —האָט ר׳ יאָשקע זיך געגלעט די בלאָנדע באָרד— איך פאַרשטיי נישט, פאַניע עפּשטיין...

— מיטן אַדרעס אַ טעות?... — האָט עפּשטיין קאַלט אַ זאָג געטון.

— מיטן אַדרעס? —האָט ר׳ יאָשקע געקוקט מיט שטוינען אויף עפּשטיינען— וואָס זאָל דאָס הייסן, קלאָר גערעדט?

— קלאָר גערעדט, הייסט עס —האָט עפּשטיין נאָך קעלטער גע־רעדט— אַז אויב איך האָב נישט קיין טעות, האָט איר שוין עמיצן אַנדערש פאַרזיכערט...

— כע, כע, כע —האָט ר׳ יאָשקע זיך צעשמייכלט— כ׳זע, אַז איר, פאַניע עפּשטיין, ווייסט אַלץ... — כע־כע... וואָס הייסט צוגעזאָגט, פאַר־זיכערט?... אַז ר׳ לוי טשעפּעט זיך צו... לאָזט נישט אָפּ. איז וואָס... אַן עלטערער ייד... בפירוש אַ מצוה אים צו באַרואיקן... איר, פאַניע עפּשטיין, האַלט אפשר נישט פון די זאַכן... כע־כע... מצוות... נאָר איך האָב נישט געקאָנט צוזען זיין צער... נו, האָב איך עפּעס אים דאָרט געזאָגט... מאַלע, וואָס מען זאָגט... דער עיקר, אויב איר, פאַניע עפּשטיין, ווילט...

ר׳ יאָשקע האָט נישט באַוויזן צו ענדיקן. עפּשטיין האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט.

— וואָן! — האָט ער מיט דער האַנט אַ וויִז געטון צו דער טיר.

ר׳ יאָשקעס ברייט צעקעמטע בלאָנדע באָרד איז עפּעס מיטאַמאָל צוזאַמענגעפאַלן. אַ צעטומלטער איז ער געבליבן זיצן און נישט געקאָנט משיג זיין, וואָס עס קומט דאָ פאָר.

— וואָן! — האָט עפּשטיין איבערגעחזרט.

ר׳ יאָשקע האָט זיך אויפגעשטעלט. אַ פאַרלווירענער האָט ער געקוקט אויף בערטאַן, ווי ער וואָלט ביי איר געזוכט שוץ.

— וואָס הייסט —האָט ער געשטאַמלט— כ׳פאַרשטיי נישט... ס׳איז דאָך נישט סוחריש... וואָס איז דאָס אויפרעגן זיך... געמ י י נט...

עפּשטיין האָט מער נישט געענטפערט. ער האָט בלויז מיט דער האַנט אַ ווייז געטון צו דער טיר.

ר׳ יאָשקע פּאַדריאַטשיק, וועלכער איז „פּאַן־בראַט" מיט די שררות און אויף וועמען סקאַלאַנס רעכטע האַנט, דער פּאַלקאָווניק קאַמאַראָוו, האָט אַמאָל געטופּעט מיט די פיס און געשריען „פּאַשאָל", האָט אָבער נאָך קיין פּעטש נישט באַקומען. דאָ אָבער דאַכט זיך אים, ווי עמיצער שטייט איבער אים, פּאַטשט אָן אויפהער און ער, יאָשקע, קאָן צומאָל נישט ענט־פערן, קאָן אפילו נישט שרייען, ער לויפט בלויז, לויפט... ערשט אין טויער האָט ער געקאָנט כאַפּן אָטעם.

ער איז אַרויס אויף דער גאַס און אַרויפגעקוקט צו עפּשטיינס פענ־סטער — וואָרט — האָט ער אַ ריס געטון זיין בלאָנדע באָרד — דו וועסט נאָך זען... משרת־יונג...

קאַפּיטל 15

# דער כוח פון אַ מיליאָן

אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין די האַלב טונקעלע חדרים פון ר׳ לוים פירמע. דער אַלטער ר׳ הענעך בוכהאַלטער האָט טרויעריק גע־שאָקלט מיטן קאָפּ.

— עס גייט באַרג אַראָפּ — האָט ער צו זיך אַליין געמורמלט — אויב די פאַבריק אין קינסק האָט זיך אָפּגעשטעלט, עקט זיך די וועלט...

ער, ר׳ הענעך, האָט נאָך געפּרוווט ראַטעווען. ער האָט געוואָלט אַרי־בערגיין צו עפּשטיינען וועגן די שינעס פאַר דער נייער באַן־ליניע. אים, הענעכן, וואָלט דניאל נישט אָפּגעזאָגט. ר׳ לוין טאָר מען אָבער דעם נאָ־מען נישט דערמאָנען.

ר׳ הענעך פאַרשטייט אפילו נישט ר׳ לוים כעס. וואָס האָט מען צו דניאלן? וואָס וויל מען פון אים? ער זאָל אוועקוואַרפן פון זיך זיין מזל? פאַרוואָס? פאַרוועןְ? ווייל ר׳ לוי וויל אַזוי?... ער, הענעך, האָט גאָרנישט צו עפּשטיינען. אַן אָרנטלעכער בחור געווען, און אַז דער אויבערשטער האָט אים געהאָלפן, זאָל אים ווייל באַקומען. ער פירט זיך זייער שיין,

דניאל. ווי א ייד דאַרף זיך פירן, ווען דער אויבערשטער העלפט אים. די גאַנצע שטאָט זאָגט דאָס זעלבע... און אים, העגעכן, וואָלט דניאל די באַשטעלונגען געווים געגעבן. וואָס קומט אָבער אַרויס? אַז מ'קאָן מיט ר' לוין וועגן דעם נישט רעדן...

און איצט איז שוין סיי ווי צו שפּעט. אַ נייע צרה צוגעקומען. יידן ווערן בדיל הדל. סוחרים קאָנען נישט צאָלן. ער, העגעך, קאָן זיינע סוחרים דורך און דורך. ער ווייסט, אַז איצט מעג מען זיי גלויבן, אַז זיי זענען בדלות. די סחורה זייערע ווערט פאַרזשאַווערט אין די סקלאַדעס. די פּויערים ווייזן זיך מער נישט אין אַ יידיש געשעפט. און דאָס זעלבע איז מיט די שטאָטישע גויים. און טאָמער פאַלט שוין עמיצער אַריין אין אַ יידיש געשעפט, שטייט ער אויף איין פוס, קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן, צי מען זעט אים, חלילה, נישט, קויפט נאָר דאָס נויטיקסטע און אויף אַלע שאלות הערט מען איין תשובה:

— עס איז אַ זינד צו קויפן ביי אַ ייד... די זשידעס זענען שונאים, נאָר ביי אייגענע דאַרף מען קויפן... דער גלח האָט אין דער קירך שטרענג אָנגעזאָגט...

איז וואָס־זשע זאָלן זיי טון, די יידן, נעבעך? פונוואַנען זאָלן זיי נעמען געלט צו צאָלן די וועקסלען? אומזיסט בייזערט זיך ר' לוי. אומזיסט שרייט ער אויף די איבערגעשראָקענע קונדן. אומזיסט קלאַפּט ער אין טיש. זיי קאָנען זיך נישט העלפן און די שטויסן פּראָטעסטן אין דעם הויז אויפן גזשיבאָוו וואַקסן מיט יעדן טאָג אין אַלץ גרעסערע בערג...

— און פאַר וואָס איז דאָס פּלוצים געקומען? —רייבט זיך ר' העגעך דעם הויכן שטערן— ווי אַזוי האָט די וועלט זיך איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ?...

אַ מינוט לאָזט מען נישט די יידן במנוחה. פריער איז געווען אַ צרה מיט אַ רעוואָלוציע... איצט, געלויבט צו גאָט, פּטור געוואָרן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּריש אָנשיקעניש — אַ יאַגעלאַ...

ער, העגעך, האַלט נישט פון ר' יאַשקע פּאַדריאַטשיקס רייד, אַז אַלע צרות קומען פון די ליטוואַקעס און פון זייערע זשאַרגאָנישע גאַזעטן. ער, העגעך, ווייסט נישט, וואָס מען וויל פון די ליטוואַקעס. און אין אַ יידיש בלאַט אַריינצוקוקן, טוט טאַקע אויך אַ הנאה. און בכלל געפעלט אים,

הענעכן, נישט, וואָס ער, יאָשקע, ווערט אַזאַ מחותן מיטן אַלטן... מילא, אַזוי לאַנג ווי ער האָט צוגעזאָגט זיך משתדל זיין וועגן דער טעראַספּאַלער באַן, האָט מען געמוזט מיט אים רעדן, הגם ער, הענעך, האָט באַלד געהאַט אַ חשד, אַז יאָשקע מיינט נאָר צו ציען געלט פון אַלטן. איצט אָבער האָט דאָך שוין ר׳ לוי אַליין געדאַרפט איינזען, אַז יאָשקע האָט אים מיאוס גע־נאַרט. מעשה שטן, קלעפּט ער וויטער אָן יאָשקען. יאָשקע, יאָשקע און יאָשקע... רירט זיך נישט אָן אים... האָט אים אפילו אַריינגעפירט אין דאַר־זאַר־שטיבל, הגם חסידים האָבן געשריען, אַז ר׳ יאָשקע איז אַ קל און בכלל קיין ליט נישט. וואָלט דער יאָשקע געזעסן בלויז און מיט דרך־ארץ געשוויגן. איז ער גאָר פון די ראשי המדברים, און האָט כסדר טענות צו יידן. רעדט אסור לדבר אויף די ליטוואַקעס, ווי זיי וואָלטן חלילה נישט זיין קיין יידן. ער, הענעך, קומט יעדן אָוונט אין חברה ש״ס, ליטוואַקעס טאַקע, אָבער ווילע יידן. לערנען אַ בלאַט גמרא און פירן זיך בכלל לייַ־טיש... איז געוואָרן אָן עסק מיט אַ יאַגעלאַ... סאַרע מחותנים זענען וואַר־שעווער יידן מיט עפּעס אַ יאַגעלאַ?... זאָלן זיך די גויים „וויבאַראַוועןʺ ווי אַזוי זיי ווילן; זאָלן זיי זיך אַליין רייסן ביי די נעז... דאָס איז זייער דרך. וואָס איז דאָס אונדזער עסק? ווי קומען יידן דערצו? אַ יידס זאַך איז מסחר און אין אָוונט — אין שטיבל און בית־המדרש. הלוואַי וואָלטן זיך יידן ביי דעם געהאַלטן און נישט פאַרדרייט זיך דעם קאָפּ מיט די פּאָנישע „דומעםʺ, וואָלט צו די אַלע צרות נישט געקומען. וואָלט די גויים אין מיטן דרינען נישט איינגעפאַלן אויפצוהערן צו קויפן ביים יידישן סוחר, וואָלט עפּעס אַ רשע נישט אויסגעקלערט דאָס משונהדיקע וואָרט באָיקאָט. וואָלט אין דער פירמע אויפן גזשיבאָוו נישט געווען אַזאַ חשכות און עס וואָלטן זיך דאָרט נישט אָנגעזאַמלט בערג מיט פּראָטעסטן...

נישט אַלע אָבער האָבן זיך געהאַט צו קלאָגן אויף יאַגעלאַן. דניאל עפּשטיין האָט נישט געהאַט ר׳ הענעכס דאגות. ער האָט נישט געוווּסט פון די אַלע צרות. זיין רום האָט ער טאַקע געהאַט צו פאַרדאַנקען די יידישע סוחרימלעך פון דער פּראָווינץ, זיי זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבן געעפנט די טיר פון דער נייער פירמע. איר שעף האָט אָבער שוין זינט אַ צייט זיך אויפגעהערט צו אינטערעסירן מיט זייער פדיון.

דניאל עפּשטיין איז שוין געזעסן אין די גרויסע אַקציע־געזעלשאַפטן.

זיינע מסחרים זענען געווען אויסגעשטעלט אויפן גרויסן רוסלאנד, אויף בערלין און לאנדאן. ער האט די יידישע פראווינצער סוחרימלעך ווייטער, וואס דער אמת, פיין אויפגענומען, אבער זייערע פראטעסטן האבן אים נישט געארט. די גרויסע עסקים מיט מאסקווע, בערלין און לאנדאן האבן מיט אן עודף געדעקט די קליינלעכע היזיקות. אים האט שוין „יאגעלא" גארנישט געקאנט טון. פאר אים און זיינע עסקים איז געווען וויכטיקער, וואס עס איז שטיל און רואיק, וואס קיינער האט מער נישט אין זין מלחמה צו האלטן מיטן קיסר, וואס מען נעמט גערן די רוסישע פאפירן אויף דער פאריזער בערזע.

די גרויסע אויסלענדישע באנקירן האבן געוווסט אפצושאצן די פאר־דינסטן פון עפשטיינס פירמע ביים אויסנוצן די אומדערשעפלעכע רייכ־טימער פון דעם צארס מדינות און באזונדער האבן זיי געוווסט אפצושאצן, וואס די סכנה פון איבערקערענישן איז סוף כל סוף פארשוווּנדן. אז דער פויער האט אויפגעהערט צו קויפן ביים יידישן קרעמער, איז זיי ווייניק אנגעגאנגען.

און אין דער קאנצעלאריע פון ווארשעווער גענעראל־גובערנאטאר אין קעניגלעכן שלאס האט מען זיך געפילט גוט און זיכער. סקאלאן האט געשריבן האפערדיקע ראפארטן קיין פעטערבורג. ער האט געשריבן, אז די פוילישע פאנעס איז מיאוס געווארן די געפערלעכע שפיל, צו שיסן אויף זשאנדארמסקע נאטשאלניקעס. זיי ווערן קליגער. זיי האלטן איצט מלחמה מיט זייערע יידעלעך. די פוילישע פאנעס ווילן אליין ווערן קרעמער. זיי מאכן „ספולקעס". זיי דרשהנען אין די קאשטשאלען, אז די ערגסטע שונאים זענען די יידן. ער, סקאלאן, האט גארנישט דאקעגן. אין דער שטיל שטיצט ער זיי אפילו. די בענק האבן באקומען א ווונק צו געבן קרעדיטן און נישט שטארק בודק זיין, צי זיי וועלן דאס געלט צוריקבאקומען. זאלן די הוצפהדיקע זשידעס וויסן. איצט וועט אין דער מדינה זיין שטיל און רואיק. מען וועט מער נישט דארפן מורא האבן פאר באמבעס און רע־וואלווער־שאסן. זאל גאט, וועלכער היט דעם טראן פון די רוסישע צארן, צו זיך אין גן עדן אריינגעמען דעם טייערן הער באיקאט פאר זיין גוטן איינפאל...

אין די גרויסע אקציע־געזעלשאפטן און באנק־ראטן זענען, ווי פרי־

ער, געזעסן צוזאַמען די פּוילישע פּריצים און די יידישע באַנקירן און פאַר־בריקאַנטן. ביידע צדדים זענען געבליבן פון זיך צופרידן. יאַגעלאָ האָט זייער שותפות נישט צעשטערט. די פּריצים האָבן ווייטער געחתמעט די פּאַפּירן מיט זייערע כראַביעשע טיטולן, נישט לייענענדיק, און זייערע ריי־זעס קיין פּעטערבורג אין שליחות פון די בענק האָבן זיי ווייטער געמאַכט; און די יידישע באַנקירן האָבן מיט אַ ברייטער האַנט געגעבן טאַנטיעמעס און זיך נישט געדונגען ביי די רייזע־הוצאות פון זייערע פּריצישע שותפים.

כדי צו באַרואיקן זייער פּויליש געוויסן, האָבן די פּריצים מיט די ברעקלעך פון זייערע געהעלטער געשטיצט די „ספּולקעס" און אויך זייערע יידישע שותפים זענען געווען אין אָרדענונג מיט זייער יידיש געוויסן, צו־וואַרפנדיק די שיריים פון זייערע הכנסות די אָרימע יידן נעבעך...

דניאל עפּשטיין איז צווישן די דאָזיקע גרויסע „דייטשן" געווען נאָך האַלב פרעמד. מען האָט אים אויפגענומען און פונדעסטוועגן נאָך געקוקט אויף אים ווי אויף אַ האַלב־פרעמדן. עפּעס האָט זיין פירעכץ נישט דער־וועקט קיין צוטרוי. זיין ברייטקייט איז די אַלטע גבירים נישט געפעלן גע־וואָרן. וואָס וואַרפט ער זיך אַזוי מיטן געלט? וועמען וויל ער ווייזן זיין גבירישקייט? אַזוי פירן זיך אַלע אויפגעקומענע... דער גביר פון דור דורות וואַרפט נישט אַזוי מיטן געלט...

דער פאָרוואורף איז נישט געווען אַ פאַרדינטער. דניאל עפּשטיין האָט, זעט אויס, גוט געוווסט ווי צו היטן זיין פאַרמעגן, און אין אַ געוויסן אָוונט האָט ער עפּעס מיט אַ באַזונדערן גלאַנץ אין די אויגן שטיל אַ זאָג געטון צו בערטאַן:

— געמאַכט חשבון... שוין דערגרייכט אַ מיליאָן...

עפּשטיין האָט די ווערטער אַרויסגערעדט מיט פריידיקן ציטער פאַר דעם מיסטישן כוח פון אַ מיליאָן. אַ חלום איז געוואָרן ווירקלעכקייט און עס שרעקט און עס פרייט. און עס ווילט זיך אויסשרייען פאַר דער גאַנ־צער וועלט, און עס ווילט זיך באַהאַלטן נאָר פאַר זיך אַליין דעם גרויסן סוד. און עס גלויבט זיך נישט, און עס וווּנדערט, ווי פּשוט און איינפאַך די מיסטעריע פון איין מיליאָן זעט אויס אין קאַסע־בוך...

אינגיכן האָט וואַרשע שוין גערעדט וועגן דעם מיליאָנער עפּשטיין.

מען האָט שוין דערציילט, אַז עפּשטיין בויט זיך אויס אַ פּאַלאַץ אויף מאַרשאַלקאָווסקע און דאָרט אַהין וועט ער אויך איבערטראָגן זיין געשעפט. די קלאַנגען האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט ריכטיקע. דאָס איז נאָר געווען אַדעק ווישינסקיס פּראָיעקט.

— ווי לאַנג נאָך וועסטו ליגן צווישן די פּיאות־יידעלעך — האָט ער איינגעטענהט מיט עפּשטיינען און געפּרוווט אויך אויף זיין זייט אײַבערציען די מאַדאַם בערטאַ — עס איז דאָך מיר אַ חרפּה און בושה פאַר דיר... זע, ווי די גאָלדפעדערס און נאַטאַנזאָנס האָבן זיך איינגעאָרדנט...

— אָבער ווי קום איך צו די אַריסטאָקראַטן... — האָט עפּשטיין זיך געווערט.

— נו, נו, ברודערקע — האָט ווישינסקי גוטברודעריש געלאַכט — מיך וועסטו דאָך נישט נאַרן... אַז מען איז אַ מיליאָנער...

מער האָט ער נישט געזאָגט. נאָך דעם וואָרט מיליאָנער איז שוין מער נישטאָ וואָס צוצוגעבן.

עפּשטיין האָט זיך לאַנג געקווענקלט. ניין, ער וועט נישט אַנטלויפן צו די אַריסטאָקראַטן. די מאַרשאַלקאָווסקע איז נישט זיין אָרט. ער וועט נישט נאָכמאַכן די „דייטשן". ר' לייזער איז געווען זיין רבי און נישט נאַטאַנזאָן. ער, עפּשטיין, איז אַ סוחר פון גזשיבאָוו. דאָס איז עס. און זאָל אים אַדעק אויפהערן דולן אַ קאָפּ מיט דער מאַרשאַלקאָווסקע. אויב זיך איבערטראָגן וועט ער אויף — דער קרולעווסקע. נישט ווייט פון גזשיבאָוו און נעבן דער בערזע. דאָס איז סוחריש...

— זאָל שוין זיין קרולעווסקע — האָט אַדעק מיט אַ שווער האַרץ מסכים געווען און זיך גענומען צו דער אַרבעט.

ר' לוי האָט יעדעס מאָל, גייענדיק פון דער בערזע, אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ. ער האָט נישט געוואָלט זען, ווי עפּשטיינס געביידע וואַקסט וואָס אַמאָל העכער אַרויס. ער האָט עס נישט געקאָנט זען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ, וואָס עפּשטיין טוט, איז צו להכעיס אים, לוין, כדי זיך מיט אים צו רייצן, כדי אים צו ווייזן, אַז ער, דער משרת־יונג, איז דער בעל־דעה אויפן גזשיבאָוו. ר' לוי האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ. עס האָט אים אָבער נישט געהאָלפן. ער האָט פאָרט געזען, ווי די אַרבעט גייט מיט

אַן אימפּעט, און יעדער נייער ציגל, וואָס איז צו עפּשטיינס געביידע צו־געקומען, איז געווען ווי אַ שטיין אין ר׳ לוים קאָפּ.

ר׳ לוי איז געווען אַ פֿרומער ייד. ער האָט, ווי זיין פֿאָטער, זיך געהאַלטן ביים רבין. פֿונדעסטוועגן זענען אים טיילמאָל געקומען אין קאָפּ מאָדנע רעיונות. נישטאָ עפּעס קיין יושר און גערעכטיקייט אויף דער וועלט. וואָלט זיין יושר, וואָלט מען דאָ צו אַזאַ חוצפּה פֿון אַ משרת־יונג נישט דערלאָזט... און אין דער שטילקייט פֿון האַרץ האָט ער מתפּלל געווען און געהאָפֿט אויף עפּעס אַ קאַטאַסטראָפֿע, אַ שריפֿה, צי גאָר אַן ערד־ציי־טערניש וועט מיטאַמאָל אַראָפּפֿאַלן אויף עפּשטיינס נייער געביידע און וועט אַנלערנען דעם משרת־יונג. ער האָט וועגן דעם נישט גערעדט מיט קיינעם, אפֿילו מיט זיין ווייב נישט. ביי זיך אָבער אין האַרץ האָט ער געטראַכט, אַז וואַרשע איז אַ שטאָט נישט פֿון יידן, נאָר פֿון גזלנים. וואָרום ווי לאָזט מען צו אַזאַ רציחה?... פֿאַרוואָס שווייגט מען אים, עפּשטיינען?... און וואָס האָט ער זיך אָנגעמשעפּעט אָן גזשיבאָוו?... אַלץ אין שכנות פֿון זיין טאַטנס פֿירמע?... קליין איז וואַרשע?! זאָל ער גיין באַדאַי אויף דער נייער וועלט!... וואָס האָט ער זיך דווקא אָן דעם זון פֿון ר׳ לייזערן עליו השלום, דער פֿריקאַזטשיק, אָנגעטשעפּעט?!... ניין, אַזאַ זאַך וועט נישט פֿאַרשוויגן ווערן. טאָר נישט פֿאַרשוויגן ווערן...

ר׳ לוים תפֿלות זענען אָבער, זעט אויס, נישט אָנגענומען געוואָרן. די גרויסע נייע געביידע פֿון עפּשטיינס פֿירמע האָט זיך ברייט צעלייגט אויף דער פּריצישער קראָלעווסקאַ און פֿון אויבן אַראָפּ געקוקט אויף דעם שמאָלן הייזל אויף גזשיבאָוו.

ר׳ לוי האָט נישט געוואָלט זען און נישט הערן. אָבער פֿון אַלע זייטן האָט געזשימעט אים אין די אויערן... עפּשטיין, עפּשטיין, עפּשטיין... אַ מיליאָנשטשיק, סאַרע ביוראָס... סאַרע דירה... ר׳ לוי האָט זיך געפֿילט אַלט און קראַנק און ד״ר הערץ האָט אָפֿט איינגעטענהט אין דער שטיל מיט דבורהלען.

פֿונדעסטוועגן האָט ר׳ לוי זיך נישט אונטערגעגעבן. ער האָט זיך פֿאַרמאָסטן אויפֿן לעצטן געראַנגל. זאָל ער נישט מיינען, דער משרת־יונג, אַז דער כּוח פֿון אַ מיליאָן איז שוין אַלץ. ער, ר׳ לוי, האָט שוין אויך גע־

זען א מיליאָן. און אויב די געשעפטן זענען היינט שוואַכער, איז ער, ר׳ לייזערס זון, און נישט דער משרת־יונג, פאַרט אַן אָנגעזעענער וואַרשעווער באַלעבאָס און צו אים, און נישט צו דעם פּריקאָזטשיק, זענען געקומען די וואַרשעווער סוחרים און געבעטן, אַז ביי די „וויבאָרעס״, זאָל ער, ר׳ לוי, וויטער זיי טון אַ טובה און זיין זייער פאַרשטייער אין דאַזאַר־שטיבל.

ער האָט נישט געוווּסט, ר׳ לוי, אַז מיט אַן אָוונט פריער זענען די זעלבע סוחרים געווען אין עפּשטיינס נייער דירה אויף קראָלעווסקאַ און אים געבעטן, אַז ער, עפּשטיין, זאָל זיי אָנטון דעם גרויסן כבוד און דער־לויבן אַרויסצושטעלן זיין קאַנדידאַטור אין דאַזאַר־שטיבל.

דניאל עפּשטיין האָט פיין אויפגענומען די געסט, האָט זיי געדאַנקט פאַר דעם כבוד און געזאָגט, אַז ערשטנס האָט ער נישט קיין שום „פּראַק־טיקע״ אין אַזעלכע הויכע ענינים און צווייטנס מיינט ער, אַז ר׳ לוי האָט שוין דערווייַ אַ חזקה נאָך פון ר׳ לייזערס צייטן און עס וואָלט פון אונדז סוחרים געווען נישט אָרנטלעך, ווען מיר זאָלן איצט, ווען זיין פירמע האָט געוויסע שוועריקייטן, אָן אים פאַרגעסן.

ווען ר׳ לוי וואָלט דערפון געוווּסט, וואָלט ער אפילו מיט דער „דע־פּוטאַציע״ פון די סוחרים נישט געוואָלט רעדן. ער האָט אָבער וועגן דעם קיין אָנונג נישט געהאַט און דעריבער האָט ער מיט אַ גערירטער שטים זיי געדאַנקט פאַרן כבוד און פאַרזיכערט, אַז ער וועט אַרבעטן פאַר זיי אין דאַזאַר־שטיבל מיט אַלע זיינע כוחות, ווי פריער, דעריבער האָט ער אויך געגלויבט, אַז די וואַרשעווער סוחרים זענען וויטער מיט אים און ווען ער וועט זיי רופן, וועלן זיי פירן מיט אים צוזאַמען מלחמה קעגן דעם חוצפּהדיקן משרת־יונג, וואָס גרייט זיך אַלץ צו פאַרכאַפּן.

און די סכנה איז געווען גרויס. אַ סינדיקאַט פון דער גאַנצער בראַנ־זשע וויל ער גאָר מאַכן, דער בנאָק פון קבצן יעקב עפּשטיין! נישט אַנ־דערש, ווי אַ סינדיקאַט און ער מסתמא וועט זיין דער מושל. נו, ווי דען? ניין! היה לא תהיה! ער, לוי, וועט רופן צו זיך די וואַרשעווער סוחרים. ער וועט זיי אויפקלערן, אַז דער משרת־יונג וויל זיי מיט זיין סינדיקאַט אַריינגאַרן אין זאַק. אים, לוין, וועלן זיי גלויבן.

ער האָט זיך שטאַרק געפאָרעט ר׳ לוי. ער האָט געשריבן בריוו צו

די סוחרים, געלאַדן זיי צו זיך אויף אַ גלעזל טיי. דבורהלע האָט פון די סערוואַנטקעס ארויסגענומען דאָס טייערע זילבער און די קרישטאָלן און אויסגעשטעלט אויף דעם טיש אין דער גרויסער סאַלע.

אַ יום־טובדיק אויפגערעגטער האָט ר׳ לוי מיט אַ ציגאַר אין מויל זיך געדרייט איבער זיינע ליכטיקע שטובן, האָט געשמייכלט צו לאַניאַן, וואָס איז געקומען העלפן דער מוטער צו דער „אויפנאַמע״. די צוויי זקנים, ר׳ בונם קאַסיר און ר׳ הענעך דער הויפט־בוכהאַלטער, האָבן געהאַט דעם כבוד אויך איינגעלאַדן צו ווערן צו דער אסיפה און זיי זענען געקומען, מעשה היימישע מענטשן, פריער, זענען געזעסן ביי אַ טישל און אין שטילן שמועס דערמאָנט די אַלטע צייטן.

אויף 8 אַזייגער איז באַשטימט געוואָרן די אסיפה און פונקט צו דער מינוט איז געקומען ר׳ יאָשקע פאַדריאַטשיק מיט דער בלאָנדער ברייט־צעקעמטער באָרד. ר׳ לוי האָט אים פיין אויפגענומען. יאָשקע וועט אים איצט צוניץ קומען מיט זיין קאַנטשאַפט מיט די שררות...

ר׳ יאָשקע האָט פאַררויכערט ר׳ לויס אַ ציגאַר און דערקלערט, אַז ווען די סוחרים וועלן זיך דערוויסן, וואָס ער, יאָשקע, ווייסט וועגן עפּ־שטיינען, וועלן זיי זיין שוועל נישט איבערטרעטן. ר׳ לוי האָט צופרידן געשמייכלט און געקוקט מיט פאַרווונדערונג אויפן זייגער. עס איז שוין אַ האַלבע שעה נאָכן טערמין און מ׳זעט נאָך קיין מענטש נישט... ער האָט אָנגעהויבן נערוועז צו שפּאַצירן איבער דער סאַלע און די קנוילן רויך פון זיין ציגאַר האָבן זיך גענומען שלענגלען האַסטיק און דערשראָקן. דער זייגער האָט שוין געשלאָגן 10 און ביי דער טיר הערט זיך צומאָל נישט קיין קלונג. ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגערעדט. ווי זיי וואָלטן יד אחת געמאַכט, אים, ר׳ לוין, צו דערנידעריקן. ער איז אריין צו זיך אין קאַבינעט, און שווער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער שטול.

אַן אַלטער צעבראָכענער ייד איז ער געזעסן ביי זיין שרייב־טיש און מיטאַמאָל דערפילט, אַז ער האָט שוין נישט קיין כוח זיך מער צו ראַנגלען. ר׳ יאָשקע, נישט געזעגנענדיק זיך מיט קיינעם, האָט זיך שטיל ארויסגערוקט. און ר׳ בונם און ר׳ הענעך האָבן מיט טרויעריקע אויגן זיך צוגעקוקט, ווי דבורהלע און לאַניא רוימען אַראָפּ פון טיש, צו וועלכן

קיינער האָט זיך נישט צוגערירט און האָבן אין איין צייט ווי אַרויסגע־קרעכצט:

— מ׳דאַרף גיין...

אין האַלב פינסטערן טויער האָט ר׳ בונם שטיל ווי צו זיך אַליין אַ זאָג געטון:

— אפילו די אייגענע ברידער זענען נישט געקומען...

ר׳ הענעך האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ:

— דאָס איז דער כוח פון אַ מיליאָן...

## קאַפּיטל 16

# לאַניאַ ברוידע — מישט זיך אין געשעפט

ר׳ לוי האָט זיך געלייגט צו בעט. ד״ר הערצם רעצעפּטן האָבן ווייניק געהאָלפן. „די הויפּט־זאַך נישט אויפרעגן זיך" — האָט ד״ר הערץ געהאַלטן אין איין אָנזאָגן. גיי רעג זיך נישט אויף, ווען וואַרשע ליגט צו די פיס פון עפּעס אַ משרת־יונג און אויף אים, ר׳ לייזערס עלטסטן זון, קוקט מען זיך אפילו נישט אום.

ר׳ הענעך און ר׳ בונם האָבן זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן. מיט ר׳ לוין קאָן מען נישט רעדן און דאָ ברענט די מינוט. מ׳קאָן נאָך, חלילה, אינגאַנצן בלייבן אין דרויסן. באַין ברירה האָבן זיי זיך געמוזט שואל עצה זיין מיט דבורהלע און לאַניאַ. דבורהלע האָט זיך מיט אַ טיכל געווישט די אויגן און מיט צעשראָקענע אויגן געקוקט צו דער טיר פון שלאָף־צימער, פון וואַנען עס האָט זיך דערטראָגן פון צייט צו צייט ר׳ לוים אַ טיפער קרעכץ. אָבער לאַניאַ האָט זיך שנעל אַנטשלאָסן: ר׳ הענעך זאָל אָוועק צו זיי און מיטטיילן אין ר׳ לוים נאָמען, אַז ער טרעט צו צום סינדיקאַט. זאָל ער נישט מורא האָבן, ר׳ הענעך. מיטן טאַטן קאָן מען איצט נישט רעדן, אָבער זי נעמט עס אויף זיך. זי האָט גערעדט מיט אַ טאָן פון תקיף, ווי עס פּאַסט פאַר ר׳ לייזערס אַן אייניקל, און ר׳ הענעך האָט זי געהערט. ער איז אָוועק צו ווישינסקין, וועלכער איז איצט געוואָרן

אַ „גאַנצער מאַכער" און געזאָגט דאָס, וואָס לאַניא האָט געהייסן. געמיינט, אַז ווישינסקי וועט זיך אָנכאַפּן מיטביידע הענט, וואָס די מיוחסדיקע פירמע אויף גזשיבאָוו באַוויליקט צו געבן איר הסכם. ווישינסקי איז אָבער געבליבן גאַנץ קאַלט און גלייכגילטיק.

— מ'וועט באַטראַכטן — האָט ער געענטפערט — די ווענדונג פון דער גזשיבאָווער פירמע, ערשט נאָכדעם ווי ר' לוי וועט ביילייגן אַ התחיבות בכתב...

ר' הענעך איז צוריקגעקומען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. וואָס טוט מען איצט? ווי אַזוי גייט מען אַריין צו ר' לוין און ווי אַזוי דערציילט מען אים, אַז מ'האָט אים אפילו פריער נישט געפרעגט, צי מ'זאָל גיין זיך בעטן...

דבורהלע איז אינגאַנצן געוואָרן צעטומלט, נאָר לאַניא איז געווען רואיק. זאָל מען איר אָנשרייבן אַזאַ התחיבות און זי וועט שוין זען, אַז דער פאָטער זאָל אונטערשרייבן.

מיטן פּאַפּיר אין דער האַנט און מיט אַ צעשמייכלט פּנים איז זי אַריין צו ר' לוין. אין דער צווייטער שטוב זענען געזעסן די צוויי זקנים און דבורהלע אַ שווייגנדיקע און צעשראָקענע. לאַניא האָט גערעדט מיטן פאָטער אין אַ זאַרגלאָזן, פרייען טאָן. זי האָט גערעדט וועגן געשעפט, וועגן די נייע פּלענער. זי האָט נישט אָנגערופן עפּשטיינס נאָמען, אָבער אַרויסגעקומען איז, אַז אַלע וואַרטן איצט אויף ר' לוין, אַז מ'קאָן זיך גאָר אָן אים קיין עצה נישט געבן, אַז מיט די שליחים מוזן רעדן ר' הענעך און ר' בונם און זי, לאַניא, האַלט אויך, אַז אונדזער פירמע דאַרף צוטרעטן צו דעם עסק.

ר' לוי האָט געקוקט מיט דאַנקבאַרקייט אויף זיין בת־יחידה. ער האָט געפילט, אַז עפּעס איז דאָ פּאַרט פּאַראַן אַ פּלאָנטער אין אירע רייד, אַז אפשר בעט מען אים גאָר נישט אַזוי שטאַרק, אַז אפשר גאָר וויל מען אים נאַרנישט. עס איז אים געווען צו שווער זיך אָקעגנצושטעלן לאַניאַן. אירע ווערטער האָבן אים איינגעוויגט. ער האָט געפילט, אַז עפּעס נאַרט מען אים, און ער האָט געוואָלט, אַז מ'זאָל אים נאַרן, ער האָט שוין נישט געשטרעבט נאָך מאַכט. די אילוזיע פון מאַכט איז פאַר אים געווען גענוג.

און ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט מסכים געווען. דאַמאָלס האָט לאַניא אים געבעטן אונטערצושרייבן.

ר׳ לוי האָט זיך געהייסן דערלאַנגען די בריל. א סוחר פון גזשיבאָוו שרייבט נישט גלאַט אונטער א פאַפּיר, אפילו ווען די פען דערלאַנגט אים אַן איינציקע טאָכטער. א סוחר פון גזשיבאָוו איז נישט קיין פוילישער פּריץ און ער ווייסט די חשיבות פון א חתימה. ער האָט אויפמערקזאַם דורכגעלייענט דאָס פאַפּיר און ווי עפּעס ברודיקס פון זיך אוועקגעשאַרט.

— וואָס? —האָט ער א כריפּע געטון— מיין וואָרט איז פאַר זיי וויניק... בכתב זאָל ער זיי געבן?! ניין!...

לאַניאס פּנים האָט אויפגעפלאַמט, זי האָט געגומען רעדן נאָך האַס־טיקער. זי, לאַניא, איז אין אַלעם שולדיק. זי האָט נישט פאַרשטאַנען און האָט צוגעזאָגט צו געבן אַזאַ פאַפּיר. ווען נישט זי, וואָלטן זיי אפילו גאָר־נישט פאַרלאַנגט (זי האָט ווייטער נישט דערמאָנט עפּשטיינס נאָמען). אָבער איצט, ווען זי האָט שוין צוגעזאָגט, פּאַסט עס נישט, וועט עס הייסן, אַז זי, לאַניא ברווידע, האָט ביי איר פאָטער שוין גאָרנישט, וואָס צו זאָגן, אַז איר וואָרט האָט שוין אינגאַנצן קיין קראַפט נישט...

— גיב מיר די פען! —האָט ר׳ לוי אויסגערופן —מיין טאָכטערס וואָרט איז א וואָרט — און ער האָט געגעבן זיין חתימה.

לאַניא האָט אוועקגעדרייט דעם קאָפּ. זי האָט נישט געוואָלט, אַז דער פאָטער זאָל זען אירע פאַרוויינטע אויגן. זי האָט געערעדט נאָך שנע־לער. דער טאַטע וועט זען, אַז אַלץ, וואָס זי זאָגט, איז ריכטיק, אַז זיי אַלע וועלן איצט זיין גליקלעך, וואָס אונדזער פירמע טרעט צו צום עסק...

ר׳ לוי האָט טרויעריק געשמייכלט. און אין דער צווייטער שטוב האָט ר׳ הענעך זיך צוגעבויגן צו ר׳ בונמען און שטיל א מורמל געטון:

— נו, וואָלסטו זיך געגלויבט? וואָס נשים קאָנען!...

לאַניא האָט מיט א טריאומף־שמייכל איבערגעגעבן ר׳ הענעכן דאָס אונטערגעחתמעטע פאַפּיר און איז אַריין אין די גרויסע סאַלע. זי איז לאַנג געשטאַנען פאַר דעם גרויסן גאָלדענעם שפּיגל. זי האָט זיך גלייך געמאַכט די האָר, און ווי א פרעמדע באַטראַכט איר אייגן פּנים. ווי א פרעמדע האָט זי געקוקט אויף זיך און אירע אויגן האָבן געזען א קליין

מיידעלע מיט צוויי לאַנגע גאָלדענע צעפּ, וואָס האָט ליב געהאַט לאַנג, לאַנג צו שטיין פאַר דעם גאָלדענעם שפּיגל און לאַכן צו זיך. דאָס מיידעלע איז פאַרשוווּנדן און זיך פאַרוואַנדלט אין דער פאַננאַ לאַניאַ פּרענקעל, וואָס האָט איצט אין זינען וויכטיקע ערנסטע זאַכן, וואָס טרוימט בונטאַרישע חלומות, וואָס איז גרייט מלחמה צו האַלטן מיט דער אַלטער פאַרשימל־טער וועלט און האָט גלייכצייטיק ליב צו שטיין פאַרן שפּיגל און צו באַ־וווּנדערן זיך אַליין... און שפּעטער... שפּעטער... לאַניאַ האָט זיך אַ רים געטון פון שפּיגל. קינדישע חלומות... אַ מאַמע פון קינדער... נו, צייט צו גיין, זי קאָן אים נאָך נישט טרעפן...

זי איז אַרויס אין גאַס און פאַרקירעוועט אויף דער קראָלעווסקאַ. זי איז געגאַנגען טריט ביי טריט, ווי עס וואָלט איר פאַרפעלט כוח און טיילמאָל זיך אומגעקוקט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז מ'קוקט איר נאָך.

ביי דער קליינער מעשענער שילד פון עפּשטיינס פירמע איז זי גע־בליבן שטיין. נאָך וואָס אייגנטלעך גייט זי? און וואָס וויל זי? ער וועט דאָך זי מסתמא שוין נישט דערקענען. נאָך אַזוי פיל יאָרן... און וואָס וועט זי אים זאָגן? אין קאָפּ איז לעער און פּוסט און דאָס האַרץ קלאַפּט האַסטיק. און אפשר איז ער נישטאָ... אפשר איז ער באַשעפטיקט... אַהיימ־גיין...

מיט האַסטיקע טריט איז זי אַריין אין ביוראָ און דערלאַנגט דעם וואַזשני איר וויזיט־קאַרטע. זי איז געבליבן שטיין אין קליינעם וואַרט־צימער און געבעטן שטיל אין האַרצן, אַז ער זאָל נישט זיין, אַז ער זאָל זיין באַשעפטיקט, און זי זאָל קאָנען צוריק אַהיימגיין. דניאל עפּשטיין איז אָבער שוין געשטאַנען נעבן איר און מיט זיין אָמאָליקן שמייכל זי געפירט אין זיין קאַבינעט.

ביידע האָבן אַ לענגערע ווײַלע, ווי אין פאַרלעגנהייט, געשוויגן. לאַניאַ האָט געקוקט אויף דעם קליינעם דניאלן. ער איז איצט פולער געוואָרן. דער בויך איז ביי אים געוואָרן רונדיק. וואָס האָט זי צו דעם מענטש? האָט זי אים דען אַמאָל געקאַנט? עפּשטיין האָט ווי פאַרשטאַנענע איר בליק און געזאָגט ווי אַנטשולדיקט זיך:

— געוואָרן אַלט... ווי דען...

ער איז געבליבן שטיל. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער זעט אין

לאניאס אויגן א באהאלטענע טרער, און ער האָט, אַוועקדרייענדיק דעם קאָפּ, געוואָלט אריבערגיין צו א זייטיקער טעמע און געזאָגט:

— וואָס מאַכט אייער פּאָטער?

לאניא איז אים געווען דאנקבאר פאר דער פראגע, און זי האָט גע־נומען שנעל רעדן, ווי זי וואָלט מורא געהאט, אז באלד וועט זי חרטה האָבן און אנטשווייגן ווערן. דעם פּאָטערס געזונטצושטאנד איז גאָרנישט צופרידנשטעלנדיק, און עס דאכט זיך איר, אז עגמת־נפשן עסן אים בײס־לעכווייז אויף... און צוליב דעם איז זי צו אים, עפּשטיינען, געקומען איצט... זי האָט געהערט וועגן סינדיקאַט... זי מישט זיך נישט אין פּאָ־טערס געשעפטן... לאניא איז מיטאמאָל געבליבן שטיל, עפּעס האָט זי געהאט דאָס געפיל, אז זי דאַרף אָפּוואַרטן און הערן, וואָס עפּשטיין האָט צו זאָגן.

דניאל עפּשטיין האָט פאררוויכערט א פּאַפּיראָס. זיין בליק האָט שווער געוואַנדערט איבער לאניאס געזיכט. זי האָט דעם בליק נישט גע־קאָנט אויסהאלטן און אראָפּגעלאָזט די אויגן. זי האָט עפּשטיינס פּנים נישט געזען, ווען ער האָט גענומען רעדן און בלויז געהערט זיין קול.

— די לאגע פון אייער פּאָטערס פירמע, מאַדאַם, איז זייער א שווע־רע, א פיל קריטישערע, ווי איר קאָנט זיך פאַרשטעלן... איך האָב אין דער פירמע יאָרן געאַרבעט און עס וואָלט פאר מיר פיינלעך געווען איר אונטערגאַנג. אין דער סוחרישער וועלט קאָן מען זיך אָבער נישט רעכענען מיט סענטימענטן און איך זע שוין איצט כמעט נישט קיין אויסוועג...

— איר זענט אונדזער קעגנער? — האָט לאניא שטיל ארויסגערעדט און אויפגעהויבן אירע אויגן צו עפּשטיינען.

— אויב איר מיינט דערמיט צו זאָגן, מאַדאַם —האָט עפּשטיין געשמייכלט צו איר ווי צו א קינד— אז איך וויל אייער פירמע שלעכטס טון, איז עס נישט ריכטיק. נאָר אויב דאָס הייסט, אז מסחר באַדייט אומ־אויפהערלעכע מלחמה פון אַלע קעגן אַלע, אנטשפּרעכט עס, ליידער, דער ווירקלעכקייט, און דאָ קען קיינער פון אונדז גאָרנישט העלפן, ווען אפילו מ'האָט דעם בעסטן ווילן... און... דאָ האָט עפּשטיין נישט פאַרענדיקט, ווי קווענקלענדיק זיך ווייטער צו רעדן.

— רעדט ביזן סוף! — האָט לאַניא געזאָגט.

— יאָ, מאַדאַם, עס איז מיר נישט אַנגענעם, אָבער איך מוז עס זאָגן. לעצטנס האָט אייער מאַן, ה׳ ברוידע, צוזאַמען מיט ר׳ יאָשקע אָנגעהויבן זיך צו מישן אין אייער פאָטערס פירמע... איך קאָן נישט אייער מאַן פון דער נאָענט, אָבער איך האָב דעם איינדרוק, אַז ער האָט נייגונג צו אימפּראָוויזאַציע. אַרטיסטישע נייגונגען זענען אַ פיינע זאַך, אָבער אין אונדזער בראַנזשע קאָנען זיי ווערן געפערלעך...

— מיין מאַן וועט אַוועק צוריק צו זיינע געשעפטן — האָט לאַניא געפילט ווי אַ רויטקייט שלאָגט איר אַרויס אויפן פּנים— צי וועט דאָס ראַטעווען מיין פאָטער?

— מירן זען, מאַדאַם... איך וועל איבעררעדן מיט גאָלדפעדערן... איין זאַך אָבער, מאַדאַם, מוזט איר וויסן: טאָמער טרעט אייער פאָטער צו צום סינדיקאַט, הערט ער פאַקטיש אויף צו זיין דער אייגנטימער פון זיין פירמע. די פאַרדינסטן, דאָס פאַרמעגן געהערן צו אים, אָבער צו זאָגן האָט ער גאָרנישט... לײַדער...

— און... — האָט לאַניא זיך געפלאָנטערט ביים געפינען דאָס פּאַסיקע וואָרט.

— איך פאַרשטיי, מאַדאַם, איך וועל זיך באַמיען, אַז די עמפּינדלעכקייט פון ר׳ לוין זאָל נישט ווערן געריצט... פאַרקערט... דאָס איז אַלעס וואָס איך קאָן טון, מאַדאַם, און אפשר איז עס בעסער אַזוי, אויב אויסצומיידן אַ קאַטאַסטראָפע.

— איך דאַנק אייך, ה׳ עפּשטיין — האָט לאַניא זיך אויפגעשטעלט.

עפּשטיין האָט זי באַגלייט ביז צו דער טיר.

— מיין פרוי וואָלט זיך ווירקלעך געפרייט, ווען איר קומט צו אונדז —האָט ער געקושט איר האַנט— יעדן דאָנערשטיק אין אָוונט קומען מיר זיך צונויף... איר וועט דאָרט טרעפן אַלטע פריינט, מאַדאַם, אויב איר האָט זיי נישט פאַרגעסן...

— טיילמאָל דערמאָן איך זיך אָן זיי —האָט לאַניא טרויעריק געזאָגט— און איך וועל זיך פרייען צו קענען זיך טרעפן מיט זיי ביי אייך.

דניאל עפּשטיין האָט געהאַלטן וואָרט. אַלע כּיבודים זענען ר׳ לוין אָפּגעגעבן געוואָרן. אין אַ העפלעכן בריוו האָט אים גאָלדפעדער געבעטן

קומען צו א דרינגנדיקער באראטונג און די ווירקונג פון דעם בריוו איז געווען אזעלכע, אז ר׳ לוי האט אוועקגעשטעלט ד״ר הערצם רעצעפטן, האט זיך אנגעטון דעם שווארצן ראק און צילינדער און מיט א יונג פנים איינגעשטיגן אין דעם איינגעשפאנטן פאיעטאן צו גאלדפעדערם פאלאץ.

ר׳ לוי איז געזעסן אויבן־אן, ביי דער רעכטער זייט פון גאלדפעדערן. מיט די אייגענע הענט האט גאלדפעדער צעריסן די געחתמעטע התחייבות און דאס צעריסענע פאפיר דערלאנגט ר׳ לוין מיט די ווערטער:

— אייער ווארט איז פאר אונדז געגנוג... איך האב ווישינסקין גלייך געזאגט...

דער נאטאר האט געווארט אין צווייטן צימער. מ׳האט אונטערגעשריבן גאנצע פעק פאפירן, מ׳האט זיך געווונטשן מזל־טוב, ר׳ לוי האט אפילו געדריקט עפשטיינס האנט, און ער איז אהיימגעקומען א צופרידענער און אויפגעפרישטער.

ר׳ בונם קאסיר און ר׳ הענעך בוכהאלטער האבן קוקנדיק צום קאנטארל שטיל געשמועסט צווישן זיך.

— ווער האט זיך געריכט — האט ר׳ בונם געשמייכלט — אז אן אשה זאל באווייזן אזעלכעס...

— ניסים — האט ר׳ הענעך געזאגט — ס׳איז א נס מן השמים, וואס משהלע ברוידע מיט זיין קאמפאניע וועלן נישט האבן מער, וואס צו זאגן...

## קאפיטל 17

# די וועלט גייט אונטער

די כראניק פון דער ווארשעווער פרעסע האט אין בעסטן מיט פון „אונגערקעס־סעזאן" ווי פון הימל אראפ באקומען א מתנה. א סענסאציאנעלע גניבה פון בריליאנטן ביי דער טאכטער פון איינעם פון די אנגעזעענסטע ווארשעווער סוחרים. דער נאמען פון סוחר איז אנגעגעבן געווארן, נאר מיט ראשי־תיבות, אבער דערפאר זענען בפרטות אויסגערע־

כנט געוואָרן די צוגעגנבעטע שטיינער: א קאַליע, אַ משפחה־אַנטיק, אוי־רינגלעך און פינגערלעך...

קורנאטאָווסקי, דער פּאָפּולערער שעף פון דער געהיים־פּאָליציי, האָט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי זיך צו מאַכן רעקלאַמע. די צייטונגען האָבן אויספירלעך דערציילט, אַז קורנאטאָווסקי איז שוין געפאַלן אויף די שפּורן. די דינסט איז אַרעסטירט, מ'האָט ביי איר געפונען געגנבעטע זאַכן... זי לייקנט, פאַרשטייט זיך, און טענהט, אַז דער באַלעבאָס האָט איר גע־שענקט... באַקאַנטע תירוצים אויפן ראָמאַנטישן באָדן... קורנאטאָווסקי קען זיך אָבער אויף די גנבישע שטיק און אַ ליאַדע מינוט וועט ער אַנט־דעקן אירע שותפים און געפינען די גניבה...

ר' לוים דריי אויסגעגעבענע חסידישע זין זיצן אין דער עס־שטוב און טרינקען שווייגנדיק טיי. ר' לוי דרייט זיך אַרויף און אַראָפּ איבערן צימער. דבורהלע זיצט נעבן סאַמאָוואַר, אַ בלייכע און צעשראָקענע. אויפן טיש ליגט אַ צעקנייטשטע צייטונג. עס פאַלט נישט קיין וואָרט. וואָס דאַרף מען רעדן? מען ווערט דאָך בזוי ומבוזה פון דעם משהלע ברוידע. מילא, אַזוי לאַנג ווי ער האָט געצויגן געלט ביים טאַטן און פאַרטאַכלעוועט, האָט מען געמוזט שווייגן. אָבער איצט? גאַנץ וואַרשע לאַכט דאָך... ווו איז עס געהערט געוואָרן, אַז ר' לוים נאָמען זאָל מען אַרומשלעפּן אין די צייר־טונגען? פאַרמישט אין עפּעס אַ מעשה מיט גניבות און דינסט־מוידן?

ר' לוים חסידישע זין רעדן נישט. אַלס דרך ארץ פארן טאַטן ווען זיי אַ וואָרט נישט זאָגן, אָבער זייערע בליקן מאַכן שווערע פאָרוווּרפן דעם אייגענעם טאַטן. וואָס האָט ער אַזש פון קראָקע אַראָפּגעבערענגט אַזאַ סחורה?

ר' לוי רויכערט נערוועז זיין ציגאַר, ער קוקט אויף זיינע שווייגנ־דיקע זין און דערמאָנט זיך אָן די צרות, ווען דער פּריסטאַוו גאַלוכאָוו איז דאָ ביי דעם טיש געזעסן... ער האָט געשיקט נאָך משהלען. אַזוי ווייטער קאָן עס נישט זיין. עס מוז נעמען אַ סוף, אַ סוף...

ר' לוי ווייסט נישט, וואָס אייגנטלעך ער וויל מאַכן, אָבער ער ווייסט, אַז עס מוז נעמען אַ סוף...

משהלע קומט אַריין אין שטוב אַ צעשמייכלטער, אַ פריילעכער, ער

זויל אראָפּנעמען דעם הוט, אָבער ער דערזעט די חסידישע היטלען פון זיינע שוואָגערס. ער דערמאָנט זיך, אַז זיין שווער געהער צו די „שוואַר־צע" און ער בלייבט שטיין אין קאַפּעליוש.

ער צעזעצט זיך ברייט און באַקוועם און רעדט מיט אַ שמייכל:

— איך האָב נאָך היינט צו דערליידיקן אַ גאַנצע רייע ענינים, אָבער מ'האָט מיר איבערגעגעבן, אַז דער שווער דאַרף מיך דרינגענד...

— אַ יישר־כוח דיר, וואָס דו ביסט געקומען — ר' לוי פּילט, ווי דער ציגאַר אין האַנט ציטערט אים פאַר אויפרעגונג — אָבער עס וואָלט גלייכער געווען, איידער צו גיין אין פּאָליציי, פריער צו קומען צו מיר און פרעגן, צי איך דערלויב, אַז מ'גייט מיין נאָמען מאַכן צו בלאָטע!...

— איך האָב נישט געוווסט —שמייכלט משהלע ברוידע— אַז דער שווער זאָרגט אַזוי וועגן מיינע געשעפטן, אָבער איך דאַנק... איך דאַרף נישט קיינעמס עצות... איך אַליין ווייס, וואָס איך האָב צו טון. און דאָס, וואָס די צייטונגען שרייבן, איז גאָרנישט קיין אומגליק... אין ווין קומען פאָר אַזעלכע זאַכן אין די שענסטע הייזער און די צייטונגען שרייבן, און קיינער פילט זיך נישט באַליידיקט. איך פאַרשטיי באמת נישט דעם שווער...

— מחוצף! — קאָן ר' לוי קוים ארויסרעדן.

— נו, אויב מחוצף —הייבט משהלע העכער אויף זיין שטים— וואָלט איך געבעטן דעם שווער, אַז ער זאָל בעסער זאָרגן וועגן זיינע איי־גענע געשעפטן.

— מיינע געשעפטן? — גייט ר' לוי האַסטיק צו צו זיין איידעם, ווי ער וואָלט זיך וועלן אויף אים וואַרפן.

— יאָ, אייערע, שווער —משהלע ברוידעס אויגן טרעפן זיך צוזאַ־מען מיט די פיינטלעכע בליקן פון זיינע חסידישע שוואָגערס— געוויס אייערע. מיך האָט איר נישט געוואָלט הערן. דערפאַר, איז אייער טאַטנס משרת, עפּשטיין, געוואָרן אייער אמתדיקער באַלעבאָס, און ער צאָלט אייך פּענסיע, יאָ!...

— יונגאַטש!!... — כאַפּט ר' לוי זיך אָן אַ שטול און ער פילט, אַז עס פאַרפעלט אים אָטעם.

— צו זידלען זיך יונגאַטש איז נישט קיין גרויסע חכמה — שטעלט זיך משהלע ברוידע אויף— אָבער איר וועט דאָך נישט לייקענען, אַז עס

איז אַנדערש ווי איך זאָג... כע־כע־כע — די גאווה איז נאָר ביי אייך גע־בליבן, נישט מער... דאָס איבריקע איז דאָך איבערגעגאַנגען צו עפּשטיי־נען. ער איז דאָך דער יורש פון ר׳ לייזערן און ווי לאַנג ער וויל, צאָלט ער אייך פּענסיע און זעצט אייך אויבן־אָן!... כע־כע־כע... כראַביעס אין ספּאָדיקעס!...

משהלע ברוידע פאַרקלאַפּט הינטער זיך די טיר. ער איז פון זיך צופרידן. ער האָט דעם אַלטן שוין איינמאָל אָנגעלערנט, און די דריי בנים, די „גלאַמבעס״, זענען געבליבן זיצן מיט אָפענע מיילער. זאָלן זיי וויסן!... ער, משהלע ברוידע, וועט זיך פון זיי נישט לאָזן פירן. ער ווייסט אַליין וואָס צו טון.

און כדי צו ווייזן אַלעמען, אַז עס אַרט אים נישט, וועט ער היינט מיט לאַניאַן גיין צו עפּשטיינען. לאַניאַ וויל אפילו נישט, אָבער זי מוז. דווקא היינט מוז מען זיך ווייזן פאַר מענטשנס אויגן!... און צו עפּשטיינען איז גוט, אַז מ׳האַלט זיך נענטער... דורכאַוויס...

אין אַ געדונגענער קאַרעטע איז ער פאַרפאָרן פאַר עפּשטיינס הויז. ער איז לייכט אַרויסגעשפּרונגען אויפן טראָטואַר און געהאָלפן לאַניאַן אויסשטייגן. ער איז געווען פריילעך און אין אַ גוטער פאָרם. ער איז גע־ווען אין קרייז פון וואַרשעווער סוחרים און דערציילט פּיקאַנטע אַנעק־דאָטן. די גראָבע בייכער פון די וואַרשעווער סוחרים האָבן געטאַנצט פון לאַכן און געקלאַפּט ברוידען גוטברודעריש אויף דער קני.

אַ זילבערנע פרויען־שטימע רייסט איבער דאָס געלעכטער:

— הער ברוידע!...

ברוידע שפּרינגט ווילעריש אויף פון שטול, וואַרפט צו אַ שעל־מישן בליק צו די סוחרים:

— אַך, פּאַננאַ העלענאַ...

— אויף איין מינוט, הער ברוידע! — די שטים פון דער פּאַננאַ העלענאַ האָט עפּעס אַזאַ קלאַנג, אַז ברוידע ווערט בלייך און זיין בליק זוכט איבערן זאַל לאַניאַן.

ער גייט צוויי טריט הינטער דער פּאַננאַ העלענאַ און טרעפט זיך צוזאַמען מיט עפּשטיינען.

— הער עפשטיין —זאָגט די פאַננא העלענא— אפשר וועט איר אַזוי גוט זיין און מיט אונדז אריין אין אַ צווייטן צימער.

דניאל עפשטיין ווערט אויף אַ מאָמענט דערשטוינט. באַלד טרעפט זיך זיין בליק מיט די פאַרשנדיקע בליקן פון לאַניא, וואָס שטייט אין אַ ווינקל און שמועסט מיט בערטאַן.

— גוט — ענפט עפשטיין אויף אַ טיר פון אַ זייטיק צימער.

די פאַננא העלענא פאַרמאַכט די טיר, ענפט אויף איר קוישל און לייגט אַוועק אויפן טיש אַ קאַליע.

משהלע ברוידע ווערט בלייך און מאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט צוריקציען.

— שטיי! —העלענאַס שטים האָט עפּעס אַ מעטאַלענעם קלאַנג און זי ווענדט זיך צו עפשטיינען— דאָס האָב איך באַקומען אַ מתנה פון אַט דעם קאַוואַליער פאַר מיין טאַלאַנט און פאַר דער האָפענונג צו באַקומען נאָך עפּעס...

— אָבער... שטאַמלט עפשטיין.

— איין מאָמענט, ליבער פריינט —לייגט די פאַננא העלענא אריין איר האַנט אויף עפשטיינס אָרעם— צי האָט איר געלייענט אין דער צייטונג די געשיכטע וועגן אַ בריליאַנטן גניבה ביי דעם ה׳ ברוידע...

— כ׳ווייס... ציט עפשטיין מיט די אַקסלען.

— אָבער איך ווייס יאָ, פאַניע עפשטיין —רעדט שאַרף די פאַננא העלענא— אַט דער הער האָט באַגנבעט זיין פרוי, כדי צו געבן אַ מתנה דער פאַננא העלענא און כדי זיך רעכטצופאַרטיקן אין די אויגן פון דער פרוי, האָט ער געהייסן די פאָליציי אַרעסטירן זיין דינסט. ריכטיק ה׳ ברוידע?...

משהלע ברוידע ענטפערט נישט. ער שטייט אָנגעשפאַרט אָן דער וואַנט און קוקט אויף דער פאַננא העלענא ווי אויף אַ געשפענסט.

דער פאַננא העלענאַס אויגן גלאַנצן:

— איר ווייסט, פאַניע עפשטיין, איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין צנועה, אָבער גניבהשע מתנות נעם איך נישט, און אַן אָרימע דינסט וואַרפן אין תפיסה!... אַזאַ חזיר!... מעג איך אָנקלינגען צו וועמען?... — און מיט דער האַנט וויל זי אויפהייבן דאָס טעלעפאָן טרייבל.

— איין מאָמענט —נעמט איר עפּשטיין אַרויס דאָס טרייבל פון האַנט — איך וואָלט אייך נישט געשטערט, ווען עס זאָל זיך בלויז האַנדלען וועגן דעם הער... אָבער די מאַדאַם ברוידע...

— דעריבער דאַרף דאָס דינסט־מיידל...

— באַלד, פאַננאַ העלענאַ... די אַרעסטירטע וועט נאַטירלעך באַלד באַפרייט ווערן. דער הער וועט דאָ אויפן אָרט אָנשרייבן, אַז ער ציט צוריק די באַשולדיקונג... די בריליאַנטן האָבן זיך געפונען...

עפּשטיין זוכט אין דער טאַש זיין פעדער. ער דערפילט אויף זיך עמעם אַ שווערן בליק.

— אך! —רופט ער אויס— מאַדאַם... — לאַניאַ וואַקלט זיך אויף די פיס און די פאַננאַ העלענאַ כאַפּט זי אַרום און פירט זי צו צו אַ שטול.

עפּשטיין דערלאַנגט ברוידען די פעדער און באַפעלט קורץ:

— שרייבט —ער דיקטירט און ברוידע שרייבט— און איצט וועט זיין בעסער, ווען איר וועט אויף אַ געוויסער צייט פאַרשווינדן פון וואַרשע. די פּאָליציי וועט זיין נייגעריק צו וויסן פאַרשידענע זאַכן.

ברוידע שטייט פאַר זיין פרוי אַביסל איבערגעבויגן, אָבער לאַניאַס אויגן קוקן אויף אים שטאַר און בלייך, ווי זיי וואָלטן אים נישט געזען.

עפּשטיין שטופּט ברוידען לייכט צו דער טיר:

— גייט... גייט...

---

ר׳ לוי גייט אויף די שפּיץ פינגער אין זיינע גרויסע פּוסטע צימערן. אַן אַלטער און איינגעבויגענער גייט ער פון דער קראַנקער דבורהלע צו דער קראַנקער לאַניאַ.

ר׳ העניעך גייט אים נאָך. ער וויל וויסן וואָס צו טון. די צייט איז אומרואיק. די שאָסן אין סאַראַיעוואָ האָבן אָפּגעהילכט אויך אויפן גזשיבאָוו. מ׳ווייסט נישט וואָס צו טון, טאָמער, חלילה, ברעכט אויס די מלחמה. ר׳ לוי שאָקלט מיטן קאָפּ, די ווערטער דערגייען נישט צו זיין באַוווסטזיין און ער האַלט ר׳ העניעכן אין איין ענטפערן:

— קלינגט צו עפּשטיינען... צו עפּשטיינען...

עפשטיין קלינגט עטלעכע מאָל אין טאָג. ער פרעגט זיך אויפן גע־זונטצושטאַנד פון די קראַנקע און גיט באַפעלן ר׳ העניכן, ווי ער וואָלט שוין טאקע געווען, ווי משהלע ברוידע האָט געזאָגט, דער אמתער באַלע־באָס אין דער גזשיבאָווער פירמע. אָבער ר׳ לוין ארט עס מער נישט. עס דאַכט זיך אים, אַז אַלץ גייט אונטער, אַז די וועלט צעפאַלט זיך, און ער שרעקט זיך נישט פאַר דעם אונטערגאַנג, האָט נישט קיין מורא, פאַר־קערט, ער בעט, אַז דער אונטערגאַנג זאָל וואָס שנעלער, וואָס גיכער קומען...

די שטאָט פיבערט, די פּאָליציאַנטן קלעפּן אויס גרויסע רויטע פּאַ־פּירן אויף די מויערן פון די הייזער. מאָביליזאַציע — איילן אין שרעק די מענטשן איבערן גזשיבאָוו — מלחמה!... ווי קליינע טייוולאָנים לויפן די צייטונגס־יינגלעך אַרום איבער די גאַסן און זינגען אויס מיט זייערע קווי־טשיקע קולות דאָס ליד פון טויט און אונטערגאַנג.

— מלחמה!!... מלחמה!!...

ר׳ לוי שטייט ביים פענסטער און קוקט מיט גלייכגילטיקע אויגן אויף דעם טויט־אַנגסטלעכן טומל פון גזשיבאָוו. אים שרעקט שוין גאָר־נישט. עס איז רעכט, וואָס די וועלט גייט אונטער. דאָס הויז אויפן גזשי־באָוו פאַלט איין, ווי קאָן די וועלט האָבן אַ קיום?...

---

ווענן אלע ענינים, וואָס האָבן א שייכות מיט דער ביכער־סעריע
„דאָס פוילישע יידנטום” זיך ווענדן:

**Unión Central Israelita Polaca en la Argentina**

Pueyrredón 667 Buenos Aires

דאָס בוך האָט זיך געענדיקט דרוקן דעם
8טן אפּריל 1947 אין דער דרוקעריי
„ה יי מ אַ ן" — פּאַסטעור 333
טעלעפאָן 7752־47. בוענאָס איירעס.

Este libro terminóse de imprimir
el día 8 de Abril de 1947 en los
Talleres Gráficos H E U M A N,
Pasteur 333. Tel. 47-7752 - Bs. Aires